STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00957

SHTURMISHE DOYRES

Zvi Cahn

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Drs. Charles & Elain Berger
in memory of
William Berger and Murray Sobol

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צבי כהן

שטורמישע דורות

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

באַנד 144

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

צ ב י כ ה ן

שטורמישע
דורות

(היסטאָרישער ראָמאַן)

באַנד II

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1959 — תשי״ט

אינהאַלט:

זייט

פערטער טייל:

משיח־איינריידעניש — — — — — — — — — — — 7

פינפטער טייל:

די נסיעה אין הייליקן לאַנד — — — — — — — — — 100

זעקסטער טייל:

דאָס פּאָרל: נחמן און נתן — — — — — — — — — 158

פערטער טייל

משיח־אײַנרײַדעניש

37

צומאָרגנס, נאָך די שבע ברכות, האָט שמעון געזאָגט אַלעמען, אַז ער מוז גלײַך אַהיימפֿאָרן, ווײַל ער איז זייער אומרואיק וועגן ר׳ נחמנען. ר׳ אפרים האָט אָבער געוואָלט בלײַבן כאָטש נאָך אַ וואָך, אויב נישט מער, און דערנאָך פֿאָרן אַהיים צוזאַמען מיט זײַן ניי ווײַב, פֿריידל. פֿריידל האָט אָבער געהאַט אַן אַנדער חשבון. זי האָט פֿריער געוואָלט מאַכן אַ וואָרט מיט גיטעלען און אָפּשטימען די חתונה. דערנאָך אײַנאָרדענען הערשלען, אַז ער זאָל האָבן וווּ צו זײַן ביז צו דער חתונה. גיטעלע האָט אויך געבעטן שמעונען, אַז ער זאָל זײַן דערבײַ, ווען עס וועט געמאַכט ווערן אַ וואָרט צווישן איר און הערשלען. שמעון איז דעריבער צוגעשטאַנען צו ר׳ אפרימען, אַז ער זאָל זען, אַז עס זאָל זײַן גלײַך הײַנט, דעם ערשטן טאָג נאָך די שבע ברכות, אַ וואָרט צווישן חתן און כלה, און דעמאָלט וועט ער קענען אַהיימפֿאָרן. ר׳ מרדכי האָט אָבער געבעטן שמעונען, אַז ער זאָל בעסער וואַרטן ביז ער וועט פֿאָרן, ווײַל ער וויל צוריקפֿירן ר׳ אפרימען מיט זײַן ווײַב, פֿריידל, און אויך גיטעלען אַהיים. אָבער אַזוי ווי דאָס וואָלט ערשט געקענט זײַן אין אַ וואָך אָדער צען טעג אַרום, האָט שמעון נישט געוואָלט אַזוי לאַנג וואַרטן.

שמעון האָט אַחוץ מיט אפרימען אויך גערעדט מיט דער רביצין, ווײַל ער האָט שוין געזען, אַז ווען זי נעמט זיך צו עפּעס, טוט זי עס באַלד און לייגט נישט אָפּ אויף שפּעטער. שמעון האָט איר געבעטן, אַז עס זאָל נאָך הײַנט זײַן אַ וואָרט, ווײַל ער איז זייער אומרואיק וועגן נחמנען. די רביצין האָט אים דערויף געענטפֿערט מיט אַ זיכערן טאָן:

— שמעון, זאָרגט זיך נישט. הײַנט בײַנאַכט וועט זײַן אַ וואָרט.

איך וועל צונויפרופן עטלעכע מענטשן פון אונדזערע אייגענע און מען וועט שרייבן תנאים.

און כך הוה. שמעון האָט גערעדט מיט איר אין דער פרי, אַרום עלף אַזייגער, און פיר אַזייגער פאַרנאַכט האָבן אַלע שוין געוווסט, אַז הערשל וועט היינט ביינאַכט ווערן אַ חתן. די רביצין האָט צונויפגעקלאַפט אַן עולם פון צוויי מנינים מענטשן, געהייסן דעם גבאי אויסשטעלן די טישן, אַזוי ווי צו די שבע ברכות און לאָזן אַלעמען וויסן, אַז עס וועט ווידער זיין שמחות ביי יידן. היינט וועט מען שרייבן תנאים צווישן הערשלען מיט גיטעלען. זי האָט אויך געזאָגט מכוח דעם ר׳ נחומטשען און, ווי יע־דעס מאָל, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ און צוגעשטימט צו דעם, וואָס זי האָט אים געזאָגט.

דאָס שרייבן די תנאים איז אַריבער שטיל מיט אַ קליינער סעודה. איינער האָט אָנגעשריבן אויף אַ בויגן פּאַפּיר דעם באַקאַנטן נוסח פון די תנאים. ווען עס איז געקומען צו דער שטעלע, וווּ מען שרייבט אַריין דעם נדן, וואָס די כלה גיט דעם חתן, האָט דער גבאי זיך אומגעקוקט צו וויסן וואָס צו שרייבן, אָבער דאָ האָט זיך ר׳ מרדכי אונטערגעאיילט און גע־זאָגט „חמש מאות זוז״, פינף הונדערט גילדן. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט און נאָך מער פון אַלעמען הערשל און גיטעלע. גיטעלע איז איבערהויפּט געוווען אַזוי גערירט דערפון, אַז זי איז צוגעגאַנגען צו ר׳ מרדכין און אים געדאַנקט, און ר׳ מרדכי האָט אָנגענומען איר האַנט און זי געהאַלטן אַביסל אין זיינער.

— פאַר אייך, גיטעלע, וועל איך טאָן אַלץ אין דער וועלט. עס איז מ׳יר גאָרנישט צו טייער.

— פאַרוואָס עפּעס אַזוי פלוצים? — האָט זי אים געפרעגט אין דער שטיל פאַרווונדערט.

— ווייל איך האָב ערשט דאָ אויסגעפונען, וואָס פאַר אַן אוצר איר זענט. כ׳וויל אייך זאָגן דעם אמת, ווען איך זאָל געווען וויסן פריער וועגן אייך, וואָלטן אפשר פיל זאַכן אַנדערש געוועזן... — און ער האָט דערביי פאַרדעכטיק געשמייכלט.

גיטעלע האָט זיך אָנגעשטויסן וואָס ער האָט אין זינען און איז גיך

אַוועק פון אים און זיך געזעצט נעבן דער רביצין און פריידלען, וועלכע האָבן געשמועסט צווישן זיך.

באַלד איז צוגעגאַנגען דער גבאי צו הערשלען און אים געגעבן אָנ־צורירן זיין רויט טיכל, וואָס ער האָט געטראָגן ביי זיך, אַלס אַ סימן, אַז ער איז „מקבל קנין״. דאָס זעלבע האָט ער אויך געטאָן מיט גיטעלען. דערנאָך האָט די רביצין צעבראָכן אַ טעלער און אויסגעשריגן:

— מזל טוב! מזל טוב!

— מזל טוב! מזל טוב! — האָבן אַלע אָפּגעענטפערט הויך — זאָל זיין מיט מזל און אין אַ גוטער שעה!

ביי פריידלען האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן און איר האַרץ איז געווען פאַרקלעמט, וואָס איר מאַן האָט נישט זוכה געווען צו זען, ווי זייער איינציקער זון ווערט אַ חתן. אויף איר קוקנדיק האָט זיך אויך באַ־וויזן אַ טרער ביי הערשלען אין די אויגן. דאַקעגן איז איצט באַלד צוגע־לאָפן שמעון צו גיטעלען און זיך מיט איר צעקושט און איר געזאָגט, אַז ערשט איצט קריגט זי דעם אמתן זיווג.

— ווער ווייס? — האָט פון דער זייט ר׳ מרדכי אַריינגעוואָרפן אין דער שטיל אַ וואָרט.

שמעון האָט עס געהערט און עס איז אים נישט געפעלן געוואָרן. אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט.

צומאָרגנס אין דער פרי האָט שמעון זיך געזעגנט מיט גיטעלען, וועל־כע האָט אים געזאָגט, אַז זי פאָרט דערווייל צוריק קיין קרעמעניץ. זי וועט אָבער פריער זיין אין באַר ביי די עלטערן, ווו זי האָט געלאָזן איר קינד און וועט אַוודאי דאָרטן זיין אַ וואָך אָדער צוויי. שמעון האָט זיך אויך האַרציק געזעגנט מיט ר׳ נחומטשען, מיט דער רביצין, מיט פרייד־לען און מיט הערשלען, מיט וועלכן ער האָט אָפּגערעדט זיך אָפּט דורכ־צושרייבן. ער האָט דערנאָך זיך געזעגנט, אומווילק, מיט ר׳ מרדכין און איז אַוועק אין זיין אכסניה, צו נעמען זיינע זאַכן און אַוועקצוגיין צו די פורן אויפן מאַרק.

שמעון האָט געהאַט דאַסמאָל זייער אַ שווערע נסיעה, ווייל ער האָט פיל מאָל נישט געקענט קריגן קיין פור און פיל שטרעקעס איז ער גע־

גאַנגען צופוס. אָבער ער האָט זיך ווי עס איז דערשלעפּט אַהיים, אַ מיד־דער און אַ הונגעריקער, ווייל נישט אומעטום איז געווען אַ יידישע קרע־טשמע און ביי אַ גוי האָט ער אַפילו אַ גלאָז טיי און אַ טרוקן שטיקל ברויט נישט געוואָלט טועם זיין. ער האָט בכלל נישט געוואָלט אַריינגיין אין אַ גוייש הויז.

שמעון האָט געטראָפן ר׳ נחמנען אין אַ זייער דערדריקטן מצב. שאָשע האָט אים פאַרטרויט נאָך איידער ער איז אַריינגעגאַנגען צו אים, אַז זינט ער איז אַהיימגעקומען פון דער רייזע איז ער גאָר אַן אַנדער מענטש. ער זעט אויס שלעכט און איז זייער שטורמיש... ער רעדט נישט צו איר, ער איז אויך בייז אויף די קינדער און אײנמאָל אין דער פרי האָט ער געשפּיגן מיט בלוט. דער רופא איז באַלד געקומען און האָט אים געהייסן ליגן אין בעט, אָבער ער האָט אים נישט געפאָלגט. דער רופא האָט אים געזאָגט, אַז ער מוז מער עסן און טרינקען, כדי ער זאָל קריגן מער בלוט פאַר דעם, וואָס ער האָט פאַרלוירן. אָבער ער פאָלגט אים נישט... ער עסט נישט, טרינקט נישט און שלאָפט נישט. ער גייט אַרום גאַנצענע נעכט הין און צוריק אין זיין חדרל און ברומט ווי אַ לייב אָדער האַקט מיט דער פויסט אין טיש אַריין. ער לאָזט אויך קיינעם נישט צו צו זיך. ער האָט שוין נישט אויפגענומען קיינעם זינט ער איז אַוועקגעפאָרן און גראָד זענען דאָ אַזויפיל פון זיינע חסידים, וואָס האַלטן פון אים אַ וועלט און ווילן אים זען; אַ טייל וועגן אייגענע ענינים, אַנדערע ווידער וועגן עפּעס אַנדערש, אָבער ער וויל קיינעם נישט צולאָזן צו זיך און ער שרייט כסדר...

שמעון איז דעריבער פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען צו ר׳ נחמנס טיר און אָנגעקלאַפּט. באַלד האָט ער געהערט ר׳ נחמנס קול פון אינעווייניק אַרויס:

— איך בין נישט קיין רבי. גייט פון דאַנען! עס זענען דאָ אַ סך רביים! גייט צו זיי! פאָרט צו זיי! זיי ווייסן בעסער פאַר מיר! זיי זענען די גרויסע צדיקים! די צדיקים גמורים! זיי פירן די גרענדע! גייט צו זיי! לאָזט מיך צורו!

שאָשע האָט זיך צעוויינט און געפרעגט ביי שמעונען:

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן? וואָס איז מיט אים געשען?

שמעון האָט פאַרשטאַנען וואָס עס איז. ער האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז די גרויסע באַליידיקונג, וואָס ער האָט געהאַט אין מאָהילעוו פון די רביים, ווען מען האָט אים נישט געוואָלט צולאָזן צו דער אסיפה. און ער האָט געטראַכט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צוריידן מיט ר׳ נחמנען און אים אַרויסנעמען פון זיין צער, פון זיין עצבות. אָבער ער האָט נישט געפונען קיין שום וועג. לסוף האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך אַריינצוגרייסן זיך צו ר׳ נחמנען אין זיין חדרל. און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. אָבער ווי נאָר ר׳ נחמן האָט אים דערזען, האָט ער גענומען שרייען צו אים:

— גיי! גיי פון דאַנען, איך וויל דיך אויך נישט זען מער, דו ביסט נישט בעסער ווי אַלע.

שמעון האָט אָבער געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ער זאָל צונעמען אַלע באַליידיקונגען פון ר׳ נחמנען און בשום אופן נישט אַרויסגיין. זאָל ער אַפילו אים זאָגן וואָס ער וויל.

ר׳ נחמן איז געוואָרן בייז און געשריען אויפן קול:

— כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז כ׳וויל דיך אויך נישט זען. פאַרוואָס גייסטו נישט אַוועק פון דאַנען?

— ר׳ נחמן, — האָט שמעון אים געבעטן מיט טרערן אין די אויגן — איז דאָס דער וועג, ווי איר האַנדלט מיט אַ פריינט פון די סאַמע יינגסטע יאָרן? פאַרוואָס זאָל איך ליידן פאַר דאָס שלעכטס, וואָס אַנדערע האָבן אייך געטאָן? איר לערנט דאָך אונדז גאָר עפּעס אַנדערש! טאָ וואָס איז ריכטיק?

ר׳ נחמן איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב און אָנגעקוקט שמעונען.

— מענטשן פרייען זיך אויף יענעמס מפּלה און מען קען נישט וויסן ווער עס איז אַנדערש. אפשר האָבן אין האַרצן אַלע אַ הנאה פון יענעמס ליידן.

— פאַרוואָס זאָלט איר, ר׳ נחמן, זיין אַ „חושד בכשרים״? פאַרוואָס זאָלט איר חושד זיין די, וואָס זענען באמת אייערע פריינט? זענען טאַקע שוין גאָר נישטאָ קיין ערנטלעכע מענטשן אויף דער וועלט?

ר׳ נחמן האָט זיך אַביסל באַרואיקט און נאָכטראַכטנדיק אים גע־פרעגט:

— טאָ נאָך וואָס ביסטו אייגנטלעך געקומען? וואָס ווילסטו? ביסט דאָך אַוודאי נאָך עטוואָס געקומען, טאָ וואָס איז עס?

שמעון האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט צו אים רואיק:

— צום ערשטן בין איך געקומען כדי אייך צו זאָגן, אַז איר האָט נישט געדאַרפט אַזוי גיך אַנטלויפן, ווייל דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען האָט אַלעמען פאַרדראָסן. אַ סימן האָט איר, אַז עס איז צוליב דעם שוין מער קיין אַסיפה נישט געווען. ר׳ נחומטשע האָט עס מער נישט געוואָלט. ער האָט אויך געגעבן אָנצוהערן, אַז ער האָט פאַרדרוס אויף ר׳ ליב שרהס פאַר דעם, וואָס ער האָט געטאָן און ר׳ ליב שרהס האָט געהאַט חרטה און איז באַלד צומאָרגנס אַהיימגעפאָרן.

— דאָס איז אַלץ, וואָס דו ווילסט מיר זאָגן? נו, גוט, אָבער וואָס איז עס מיר פאַר אַ נפקא מינה? זאָלן זיי זיין רביים און צדיקים, איך בין אויס רבי... איך וועל ווערן אַ בעטלער, אַ בעל־מלאכה, אַ באַהעלפער אין אַ חדר, אַלץ אין דער וועלט, אָבער נישט קיין רבי... אויס רבי!... דעם בעל־שם־טובס תלמידים און תלמידים פון תלמידים וועלן זיין רביים; נאָר איך, דעם בעל־שם־טובס אַן אייניקל, נישט. נו, גוט, זאָל זיין אַזוי!

שמעון האָט אים נישט געוואָלט איבערשפּאַרן, נאָר בלויז געזאָגט צו אים:

— אָבער אַ טובה אַ יידן מוז מען טאָן? העלפן אַ יידן, אַז מען קען, דאַרף מען? זאָגן אַ גוט וואָרט צו מענטשן, וואָס ליידן, איז אַ מצווה. נו, זענען דאָ אין דרויסן יידן, וואָס זענען אייערע פריינט, אייע־רע חסידים, אַזעלכע, וואָס וועלן צו קיין אַנדערן נישט גיין, און זיי ליידן. זיי וואַרטן שוין דאָ טעג און וואַכן אַפילו צו הערן פון אייך אַ גוט וואָרט. קענט איר זיי דאָס זשאַלעווען? איז נישט קיין רבי, אָבער העלפן אַ יידן מעג דאָך יעדער איינער. זאָלן זיי אַריינקומען און דערציילן אייך זייערע צרות...

— איך וויל קיינעם נישט זען! איך דאַרף קיינעם נישט! — האָט ר׳ נחמן זיך צעשריגן.

— אַז מען איז אין צער, דאַרף מען קענען פילן נישט נאָר דעם אייגענעם צער, נאָר אויך יענעמס. וואָרום וואָס איז די חכמה צו פילן בלויז אייגענע יסורים!... ווען מען פילט־מיט מיט יענעם, ווען מען הערט זיך צו צו אַן אַנדערן, וואָס ליידט אויך, ווערט מען אַמאָל געוואָר, אַז מען ליידט נישט אַליין. אַמאָל דערוויסט מען זיך, אַז אַנדערע ליידן נאָך מער און אַמאָל ווען מען קען העלפן עמיצן און פאַרלינדערן זיין צער, איז דאָס אויך אַ טרייסט. אַמאָל ווידער קען אַן אַנדערער פאַרלינדערן דיין צער.

— האַ, וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט ר׳ נחמן אים אָנגעקוקט, — דו רעדסט דאָך שוין באַלד ווי אַ רבי.

— איך זאָג נאָר די ווערטער, וואָס אַ גרויסער רבי האָט מיר אַמאָל געזאָגט.

— אַ גרויסער רבי? וועלכער רבי? — האָט ר׳ נחמן אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט — צו וועלכן רבי נאָך פאָרסטו, שמעון?

— צו אָט דעם רבי, צום רבי ר׳ נחמן! — האָט שמעון אויסגעשריגן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן — אָט דאָס זענען דאָך אייערע ווערטער, וואָס איר האָט געהאַט געזאָגט ביים טיש, איידער איר זענט געפאָרן צו דער חתונה.

ביי ר׳ נחמנען האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויף די ליפּן און ער האָט געזאָגט צו שמעונען:

— נו, לאָז אַריין די מענטשן, אָבער איינציקווייז, און דו זיי דאָ אַ גאַנצן טאָג. איך וועל אפשר שפּעטער אין אָוונט וועלן ריידן מיט דיר, איך האָב אַ סך מיט דיר צו ריידן.

— איך אויך — האָט שמעון געזאָגט — אָבער קודם־כל — די מענטשן. איך וועל זיין דאָ אַ גאַנצן טאָג און זען, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג.

שמעון האָט איצט אויסגעפרעגט די מענטשן, ווי לאַנג זיי זענען שוין דאָ און צוליב וואָס זיי ווילן זען דעם רבין. און ער האָט איינגעטיילט זיי אַזוי, אַז וועמען עס איז נייטיקער צו זען דעם רבין וואָס פריער, זאָל פריער אַריינגיין און ערשט דערנאָך די אַנדערע.

אין אָוונט, ווען ר׳ נחמן מיט שמעונען זענען געבליבן אַליין, האָט ר׳ נחמן זיך געווענדט צו שמעונען:

— איצט קען מען ריידן. הייב אָן, דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו האָסט צו ריידן אַ סך מיט מיר.

— יאָ, אָבער קודם־כל האָב איך געוואָלט ריידן וועגן גיטעלען. זי איז דאָך געקומען צו דער לעצטער שבע ברכות קיין מאָהילעוו.

— כ׳האָב געוווסט, אַז זי וועט קומען אַהין — האָט ר׳ נחמן געזאָגט.

— דער רבי האָט דערפון געוווסט? — האָט שמעון אויסגעשריגן פאַרוואונדערט.

— יאָ! — האָט ר׳ נחמן אים געענטפערט — איך האָב געוווסט.

— כדי צו שרייבן תנאים מיט הערשלען — האָט שמעון אַ זאָג געטאָן.

אויף ר׳ נחמנס פנים האָבן זיך איצט געביטן די פאַרבן, פריער אויף צונטער רויט און דערנאָך איז עס געוואָרן ווייס ווי שניי.

— דאָס איז געווען דיין שטיקל אַרבעט, שמעון.

— יאָ, — האָט שמעון געזאָגט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און עס האָט אים שוין פאַרדראָסן אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער האָט גאָר גערעדט דערפון.

— פאַרוואָס האָסטו עס געטאָן? — האָט ר׳ נחמן אים געפרעגט מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס.

— ווייל אויב נישט, וואָס וואָלט פון גיטעלען געוואָרן? כ׳האָב זי געמוזט ראַטעווען פון די פראַנקיסטן.

— און עס איז געווען אַ תנאים? — האָט ר׳ נחמן ווידער געפרעגט שמעונען און זיינע ליפּן האָבן געציטערט.

— יאָ, — האָט שמעון אים געענטפערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— דו האָסט געדאַרפט מיך פריער פרעגן! — האָבן ביי ר׳ נחמנען זיך געטרייסלט די הענט פון כעס. — כ׳האָב אָבער געוווסט, אַז דו ביסט נישט בעסער ווי אַלע. גיי געזונטערהייט! גיי!

שמעון האָט זיך געפילט איצט זייער פאַרשעמט און האָט פון אויפ־רעגונג נישט געקענט אַזוי גיך געפינען די טיר אויף אַרויסצוגיין.

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך שמעון נישט געוויזן פאַר ר׳ נחמנען, אָבער אין אָוונט איז ער אַריינגעגאַנגען צו שאָשען. ווי נאָר זי האָט אים דער־זען, האָט זי צו אים געזאָגט:

— גייט אַריין צו אים, ער זוכט דאָך אייך אַרום.

— ר׳ נחמן?

— יאָ.

— ער האָט דאָך מיך נעכטן פשוט אַרויסגעטריבן פון זיין חדר.

— רעכנט זיך נישט דערמיט — האָט שאָשע עס פּרובירט צו פאַר־גלעטן — איר קענט דאָך אים! אַזוי איז ער!...

שמעון איז אַריינגעגאַנגען צו ר׳ נחמנען.

— ווו ביסטו געווען אַ גאַנצן טאָג? — איז ר׳ נחמן אים אַנטקעגנ־געגאַנגען — מען זעט דאָך דיך נישט אָן פאַר די אויגן?!

שמעון האָט גאָרנישט געענטפערט, בלויז געוואַרט, אַז ר׳ נחמן זאָל צו אים אָנהייבן ריידן.

— כ׳וויל מאַכן אַ נסיעה — האָט ר׳ נחמן אים געזאָגט — ווילסט פאָרן מיט מיר?

— יאָ, — האָט שמעון קורץ געענטפערט — אָבער וווהין?

— קיין קרעמעניץ, צו גיטעלען!... איך שטויס זיך אָן, אַז זי איז דאָרטן...

שמעון איז געבליבן שטיין, ווי ווען עמיצער וואָלט אים דערלאַנגט פּלוצים מיט אַ שטיק אייזן איבערן קאָפּ. ער האָט אָבער איינגעהאַלטן זיין פאַרוווּנדערונג און בלויז געפרעגט ר׳ נחמנען.

— צוליב וואָס?

— צוליב וואָס? ראשית, דאַרף איך בעטן ביי איר, אַז זי זאָל מיר מוחל זיין. מען האָט אָפּגעלאָזט מיט איר דעם שידוך, דאַרף זי מיר דאָך מוחל זיין און אַפילו געבן אַ כתב, אַז זי האָט צו מיר גאָרנישט. שנית, שנית... איז ביי מיר דאָ נאָך אַ רעיון.

— וואָס פאַר אַ רעיון, רבי?

— אַ רעיון, אַז עס קען אפשר זיין איצט דאָס, וואָס האָט פריער נישט געקענט זיין. דיין טאַטע איז איצט שוין צוריק אַ פרומער ייד און ער וווינט אויך נישט מער אין מעזשיבוזש. גיטעלע, ווידער, איז פריי צו קענען חתונה האָבן מיט וועמען זי וויל. נו, פאַרוואָס זאָל איצט נישט אויסגעפירט ווערן דער אַלטער שידוך צווישן אונדזביידע?

— אָבער דער רבי האָט דאָך אַ ווייב מיט קינדער?

— אַ ווייב מיט קינדער? דאָס ווייב איז אַ בהמה און די קינדער וועלן זיך אויפציען, ווי אַלע קינדער. וואָס טוט מען, למשל, אַז אַ פאָטער שטאַרבט? נו, ציען זיך די קינדער נישט אויף?

— וועט דער רבי זיך גטן מיט שאָשען?

— יאָ, עס מיינט מאַכן צונישט דאָס, וואָס עס האָט באַלד נישט געדאַרפט צו זיין. די גמרא זאָגט, אַז ווען עמיצער גיט אַ גט זיין ערשטע ווייב, וויינט דער מזבח. נו, ביי מיר וועט דער מזבח נישט וויינען און אויב יאָ, זאָל ער בעסער וויינען איידער איך...

— דאַרף מען דאָך פרעגן גיטעלען, צי זי באַשטייט.

— אַוודאי! אָט טאַקע דערפאַר וויל איך פאָרן אַהין, צו איר. אויב זי וועט זאָגן יאָ, וועל איך ווערן אויס רבי, אָפּגטן שאָשען און חתונה האָבן מיט איר. ביסטו גרייט, שמעון, צו פאָרן מיט מיר?

— יאָ.

— ווען?

— ווען נאָר דער רבי וויל. אַפילו מאָרגן אין דער פרי, אם ירצה השם, באַלד נאָכן דאַווענען. אָבער ווי אַזוי פאָרט מען דאָרטן אַהין? מען לאָזט דאָך דאָרטן נישט אַריין קיין יידן.

— דו וועסט מוזן פאָרן, שמעון, פריער אין דאָרף וואָלאָכאָוויץ צו זען אהרנען און ער וועט דאַרפן מיט אונדז פאָרן. ער האָט דאָרטן אַ הויז.

— מסכים! — האָט שמעון געזאָגט זייער נישט גערן — איך וועל מאָרגן פרי דאַווענען בהשכמה און זיין גרייט.

שמעון איז איצט אַוועק פון ר' נחמנען מיט אַ שטורעם אין האַרצן. ער האָט געוווסט, אַז דאָס איז אַ פאַלשער געדאַנק און אַז ער איז געבוירן געוואָרן ביי ר' נחמנען צוליב דער שלעכטער לוינע, אין וועלכער ער גע־

פינט זיך לעצטנס, און אויך צוליב דעם, וואָס ער האָט געהערט, אַז גי־טעלע איז געוואָרן פאַרקנסט צו הערשלען. ער האָט אָבער נישט געקענט זאָגן ר׳ נחמנען, אַז ער וויל נישט פאָרן מיט אים. דעריבער האָט ער גע־דאַנקט גאָט, וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז גיטעלע איז איצט דאָרטן נישטאָ. ער האָט געוווּסט, אַז זי וועט בלייבן אין מאָהילעוו נאָך אַ וואָך אָדער אפשר גאָר צוויי און אַז דאָס פאָרן אַהיים וועט אויך גע־דויערן אַ וואָך. אַזוי אַרום איז בחינם דאָס פאָרן קיין קרעמעניץ צו איר. אָבער עס איז בעסער אַזוי... עס איז בעסער, אַז ער זאָל זי דאָרטן נישט טרעפן און אַפילו נישט וויסן ווו זי איז. ער האָט זיך דעריבער געגרייט צו פאָרן מיט ר׳ נחמנען מאָרגן, איידער זי קומט צוריק קיין קרעמעניץ.

צומאָרגנס, באַלד אין דער פרי, איז טאַקע ר׳ נחמן מיט שמעונען געפאָרן קיין וואָלאָכאָוויץ. ר׳ נחמן איז אַוועק אין וואַלד צו פראַווען יחידות און שמעון האָט זיך דערווייל געזעגן מיט אַהרנען און אים גע־בעטן, אַז ער זאָל פאָרן מיט זיי קיין קרעמעניץ, ווייל דער רבי וויל זען גיטעלען, כדי צו בעטן ביי איר מחילה. אין אָנהייב האָט אַהרן נישט גע־וואָלט גאָר הערן דערפון, אָבער שמעון האָט לסוף דאָך געפועלט ביי אים, אַז ער זאָל פאָרן מיט זיי, אָבער דערביי האָט מען געדאַרפט דעם רבין פאַרשטעלן פאַר אַ גרויסן סוחר און שמעונען פאַר אַ פורמאַן, פונקט אַזוי ווי ער איז עס געווען פריער. אָבער כדי נישט אַרויסצורופן קיין חשד ביי קיינעם, איז געבליבן אַז שמעון זאָל גיין שלאָפן ערגעץ אויסערן שטאָט, און ר׳ נחמן, אַ פאַרקליידעטער פאַר אַ גרויסן סוחר, זאָל נעכטיקן אין שטאָט און אַז אויך אהרן זאָל נעכטיקן אין קרעמעניץ. און זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

נאָכדעם ווי זיי זענען געקומען קיין קרעמעניץ, איז שמעון צוזאַמען מיט ר׳ נחמנען אַרומגעגאַנגען זוכן גיטעלען און זי נישט געפונען. ר׳ נחמן איז געגאַנגען דערנאָך נאָכאַמאָל אַליין ממש פון שטוב צו שטוב און זיך געפרעגט אויף איר... ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי אַלע שכנים, אָבער אַלע האָבן אים געזאָגט, אַז זי איז נישטאָ; זי איז אַוועקגעפאָרן און מען ווייסט נישט וווהין און מ׳ווייס אויך נישט ווען זי וועט קומען צו־ריק און אַפילו צי זי וועט בכלל צוריקקומען. ר׳ נחמן איז געוואָרן בייז

און געזאָגט שמעונען, אַז ער וויל שוין צוריקפאָרן. שמעון האָט עס געזאָגט אהרנען און זיי זענען אַריין אין דער בריטשקע און געפאָרן אַהיים.

אויפן וועג אַהיים איז ר׳ נחמן געווען אין זייער אַ שלעכטער לוינע. אָבער ער האָט פאַרטרויעט שמעונען אַז ער טראַכט פון אַ צווייטער נסיעה, אין אַ ווייט לאַנד, און אַז דאָס איז ארץ־ישראל... ער מוז פאָרן קיין ארץ־ישראל, ווייל דאָרטן וועט די קדושה פון לאַנד אים דערהייבן... אַחוץ דעם איז ער זיכער, אַז די גרויסע רביים פון ישוב וועלן אים אָנערקענען פאַר אַ רבי, און ווען ער וועט קומען צוריק, וועט ער שוין זיין אַ רבי, וואָס איז אָנערקענט פון ארץ־ישראל, להכעיס די שונאים. און דעמאָלט וועט מען זיך מיט אים שוין נישט קענען וואָרפן און קיינער וועט שוין נישט האָבן די העזה צו זאָגן, אַז מען זאָל אים צו אַן אַסיפה פון רביים נישט צולאָזן. פאַרקערט, ע ר וועט רופן די אַסיפה און ע ר וועט זיין דער ראש וראשון... ער וועט רופן וועמען ער וועט וועלן און ער וועט די, וואָס האָבן אים ווײ־געטאָן, נישט פאַרבעטן... און ר׳ נחמן האָט אויסגעפירט:

— וואָס זאָגסטו, שמעון, דערצו? ווי מיינסטו וועגן אַזאַ נסיעה?

— עס איז אַ גרויסער אויפטו — האָט אים שמעון געענטפערט — אָבער די וועגן זענען איצט בחזקת סכנה. נאַפּאָלעאָן פירט דאָך איצט מלחמה מיט פיל לענדער און ארץ־ישראל איז אין סאַמע מיטן.

— מיר האָבן נישט מורא פאַר קיין שום סכנות! מיר וועלן אַלץ איבערקומען. דער עיקר איז, ווילסטו פאָרן מיט מיר אויף דער נסיעה?

— איך וועל פאָרן מיטן רבין אומעטום, אַפילו אין עק וועלט — האָט שמעון אים געענטפערט.

— אָט דאָס האָב איך געוואָלט הערן פון דיר — האָט ר׳ נחמן אים געזאָגט קורץ און מער דערפון נישט גערעדט.

יענעם ווינטער האָט ר׳ נחמן נישט־ווו, נישט־ווען גערעדט מיט שמעונען וועגן דער נסיעה און אַלעמאָל אים געפרעגט, צי ער האָט נישט חרטה וועגן דעם וואָס ער האָט אים געזאָגט צו פאָרן מיט אים. שמעון האָט אים אַלעמאָל פאַרזיכערט, אַז ער וועט נישט טאָן אַנדערש. אַזוי איז

עס געווען אַרום חנוכה־צייט, אַזוי אויך שפּעטער אין חמשה־עשר בשבט און אַזוי אויך אַרום פּורים־צייט.

אָבער אַ פּאָר טעג פאַר פּסח, תקנ״ח, האָט ר׳ נחמן געזאָגט צו שמעונען: — „גאָר אין גיכן וועל איך זיין אין הייליקן לאַנד״.

— ווען גאָר אין גיכן? — האָט שמעון אים איבערגעפרעגט.

— באַלד נאָך פּסח, אם ירצה השם, נעם איך זיך גרייטן צו דער נסיעה. עס וועט נישט געדויערן לאַנג און מיר וועלן פאָרן. גרייט זיך, שמעון, צו. דעריבער פאָר נישט אַוועק פון דאַנען די גאַנצע צייט, ווייל איך וועל דיך איצט דאַרפן, כמעט יעדן טאָג.

38

דער דראַנג צו פאָרן קיין ארץ־ישראל איז ביי ר׳ נחמנען איצט געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און אַפילו פון שעה צו שעה. ער האָט איינגעזען, אַז ער מוז מאַכן די נסיעה, ווייל דאָס איז די איינציקע ישועה, וואָס עס איז דאָ פאַר אים און נישט נאָר פאַר אים אַליין, נאָר אויך פאַרן גאַנצן ענין פון חסידות און פאַרן גאַנצן דור. עס איז אים ביסלעכווייז קלאָר געוואָרן, אַז ער וועט האָבן פיל עיכובים און מניעות פאַר אַזאַ נסיעה, ווי למשל, דער עיכוב מצד זיינע בני־בית; דער עיכוב דערפון, וואָס ער האָט נישט קיין געלט פאַר אַזאַ נסיעה, און טאַקע די נסיעה גופא אין אַזאַ שווערער צייט, ווען דער פראַנצויז פירט מלחמה מיטן טערק, און אַלע וועגן קיין ישראל זענען בחזקת סכנה. אָבער ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ער זאָל אויף גאָרנישט קוקן און פאַר קיין זאַך זיך נישט אָפּשטעלן. עס מעג דונערן און בליצן — מוז ער פאָרן, ווייל אויב נישט, האָט ער, ממש נישט נאָך וואָס צו לעבן... עס איז פאַר ר׳ נחמנען געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז נאָך אַזאַ נסיעה אין הייליקן לאַנד, וועלן אַלע רביים און צדיקים פון זיין דור מוזן אָנקומען צו אים... ער וועט ווערן דער ראש און מנהיג, וואָרום פאַרוואָס נישט? איז ער דען נישט אַזאַ גדול בתורה ווי זיי? און דאָס זעלבע אויך וועגן חכמה און יראת שמים... און זעט ער דען נישט זאַכן פון ווי ווייט און ווייס זאַכן פריער אויס... ועל

כולם, זכות אבות... דאָס, וואָס ער שטאַמט פון בעש״ט הקדוש. אים קומט צו זיין דער ראש פון אַלע!... ער דאַרף אַפילו נישט פאָרן אויף אַ לאַנגע צייט קיין ארץ־ישראל. עס איז גענוג, אַז ער זאָל באַטרעטן בלויז די ארץ־ישראלדיקע ערד; צו זיין אויף די הייליקע קברים און זען זיך מיט די גדולים, וואָס לעבן איצט דאָרטן... זיי וועלן אים זיכער אויפנעמען מיט גרויס כבוד און דאָס וועט שוין זיין גענוג... אויב די רביים און צדיקים פון דאָרטן וועלן אים אויפנעמען ווי אַן אייגענעם, וועט דאָס אַליין שוין זיין אַן אָנזאָג פאַר אַלע צדיקים אין דער גאַנצער וועלט, אַז זיי זאָלן בייטן זייער באַציאונג צו אים... ער איז זיכער, אַז ווען ער וועט קומען צוריק, אם ירצה השם, שפּעטער אין זיין שטעטל מעדוועדעווקע, וועט ער שוין מער פון די רביים און צדיקים פון היינטיקן דור קיין אומכּבוד נישט האָבן. פאַרקערט, זיי וועלן זיך בעטן ביי אים און אַפילו אויף אַ גרויסן אופן... און אפשר וועט ער זיך שפּעטער נישט אומקערן מער קיין מעד־וועדעווקע און באַזעצן זיך אין אַן אַנדער אָרט...

אָבער עס איז געווען נאָך עפּעס, וואָס האָט געטריבן ר׳ נחמנען צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. און דאָס איז אַ זאַך, וואָס ר׳ נחמן האָט עס אַפילו איבערן מויל נישט געוואָלט ברענגען, אָבער ער האָט גוט געוווּסט ביי זיך אין האַרצן אַז ער האָט אַ שטאַרקן געברויך דעריין, און ווי נאָך עס געוווּסט! און דאָס איז געווען דאָס, וואָס די אַנדערע צוויי נשמות אין אים האָבן געוואָלט קומען צום אויסדרוק... איבערהויפּט דער שטיפער אין אים, וואָס ביידע, סיי ר׳ אפרים און סיי שמעון, האָבן געהיטן, אַז עס זאָל נישט אַרויס אויף דער פריי. עס האָט פּאַסירט: ווען ער האָט גע־וואָלט פילאָזאָפירן, למשל; ווען ער איז געוואָרן פול מיט קשיות אויף דער בריאה און אויף די וועגן פון גאָט און מענטש, האָט עס קיינער נישט געוווּסט, נאָר ער אַליין. ער האָט זיך דעמאָלט מתיחד געווען אין זיין חדר און געטראַכט און איבערגעטראַכט און נאָכגעטראַכט וועגן אַלעם און ער האָט דאָס אַלץ פאַרשריבן אויף אַ בויגן פּאַפּיר, כאָטש אין אַ צייט שפּעטער, ווען דער רוח פון חקירה האָט אים אָפּגעלאָזן, האָט ער דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעשריבן, צעריסן און געוואָרפן פאַרן ווינט, אָדער עס גאָר פאַרברענט אַזוי, אַז עס זאָל דערפון נישט בלייבן קיין

זכר... אַזוי איז אויך געווען, ווען עס איז אים באַפֿאַלן דער רוח השירה און ער איז פֿול געוואָרן מיט געזאַנג צו השם יתברך אָדער צו דער וועלט. ער האָט דעמאָלט אויך געשריבן שירים נאָך שירים און אויסגעגאָסן זיינע פּאָעטישע געפֿילן אויפֿן פּאַפּיר. אָבער אויך דאָס האָט ער על־פּי־רוב צע־ריסן און נישט צוגעלאָזן דערצו קיין אַנדער אויג.

גאַנץ אַנדערש אָבער איז געווען, ווען די פֿערטע נשמה אין אים, די נשמה פֿון שטיפֿער, האָט געזוכט זיך אַרויסצווייזן. ער האָט דעמאָלט געוואָלט זיין קינדיש און שפּילן זיך ווי אַ יינגל, אָבער דאָס האָט ער נישט געקענט מער, ווייל די צוויי שומרים האָבן אים געהיטן, ווי מען היט אַ קליין קינד, און ווי נאָר זיי האָבן געזען ביי אים די קלענסטע סימנים פֿון שטיפֿעריי, האָבן זיי אים גלייך געזאָגט: „ר׳ נחמן, דאָס פּאַסט נישט פֿאַר אייך מער! איר זענט איצט שוין אַ רבי און אַלע קוקן אַרויף צו אייך! אויב איר וועט, חלילה, זיך נאַריש מאַכן, וועט איר דערמיט נאָר געבן אַ געלעגנהייט אַלע אייערע שונאים צו זאָגן: „זעט ווי ער פֿירט זיך אויף. ממש ווי אַ יינגל. ער איז נישט קיין רבי!״, דעריבער בייט זיך אין דער מדרגה. טוט עס נישט.״

דער אמת איז אַז ר׳ נחמן האָט אַפֿילו נישט געדאַרפֿט צווואַרטן ביז די צוויי שומרים זיינע וועלן אים דאָס זאָגן. ער האָט עס געוווסט אַליין, ער האָט עס זיך אַליין געזאָגט און אַזוי אַרום אונטערדריקט ביי זיך דעם חשק צו יינגלשקייט; יעדעס מאָל ווען אַזאַ באַגער האָט זיך געוועקט אין אים... ער אַליין איז געווען דער גרעסטער און שטאַרקסטער שומר איבער זיך אַליין... אָבער אונטערדריקן זיך אַליין שטענדיק, קען אַ מענטש נישט. אַמאָל מוז מען לאָזן אָט דאָס, וואָס מען אונטערדריקט, אַרויס אויף דער פֿריי כדי שפּעטער עס ווידער צו האַלטן פֿאַרמאַכט און ווי אויף אַ קייט. דאָס איז אָבער אין מעדוועדעווקע נישט מעגלעך געווען אַפֿילו אויף אַ שעה. דערפֿאַר טראַכט ער, אַז ווען ער וועט פֿאָרן קיין ארץ־ישראל, וועט ער אויף דער שיף, ווו מען קען אים נישט, קענען שפּילן פֿאַר אַ יינגל... אַ! ווי עס ווילט זיך אים אַזוי שטאַרק צו באַפֿרייען זיך פֿון די רבישע מלבושים און אַרומגיין באַרוועס, אָדער גאָר טאַנצן אין די גאַסן און שפּילן זיך מיט יינגלעך... אָדער אָנטאָן אַ מלבוש מיט דער פּאָדשעווקע

פון אויבן, דאָס היטל פאַרדרייט און אַרומלויפן און אַרויסשטעקן אַלע־מען אַ צונג... אוי, ווי גוט עס איז, ווען מען קען אַרויסשטעלן אויף אַלעם אַ צונג!... יאָ, אויף אַלע, אויף דער גאַנצער נאַרישער וועלט, וואָס איז גישט ווערט קיין שישקע פולווער... אָבער דאָס קען מען אַפילו נישט געבן קיינעם צו פאַרשטיין. אַרויסשטעקן אַ צונג אויף דער גאַנצער בריאה... חס ושלום נישט קעגן כביכול, נאָר קעגן דעם באַשאַף. עפּעס ווי צו זאָגן אַפילו צום רבונו של עולם: „אויב דו באַרימסט זיך אַזוי מיט דער וועלט, וואָס דו האָסט באַשאַפן, איז עס לאו דווקא... אַזוי ווי דו ביסט אַ כל יכול, האָסטו געקענט און אויך געמעגט שאַפן אַ בעסערע... וואָרום וואָס איז דאָס דען פאַר אַ וועלט? וואָס איז דאָס פאַר אַ יצירה?... די וועלט איז אַפילו נישט ווערט, אַז מען זאָל אויף איר אַרויסשטעקן אַ צונג...״ אָבער אָט די געדאַנקען האָט ר׳ נחמן צו קיינעם, אָבער טאַקע צו קיינעם נישט אַרויסגעזאָגט...

***

יענעם ערב פסח, ווען ר׳ נחמן האָט געזאָגט שמעונען, אַז ער וועט אינגיכן פאָרן קיין ארץ־ישׂראל און געהייסן אים זיין גרייט דערצו, איז שמעונען גאָרנישט געווען אַזוי גוט אויפן האַרצן. ער האָט באמת אויף פסח גאָר געוואָלט פאָרן אַהיים, צו זען זיך מיט ראָזען און מיט זיין קינד. און ראָזע האָט טאַקע געוואַרט אויף אים און טאַטע־מאַמע אויך. אָבער גראָד שוין נאָענט צו פסח, ווען ער האָט געהאַלטן דערביי צו פאָרן קיין באַר, האָט אים ר׳ נחמן געזאָגט, אַז ער זאָל נישט פאָרן, ווייל ער וועט אים דאַרפן יעדן טאָג און ער וויל דעריבער אַז פסח זאָל ער זיין ביי אים. דאָס האָט אים אינגאַנצן צעדרייט... שמעון האָט טאַקע באַלד אויסגעפּאַקט צוריק די זאַכן, וואָס ער האָט געהאַט שוין איינגעפּאַקט אין זיין קלימעקל און האָט געשריבן אַהיים, אַז ער קען נישט קומען אויף פסח. ער האָט געוווּסט אַז ראָזע וועט זיין בייז אויף אים, ווייל אַ גאַנצן ווינטער איז ער געווען אַוועק פון איר אין מעדוועדעווקע צוליב פּרנסה, אָבער אויף פסח האָט זי שוין אויסגעקוקט, אַז ער זאָל קומען אַהיים... ער האָט געוווּסט, אַז זי וועט טראַכטן, אַז דאָס איז שוין צופיל... און

אויב ער וויל נישט זען זי, איז כאָטש דאָס קינד, ווייל עס האָט דאָך איצט קיינעם נישט, אַחוץ אים...

אַחוץ דעם האָט זיך ביי שמעונען אין קאָפּ אָוועקגעלייגט אַ שטאַר־קע קשיא וועגן אַ פּאָר ווערטער, וואָס ראָזע האָט אים געהאַט געשריבן אַמאָל אין אַ בריוו און וויפל מאָל ער האָט שוין איר געשריבן און גע־בעטן אַז זי זאָל אים שרייבן גענויערס וועגן דעם, האָט זי אים דערויף נישט געענטפערט. עס זענען געווען בלויז צוויי שורות: „עס זענען איצט דאָ נייע צרות מיטן טאַטן. וואָס שלעפּן זיך נאָך פון קרעמעניץ און פון דער מויד״. אָט דאָס אַלץ. אָבער וואָס מיינט עס? פאַרוואָס שרייבט זי נישט וואָס עס איז?... בלויז אין לעצטן בריוו האָט זי געשריבן: „וועגן דיינע פראַגן מכוח דעם טאַטן, וועסטו אַלץ וויסן, ווען דו וועסט קומען אַהיים״. ער איז שוין דעריבער געווען נייגעריק צו פאָרן אַהיים און אויס־געפינען וואָס עס איז אַזוינס. אָבער איצט קען ער שוין ווידער נישט פאָרן און ווען ער וועט יאָ קענען ווייס ער נישט...

שמעון האָט אויך געהאַט אַ בריוו פון הערשלען, וואָס האָט אים פאַרשאַפט פיל עגמת נפש. דער בריוו איז טאַקע געווען פול מיט שבחים צו אים, און וועגן גיטעלען רעדט ער דאָרטן ממש מיט דער גרעסטער התלהבות און עס זעט אויס, אַז ער, הערשל, האָט זי באמת שטאַרק ליב געקראָגן און ער קוקט שוין אויס אויפן טאָג פון דער חתונה. וואָלט דאָס אַלץ געווען גוט און ווויל, אָבער אַ פּאָר שורות זענען אויך דאָ אין בריוו, וואָס האָבן אים פאַרשאַפט אַ דאגה אין האַרצן, דהיינו דאָס, וואָס ער זאָגט כלומרשט, בדרך אגב, אַז פון ר׳ מרדכין, זעט אויס, וועט ער זיך מוזן האַלטן פון דער ווייטנס; ער וויל אים טאַקע געבן אַ גוטע שטעלע ביי זיך אין קיעוו, אָבער ער פאַרעט זיך צופיל אַרום גיטעלען, זינט ער האָט זי געזען, און דאָס, האָט ער מורא, וועט נישט טויגן. ער האָט שוין גערעדט מיט גיטעלען וועגן דעם, אַז מען דאַרף זיך היטן פאַר מרדכין, ווייל ער איז פון די משכילים, אָבער גיטעלע האָט עס אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט...

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומרואיקייט ביי שמעונען אין האַרצן. עפּעס גייט קיין זאַך נישט גלאַטיק... עפּעס אומעטום פאַרטשע־

פעט זיך עפּעס... ער האָט שוין געמיינט, אַז וואָס שייך גיטעלען און הערשלען, וועט אַלץ גיין ווי געשמירט, און עס וואָלט טאַקע געקענט זיין אַזוי, ווייל הערשל האָלט פון איר אַ וועלט און זי פון אים אויך. נו, איז אַ נייע צרה — מרדכי... און ער, שמעון, ציטערט אין האַרצן, אַז מרדכי זאָל נישט ווערן עפּעס אַ מין שטערונג אין וועג, ווייל ער אַליין געדענקט אויך, אַז ווען מרדכי האָט דערזען גיטעלען, איז ער געוואָרן אַ פאַרצי־טערטער. ער איז ממש אַרויס פון די כלים און האָט גאָרנישט געוווסט וואָס איר צו זאָגן...

שמעון טראַכט איצט אויך פון דעם טומל, וואָס ר׳ נחמנס ווערטער, אַז ער האָט בדעה בקרוב פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָבן אַרויסגערופן ביי זיינע בני־בית... ער האָט שוין מורא געהאַט, אַז עס זאָל נישט זיין קיין צעשטערטער פּסח. ער האָט דעריבער געזאָגט שאַשען, ווען זי האָט אים געפרעגט, צי עס איז אמת, אַז איר מאַן ר׳ נחמן, גרייט זיך צו פאָרן באַלד נאָך פּסח קיין ארץ־ישראל און איבערלאָזן זי מיט די קינדער אויף הפקר, אַז עס איז נאָך דערווייל גאָרנישט. עס איז בלויז אַזאַ געדאַנק ביי אים און נישט מער. דערמיט האָט ער זי באַרואיקט, און עס איז גע־וואָרן שטיל אין הויז. אָבער שמעון האָט גוט געוווסט, אַז דאָס האָט ער איר נאָר געזאָגט לפנים ווענן, ווייל ר׳ נחמן האָט שוין געהאַט אָפּגע־מאַכט ביי זיך צו פאָרן טאַקע באַלד נאָך פּסח. אַי, ווי אַזוי וועט ער פאָרן? ער האָט דען געלט אויף דער הוצאה? און ווי אַזוי וועט ער טאַקע איבערלאָזן אויף הפקר זיין ווייב מיט פינף קליינע קינדער, דריי מיידלעך און צוויי יינגלעך? פון וואַנען וועט זי לעבן? און בכלל ווי אַזוי וועט ער אַליין, ר׳ נחמן, קענען פאָרן איצט, ווען עס פלאַקערט אַ מלחמה אין יענער טייל וועלט, וווּ עס געפינט זיך ארץ־ישראל, וואָס באַלאַנגט צום טערק? איצט, ווען עס קערן זיך דאָך וועלטן און די קאַנאָנען דונערן דאָרטן בייטאָג און ביינאַכט?... שמעון טראַכט אויך דערפון אַז ר׳ נחמן וויל, אַז ער, שמעון, זאָל מיט אים מיטפאָרן און ער האָט אים געזאָגט, אַז יאָ, ער וועט מיט אים פאָרן... אָבער ווי אַזוי וועט ער מיטפאָרן, אַז ער, ר׳ נחמן, האָט נישט קיין געלט פאַר זיך אַליין און ער, שמעון, האָט דאָך אוודאי קיין געלט נישט...

אַזוי איז אַריבער ביי שמעונען דער פסח אין טראַכטעניש אַן און אין ספקות. שמעון האָט שוין געוואָלט וויסן ווו ער האַלט אין דער וועלט... פונקט אַזוי האָט אויך שאָשע געוואָלט וויסן, וואָס איר מאַן, ר׳ נחמן, טראַכט באמת. מיינט ער טאַקע אויף אַן אמת אַוועקצופאָרן און איבער־לאָזן זי אויף הפקר? זי האָט אָבער נישט געוואָלט אַריינגיין צו אים און פרעגן אים דאָס, ווייל זי האָט געוווסט, אַז צו איר האָט ער קיינמאָל קיין גוט האַרץ נישט געהאַט. האָט זי אַריינגעשיקט צו אים איר טאָכטער, האָדל, וועלכע ער האָט באַזונדערס ליב, אַז זי זאָל עס אים פרעגן. האָדל האָט באמת אויך נישט געוואָלט אַריינגיין צו אים, אָבער עס איז קיין אַנדער ברירה נישט געווען. האָט זי עס געטאָן... זי האָט געעפנט די טיר פון ר׳ נחמנס חדר פאַמעלעך און זיך ווי אַריינגעשלייכט אין זיין חדר, ווען ר׳ נחמן איז געזעסן פאַרטראַכט איבער אַ ספר.

— טאַטעו! — האָט האָדל שטיל אַ מורמל געטאָן.

— האַ? ווער איז עס? דו, דו האָדל? וואָס ווילסטו?

— טאַטע, כ׳וויל דיך עפּעס פרעגן.

— נו, פרעג, פרעג! וואָס שטייסטו אַזוי מיט אַ פאַרמאַכט מויל? וואָס ווילסטו פרעגן?

— דו גייסט פאָרן קיין ארץ־ישראל?

— יאָ, האָדל, איך מוז פאָרן... איך בין שוין באַלד מער דאָרטן ווי דאָ...

— אָבער די מאַמע וויל וויסן, ווו וועלן מיר בלייבן און ווער וועט אויף אונדז אַכטונג געבן? פון וואַנען וועלן מיר נעמען אויף צו לעבן?...

— איך וועל דיר זאָגן, האָדל, וואָס עס וועט זיין. דו ביסט דאָך שוין אַ כלה מיטן זון פון דעם גאון, ר׳ אברהם־דוד, דער כמעלניצקער רבי. וועסטו אַריבערפאָרן צו דיין מחותן און זיין ביי אים אין הויז. דיין שוועסטער, מרים, וועט ווערן אַ דינסט ביי עמיצן און אויף דער קליינער פייגע וועט עמיצער מוזן רחמנות האָבן און זי אַריינגעמען צו זיך אין הויז. און וואָס שייך דיין מאַמען, וועט זי זיין אַ קעכין. וואָס, עס פאַסט איר נישט? זי איז דאָך נישט מער ווי דאָס! און אַלץ וואָס עס איז דאָ אין שטוב, וועל איך פאַרקויפן, כדי צו האָבן אויף דער הוצאה.

האָדל האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און איז אַרויסגעלאָפן פון ר׳ נחמנס חדר צו דער מאַמען און איר דאָס געזאָגט, און זי מיט די אי־בעריקע קינדער האָבן זיך שטאַרק צעוויינט.

די געוויינען זענען אָנגעגאַנגען אַזוי פאַר דריי טעג און ווען שמעון און ר׳ אפרים האָבן זיך געוואָלט אַריינמישן, האָט זיי ר׳ נחמן אַפילו נישט געלאָזט ריידן צו אים. ער איז זיי פאַרלאָפן דעם וועג און געזאָגט צו זיי:

— אומזיסט אייער מי! עס וועט אַנדערש נישט זיין! דער גרעסטער טייל פון מיר איז שוין דאָרטן און דער קלענערער טייל מוז נאָכגיין דעם גרעסערן... איך וועל פאָרן, וואָס עס זאָל נישט זיין, מיט געלט אָדער אָן געלט. איך וועל זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּשטעלן... אויב עמיצער וויל אויף מיר רחמנות האָבן און מיר העלפן, זאָל ער מיר געבן צושטייער אויף די הוצאות. מער איז נישטאָ וואָס צו ריידן דערפון.

שמעון און ר׳ אפרים האָבן איצט געזען, אַז דאָס איז שוין ביי אים אַ באַשלאָסענע זאַך און זיי האָבן טאַקע נישט גערעדט מער וועגן דער נסיעה.

39

שמעון האָט שטאַרק געוואָלט וויסן פון ר׳ נחמנען ווען ער גרייט זיך אין וועג אַריין, כדי ער זאָל קענען אַהיימפאָרן כאָטש אויף אַ פּאָר טעג, צו זען זיך מיט אייגענע און אויך געוואָר ווערן וועגן פיל אַנדערע זאַכן. אָבער ער האָט מורא געהאַט צו פרעגן ר׳ נחמנען, ווייל ער איז כסדר אַרומגעגאַנגען אָנגעכמורעט. לסוף האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און דאָס געפרעגט זיין רבין. ר׳ נחמנס ענטפער איז נישט געווען צו פריינטלעך:

— ווען כ׳וועל האָבן געלט.

שמעון האָט ווידער, נישט דרייסט, געזאָגט צו ר׳ נחמנען:

— כ׳וויל פאָרן פריער אַהיים אויף עטלעכע טעג. אויפן וועג וועל איך אָנזאַמלען אַביסל געלט פאַר דער נסיעה, למשל, אין באַר און איז טולטשין. ווען זאָל איך פאָרן?

— פאַר ווען דו ווילסט — האָט ר׳ נחמן אים געענטפערט מיט אַ געבייזער — ווער לאָזט דיך דען נישט פאָרן? פאָר!

שמעון האָט גלייך איבערגערעדט וועגן דעם מיט ר׳ אפרימען. קודם־כל האָט ער געוואָלט ביי אים אַליין קריגן עפּעס געלט אויף דער נסיעה. אָבער ר׳ אפרים האָט זיך געקלאָגט, אַז ער איז איצט אַליין געדריקט, ווייל ער דאַרף האָבן אויף גרעסערע הוצאות ווי פריער, און קען גאָרנישט געבן. איבער די דערפער גיין קען ער שוין נישט, ווייל עס פּאַסט נישט אַז ער, וואָס איז צוריק געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון פריצס פּאַלאַץ און פון גרויסן הוסיאַטינער וואַלד, זאָל זיך נאָך אַלץ אַרומשלעפּן איבער די דער־פער מיט סחורות. פריער האָט ער געמיינט, אַז מרדכי וועט אים אָפּפירן אַהיים, וועט זיך אַרומקוקן וועגן וואַלד און וועט אַריינלייגן אַביסל געלט אין עסק, אַז ער, ר׳ אפרים, זאָל ווידער קענען צעפירן די הענט. אָבער מרדכי האָט געענדערט זיין פּלאַן און איז נישט געפאָרן מיט אים. ער און שמעון האָבן געמוזט פאָרן אַהיים פּונקט אַזוי ווי ר׳ נחמן, מ׳יט גע־שטוקעוועטע פורן. מרדכי האָט אים געזאָגט, אַז ער קען גראַד איצט נישט אַוועקפאָרן, ווייל ער מוז זיין איבגיכן צוריק אין קיעוו, צו זען זיך מיט הויכע מיליטערישע לייט. אָבער גערעדט האָט מען, אַז ווען מרדכי האָט דערזען גיטעלען, איז ער געוואָרן אַזוי פאַרכאַפּט פון איר, אַז ער האָט שוין פאַרגעסן געשעפטן און אַלצדינג. ער האָט אַוועקגעלייגט אַלע פּלע־נער אַן אַ זייט און געוואָלט נאָר פאַרברענגען מיט איר; גיטעלע איז אָבער נישט קיין נאַר, זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס קען צו גאָרנישט פירן און האָט דעריבער אים געבעטן שטילערהייט, ווען קיינער איז נישט געווען אַרום, אַז ער זאָל זיך האַלטן אין די ראַמען בנוגע איר, און נישט אַרויס־ווייזן קיין שום געפיל צו איר און אויך נישט מאַכן קיין קאָמפּלימענטן, ווייל מענטשן ריידן שוין... מרדכי האָט איר דאָס צוגעזאָגט. ער האָט אָבער געוואָלט וויסן פון איר איין זאַך: צי זי האָט אין האַרצן אַ געפיל צו אים. גיטעלע האָט אים דערויף געענטפערט מיט אַ שמייכל, וואָס ער האָט געקענט אויסטייטשן אויף יאָ און ער איז געווען צופרידן. ער האָט צו איר אין דער שטיל געזאָגט:

— גיטעלע, איך פאַרשטיי אייך און איך וועל אייך אויך נישט ברענ־

גען אין קיין פֿאַרלעגנהייט. איר זענט געקומען אַהער, כדי צו ווערן אַ כלה צו הערשלען. וואָלט איך אייך פריער געקענט, וואָלט עס אַנדערש געווען. אָבער אַזוי ווי עס איז שוין אַזוי געשען, וועל איך אייערביידנס גליק נישט צעשטערן... איך וועל זיך פרייען אויף דער חתונה. איך האָב אויך אַ פּלאַן אייך ביידן צו באַשעפטיקן ביי מיר אין געשעפט, פון וואָס איר וועט האָבן פּרנסה. אָבער וויסן זאָלט איר, גיטעלע, אַז דאָס געפיל, וואָס איך האָב צו אייך אין האַרצן, וועט קיינמאָל נישט אָפּשטאַרבן און איך בין זיכער, אַז אַזוי איז אויך ביי אייך... עס איז איין פונק... לאָמיר דעם פונק נישט לאָזן פאַרלעשן זיך און ווען די צייט וועט קומען, וועט ער זיך אפשר צעפלאַקערן און ווערן אַ ברענענדיקע קויל...

גיטעלע האָט אים דערויף געגעבן אַ לייכט פעטשל איבער דער באַק און בלויז געזאָגט:

— אָבער ביז דעמאָלט, מרדכי, זאָלט איר גאָרנישט ריידן און גאָר־נישט טאָן אַזוינס, וואָס עס קען אַרויסרופן אַ חשד אויף מיר ביי מענטשן. פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען! — האָט מרדכי איר געענטפערט מיט אַ גנבהשן שמייכל. דאָך האָט ער נישט געוואָלט אָוועקפאָרן פון מאָהילעוו ווי לאַנג זי איז דאָרטן געווען. און אַזוי ווי הערשל האָט גיטעלען שטאַרק געבעטן צו פאַרבלייבן נאָך אַ וואָך, איז מרדכי אויך אַזוי לאַנג געבליבן מיטן אויסרייד, אַז ער וועט שפּעטער צוריקפירן גיטעלען אַהיים, ווייל ער דאַרף אויך פאָרן אין יענע מקומות.

הערשלען האָט דאָס גאָרנישט געשמעקט. ער האָט נישט געוואָלט, אַז מרדכי זאָל פאָרן מיט גיטעלען אַליין אַהיים. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער דעריבער נישט געקאָנט שלאָפן און געזוכט אַן עצה וואָס צו טאָן. לסוף איז ער פאַרטאָג געקומען צו דער מסקנה, אַז ער זאָל אויך פאָרן. ער וועט זיי זאָגן, אַז ער מוז פאָרן זען ר׳ נחמנען, ווייל זיין פעטער ר׳ נחומטשע האָט אים געבעטן אים מפייס צו זיין. מרדכי האָט באַין ברירה געמוזט מסכים זיין דערצו און אַזוי זענען אַלע דריי אין איין פרימאָרגן אַרויס־געפאָרן פון מאָהילעוו וועג צו מעדוועדעווקע. גיטעלע האָט אָבער אָפּגערעדט זיך מיט מרדכין, אַז ער זאָל איר ברענגען בלויז ביז טול־

טשין, ווייל זי האָט נישט געוואָלט, אַז מרדכי זאָל וויסן וווהין זי פאָרט... אויך פאַר הערשלען האָט זי נישט געוואָלט, אַז ער זאָל וויסן, אַז זי פאָרט צוריק קיין קרעמעניץ. איז הערשל אויך שוין געפאָרן ביז טולטשין. מרדכי האָט זיך דאָ האַרציק געזעגנט מיט גיטעלען און איר געזאָגט, אַז ער וועט קומען אויף איר חתונה. גיטעלע האָט אויך זיך געזעגנט מיט הערשלען און אים געזאָגט, אַז זי גייט זיך דאָ זען מיט איר פעטער, ר׳ יואל, און אַז זי וועט אים שרייבן אַ בריוו. אַלע דריי: מרדכי, שמעון און הערשל זענען דערנאָך געפאָרן קיין מעזשיבוזש.

שמעון האָט פונקט געהאַלטן ביים גרייטן זיך אין וועג אַריין, ווען הערשל איז פלוצים אָנגעקומען צופאָרן. ביידע פריינד האָבן זיך שטאַרק דערפרייט איינער מיטן אַנדערן. הערשל האָט דערציילט שמעונען וועגן זיין רייזע צוזאַמען מיט מרדכין און גיטעלען און אים געזאָגט, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין טולטשין און גיטעלע איז געגאַנגען זען איר פעטער, ר׳ יואל. זי וועט אַוודאי דערנאָך פאָרן קיין באַר צו זען אירע עלטערן.

— פאַרוואָס, אייגנטלעך, ביסטו, הערשל, געקומען אַהער? — איז שמעון געוואָרן נייגעריק.

— נו, כדי צו זען ר׳ נחמנען און אים איבערבעטן צוליב דעם, וואָס עס איז געשען אין מאַהילעוו.

— איז דאָס אַלץ? — האָבן שמעונס אויגן געשמייכלט מיט חשד — איך דערשמעק, אַז עס איז נאָך עפּעס, נישט אַזוי?

הערשל האָט איצט אויך געשמייכלט און אים געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— דו שטויסט זיך עפּעס אָן?

— יאָ, — האָט שמעון געזאָגט.

— אויב אַזוי, וועל איך דיר זאָגן דעם גאַנצן אמת — האָט הערשל זיך מודה געווען — כ׳האָב נישט געוואָלט, אַז גיטעלע זאָל פאָרן מיט מרדכין דעם גאַנצן וועג אַליין.

— האָסט קלוג געטאָן — האָט שמעון אים געענטפערט — כאָטש עס איז אַפילו נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, ווייל ראשית, פאָרט דאָך מיט

זיי דער בעל־עגלה איוואַן, און שנית, איז גיטעלע נישט סתם אַ מיידל, וואָס מען קען פאַרדרייען איר דעם קאָפּ. אָבער דאָך איז בעסער אַזוי.

— איך האָב שטאַרק מורא פאַר אָט דעם מענטשן — האָט שוין הערשל אויפגעעפנט זיין האַרץ פאַר שמעונען — ער איז צו רייך, צו קלוג און אויך צו פריי. ער קען זאָגן קאָמפּלימענטן, ער איז נישט פון אונדזערע מענטשן.

— שרעק זיך נישט, הערשל, — האָט אים שמעון באַרואיקט — דו קענסט נישט מיין שוועסטער. גיטעלע איז גאָר פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן. נישט אומזיסט איז ר׳ נחמן געווען אַזוי אומרואיק צוליב איר. ווילסט אפשר אַריינגיין צום רבין?

— יאָ, אַזוי ווי כ׳בין שוין דאָ, וויל איך טאַקע אַריינגיין זען ר׳ נחמנען. אגב וועל איך אים זאָגן, אַז ר׳ נחומטשע האָט געהאַט שטאַרק עגמת נפש פון דער גאַנצער זאַך.

— וואַרט אונטער, כ׳וועל פריער זען אין וואָס פאַר אַ לוינע ער איז, ווייל זינט ער איז געקומען צוריק פון מאָהילעוו, איז ער גאָר אַן אַנדער מענטש. ער גייט אַרום כסדר אָנגעבלאָזן און רעדט נישט צו קיינעם.

— איך וויל אים דאָך זען! ווי אַזוי קען עס גאָר זיין, אַז כ׳זאָל זיין אין מעדוועדעווקע און נישט זען ר׳ נחמנען?

— נו, גוט, לאָמיר צוגיין צו אים. איך וועל אים אָבער פריער זאָגן, אַז דו ביסט דאָ און אַז דו ווילסט אים זען.

ביידע חברים זענען אַוועק צו ר׳ נחמנען. הערשל איז געבליבן שטיין אין דרויסן און שמעון איז אַריינגעגאַנגען. ר׳ נחמן איז פּונקט דעמאָלט געלאָפן פון איין וואַנט צו דער אַנדערער פאַרטראַכט. שמעון האָט גע־זאָגט צו אים קורץ:

— הערשל איז געקומען, ער וויל אייך זען.

ר׳ נחמן האָט נישט געקוקט אַפילו אין שמעונס זייט און אים גאָר־נישט געענטפערט.

שמעון האָט איבערגעחזרט:

— ר׳ נחמן!

— הע?

— הערשל פון טשערנאָביל איז געקומען.

— געקומען? נו, איז ער געקומען! — האָט ר׳ נחמן זיך געבייזערט

— נו, איז ער געקומען! נו גוט, איז ער געקומען!

— און ער וויל אייך זען.

— צו וואָס דאַרף ער מיך זען? ער האָט דאָך מיך ערשט נישט לאַנג געזען!

— אַזוי ווי ער איז דאָ אין מעדוועדעווקע, וויל ער אייך זען.

— נו, זאָל ער מיך זען. ווו איז ער דען?

— אין דרויסן.

— נו, זאָל ער אַריינקומען.

שמעון איז אַרויסגעגאַנגען און איז געקומען צוריק מיט הערשלען.

— שלום עליכם! — איז ר׳ נחמן אים אַנטקעגנגעגאַנגען.

— עליכם שלום — האָט הערשל אים געענטפערט אַביסל מיט מורא

— וואָס מאַכט דער רבי?

— דער רבי? איך בין נישט קיין רבי! דו ווייסט דאָך בעסער, אַז איך בין נישט קיין רבי. אַזוי האָבן דאָך געזאָגט דיינע רביים דאָרטן.

— ר׳ נחומטשע האָט געהאַט פיל צער פון דער גאַנצער זאַך — האָט הערשל געזאָגט שטיל.

— און וואָס האָט ער געטאָן, ווען ער האָט געהאַט אַזוי פיל צער? ער האָט דעם הימל אַראָפּגעבראַכט אויף דר׳ערד? — האָט ר׳ נחמן גע־רעדט צו אים מיט אויפרעגונג.

— ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט — האָט הערשל אַלץ גערעדט מיט אַ שטיל קול — ער האָט גלייך געמאַכט, אַז עס זאָל זיין אויס אַסיפה, כאָטש אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען בכיוון גע־קומען נישט צו דער חתונה, נאָר צו דער אַסיפה, און אַז ווען זיי וואָלטן געוווסט, אַז עס וועט קיין אַסיפה נישט זיין, וואָלטן זיי נישט געקומען.

— איך האָב צו אייער פעטער גאָרנישט — האָט ר׳ נחמן שוין גע־ענטפערט מיט אַ ווייכערן טאָן — ר׳ נחומטשע איז אַ גרויסער צדיק און דער עיקר ער איז אַ תלמיד מובהק פון מיין זיידן. נו, גיט אים אָפּ אַ

גרוס, ווען איר וועט קומען צוריק און פאָרט לחיים ולשלום — און ר׳ נחמן האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און איז אַוועק אין אַ זייט פון חדר, געכאַפּט אַ ספר פון טיש און אַריינגעקוקט דערין, פאַרטיפט אין געדאַנקען.

הערשל האָט זיך אַרויסגערוקט פון צימער, נאָך אים שמעון. אין דרויסן האָט הערשל געזאָגט צו שמעונען:

— ער איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערער מענטש! עס איז ווי פון טאָג צו נאַכט! ער איז עפּעס געוואָרן אַזאַ בייזער מענטש!

— כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, הערשל, אַז ער איז גאָרנישט דער זעלבער. ער גרייט זיך איצט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

— טאַקע. ווען?

— גאָר בקרוב.

— אַליין?

— איך וועל פאָרן מיט אים.

— דו? אויף לאַנג?

— כ׳ווייס אַליין נישט.

— דו וועסט כאָטש זיין צוריק אויף מיין חתונה?

— ווער ווייס?

— און דו מוזט טאַקע מיט אים פאָרן?

— ער וויל אַזוי, און איך טו עס אים צוליב. איך האָב זיך טאַקע געגרייט צו פאָרן איצט קיין באַר צו זען זיך מיט די אייגענע, איידער כ׳פאָר אַוועק.

— נו גוט, פאָר געזונטערהייט! וועסט אין באַר אַוודאי טרעפן גי־טעלען. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט פון טולטשין פאָרן קיין באַר.

— נו, פאָר אויך געזונט, הערשל. איך וועל אָפּגעבן גיטעלען אַ גרוס פון דיר. ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט וואָלט איך געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיטפאָרן מיט מיר קיין באַר, אָבער נישט איצט.

— אפשר יאָ, שמעון? — האָט הערשל קוים אַרויסגעזאָגט.

— ניין, נישט איצט, הערשל. עס איז דאָך ערשט געווען אַ תנאים. עס פּאַסט נישט! עס וועט נישט גוט אויסזען.

— טאָר פאָר געזונט, שמעון. איך וועל זיך נאָך זען מיט ר׳ אפרימען

און דערנאָך פאָרן אַהיים. גריס דיינע עלטערן פאַר מיר און גיטעלען — און ער איז אַוועק אַביסל צעטראָגן.

שמעון האָט עס באַמערקט. ער האָט פאַרשטאַנען אַז עס איז דער־פאַר וואָס ער האָט אים נישט געוואָלט מיטנעמען קיין באַר. אָבער ער האָט זיך באַטראַכט, אַז עס וועט נישט טויגן. דער לעצטער בריוו פון ראָזען, מיט די עטלעכע ווערטער, וואָס זי האָט אַריינגעוואָרפן וועגן טאַטן, האָט אים געמאַכט זייער אומרואיק און ער האָט נישט געוואָלט קומען צופאָרן מיט הערשלען אין אַ צייט, ווען מען וועט דאַרפן ריידן וועגן פאַמיליע־ענינים.

שמעון האָט געהאַט אַ באַקאַנטן בעל־עגלה, מיט וועלכן ער פלעגט אָפט פאָרן קיין באַר, און יענער האָט שוין געוווסט נישט אָפּצושטעלן זיך אין מאַרק, ווו אַלע פורן בלייבן געוויינלעך שטיין, נאָר צוצופאָרן מיט אים ביזן הויז, ווו זיין פאָטער האָט געוווינט.

ווי נאָר שמעון איז אַריבער די שוועל פון זיינע עלטערנס הויז, האָט ער דערשפּירט, אַז עפּעס אַ גרויסע זאָרג לויערט ווי אַ שוואַרצער וואָלקן איבער אַלעם. אָבער באַלד האָט זיין מאַמע אים דערזען און אויסגעשפּרייט אירע הענט ווי אַן אָדלער זיינע פליגל און אים אַרומגעכאַפּט און גע־קושט. ער האָט אָבער גלייך דערזען, אַז דער זעלבער וואָלקן פון זאָרג ליגט אויך אויף איר פּנים און האָט אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן.

— וואָס מאַכסטו, שמעון?

— זייער גוט, מאַמע. ווו איז ראָזע און ווו איז דאָס קינד?

— ראָזע איז אַרויס אַביסל מיטן קינד אויף אַ שפּאַציר. זי היט אָפּ דאָס קינד ווי אַן אויג אין קאָפּ. זי וועט אַוודאי באַלד זיין צוריק. דו ווייסט ווער עס איז אויך דאָ?

— גיטעלע.

— יאָ. ווי אַזוי איז עס דיר איינגעפאַלן?

— כ׳האָב היינט גערעדט מיט הערשלען, איר חתן. ער איז געווען ביי מיר אין מעדוועדעווקע. ער איז געפאָרן אַהיים.

— פאַרוואָס האָסטו אים נישט מיטגעבראַכט אַהער?

— כ׳האָב מורא געהאַט. אַזוי ווי כ׳האָב געהערט, אַז עס איז דאָ נישט גוטע נייעס, האָב איך אים נישט געוואָלט מיטברענגען.

— האָסט גוט געטאָן — האָט זי געזאָגט און צוגעשאָקלט דערביי מיטן קאָפּ.

— ווו איז גיטעלע?

— זי איז געווען זייער מיד, ווען זי איז געקומען, האָט זי זיך צו־געלייגט אַביסל אין אַנדערן צימער.

— און דער טאַטע?

— ער איז אין געשעפט.

— אָבער וואָס אַזוינס איז געשען?

— קיינער האָט דיר גאָרנישט געזאָגט?

— ניין, מאַמע.

— עס איז אָנגעקומען אַ בריוו פון איר.

— פון וועמען?

— נו, דו ווייסט דאָך שוין, פון דער מויד...

— פון דער חיה־רעה?

— יאָ.

— פון איר? וואָס וויל זי נאָך איצט? וואָס? זי לאָזט אַלץ דעם טאַטן נישט אָפּ? וואָס וויל זי נאָך פון אים?

— עס איז אַ נאָכשלעפּעניש נאָך פון יענער צייט. ס׳אַ נייע צרה און אַ גרויסע אויך.

— וואָס אַזוינס, מאַמע, שרעק מיך נישט איבער!

— זי טענהט, אַז זי האָט אַ קינד.

— פון וועמען? פון טאַטן?

— יאָ, אַזוי זאָגט זי.

— וואָס עפּעס ערשט איצט?

— זי האָט נישט געוואָלט ריידן דערפון די גאַנצע צייט, זאָגט זי, ווייל זי האָט נישט געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל אַפילו וויסן דערפון. אָבער איצט גייט איר זייער שלעכט. איר פאָטער איז געשטאָרבן און זי ליידט נויט. וויל זי, אַז דער טאַטע זאָל עפּעס טאָן פאַרן קינד,

— ס׳אַ ייִנגל?

— יאָ.

— ווי אַלט איז ער?

— כ׳ווייס נישט. אַזוי ווי דאָס אַלץ איז געשען מיט צען יאָר צו־ריק, דאַרף דאָס קינד איצט אַלט זיין אַוודאי אַ ניין יאָר.

— און ווו איז זי איצט מיטן קינד?

— אין אָפּענבאַך, אין דייטשלאַנד, וווהין די פראַנקיסטן האָבן זיך אַריבערגעטראָגן. זיי האָבן דאָרטן געהאַט אַ גאַנץ מלכות ביז דער אַל־טער איז געשטאָרבן.

— יעקב פראַנק, מיינסטו?

— יאָ, זיי זענען דאָך אַלע געלאָפן אַהין.

— נו, ס׳איז שוין נאָכן מלכות — האָט שמעון איר געענטפערט מיט אַ געוויסער פרייד אין טאָן — עס איז שוין זיבן יאָר זינט דער דאָזיקער פירער, יעקב פראַנק, ימח שמו, האָט צוגעמאַכט אַן אויג, און אויס מיט דער גדולה. מען האָט אויפגעהערט צו שיקן אַהין געלטער, ווי עס איז געווען פריער. זיין טאָכטער חוה, וועמען די חיה־רעה קרימט נאָך, האָט געהאַט איבערגענומען די ממשלה, אָבער צו קיין געלט קומט עס נישט. עס גייט איר נישט גוט. זי האָט שוין איצט גאַנץ ווייניק אָנהענגער און, ווי מען זאָגט, איז זי איינגעטונקט אין חובות.

— אַ שיינע ריינע כפרה! — האָט שמעונס מאַמע אויסגעשריגן מיט אָפענער פרייד — אויך די אַנדערע חיה־רעה וואָלט שוין געדאַרפט צו האָבן אַזאַ סוף.

ביי די ווערטער איז ראָזע אַריינגעקומען מיטן קינד, ישׂראלקע. און ווען זי האָט דערזען שמעונען האָט זי זיך אינגאַנצן אַ צאַפּל געטאָן. באַלד איז זי צוגעלאָפן צו אים און אים אַרומגעכאַפּט און געקושט און אירע ליפּן האָבן געפּליסטערט:

— שמעון, שמעון, ווען ביסטו געקומען? עס איז אַזוי גוט דיך צו זען!

— ערשט נישט לאַנג, ראָזע, און וואָס מאַכסטו?

— כ׳בענק נאָך מיין קוזין.

— זייער גוט. בענקען איז געזונט. און וואָס מאַכט עפּעס מיין בחורל, ישראלקע?

— ער איז אַ וווילער בחור. ער געדענקט דיך שוין! אַ נו, ישראלקע, ווער איז ער? דו ווייסט צי נישט?

ישראלקע האָט אַריינגענומען אַ פינגער אין מויל אַריין און געשוויגן.

— נעם אַרויס דאָס פינגערל און זאָג מיר ווער איז ער? — האָט ראָזע אים באַפוילן.

— טאַטע — האָט ישראלקע אַרויסגעזאָגט שטיל.

— זעסט, אַז ער געדענקט שוין. נו, ישראליק, גיי צו צום טאַטן און גיב אים אַ קוש.

אין דער מינוט האָט שמעון זיך אַראָפּגעבויגן צו ישראלקען, אים אויפגעהויבן אין דער הויך און האַרציק געקושט.

— אַ שאָד, וואָס כ׳האָב דיר גאָרנישט געבראַכט — האָט זיך שמעון ווי פאַרענטפערט פאַר אים — כ׳בין אַוועקגעפאָרן אין איילעניש, אָבער כ׳וועל דיר דאָ עפּעס קויפן. דו וועסט זען, ישראליקל!

עס איז געוואָרן טונקל, די מאַמע האָט זיך אָנגערופן:

— שמעון, גיי דאַוון אָפּ מנחה און מעריב. דער טאַטע וועט באַלד אַהיימקומען, וועט מען גיין עסן.

— כ׳האָב געוואָלט זען גיטעלען.

— זי שלאָפט זייער געשמאַק און כ׳וויל זי נישט אויפוועקן. זי איז אַ גאַנצע נאַכט געפאָרן. לאָז איר איצט שלאָפן. דו וועסט זי זען שפּעטער, צום עסן. דו ווילסט גיין אין שול אַריין דאַוונען?

— ניין, כ׳וועל דאַוונען דאָ. כ׳וועל אַריינגיין אין אַנדערן צימער.

שמעון האָט זיך איצט געוואַשן די הענט, אָנגעטאָן אַ גאַרטל און זיך געשטעלט דאַוונען מנחה, און באַלד דערנאָך, אַזוי ווי עס איז שוין געוואָרן פינצטערלעך אין דרויסן, האָט ער אויך אָפּגעדאַוונט מעריב. דער־נאָך האָט ער אויסגעטאָן דעם גאַרטל און אים אַוועקגעלייגט צוריק אין דער הינטער־קעשענע פון די הויזן און איז אַריין צו דער מאַמען אין דער קיך, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון אַ גוטן קרופּניק.

40

אַזוי ווי שמעון איז געשטאַנען אין דער קיך און גערעדט מיט זיין מאַמען, איז אַריינגעקומען גיטעלע און ווען זי האָט דערזען שמעונען, האָט זי זיך מיט אים זייער דערפרייט און אים אַרומגעכאַפּט און האַר־ציק געקושט. שמעון האָט געוואָלט וויסן ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען שפּעטער צווישן איר און הערשלען און אויך ווי אַזוי מרדכי האָט זיך אויפגעפירט. אָבער גיטעלע האָט אים אַ ווונק געטאָן מיט די אויגן, אַז ער זאָל איצט נישט ריידן.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס איז אַריינגעקומען דער טאַ־טע, ר׳ בער, אַ פאַרכמורעטער און אַ שווייגנדיקער. ווען ער האָט דערזען שמעונען, האָט ער אים קאַלט באַגריסט. ער האָט אים בלויז געגעבן די האַנט און געזאָגט:

— שלום עליכם, שמעון, וואָס מאַכסטו?

שמעון האָט אים אָבער געענטפערט מיט אַ פיל וואַרעמערן „עליכם שלום״:

— טאַטע, וואָס הערט זיך ביי דיר?

אָבער דערויף איז פון ר׳ בערן קיין תשובה נישט געקומען.

מען האָט זיך געזעצט צום טיש. שמעון האָט נישט טראַכטנדיק פיל געפרעגט ראָזען:

— וואָס האָסטו, ראָזע, געמיינט מיט די עטלעכע ווערטער, וואָס דו האָסט מיר געשריבן וועגן דער חיה־רעה?

ביי די ווערטער האָט ר׳ בער זיך אַ הייב געטאָן פון זיין פּלאַץ, ווי אַ בין וואָלט אים אַ ביס געטאָן אין אַ באַק און געזאָגט צו אַלע מיט אַ בייז קול:

— אויב איר ווילט ריידן וועגן דעם, גיי איך שוין אַוועק פון טיש. קיין איין וואָרט נישט וועגן דעם אַלעם. איר הערט? איר וועט קענען ריידן וועגן דעם שפּעטער, וואָס איר ווילט, איר קענט אויך טאָן וואָס איר ווילט וועגן דעם אַלעם, אַפילו מיך נישט פרעגנדיק. אָבער צו מיר זאָלט איר וועגן דעם נישט ריידן און איבערהויפּט נישט ביים טיש. געדענקט. איך זאָג עס אייך אָן!

עס איז באַלד געוואָרן שטיל און אַן אָנגעצויגענע שטימונג האָט אַלעמען געדריקט. גיטעלע און שמעון און אויך ראָזע האָבן בכיוון איצט געריידט צווישן זיך וועגן וועטער, כדי נישט אײַנגאַנצן צו שווייגן און צו מאַכן דערמיט די שטימונג נאָך ערגער. ר׳ בער האָט דאָס געפילט, אָבער ווי נאָר ער האָט אויפגעגעסן דאָס שיסעלע קרופניק און אויך די פּאָרציע פלייש, וואָס שרה האָט היינט לכבוד אירע געסט, די קינדער, געקאָכט צו וועטשערע, האָט ער אָפּגעבענטשט און איז אַרויס פון עסצימער אין זײַן חדרל אַרײַן. די קינדער האָבן איצט אָפּגעאָטעמט און אַ הייסער שמועס האָט זיך גלייך אָנגעהויבן.

— פאַרוואָס האָסטו מיך געפרעגט וועגן איר, ווען דער טאַטע איז געווען ביים טיש? — איז ראָזע די ערשטע אַרויסגעקומען מיט אַ טענה צו שמעונען — ער ווערט דאָך אַן אויפגעקאָכטער, ווען מען רעדט פון איר. ער קען נישט הערן איר נאָמען. דו זאָלסט מיך קיינמאָל מער נישט פרעגן וועגן איר, ווען ער הערט.

— כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז עס איז ביי אים אַזאַ אָנגעווייטיקטע זאַך. אָבער איך בין געווען זייער נײַגעריק צו וויסן, ראָזע, וואָס דו האָסט געמיינט מיט דײַנע ווערטער. אָבער דו האָסט מיר וועגן דעם גאָרנישט געענטפערט. וויפל איך האָב דיך נישט געבעטן אין מײַנע בריוו, דו זאָלסט מיר אַרויסשרייבן, וואָס דו האָסט געמיינט מיט יענע פּאָר ווערטער, האָסטו אַלץ געשוויגן און גאָרנישט געזאָגט מער. וואָס האָסטו טאַקע געמיינט דערמיט?

— וואָס, דו ווייסט טאַקע נאָך נישט, שמעון, אָדער דו מאַכסט זיך אַזוי? — האָט אים גיטעלע אָנגעקוקט מיט אַ פאַרוווּנדערט פּנים.

— ער ווייס שוין, ער ווייס שוין! — האָט זיך די מאַמע אַרײַנגעמישט — איך האָב אים שוין פריער אַלץ געזאָגט.

— טאָ צו וואָס האָסטו מיך געפרעגט ביים טיש, פּונקט ווען דער טאַטע איז דאָ געווען? — האָט אים איצט ראָזע בייז אָנגעקוקט.

— כ׳ווייס נאָך נישט אַלץ. די מאַמע האָט מיר בלויז עפּעס געזאָגט, אָבער נישט אַלץ. — האָט זיך שמעון פאַרענטפערט.

— וואָס איז דאָ נאָך צו וויסן? — האָט אים גיטעלע אָנגעקוקט — ס׳אָ קינד, דאָס איז אַלץ!

— ביסטו זיכער, אַז עס איז פון טאַטן? — האָט שמעון געווענדט זיין פראַגע דירעקט צו גיטעלען — כ׳מיין, ווער קען וויסן, צי זי זאָגט דעם אמת?

— עס איז אמת, און נאָך ווי אמת! — האָט גיטעלע אים פאַרזי־כערט. — יאָ, יאָ, איך קען דאָס קינד זייער גוט, און דאָס קינד קען מיך אויך. עס פלעגט מיך רופן „מומע גיטל״. ס׳אָ שיין יינגעלע ווי גאָלד.

— דו האָסט מיר קיינמאָל נישט געזאָגט דערפון — איז שמעון אַרויסגעקומען מיט אַ טענה צו גיטעלען — ווען איך בין געווען אין קרע־מעניץ, האָב איך דאָס קינד נישט געזען און דו האָסט מיר אויך וועגן דעם קיין וואָרט נישט געזאָגט.

— דער טאַטע האָט אַזוי געוואָלט! ער האָט מיר אָנגעזאָגט נישט צו ריידן קיין וואָרט צו דיר וועגן דעם און אַוודאי נישט צו ווייזן דיר דאָס קינד. — האָט זיך גיטעלע פאַרענטפערט.

— אָבער וואָס איז איצט געשען? פאַרוואָס האָט מיר ראָזע געשריבן, אַז איצט האָט זיך אָנגערוקט אַ נייע צרה. וואָס עפּעס פּונקט איצט?

— ווייל זי האָט געשריבן אַ בריוו צום טאַטן, אַז זי קען מער דאָס קינד ביי זיך נישט האַלטן. ערשטנס, ווייל זי איז אָרעם און, צווייטנס, טויג נישט פאַרן קינד צו זיין דאָרטן ווו זי איז. זי וויל דעריבער, אַז דער טאַטע זאָל דאָס קינד נעמען צו זיך און עס אויפציען.

— ווי אַלט איז עס? — האָט שמעון געוואָלט וויסן.

— אַרום ניין יאָר.

— ווי הייסט עס?

— יחזקאל, נאָך אירס אַ זיידן פון דער מאַמעס צד.

— דאָס קינד איז אַ ממזר! — האָט שרה אויסגעשריגן בייז. — לויטן יידישן דין איז עס אַ ממזר.

— ס׳איז נישט קיין ממזר, מאַמע, — האָט גיטעלע איר צוריקגע־זאָגט — פאַרוואָס זאָלסטו זאָגן, אַז עס איז אַ ממזר, אַז עס איז נישט.

— דו ווייסט אפשר בעסער פאַר מיר — האָט זיך שרה שוין געַ־קאָכט — עס איז יאָ אַ ממזר!

— וואָס טוט זיך מיט דיר, מאַמע? — איז שוין גיטעלע אַרויס פון די כלים — קען דען אַ מאַן נישט האָבן נאָך אַ ווייב, לויטן אַלטן יידישן דין? האָבן דען די אבות נישט געהאַט קיין פלגשים? און זענען דען די קינדער פון בלהה און זלפה געווען ממזרים? געוויס, ווען זי וואָלט געַ־ווען אַ חתונה־געהאַטע, וואָלט דאָס קינד געווען אַ ממזר, ווייל עס וואָלט געווען אַ קינד פון אַן אשת־איש, אָבער נישט אַזוי?

— דו ביסט גערעכט, גיטעלע, — האָט שמעון געזאָגט מיט אַ שמייכל — דו קענסט שוין באַלד לערנען.

— נו גוט, יאָ ממזר, נישט ממזר — האָט שרה אומגעדולדיק זיי געענטפערט בייז — רעדט בעסער וועגן דעם, וואָס צו טאָן מיטן קינד. איין זאַך ווייס איך, אַז עס וועט דאָ נישט זיין! איך וועל נישט דערציען אייער טאַטנס אַ בענקאַרט!

— פאַרוואָס קען עס נישט זיין ווייטער מיט איר, ווי עס איז ביז איצט געווען? — האָט שמעון זיך געווענדט צו גיטעלען מיט זיין פראַגע.

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז זי שרייבט, אַז זי קען עס מער נישט טאָן. און עס איז בעסער אַז עס זאָל נישט זיין מיט איר. עס איז דאָ פיל צו ריידן וועגן איר. ווען איך זאָל קענען דערציילן אַלץ, וואָס אָט די דאָזיקע חיה האָט דורכגעמאַכט דורך די לעצטע צען יאָר, וואָס פאַר אַ שטורמיש לעבן זי האָט געפירט און וואָס אַלץ עס האָט מיט איר פּאַ־סירט, וואָלסטו אַליין געזאָגט, אַז עס טויג נישט פאַרן קינד צו זיין מיט איר.

— רייד גאָרנישט וועגן איר! — איז שרה שוין געוואָרן גוט אין כעס — איך וויל נישט הערן איר נאָמען, קיין איין וואָרט נישט וועגן איר.

— איך וועל סיי־ווי נישט ריידן, מאַמע — האָט גיטעלע געזאָגט — איך וועל שוין שמעונען דערציילן וועגן איר אַן אַנדערש מאָל. איך ווייס אַליין נישט אַלץ, אָבער וויפל איך ווייס, וועט זיין גענוג צו מאַכן זיינע האָר צו שטעלן זיך קאַפּויר.

— אויב אַזוי, האָט מען שוין לאַנג געדאַרפט אַוועקנעמען דאָס קינד פון איר — האָט שמעון זיך געקאָכט.

— מען האָט געדאַרפט — האָט אים גיטעלע באַכגעזאָגט שפּאָטיש — אָבער מען האָט דאָך נישט געקענט. זי האָט עס פריער נישט געוואָלט אַוועקגעבן. זי האָט נאָר געוואָלט האַלטן עס ביי זיך. ערשט איצט, אַז זי ליידט נויט, האָט זי געשריבן צו אונדז. זי האָט קיין אַנדער ברירה נישט.

— כ׳בין נאָך אַלץ נישט זיכער, צי עס איז פון טאַטן — האָט שמעון געצופּט זיין קליין בערדל — ווער ווייס וואָס עס קען איינפאַלן אַזאַ אשה, אַזאַ חיה־רעה. אפשר איז עס גאָרנישט פון אים? אפשר זאָגט זי גלאַט אַזוי?

— עס איז! עס איז! — האָט גיטעלע אים געענטפערט שרייענדיק.

— ווען דו וואָלסט עס געזען, וואָלסטו באַלד אויך אַזוי געזאָגט. עס זעט אַפילו אויס ענלעך צו דיר, שמעון.

— צו מיר?!

— יאָ. צו דיר. עס האָט אַזאַ לענגלעך פּנים ווי דו, אַזעלכע בלויע אויגן און אויך אַזאַ נאָז.

— כ׳וויל גאָרנישט האָבן אַזאַ ברודערל! כ׳פאַרשטיי נישט אייגנט־לעך, צו וואָס מיר פאַרנעמען זיך דאָ דערמיט אינגאַנצן. צו וואָס דאַרפן מיר גאָר זאָרגן פאַר אַזאַ קינד?

— שמעון, — האָט ראָזע אַ געשריי געטאָן גוטמוטיק — מאַך דיך נישט נאַריש, עס איז דיינס אַ ברודערל, צי דו ווילסט יאָ צי דו ווילסט נישט. ס׳איז אַ ריכטיקער ברודערל, פון איין טאַטן. טאָ וואָס ווילסטו, אַז ער זאָל אויסוואַקסן אַ משומד? עס איז נאָך גוט וואָס זי האָט זיך סוף־כל־סוף באַטראַכט דאָס קינד אַרויסצולאָזן פון אירע הענט און איבערגעבן עס צו אונדז צו שיקן אים אין אַ חדר אַריין. ער מוז אַוודאי ביז איצט גאָרנישט קענען.

— נו גוט, אָבער יעדנפאַלס דאַרף מען אים נישט ברענגען אַהער — האָט שמעון באַטאָנט יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט — פאַר קיין פאַל נישט אַהער.

— אָט דאָס זאָג איך דאָך. כ׳וויל אים נישט האָבן דאָ! — האָט

שׂרה געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש אַריין — כ׳וויל אים נישט אין מיין הויז.

— טאָ וווּ זאָל עס זיין? — האָט ראָזע איר אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע אויגן — זי קען אים נישט האָבן ביי זיך און דאָ וויל מען אים אויך נישט האָבן, טאָ וווּ זאָל דאָס קינד זיין?

— איך האָב אַן עצה — האָט גיטעלע געזאָגט מיט אַ פעסטקייט אין איר טאָן — איך האָב אַ פריינט, וואָס הייסט מרדכי, שמעון קען אים. עס איז דער, וואָס האָט צונויפגעפירט דעם שידוך צווישן ר׳ אפרימען און ר׳ נחומטשעס שוועסטער. ער וועט אונדז קענען העלפן.

— ווי אַזוי? — האָט שמעון אויסגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר אויגן.

— דאָס בעסטע איז, אַז מען זאָל דאָס קינד אַריינגעבן אין אַ יתומים־הויז, ווו מען וועט עס דערציען צו זיין אַ ייד. אָבער נישט דאָ, אין אונדזערע מקומות, נאָר דאָרטן אין דייטשלאַנד.

— אין דייטשלאַנד? פאַרוואָס עפּעס דאָרטן? — האָט שמעון זיך געוווּנדערט.

— ווייל דאָס קינד איז שוין דאָרטן און עס רעדט דייטש. דו ווייסט נישט, שמעון, וואָס עס איז געווען. זי איז אַוועקגעפאָרן שוין לאַנג מיטן קינד קיין אָפענבאַך, לעבן פראַנקפורט אַם מאַין, אין דייטשלאַנד, וווהין אַלע פראַנקיסטן האָבן זיך איבערגעטראָגן פון קרעמעניץ און פון אַנדערע ערטער, אין יעקב פראַנקס מלוכה, ביז ער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק און וואָס איצט איז דאָרטן זיין טאָכטער, חוה, אויך געהאַקטע צרות. כ׳ווייס נישט אייגנטלעך צוליב וואָס זי איז געפאָרן אַהין מיטן קינד. אפשר האָט זי געהאַט עמיצן און אפשר גייט זי איצט מיט עמיצן חתונה האָבן. אפשר גאָר מיט אַ גוי, און דאָס קינד איז איר אין וועג. און דעריבער וויל זי דערפון פטור ווערן. יעדנפאַלס, דאַרף מען דאָס קינד פון איר צונעמען. די פראַגע איז בלויז ווו זאָל עס זיין? איז דאָס בעסטע אין אַ יידישן יתומים־הויז אין דייטשלאַנד, ווי למשל, אין פראַנקפורט אַם מאַין, וואָס איז נישט ווייט פון דאָרטן. אָבער כדי עס דאָרטן אַריינצוגעבן, דאַרף מען ריידן מיט ר׳ מרדכין, ער איז אַ רייכער ייד, אַ גרויסער פאַדראַטשיק, וואָס שטעלט צו פראָוויאַנט פאַר די רוסישע אַר־

מייען פון טיף־רוסלאַנד ביז קיעוו און נאָך ווייטער. ער פאַרט אָפּט קיין דייטשלאַנד, און איך בין זיכער אַז אויב איך וועל עס אים בעטן, וועט ער עס טאָן פאַר מיר.

— אָבער ווען קען דאָס זיין? — האָט ראָזע געוואָלט וויסן.

— נישט פריער, ווי איך וועל אים זען. און דאָס וועט זיין ערשט אויף מיין חתונה. ער וועט זיכער קומען צו דער חתונה. ער האָט עס מיר צוגעזאָגט. דעמאָלט וועל איך אים בעטן, אַז ווען ער וועט פאָרן קיין דייטשלאַנד צוליב זיינע געשעפטן, זאָל ער בכיוון צופאָרן צו זען זיך מיט דער חיה־רעה און ביי איר צונעמען דאָס קינד. ער וועט דערויף האָבן מיט זיך אַ בריוו פון אונדז, אַז ער קען טאָן, וואָס ער וועט געפינען פאַר נייטיק פאַרן קינד. עס זענען דאָרטן, אין פראַנקפורט אַם מאַין, דאָ עטלעכע אַזעלכער הייזער, אָבער כ׳וועל אים בעטן אַז ער זאָל אויפזוכן דאָס בעסטע און עס איבערגעבן אין זיכערע הענט, אַלס אַ יתום וואָס איז אָן טאַטע און אָן מאַמע. אָבער כדי צו קענען האַלטן אָן אויג דערויף, זאָל ער זאָגן, אַז דאָס קינד האָט אַ שוועסטער און אָנגעבן מיין נאָמען. אַזוי־אַרום וועל איך קענען וויסן, ווי עס דערגייט אים דאָרטן. עס איז דאָך אַ רחמנות! עס איז אַ פיין יינגעלע און קלוג איז עס ווי דער טאָג!

— ביסט שוין פאַרליבט אין אים! — האָט שרה געזאָגט איראָניש.

— מאַמע, זיי נישט בייז אויף מיר — האָט איר גיטעלע באַרואיקט — אָבער איך זאָג דיר, אַז ווען דו וואָלסט עס געזען, וואָלסטו אויך אַזוי געזאָגט. דאָס קינד איז דאָך אומשולדיק! עס איז אָן אומשולדיק באַשעפעניש! און עס איז פאַרט פון אונדזער משפחה און פאַרשטויסן עס איבגאַנצן טאָר מען נישט. אָבער דאָס וועט ערשט קענען זיין אין אַ האַלב יאָר אַרום, צו מיין חתונה. דעריבער דאַרף מען איר שרייבן, אַז זי מוז האָבן געדולד נאָך אַ זעקס חדשים, אָדער אפשר אַביסל מער. מען דאַרף אויך וועגן דעם אַלעם נישט זאָגן קיין איין וואָרט דעם טאַטן. ער ליידט אַזוי אויך גענוג. צו וואָס נאָך מער אים פייניקן.

— ריכטיק, — האָט שמעון אויסגערופן — זייער ריכטיק!

— איצט, ווען מען האָט שוין אָפּגערעדט וועגן דעם, וויל איך וויסן, שמעון, ווי לאַנג דו בלייבסט דאָ — האָט זיך שרה געווענדט צו אים.

— גאָרנישט לאַנג, מאַמע. דו ווייסט נישט אַז ס'איז ביי מיר דאָ אַ וויכטיקע נייעס. איך פאָר קיין ארץ־ישראל.

— קיין ארץ־ישראל? — האָט שרה אַ געשריי געטאָן מיט שרעק אין איר פּנים.

— קיין ארץ־ישראל?! — האָט זיך ראָזע אינגאַנצן געטרייסלט — איצט? אין אַזאַ געפערלעכע צייט, ווען די פראַנצויזן פירן אַ מלחמה מיטן טערק! עס איז דאָך סכנות נפשות! ווי אַזוי פאַלט דיר גאָר איין אַזאַ זאַך?

— דער רבי ר' נחמן וויל דורכאויס איצט פאָרן און ער וויל, אַז איך זאָל מיט אים מיטפאָרן.

— און דו האָסט אים צוגעזאָגט?

— יאָ.

— מומע, — האָט ראָזע אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש — לאָזט אים נישט פאָרן קיין ארץ־ישראל! עס איז דאָך לעבנס־געפאַר!

— שמעון — האָט שרה זיך געווענדט צו אים מיט אַ שטילן טאָן — ראָזע איז דאָך גערעכט! וואָס הייסט, דו גייסט איצט זיך אַרויסלאָזן אויף אַזאַ נסיעה?

— דער רבי זאָגט, אַז מיר וועלן דורכמאַכן די נסיעה בשלום, און אַז ער זאָגט, מן־הסתם ווייס ער דאָך...

— און אויף ווי לאַנג וועסטו דאָס פאָרן? — האָט גיטעלע אים נייגעריק געפרעגט.

— כ'ווייס אַליין נישט, אפשר וועל איך קומען צוריק אין אַ האַלב יאָר אַרום, אפשר נאָך ניין חדשים און אפשר וועט עס גאָר געדויערן אַ גאַנץ יאָר.

— וועסטו דאָך אַזוי אַרום נישט זיין אויף מיין חתונה, וואָס וועט זיין אין אַ האַלב יאָר אַרום — האָט גיטעלע געזאָגט צו אים מיט אַ פּרעטענזיע.

— וועט זיין פאַרפאַלן! אויב כ'וועל שוין זיין צוריק, וועל איך דאָך זיכער זיין אויף דיין חתונה, אָבער אויב נישט, וועסטו מיר, גיטעלע, מוזן מוחל זיין.

— איך וויל נישט אַז דו זאָלסט פאָרן — האָט ראָזע כמעט ווי געשריגן הויך אויפן קול — פאַר קיין פאַל נישט.

— איך מוז, ראָזע! איך מוז! פאַרשטיי מיך — האָט זיך שמעון בײַ איר געבעטן.

— ווי לאַנג בלייבסטו דאָ? — האָט גיטעלע אים געפרעגט.

— אַ פּאָר טעג — האָט שמעון איר געענטפערט — כ׳דאַרף נאָך זאַמלען אַביסל געלט אויף דער הוצאה פאַר ר׳ נחמנען. כ׳וועל אַרויסגיין מאָרגן אין דער פרי צו עטלעכע שיינע יידן און שפּעטער וועל איך אויך אַריינפאָרן קיין טולטשין.

— וואָס איז? ר׳ אפרים קען אים נישט געבן אויף דער הוצאה? ער איז דאָך שוין צוריק אַ רייכער ייד. כ׳האָב געהערט, אַז ער איז שוין צוריק דער גאַנצער מאַכער פון וואַלד און פון אַלע הייזער — האָט שרה געטענהט.

— ער איז עס דערוויל נאָר בלויז פאַר דער וועלט, מאַמע. ער האָט באמת קיין געלט נישט. ער וועט האָבן געלט שפּעטער, אָבער איצט איז ער שטאַרק פאַרענגט.

— שמעון, בלייב דאָ איבער שבת און דערנאָך וועסטו פאָרן קיין טולטשין — האָט זיך די מאַמע בײַ אים געבעטן — מאָרגן איז דאָך שוין דאָנערשטיק, וועסט דאָך נישט אָוועקפאָרן פאַר שבת.

— נו גוט, כ׳וועל דאָ בלייבן, מאַמע. אויב דו ווילסט אַזוי!

— און וואָס איז מכוח ראָזען? איז זי נישט ווערט דו זאָלסט אַביסל פאַרברענגען מיט איר? ובפרט נאָך, אַז דו גרייטסט זיך אין אַזאַ לאַנגן וועג אַריין, — האָט אים גיטעלע אויסגעמוסרט, לויט אַ ווונק פון ראָזען.

— ער איז אַ קאַלטער גזלן — האָט ראָזע גערעדט מיט פאַרדרוס — ער קימערט זיך גאָרנישט וועגן מיר. זינט ער איז געקומען, איז ער נאָך מיט מיר נישט געזעסן צוזאַמען אַפילו אַ שעה אויף איבערצורעדן עפּעס. ער האָט טויזנט געשעפטן, אָבער אַלץ פון פרעמדע. נישט אומזיסט האָט זיך דבורהלע אַלעמאָל געקלאָגט אויף אים, אַז ער קימערט זיך ווייניק וועגן איר.

— שוין נייע טענות צו מיר! — איז שמעון געוואָרן אומצופרידן

— מיט ווייבער איז וואָס מען טוט, טויג נישט. כ'האָב פריער געוואָלט ריידן מיט ראָזען אַ פּאָר ווערטער, האָט זי מיר געזאָגט, אַז עס איז בע־סער שפּעטער. איצט האָט זי שוין פּרעטענזיעס צו מיר, פאַרוואָס כ'רייד נישט צו איר... .וואָס מען טוט — איז מען פאַר ווייבער נישט יוצא... ווייבער זענען גאָר קיין מענטשן נישט.

— אַהאַ! פּאַזוואָליע דיר נאָר נישט אַזוי, שמעון! — האָט גיטעלע שטרענג אַ זאָג געטאָן צו שמעונען — רייד נאָר נישט קיין שלעכטס אויף ווייבער. וואָס איז? מענער זענען בעסער?

— אַוודאי! — האָט שמעון איר צוריקגעענטפערט — וואָס איז, איר זענט אפשר אַזעלכע מענטשן ווי מענער?

— נאָך בעסערע און נאָך קליגערע! — האָט גיטעלע אים שניידיק צוריקגעענטפערט — האָט דען נישט אַן אשה פאַרדרייט דעם קאָפּ דעם טאָטן און אים געמאַכט צו נאַר!

— פון יענער אשה איז קיין ראיה נישט — האָט שמעון איצט אָפּ־געקלאַפּט איר טענה — די חיה־רעה איז נישט סתם אַן אשה, נאָר אַ טייוול. זי איז לילית, זי איז דער טייוול אין אַ קלייד.

— שוין גענוג! שוין גענוג! — האָט שרה זיך צעשריגן איבער ביידן — גענוג שוין געריידט וועגן איר.

שמעון האָט איצט זיך נאָס געמאַכט די הענט און געבענטשט, און אַלע זענען אַוועק פון טיש.

41

צו אַלע זאָרגן, וואָס שמעון האָט געהאַט אויף זיין יונגן קאָפּ, איז לעצטנס צוגעקומען נאָך עפּעס, וואָס האָט אים גאָר אינגאַנצן צערודערט. די צרה איז געווען נאָך גרעסער דערמיט, וואָס ער האָט עס אַפילו מיט קיינעם נישט געקענט איבעררײדן. יאָ, ער מוז אַלץ דריקן און שטיקן אין זיך... עס מוז בלייבן אַ סוד... אָבער, טראַכט איצט שמעון, וואָס וועט זיין, אַז עס וועט נישט בלייבן אַ סוד? אַז עס וועט אַרויסקומען?... נישט, נאַטירלעך, פון זיין זייט; ניין, גאָר פון אים אַליין, פון ר' נחמנען... יאָ, עס האַנדלט זיך טאַקע וועגן אים, און וועגן זיין התנהגות... ער האָט לעצטנס

גערעדט צו שמעונען זייער מאָדנע... יעדעס מאָל, ווען ער, שמעון, טראַכט דערפֿון, ציטערט ער אינגאַנצן... און נישט אַזוי ווייס ער פֿון דעם וואָס ער האָט אים געזאָגט, נאָר פֿון דעם וואָס ער, ר׳ נחמן, האָט זיך דערנאָך אַזוי ווילד זיך צעלאַכט... ממש ווי אַ משוגענער... דאָס איז געווען אַ טאָג איידער ער, שמעון, איז געפֿאָרן אַהער. ר׳ נחמן האָט אים אַריינגערופֿן צו זיך און אים געפֿרעגט צי ער גרייט זיך צו צו דער נסיעה. שמעון האָט אים געזאָגט, אַז יאָ; ער וועט איצט פֿאָרן אַהיים צו זען זיך מיט די אייגענע און זיך געזעגענען מיט זיי; ער וועט אויך זאַמלען אַביסל געלט אויף דער הוצאה... און ווען ער וועט צוריקקומען, אין עטלעכע טעג אַרום, וועט ער זיין גרייט צו פֿאָרן מיט אים. ר׳ נחמן האָט אים דערויף אָנגעקוקט מיט אַזעלכע ביסטרע בליקן, אַז ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר אים און דערנאָך געזאָגט צו אים:

— שמעון, איך וויל פֿון דיר, אַז דו זאָלסט מיר צוזאָגן עטלעכע זאַכן, איידער מיר פֿאָרן אָפּ פֿון דאַנען. ראשית, זאָלסטו קויפֿן אַ סך פּאַפּיר און טינט, ווייל איך וועל אַ סך שרייבן; שנית, זאָלסטו פֿאַר קיין פֿאַל נישט אַריינקוקן אין דעם, וואָס איך שרייב. דו מוזסט מיר דאָס צוזאָגן בהן צדקך. דו הערסט? דריטנס, וויל איך פֿון דיר, אַז אויף דער שיף און אַפֿילו אין ארץ־ישראל זאָלסטו קיינעם נישט זאָגן ווער איך בין, קיינעם נישט, סיידן איך וועל דיר הייסן; און פֿערטנס, זאָלסטו זיך נישט מישן אין מיינע געשעפֿטן און מיר נישט זאָגן קיין דעות, וואָס צו טאָן. אויב איך וועל וועלן שטיפֿן, זאָלסטו מיך לאָזן; אויב איך וועל זיך וועלן נאַריש מאַכן, איז עס נישט דיין עסק; אויב מיר וועט געפֿעלן זיין אַרומצולויפֿן מיט גאַסן־יינגלעך, אָדער אָנטאָן דעם מלבוש פֿאַרדרייט, אָדער טאַנצן באָרוועס אין די גאַסן, זאָלסטו מיר גאָרנישט זאָגן... דאָס איז נישט דיין זאָרג, דו הערסט, איך זאָג דיר דאָס אָן!

— אָבער, רבי, — האָט שמעון קוים אַרויסגעשטאַמלט פֿון שרעק און אויפֿרעגונג — איר פֿאָרט דאָך עפּעס אויפֿצוטאָן אין ארץ־ישראל. דער רבי וויל דאָך געפֿעלן ווערן די רביים פֿון ארץ־ישראל, כדי מען זאָל דאָ זען ווי אַזוי מען האָט אייך דאָרטן אויפֿגענומען. נו, אָבער מיט שטיפֿערישע דרכים קען מען ביי זיי נישט אויסנעמען. מען וועט דאָך לאַכן פֿון אייך אין די פֿויסטן.

— עס איז נישט דיין עסק, האָב איך דיר געזאָגט! — האָט ר׳ נחמן זיך צעשריגן איבער אים — דו טו וואָס איך הייס דיר און דאָס איבעריקע לאָז איבער פאַר מיר.

און דאָ האָט ר׳ נחמן גענומען ריידן צו אים עפּעס אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און באַלד דערויף אַרויסגעשטעקט די צונג און זיך ווילד צעלאַכט... שמעון האָט זיך איצט פאַר ר׳ נחמנען אַזוי דערשראָקן, אַז ער איז גלייך אַריינגעלאָפן צו ר׳ אפרימען און האָט אים אַלץ דערציילט.

עס ווייזט אויס, אַז פאַר ר׳ אפרימען איז דאָס שוין קיין חידוש נישט געווען, ווייל ער האָט דאָס זעלבע אָדער עפּעס ענלעכס אויך שוין געהאַט מיטגעמאַכט מיט אים, אָבער ער האָט געשוויגן און קיינעם וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט, אַפילו נישט פאַר שמעונען.

— כ׳האָב מורא, אַז ער איז צערודערט — האָט ר׳ אפרים געזאָגט צו שמעונען זייער באַזאָרגט — איך ווייס נישט ווי אַזוי ער וועט אין אַזאַ צושטאַנד גאָר קענען מאַכן אַזאַ נסיעה. שמעון, דו מוזסט זיך שטאַרק אונטערגאַרטלען איידער דו פאָרסט אַרויס מיט אים. עס וועט נישט זיין קיין לייכטע זאַך!

— אָבער, ר׳ אפרים — האָט שמעון גערעדט שטיל — מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט, אַז דער עיקר פון מיין מיטפאָרן זאָל זיין, כדי צו האַלטן אַן אויג אויף אים, אַז ער זאָל חלילה נישט באַגיין קיין נאַרישקייטן. ער וויל דאָך אָבער גאָר, אַז איך זאָל אים לאָזן טאָן אַלץ וואָס ער וויל. אויב אַזוי, צו וואָס דאַרף איך גאָר אינגאַנצן מיטפאָרן מיט אים?

— דו דאַרפסט און דו מוזסט פאָרן מיט אים, שמעון, — האָט ר׳ אפרים גערעדט צו אים מיט אַ פעסטן טאָן — מען קען אים אין אַזאַ צושטאַנד נישט לאָזן אַליין, ווייל מי יודע וואָס עס קען פּאַסירן. ווען דו וועסט פאָרן מיט אים, וועט ער זיך דאָך צוריקהאַלטן פון געוויסע שטיפערייען... אויב עס וועט אַמאָל אים באַפאַלן דער חשק צו שטיפן, זאָלסטו אים לאָזן... יאָ, לאָז אים אַמאָל, אָבער האַלט אַן אויג אויף אים שטענדיק, אַז עס זאָל נישט קומען צו קיין גרויסע זאַכן. דו ווייסט דאָך, שמעון, אַז איך האַלט כסדר אַן אויג אויף אים... איך קוק כסדר זיך צו צו אַלץ וואָס ער טוט. ער איז לעצטנס געוואָרן זייער מאָדנע... איין טאָג איז

ער פריילעך, כאָטש צו גיין טאַנצן.... יאָ, ער טאַנצט טאָקע בשעתן דאַווענען, און אַן אַנדערן טאָג איז ער, ווידער, אומעטיק און וויינט מיט ביטערע טרערן... דו ווייסט, שמעון, וואָס עס איז אַנומלט געווען?

— וואָס אַזוינס? — איז שמעון געוואָרן נייגעריק.

— הער מיך אויס, שמעון, אָבער איך וויל דו זאָלסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט עס פאַר קיינעם נישט דערציילן; זאָלסט עס פאַר קיינעם נישט איבערן מויל ברענגען. עס איז אַזוי געווען: איך קום אַריין צו אים אין דער פרי און זע, אַז ער איז פריילעך, אָבער אַזוי פריילעך, אַז דער גאַנצער קאָפּ לאַכט אין אים. בין איך צופרידן, ווייל ערשט נעכטן איז ער געווען אַזוי אומעטיק, אַזוי דערשלאָגן, נאָר צו זעצן זיך אויף אַ קליין בענקעלע און וויינען, ווי אַן אבל רחמנא ליצלן... אַזוי ווי ער האָט מיך דערזען, האָט ער געזאָגט צו מיר, אַז כ'זאָל מיט אים טאַנצן... איך האָב אים אָנגעקוקט מאָדנע... ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך וווּנדער זיך... פּלוצים גיט ער מיך אַ פרעג: „שווער, ווער איז דער גרעסטער צדיק אין היינטיקן דור?" איך בין געבליבן שטום, ווייל וואָס האָב איך אים געקענט דערויף ענטפערן. ווען ער האָט געזען, אַז איך ענטפער אים נישט, איז ער צוגעקומען נענטער צו מיר און געזאָגט: „זאָגט מיר, שווער, וויפל צדיקים זענען בכלל געווען אויף דער וועלט?" איך האָב אים ווידער נישט געענטפערט. צעלאַכט ער זיך הויך אויפן קול און זאָגט: „בלויז פיר צדיקים זענען געווען און נישט מער. דער שווער ווייס ווער זיי זענען? איך וועל אייך זאָגן, זיי זענען: ר' שמעון בן יוחאי, דער האר"י הקדוש, דער בעש"ט און איצט — איך!" און ער האָט זיך ווידער צעלאַכט. דערנאָך האָט ער אַרויסגעשטעקט אויף מיר די צונג. איך בין אַרויסגעלאָפן.

— טאָ וואָס מיינט איר, ר' אפרים, איז עס? — האָט שמעון אים אָנגעקוקט.

— כ'ווייס נישט! — האָט ר' אפרים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט מיט פאַרצווייפלונג — כ'ווייס גאָרנישט! אָבער עס איז נישט גוט. דאָס האַרץ שרעקט מיך...

— ר' אפרים, — האָט שמעון פּרובירט אים באַרויִקן — איר דאַרפט זיך נישט שרעקן. עס איז, חלילה, גאָרנישט. איך האָב אים שוין

געטראָפֿן איינמאָל אין אַ לוינע, ווען ער האָט ממש געוויינט מיט ביי־טערע טרערן און צו מיר געזאָגט: „שמעון, ווער בין איך? איך רייד זיך איין, אַז כ׳בין אַ רבי, אָבער וואָס פֿאַר אַ רבי בין איך? און ווי אַזוי קען איך זיין אַ רבי, אַז איך בין פֿול מיט תאווה? עס קומען צו מיר אין קאָפּ אַריין אַזעלכע זינדיקע מחשבות, אַזעלכע הרהורי עברה... דער יצר־הרע האָט דאָך מיך איינגאַנצן אין זיינע הענט... איך בין דאָך גאָרנישט! איך בין אַ פּראָסטער בעל־עבירה־ניק!... דער מינדסטער ייד איז דאָך גרעסער פֿון מיר!...״ אָט אַזוי האָט ער גערעדט צו מיר. נו, זעט איר דאָך. עס איז גאָרנישט. עס איז פּונקט געווען אַזאַ לוינע, ר׳ אפרים, איר פֿאַר־שטייט?

— איך פֿאַרשטיי נישט — האָט ר׳ אפרים געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט אויף ניין — איך פֿאַרשטיי גאָרנישט. שמעון, פֿאַרוואָס מיינסטו אַז עס איז גאָרנישט?

— ווייל, ר׳ אפרים, — האָט אים שמעון ווידער באַרואיקט — עס איז על פּי קבלה. דער זוהר זאָגט, אַז עס איז פֿאַראַן אַמאָל, ווען אַ גרויסע נשמה האָט „גדלות דמוחין״ און דעמאָלט איז זי באמת גרויס און זעט מסוף העולם ועד סופו און רעדט הויכע רייד און אַמאָל, ווידער, פֿאַלט זי אַראָפּ. דעמאָלט איז עס „קטנות דמוחין״, דעמאָלט זעט זי גאָר־נישט און פֿילט זיך שולדיק און זינדיק. אָבער ביי אַ צדיק מוז אַזוי זיין. עס מוז זיין אַ ירידה, כדי עס זאָל זיין אַן עליה. יאָ, ר׳ אפרים, דאָס זע־נען אַלץ מדרגות, וואָס אַ נשמה פֿון אַ צדיק דערגרייכט אויף דעם לייטער, וואָס שטייט צווישן הימל און ערד. אַמאָל, ווען די נשמה איז שוין גאָר הויך און רעדט זיך איין זאַכן און קריגט גאווה, קומען מלאכי חבלה און שטופּן זי אַראָפּ, אַראָפּ... כדי זי זאָל ווערן געפֿאַלן ביי זיך און צוריק אָנהייבן צו שטייגן. דאָס הייסט אויפֿן לשון פֿון די מקובלים „ירידה שהיא עליה״, און פּונקט אַזוי איז דאָ אַ „עליה שהיא ירידה״. דעריבער דאַרפֿט איר זיך גאָרנישט זאָרגן, ר׳ אפרים. דאָס איז דער וועג פֿון אַ צדיק.

— אָבער, שמעון, — האָט ווידער ר׳ אפרים אים אָנגעקוקט אַזוי מאָדנע — דאָס וואָס דו האָסט מיר געזאָגט נאָר וואָס, וואָס ער האָט פֿון

דיר פאַרלאַנגט, איז דאָך שרעקלעך. דו גייסט דאָך פאָרן מיט אים אין אַזאַ ווייטן וועג און, אַז ער וועט וועלן אַלעמאָל אויספירן זיינע שטיפערייען, ווי אַזוי וועט עס אויסזען ביי מענטשן? און ווי אַזוי וועסטו אויסזען? און וואָס וועסטו טאָן, ווען ער וועט אָרויסשטעקן אַ צונג אויף די מענטשן אויף דער שיף? אָדער עס וועט אים איינפאַלן צו טאָן אַנדערע נאַריש־קייטן? וועסטו אים אַלץ לאָזן? אויב אַזוי, וועט מען דאָך אים האַלטן פאַר אַ משוגענעם!

— זייט רואיק, ר' אפרים — האָט שמעון אים ווידער פאַרזיכערט — אַז עס וועט זיין גוט. ער וועט זיך אויפן וועג האַלטן ווי עס דאַרף צו זיין. אי, וואָס ער האָט געזאָגט, נו, מאַלע וואָס ער האָט געזאָגט. ער וועט זיך אויפפירן אַנדערש. זאָרגט נישט, ר' אפרים, עס וועט זיין גוט!

אַזוי האָט שמעון בכיוון באַרואיקט ר' אפרימען, ווייל ער האָט געזען אַז ער ליידט שטאַרק דערפון. אָבער ער אַליין איז גאָרנישט געווען אַזוי רואיק וועגן דעם אַלעם. ער טראַכט כסדר נאָך, וואָס ער זאָל טאָן. עס איז דאָך באמת אַ גרויס געפאַר צו פאָרן מיט אַזאַ מענטשן... און אַז ער וועט ווערן גאָר שטאַרק משוגע, וואָס וועט ער טאָן?...

שמעון זיצט איצט ביים טיש פון זיין משפחה און עסט מיט אַלעמען וועטשערע, אָבער זיין קאָפּ הערט נישט אויף צו טראַכטן וועגן דעם אַלעם... ער רעדט מיט זיי וועגן פאַרשיידענע זאַכן, אָבער אין זיין מוח עגבערט אַ געדאַנק, וואָס ער האָט מורא אַפילו פאַר זיך אַליין אַרויסצו־ריידן... איז ר' נחמן מיושב צי ער איז חלילה אַראָפּ פון זינען? קען ער נישט אַמאָל ווערן איינגאַנצן חסר־דעה? און וואָס וועט ער דעמאָלט טאָן, אויב עס זאָל חלילה ווערן נאָך ערגער און דאָ וועט ער זיין אין מיטן וועג?

נאָכן עסן איז שמעון אַריין אין אַ זייטיק צימערל און זיך אַוועק־געזעצט לעבן אַ קאָפּטשענדיק נאָפט־לעמפל, וואָס האָט איינגעהילט דעם גאַנצן חדר אין משונהדיקע שאָטנס, און געטראַכט וואָס צו טאָן: זאָל ער פאָרן מיט ר' נחמנען אָדער נישט... באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אייגנט־לעך איז דאָך ר' חיים וויטאַל, דער נאָענטסטער תלמיד פון האר"י הקדוש, אויך אַזוי געווען. ער איז אויך געוועזן אַ וויזיאָנער און ער האָט זיך אויך אַזוי משונהדיק אויפגעפירט. ער באַשרייבט עס דאָך אַליין אין

זיין „ספר החזיונות״, אָדער ווי אַנדערע רופן עס „שבחי ר׳ חיים וויי־טאַל״. ער הייבט אָן אַפּילו זיין לעבנס־געשיכטע מיט צוויי יאָר פריער, איידער ער איז געבוירן געוואָרן און דערציילט מאָדנע זאַכן, אַז איינמאָל איז ביי זיין פאָטער איינגעשטאַנען אַ תלמיד־חכם מיטן נאָמען ר׳ חיים אשכנזי, וואָס האָט צו זיין פאָטער געזאָגט, אַז ער, דער פאָטער, הייסט עס, זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל און האָבן דאָרטן אַ זון און זאָל אים אַ נאָמען געבן חיים, און ער וועט זיין אַ גרויסער חכם, וואָס אַזעלכעס איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען, און אַזוי איז טאַקע געווען. נו, וואָס איז דאָס, נישט „גדלות דמוחין״? צי ער רעדט דאָרטן וועגן זיך, ווי וועגן דעם גרעסטן מענטשן אין זיין צייט. נו, איז דאָס ווידער נישט דאָס זעל־בע וואָס ר׳ נחמן טוט, ווען ער פאַלט אַריין אין אַ התלהבות וועגן זיך אַליין? ר׳ חיים וויטאַל האָט דאָך אַפּילו געהאַט אַן איינריידעניש, אַז ער איז משיח בן יוסף, וואָס דאַרף קומען איידער עס וועט קומען משיח בן דוד...

און שמעון גייט אַיצט צו צום ספרים־שענקל צו געפינען דאָרטן דעם „שבחי ר׳ חיים וויטאַל״. ער נישטערט צווישן די פאַרשטויבטע ספרים און געפינט גאָר דעם „שפע טל״ פון ר׳ חיים וויטאַל און ער גייט מיט דעם ספר צוריק צו זיין פּלאַץ, מישט די בלעטלעך... אָבער באַלד קומט ער צוריק צו זיינע פריערדיקע געדאַנקען און טראַכט, צי ער האָט גוט געטאָן, ווען ער האָט זיך אונטערגענומען צו פאָרן מיט ר׳ נחמנען קיין ארץ־ישראל... אפשר האָט ער נישט געדאַרפט דאָס אים צוזאָגן? אפשר שטעלט ער, אַזוי אַרום, אין סכנה סיי ר׳ נחמנען און סיי זיך אַליין?... אפשר איז ער טאַקע משוגע? אויב אַזוי, ווי אַזוי קען ער זיך אַרויסלאָזן מיט אַ משוגענעם אויף אַזאַ ווייטער נסיעה? און אפשר וועט אים אויפן וועג נאָך ערגער ווערן, און ער וועט האָבן אַ משוגענעם אויף זיינע הענט?... זאָל ער אפשר נאָך חרטה האָבן? זאָל ער פּרובירן צו פועלן ביי ר׳ נחמנען אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער נסיעה? אָבער ניין, זאָגט ער באַלד צו זיך, דאָס איז נישט מעגלעך. ער קען ר׳ נחמנען זייער גוט און וויים, אַז אויב ער נעמט זיך עפּעס אין קאָפּ אַריין, וועט ער ברעכן מויערן און זיינס אויספירן... אָבער צי איז דאָס אַליין נישט קיין סימן פון משוגעת?

אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָל ער זיך לאָזן פירן פון אַ משוגענעם? אמת, דער, אויף וועמען עס דוכט זיך אים אויס, אַז ער איז משוגע, איז באמת זיין רבי... אמת, עס זענען פאַראַן מינוטן, וואָס ער זעט ממש בחוש, ווי די שכינה רוט אויף אים... ער זעט, אַז ער איז אַ מענטש פון גאָר אַן אַנדערער וועלט... פאַראַן אַמאָל, ווען ר׳ נחמן רעדט אַזעלכע הויכע רייד, וואָס ער האָט נאָך אַזעלכעס פון קיינעם נישט געהערט... ער איז דעמאָלט אַזוי טיף און דאָך אַזוי פשוט... אַזוי ווייט און אַזוי נאָענט... יאָ. פאַראַן אַמאָל, ווען ר׳ נחמן עפנט זיין מויל און פערל שיטן זיך דערפון... אוצרות פון ליכט גייען־אויף פון אַלע זייטן און ער, שמעון, ווערט אַזוי דערהויבן, אַזוי נתעלה, ער שטייגט אַרויף און אַרויף, אַלץ העכער און העכער... אָבער דאָך זאָגן מענטשן, אַז ער האָט אין זיך אַ שגעון און אַז עס קען אומגעריכט אויסברעכן ביי אים... אַמאָל קען ער פאָרן מיט אים און עס וועט גאָרנישט זיין, און אַמאָל, זאָל גאָט אָפּהיטן, מי יודע, וואָס עס קען פאַסירן!... באמת גלוסט זיך שמעונען נישט צו פאָרן. ער וואָלט בעסער געוואָלט דאָ זיין און פאַרברענגען מיט ראָזען, צו וועמען זיין האַרץ ציט שוין אַזוי לאַנג... אָבער וואָס זאָל ער טאָן? וואָס פאַר אַן עצה האָט ער?

פונקט אַזוי ווי ביי שמעונען מישן זיך איצט די רעיונות האַלטנדיק אין דער האַנט דעם ספר „שפע טל“ און זיצנדיק אַזוי פאַרטראַכט ביים קאָפּטשענדיקן אייל־לעמפּל, אַזוי האָבן אויך ביי ראָזען זיך געקייקלט די געדאַנקען ביים איינשלעפערן דאָס קינד, ישראלקען, אין אַנדערן צימער. און מיט בענקשאַפט איז פול געווען איר האַרץ צו שמעונען, וואָס איז שוין אַזוי לאַנג דאָ נישט געווען און וועלכער גרייט זיך איצט ווידער אַוועקצופאָרן אויף אַזאַ לאַנגע צייט... זי האָט דעריבער שוין אויסגעקוקט זיך די אויגן, אַז אַלע אין שטוב זאָלן גיין שלאָפן, אַלע, אַ חוץ שמעונען, און זי וועט קענען אַריינקומען צו אים און זיך אַזוי טוליען צו אים, אַוועקלייגן איר קאָפּ אויף זיין שויס און שעפּטשען צו אים שטילע ווערטער פון איר טיפער בענקשאַפט...

און ראָזע האָט זיך לסוף דערוואַרט. עס איז שוין געווען אַ שפּעטע שעה אין אָוונט, ווען אַלע זענען שוין געשלאָפן. זי האָט געזען ווי שמעון

זיצט נאָך אַלץ און בלעטערט זיך די אויגן איבער דעם אַלטן ספרל, ביי דעם קאָפּטשעפּענדיקן אייל־לעמפּל, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים צאַנ־קען, און זי האָט זיך פּאַמעלעך אַריינגעשאַרט אין זיין צימער, איז צוגע־גאַנגען צו אים פון הינטן און אים אַרומגענומען מיט אירע הענט.

שמעון האָט דערפילט אירע ווייכע הענטלעך אַרום זיין האַלדז און כאָטש ער האָט אין אָנהייב געטראַכט, אַז עס איז אפשר אַן עבירה צו לאָזן זיך באַרירן פון אַן אשה, האָט ער זיך באַלד דאָס מתיר געמאַכט, דערפאַר וואָס זי איז, ערשטנס, זיינע אַ קרובה און צווייטנס, דערפאַר וואָס זי איז די, מיט וועלכער ער וועט דאָך חתונה האָבן נאָכן אבל־יאָר, און אָננעמענדיק אירע פּוכיקע פינגער האָט ער זיי צוגעטראָגן צו זיין מויל און זיי געקושט. ראָזע האָט איצט נאָך מער אייַנגעקלאַמערט מיט אירע הענט זיין פּנים און געזאָגט צו אים:

— שמעון, האָסטו אויך אַזוי געבענקט נאָך מיר ווי איך נאָך דיר?

— יאָ, און אפשר נאָך מער...

— טאָקע! טאָ פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען צו מיר?

— כ'האָב נישט געקענט.

— אַפילו אויף איין אָוונט?

— אַפילו אויף איין אָוונט.

— כ'וואָלט שוין געוואָלט, אַז עס זאָל אַריבערגיין דאָס אבל־יאָר און מיר זאָלן חתונה האָבן.

— איך אויך.

— דו פאָרסט דאָך ווידער אַוועק פון מיר, אין אַזאַ וויַיטן וועג!

— איך וועל קומען צוריק, ראָזע, אין צייט ווען מיר וועלן דאַרפן חתונה האָבן.

— איך וויל נישט, שמעון, אַז דו זאָלסט אַוועקפאָרן. טו מיר אַ טובה און פאָר נישט.

— איך מוז, ראָזע, איך האָב צוגעזאָגט.

— האָסט נישט געדאַרפט צוזאָגן.

— כ'האָב נישט געקענט אַנדערש, ראָזע. כ'האָב נישט געקענט! —

און ער האָט ווידער אָנגעכאַפּט אירע הענטלעך און זיי געקושט.

ראָזע האָט געצויגן מיטן גאַנצן כוח שמעונס קאָפּ צו זיך און אים לײדנשאַפטלעך געקושט. שמעון האָט דערנאָך ראָזען צוגעשלעפּט צו זיך און האָט, האַלטנדיק זי אויף זײַן שויס, באַרירט אירע קלײנע, אָבער שפּי־ציקע בריסטלעך, וואָס האָבן זיך אַזוי בולט אַרויסגעזען פון איר דינער בלוזקע. ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט איר זאָגן, אָבער ער האָט נישט גע־קענט, ווי דאָס לשון וואָלט בײַ אים אָפּגענומען געוואָרן...

דאָס אײל־לעמפּל האָט איצט צום לעצטן מאָל געצאַנקט און איז פאַרלאָשן געוואָרן. אין דער פינצטערניש האָט זיך בײַ שמעונען די גלוס־טונג צו ראָזען נאָך מער צעשפּילט, און ער האָט זיך געטוליעט צו איר ווײַס לײַב, וואָס האָט אין דער פינצטערניש שימערירט פאַר אים ווי אַ ליכט פון אַן אַנדער וועלט... באַהאַלטענע געפילן האָבן זיך אַרויסגעריסן, לײַב האָט זיך אײַנגעגעסן אין לײַב און יעדעס טראַכטן איז איצט פאַר־שוווּנדן...

באַלד אָבער האָט זיך געהערט ישראלקעס ווײַנענדיקע שטימע. ראָזע האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אַרײַן אין אַנדערן חדר, צוואָרפנדיק „אַ גוטע נאַכט" צו שמעונען, וועלכער איז געבליבן זיצן מיט צערײַצטע געפילן...

42

צומאָרגנס, דאָנערשטיק, איז שמעון אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, אָפּ־געדאַוונט, עפּעס איבערגעכאַפּט, כדי ס'האַרץ זאָל נישט חלשן, און איז אַרויס איבערן שטעטל זאַמלען אַביסל געלט פאַר ר' נחמנס נסיעה. דאָס איז שמעונען אָנגעקומען זײער שווער, ווײַל מען האָט אים געפרעגט קשיות צו וואָס זײַן רבי דאַרף דאָס פאָרן פונקט איצט קײן ארץ־ישראל. אַנדערע האָבן אַפילו אים געפרעגט ווער ר' נחמן איז און בכלל האָט מען אים נישט געגעבן קײן געלט מיט חשק. ערשט ווען ער האָט געזאָגט, אַז ר' נחמן איז אַ „נײַער בעל־שם־טוב" און ער פאָרט, כדי צו פאַרשטאַרקן דעם לימוד התורה און כדי צו דערנענטערן די גאולה, האָט מען אים אַרײַנגעוואָרפן אין דער רויטער פאַטשײלע, אין וועלכער ער האָט גע־זאַמלט די געלטער, קלײנע און אַמאָל אויך גרעסערע מטבעות.

דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט אויך נאָכמיטאָג, ווען שמעון איז געגאַנגען איבער די הייזער און אויך נאָך מנחה און מעריב. ער איז אָבער דאָך געווען צופרידן, וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבן עפּעס געלט און וועט נישט קומען צוריק צו ר׳ נחמנען מיט ליידיקע הענט.

אַזוי ווי שמעון האָט נישט געקענט קומען אַהיים עסן וועטשע־רע, האָט ראָזע געהיטן די עטלעכע טעפּלעך אויף דער קיך, אין וועלכע עס איז געווען דאָס עסן פאַר אים. זי האָט געזאָגט איר מומען שרה, שמעונס מאַמע, אַז זי זאָל גיין שלאָפן און אַז זי וועט שוין געבן שמעונען עסן און וועט אויך אָפּוואַשן דאָס געפעס. שרה האָט געליטן אויף די פיס און איז געווען צופרידן צו גיין אין בעט אַריין באַצייטנס. אויך ר׳ בער איז געגאַנגען פרי שלאָפן, ווייל ער פלעגט אויפשטיין פרי.

ווען שמעון איז אַהיימגעקומען, איז שוין געווען נאָך עלף אַזייגער. ער איז געווען מיד און הונגעריק. ראָזע האָט אים געגעבן עסן און כסדר געקוקט אויף אים מיט דורשטיקע בליקן... זי איז געווען אינגאַנצן צע־היצט פון דער בענקשאַפט נאָך אים אַ גאַנצן טאָג. שמעון האָט קוים אָפּגעבענטשט און איז אַריין אין דער סאַליע. דערווייל האָט ראָזע אויף גיך אָפּגעוואַשן די פּאָר שטיקלעך געפעס, אַוועקגעשטעלט יעדע זאַך אויף אַן אָרט און איז מיט שטילע טריט אַריין צו שמעונען, אויף די שפּיץ־נעגל, און ווי נעכטן אים אַרומגעכאַפּט פון הינטן. שמעון האָט זיך איצט ווידער נישט געווערט קעגן איר; פאַרקערט, ער האָט אָנגעכאַפּט אירע ווי סאַמעט ווייכע הענטלעך און זיי נאָך מער צוגעדריקט צו זיין פּנים. באַלד האָט ער זי אַריבערגעשלעפּט צו זיך און געטוליעט זיין קאָפּ צו איר. ראָזע האָט געהאַט אַ שטאַרקן באַגער, אַז איר געליבטער, איר אויסגע־בענקטער חלום, זאָל באַרירן איר לייב און יודעראַמאַל האָט זיך לייב אין לייב איינגעגעסן און ביידע האָבן פאַרגעסן אַן דער וועלט... אויסגע־הונגערטע איינער נאָכן אַנדערן, האָבן זיי זיך צוזאַמענגעפלאָכטן איינער אין אַנדערן אין טיפער ליבע און ליידנשאַפט. דאָך האָבן זיי זיך געהיטן אַז קיין שאָרך, אָפּקלאַנג אָדער ריר, זאָל זיך נישט הערן אויף דער אַנ־דערער זייט פון דער דינער וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט די סאַליע פון

די עלטערנס שלאָפצימער... אַזוי זענען זיי געווען צוזאַמען ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווען יעדערער איז געגאַנגען שלאָפן באַזונדער...

אויך פרייטיק אין דער פרי האָט שמעון זיך געלאָזט איבער די ... זער צו זאַמלען געלט פאַר ר׳ נחמנס נסיעה. אָבער נאָכן האַלבן טאָג האָט ער זיך געאײַלט אַהיים, כדי צו גרייטן זיך מקבל שבת צו זײַן. ער איז געגאַנגען אין מקווה, איבערגעטאָן ריינע וועש, וואָס ראָזע האָט אים געהאַט צוגעגרייט און ווען די זון האָט זיך געזעצט, איז ער אַוועק מיטן פאָטער אין שול אַרײַן.

באַלד ווי שמעון איז אַרײַנגעגאַנגען אין שול, זענען צוגעקומען צו אים פיל יידן, וואָס האָבן אים שוין געקענט פון פריער און אים געגעבן אַ וואַרעמען „שלום עליכם״, אָבער באַזונדערס האָט זיך אים געוואָרפן אין די אויגן איינער אַ הויכער ייד, מיטן וועלכן זײַן טאַטע האָט, ווי נאָר זיי זענען אַרײַנגעקומען אין שול, זיך אַרומגעכאַפּט און מיט אים אַזוי האַר־ציק געשמועסט. שמעון האָט געקוקט אויף אים פון אַ זייט און געזען, אַז ער איז אין די פופציקער יאָרן, מיט אַ שפּיציק בערדל, וואָס איז בכיוון צוגעשפּיצט און וועלכעס רינגלט אַרום אַ טונקל פּנים מיט אַ פּאָר פּעך־שוואַרצע ביסטרע אויגן, וואָס טאָפּיען זיך טיף אײַן אין יעדן איינעם. שמעון איז געוואָרן זייער נײַגעריק צו וויסן ווער ער איז, און ער איז בכיוון צוגעגאַנגען צום פאָטער. זײַן פאָטער האָט אים באַלד פאָרגע־שטעלט פאַר יענעם און געזאָגט צו שמעונען:

— דו ווייסט ווער דער מענטש איז? דאָס איז דאָך דאָקטאָר יוסף בערנאַרדי, אַ גרויסער דאָקטאָר און אַ למדן. מיר האָבן די זכיה, אַז ער זאָל זײַן דער גאַסט ביי אונדזער טיש יעדן שבת. ער וועט אויך היינט אַהיימגיין מיט אונדז, וועסטו קענען שמועסן מיט אים.

שמעון האָט זיך איצט געחידושט, פאַרוואָס זײַן טאַטע האָט זיך אַזוי באַפריינדעט מיט אַזאַ מאָדנעם מענטשן, אָבער מער נאָך דערויף, וואָס אַ מענטש מיט אַזעלכע ביסטרע בליקן איז געוואָרן זייער אורח יעדן שבת. ער האָט אויך נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס קיינער אין הויז האָט אים וועגן דעם נישט געזאָגט, נישט די מאַמע, נישט גיטעלע און נישט

ראַזע. אָבער אַזוי ווי שמעון האָט אַזוי געטראַכט, האָט פּלוצים דאָקטאָר בערנאַרדי איבערגעשלאָגן זיינע געדאַנקען מיט אַ פראַגע:

— וואָס מאַכט עפּעס אייער רבי, ר׳ נחמן? ווי אַזוי פילט ער זיך?

— גוט! — האָט שמעון אים קורץ געענטפערט, כדי אים גיך אָפּ־צופּטרן, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין פאָטער האָט מיט אים שוין עפּעס גערעדט וועגן זיין באַקאַנטקייט צו ר׳ נחמנען.

— כ׳האָב געהערט, אַז ער קלייבט זיך איצט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי אים ווידער איבערגעשלאָגן זיינע גע־דאַנקען — איך מיין, אַז דאָס איז אַ הוילע משוגעת.

— פאַרוואָס איז עס אַ „הוילע משוגעת״? — האָט אים שמעון צו־ריקגעפרעגט בייזלעך.

— וואָס מיינט איר, אַז עס איז נישט קיין משוגעת צו פאָרן איצט, אין מיטן פון אַ מלחמה צווישן פראַנקרייך און טערקיי, קיין ארץ־ישראל? — האָט זיך שוין דאָקטאָר בערנאַרדי געקאָכט — נאָר אַ משוגענעם קען איינפאַלן אַזאַ זאַך! ווי ווייט איך האָב געהערט איז טאַקע אייער רבי גוט צעדרייט. מען האָט מיר דערציילט וועגן אים זייער מאָדנע זאַכן. נו, מילא, אויב ער וויל פאָרן, זאָל ער פאָרן. אָבער צו וואָס דאַרפט איר נאָך פאָרן מיט אים? עס איז דאָך איינשטעלעניש און דערצו נאָך צו פאָרן מיט אַ צעדרייטן.

שמעונען האָט שטאַרק פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער רעדט אַזוי וועגן ר׳ נחמנען און ער האָט זיך אַוועקגעדרייט פון אים, נישט געענטפערט אים קיין ענטפער. שמעון האָט אָבער געוואָלט וויסן עפּעס מער וועגן דעם דאָק־טאָר בערנאַרדי. וואָס איז ער? אַ בחור? אַן אַלמן, צי גאָר אַ גרוש? ער מוז דאָך אַוודאי נישט האָבן קיין ווייב, אַז ער עסט ביי זיי שבת. אָבער ווער איז ער? באַלד האָט שמעון באַמערקט ווי דאָקטאָר בערנאַרדי איז צוגעגאַנגען צו ריידן מיט אַנדערע. ער איז דעריבער באַלד צוגעגאַנגען צו ר׳ יצחק יוסף חזן, דער שמש פון דער שול, וועלכער איז געווען פאַרנו־מען מיטן אַרויסנעמען די סידורים פון אונטער אַ באַנק, און אים געפרעגט אין דער שטיל:

— זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, ר׳ יצחק־יוסף, ווער איז דאָס דער דאָק־טאָר בערנאַרדי?

ר׳ יצחק יוסף חזן, וואָס האָט זיך געפּאָרעט מיטן אַרויסנעמען די סידורים און געוואָלט זיי צעטיילן צו די מתפּללים, האָט זיך אויסגעדרייט און דערזעענדיק, אַז עס איז שמעון, האָט ער אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— פאַרוואָס פרעגט איר מיך? ער איז דאָך אייער טאַטנס בעסטער פריינט!

— אָבער ווער איז ער? איך קען אים נישט. איך האָב אים איצט געזען ערשט דאָס ערשטע מאָל. זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, איר קענט אים? ווער איז ער?

— אָ! ווער ער איז? — האָט ר׳ יצחק יוסף אָפּגעזיפצט — עס גייען אַרום וועגן אים גאַנצע מעשיות. אַז טייל מענטשן זאָגן אַזוי, אַנדערע זאָגן אַנדערש. מען זאָגט וועגן אים פיל זאַכן.

— וואָס אַזוינס זאָגט מען? — האָט זיך שמעון ביי אים געבעטן.

— כ׳ווייס אַליין נישט, שמעון... מאַלע וואָס מענטשן ריידן... מען רעדט...

— ר׳ יצחק יוסף, איך בעט אייך, איך גיי איצט מיט אים אַהיים צו אונדז, וויל איך וויסן פאַר מיר אַליין עפּעס וועגן אים — האָט שמעון זיך געבעטן ביי ר׳ יצחק יוספן — זאָגט מיר פון וואַנען שטאַמט ער? און איז ער טאַקע אַ דאָקטאָר?

— יאָ, ער איז אַ דאָקטאָר, מען האַלט אים פאַר איינעם פון די גרעסטע. ער איז דער עיקר אַ מאדים אויף חולי הנפש.

— אָבער פון וואַנען שטאַמט ער? ער קוקט נישט אויס צו זיין פון אונדזערע מקומות.

— ניין, ער איז אַן איטאַליענישער ייד. ער שטאַמט פון אַ חשובער איטאַליעניש־יידישער פאַמיליע. ער האָט שטודירט אין די גרעסטע אוני־ווערזיטעטן און איז געוואָרן אַ גרויסער דאָקטאָר. איינמאָל האָט פּאַ־סירט, אַז אונדזערס אַ רבי, וואָס איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל דורך אי־טאַליע, איז דאָרטן קראַנק געוואָרן, האָט מען אַרויסגערופן צו אים דאָק־

טאָר בערנאַרדי, וועלכער האָט אים געגעבן אַ רפואה און עס איז אים גלייך בעסער געוואָרן. דער רב האָט מיט אים געשמועסט אויף לשון הקודש און געזען, אַז ער האָט אַ גוטן קאָפּ. האָט ער אים צוגערעדט צו פאָרן אין אונדזערע מקומות און נעמען זיך צום לערנען. דאָקטאָר בער־נאַרדין איז עס אַריין אין קאָפּ, און ער איז געפאָרן אַהער און זיך באַזעצט אין טולטשין און געלערנט ביים דאָרטיקן רב עטלעכע יאָר, ביז ער איז געוואָרן אַ גרויסער למדן. ער האָט שפּעטער דאָרטן חתונה געהאַט מיט אַ גבירס אַ טאָכטער און געהאַט מיט איר צוויי קינדער, אַ ייִנגל און אַ מיידל... האָט זיך דאָך אָבער פאַרשפּרייט ביי אונדז די מגפה פון די פראַנקיסטן ימח שמם, איז דער דאָקטאָר אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיי... ער האָט זיך אָנגעהויבן צו חברן מיט זייערע מענטשן און מען האָט גערעדט אויף אים... באַלד האָט זיך געמאַכט אַזאַ מעשה, אָבער כ׳ווייס נישט צי כ׳זאָל עס דערציילן.

— דערציילט, ר׳ יצחק יוסף, דערציילט מיר אַלצדינג.

— מען דערציילט אַזוי: כ׳ווייס נישט צי עס איז אמת, נאָר אַזוי האָט מען גערעדט. איינמאָל האָט דער דאָקטאָר אַריינגערופן צו זיך זיי־נעם אַ פריינט, אויך פון יענער חברה, מיט זיין ווייב, און פּלוצים האָבן זיי זיך גענומען אויסטאָן און זענען געבליבן מוטער־נאַקעט, אַזוי ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט. דערנאָך האָט ער זיך אויך אויסגעטאָן און, אַזוי זאָגט מען, ער האָט אַריינגערופן זיין ווייב און געזאָגט צו איר, נישט מער און נישט ווייניקער, אַז לויט דער נייער תורה פון יעקב פראַנקן, דאַרף מען זיך טיילן מיט די ווייבער. לכן זאָל זי זיך אויסטאָן נאַקעט און זיין צוזאַמען מיט זיין פריינט, און ער וועט זיין צוזאַמען מיט זיין פריינטס ווייב... און אַז עס איז איצט אַ נייע צייט און מען דאַרף זיך נישט שע־מען מער איינער פאַרן אַנדערן... ווען דעם דאָקטאָרס ווייב האָט דאָס געהערט, האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב... אַלע שכנים זענען זיך באַלד צוזאַמענגעלאָפן און מען האָט זיי אַלע גע־וואָלט צערייסן אויף שטיקער, און ער און זיינע פריינט זענען קוים אַנט־לאָפן מיטן לעבן... אַזוי זאָגט מען... אָבער קאָווירן דערפאַר קען איך נישט...

— און וואָס איז דערנאָך געוואָרן? — איז שמעון געוואָרן נאָך מער נייגעריק.

— מען זאָגט, אַז אין טולטשין האָט זיך צומאָרגנס געקאָכט מיט דער זאַך אַזוי, אַז ער האָט זיך געשעמט אין דער גאַס אַרויסצוגיין... זיין ווייב איז אַוועק מיט די קינדער צו איר טאַטן, און דער רב האָט געשיקט נאָך אים. דעמאָלט איז ער אַנטלאָפן קיין קרעמענעץ צו יענער חברה. אָבער זיין ווייב האָט שפּעטער אויסגעפונען ווו ער איז און האָט געפּאָ־דערט פון אים אַ גט, וואָס ער האָט איר אויך געגעבן. ערשט שפּעטער האָט ער זיך אַרומגעזען, ווער די פראַנקיסטן זענען און האָט זיך פון זיי אָפּגעטרייסלט און איז אַהער געקומען... ער האָט זיך שוין געשעמט צו־ריקצופאָרן קיין טולטשין און ער איז דאָ אַ דאָקטאָר. ער וווינט אַליין און גיט זיך אָפּ בלויז מיט דאָקטאָריע...

דער חזן האָט איצט געגעבן אַ קלאַפּ אין באַלעמער און מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען. שמעון איז איצט צוגעגאַנגען צוריק צום פאָטערס פּלאַץ און געזען, אַז זיין פאָטער דאַוונט טאַקע מיט גרויס כוונה, ווי אַן אמתער בעל־תשובה. אָבער ער האָט פון אַ זייט געקוקט אויף דאָקטאָר בערנאַרדיס פּנים און דאָרטן נישט געזען קיין שום ריר, קיין באַוועגונג. און ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין, אַז ער זאָל זיך היטן פאַר אָט דעם דאָקטאָר, ווייל ער איז פאַלש דורך און דורך.

נאָכן דאַווענען האָט איינער געזאָגט דעם אַנדערן „גוט שבת" און אויך דאָקטאָר בערנאַרדי צו שמעונען. אַלע דריי, זיין פאָטער, דאָקטאָר בערנאַרדי און ער, זענען געגאַנגען איצט אַהיים, אָבער זיין פאָטער האָט אין דער שטיל גערעדט צום דאָקטאָר בערנאַרדי אַ גאַנצן וועג און ער, שמעון, איז געגאַנגען הינטער זיי, פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען, האָבן זיי געפונען דאָס הויז שבתדיק... אַלץ איז געווען צוגערוימט... די שבת־ליכט האָבן געברענט אין די זילבערנע לייכטער מיט אַזאַ חשיבות, ווי זיי וואָלטן געזאָגט אַלעמען, אַז היינט איז שבת, און אויב דאָס וואָלט געווען נאָך ווייניק, זענען ביים עק פון טיש, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייס ליכטיק־שימערירנדיקן טישטוך געלעגן צוויי גרויסע חלות, צוגעדעקט מיט אַ קליין ווייס

טישטוכל, פאַרן באַלעבאָס פון הויז, און באַלד לעבן אים, רעכטס, אַ בערגעלע פון צוויי קלענערע חלות, צוגעדעקט מיט אַ קלענער טישטוכל, פאַרן דאָקטאָר בערנאַרדי. אָבער פאַר אים, שמעונען, האָט די מאַמע נישט צוגעגרייט קיין באַזונדערע חלות, ווייל ער האָט איר געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט; ער וועט נעמען אַ „המוציא" פון טאַטן, פונקט אַזוי ווי די מאַמע, גיטעלע און ראָזע. שמעון האָט זיך איצט פאַרקוקט אויף די שיינע בלוזקעס, וואָס אַלע דריי פרויען האָבן געטראָגן. די מאַמע — אַ שוואַרץ זיידענע, גיטעלע — אַ ראָזעווע. די ראָזעווע בלוזקע האָט גיטעלען מיט אירע לאַנגע צעפּ, וואָס האָבן אַראָפּגעהאַנגען איבער איר נאַקן, געמאַכט אויסזען ווי אַ גאַר יונג מיידל. און ראָזע האָט אויך געטראָגן אַ נייע ווייסע זיידענע בלוזקע, וואָס זי האָט זיך ערשט אַליין געמאַכט לכבוד שמעונס קומען אַהיים. ראָזע האָט אויך געלאַכט צו אים מיט אירע גרויסע אויגן און שמעון האָט געקוקט אויף איר און אַנגעקוואָלן... בלויז ישראלקע האָט געפעלט ביים טיש, ווייל ער האָט זיך עפּעס נישט געפילט גוט, און מען האָט אים געלייגט שלאָפן אין אַנדערן צימער.

אַלע דריי מענער האָבן איצט געזונגען „שלום עליכם" און „אשת חיל". דערנאָך האָט צום ערשטן געמאַכט קידוש דער טאַטע אין זיין זילבערנעם כוס אויף אַ פשוטן אופן; נאָך אים האָט געמאַכט קידוש דאָקטאָר בערנאַרדי, וועלכער האָט שטאַרק געציקלט די ווערטער און דערנאָך האָט געמאַכט קידוש שמעון אין דער שטיל. מען האָט זיך געוואַשן און געזעצט צום טיש. די מאַמע האָט אַריינגעטראָגן טעלערלעך מיט פיש און באַלד דערנאָך האָבן זיך די מאַמע, גיטעלע און ראָזע אויך געזעצט ביים טיש. נאָך די פיש האָט גיטעלע אַראָפּגערוימט די ליידיקע טעלערלעך פון טיש און אַריינגעטראָגן זיי אין דער קיך, וועלכע איז געווען אָפּגעטיילט פון עסצימער. שמעון איז איר איצט נאָכגעגאַנגען און זי שטיל געפרעגט:

— גיטעלע, ווער איז דער דאָקטאָר בערנאַרדי? כ'האָב שוין עפּעס געהערט וועגן אים. עפּעס געפעלט ער מיר נישט.

— האָסט באַמערקט, אַז ער האַלט אין איין קוקן אויף מיר?

— יאָ, כ'האָב געזען. וואָס מיינט עס?

— ער שדכנט זיך צו מיר.

— טאָקע, אוודאי פריער, איידער ביסט געוואָרן אַ כלה צו הערשלען.

— אַפילו איצט אויך. ער קריכט מ׳ר אומעטום נאָך. כ׳קען גאָר־נישט פטור ווערן פון אים.

— פון וואַנען קען אים דער טאַטע?

— פון קרעמעניץ. ער איז דאָך דאָרטן געווען. ער האָט דאָס צוגע־רעדט דעם טאַטן, אַז ער זאָל אַנטלויפן פון קרעמעניץ, אָבער ער האָט אויך געהאַט געשעפטן מיט דער חיה־רעה.

— מיט איר?

— יאָ.

— ווען?

— אין דער זעלבער צייט, ווען זי האָט פאַרדרייט דעם קאָפּ דעם טאַטן.

— וואָס דו רעדסט! זי איז דאָך געווען מעוברת!

— נו, עס שפּילט ביי איר נישט קיין ראָלע.

— דו מיינסט מיר טאָקע צו זאָגן, גיטעלע, אַז אין דער זעלבער צייט, וואָס זי איז געווען מעוברת פון טאַטן, איז זי געשלאָפן אויך מיט אים? — האָט זיך שמעון נישט אויפגעהערט צו וווּנדערן.

— כ׳זאָג דאָך דיר, אַז יאָ. ביי איר איז עס גאָרנישט. דאָס איז נישט די איינציקע געמיינהייט, וואָס זי האָט שוין אָפּגעטאָן אין איר לעבן.

— שומו שמים! — האָט שמעון פאַרבראָכן מיט די הענט.

— גיי אַריין צום טיש, שמעון, ס׳פּאַסט נישט. — האָט שרה צו אים געשריגן — וועסט ריידן מיט גיטעלען שפּעטער.

— כ׳וועל דיר אַלץ דערציילן שפּעטער. איצט גיי צוריק אַריין — האָט גיטעלע אים אויך כמעט ווי באַפוילן.

שמעון איז צוריק אַריינגעגאַנגען. דער טאַטע און דאָקטאָר בער־נאַרדי האָבן געזונגען זמירות. באַזונדערס האָט דאָקטאָר בערנאַרדי גע־לאָזט הערן זיין טענאָר־שטימע. ווען דאָקטאָר בערנאַרדי האָט דערזען שמעונען, האָט ער זיך געווענדט צו אים:

— טאָ ווען פאָרט איר, שמעון, קיין ארץ־ישראל?

— גאָר בקרוב — האָט שמעון אים נישט גערן געענטפערט —

באַלד נאָכדעם ווי כ׳וועל צוריקקומען קיין מעדוועדעווקע, וועט מען זיך לאָזן אין וועג אַריין.

— עס איז ממש סכנות נפשות צו פאָרן איצט קיין ארץ־ישראל — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי ווידער אָנגעהויבן — ר׳ בער, איר דאַרפט אים נישט לאָזן איצט פאָרן.

שמעונען האָט זיין וועַנדונג צו זיין טאַטן פאַרדראָסן און ער האָט בכיוון געזאָגט הויך, אַז אַלע זאָלן הערן:

— מיין רבי, ר׳ נחמן, האָט מיר געזאָגט, אַז מיר וועלן פאָרן אַהין בשלום און קומען צוריק בשלום. און אַז ער זאָגט, ווייס ער וואָס ער זאָגט און כ׳בין זיכער, אַז אַזוי וועט זיין.

— אייער רבי ווייס גאָרנישט! — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי אַרויס־געפּלאַצט כמעט מיט כעס — ער איז אַ קראַנקער מענטש! ער רעדט זיך איין זאַכן! ער הערט רייד, וואָס מען רעדט נישט, און ער זעט זאַכן, וואָס זענען נישטאָ. ער האָט אַ קראַנקע פאַנטאַזיע.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט שמעון אים אָנגעקוקט.

— אַ קראַנקע פאַנטאַזיע האָט יענער, וואָס לעבט אין עולם הדמיון, אין אַן אויסגעטראַכטער וועלט און נישט אין דער וועלט פון ממשות. אייער רבי האָט פליגל אין קאָפּ. ער איז אַ בעל־חלומות, עס דוכט זיך אים אויס זאַכן. אָבער אויב אייער רבי וויל איינשטעלן זיין לעבן, קען אים קיינער נישט שטערן דאָס צו טאָן. אָבער ער טאָר נישט איינשטעלן אייך.

— איך זאָג אויך אַזוי! — האָט זיך שרה, וואָס איז אַריינגעקומען פון קיך מיט טעלערלעך פלייש, אָנגערופן — איך וויל אויך נישט, אַז ער זאָל פאָרן.

— דאָס שריי איך דאָך פון ערשטן טאָג, ווען ער איז געקומען אַהער — איז ראָזע צוגעשטאַנען צום כאָר פון די „ביין־זאָגער״ — איך בעט זיך דאָך ביי אים, ווי ביי אַ גזלן, אַז ער זאָל נישט פאָרן. עס איז אַן איינשטעלעניש!

— און איך זאָג, אַז ער זאָל יאָ פאָרן — האָט זיך גיטעלע, אַריינ־קומענדיק פון דער קיך, אַריינגעמישט — עס איז נישט קיין איינשטע־

לעניש! מען וועט אים גאָרנישט טאָן. מען פירט נישט מלחמה מיט זיין רבין און נישט מיט אים. זאָל ער פאָרן און זען די וועלט. ער וועט האָבן אַביסל פאַרגעניגן.

— וואָס פאַר אַ ווערטער רעדסטו דאָס עפּעס? — האָט שרה איר אָנגעקוקט. — וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן וועט ער האָבן צו פאָרן מיט אַזאַ איינעם?

— עס וועט דאָך זיין אַביסל אַנדערש! זאָל ער פאָרן — האָט גיטע־לע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — שוין גענוג געזעסן אין דעם קליי־נעם שטעטל, הינטערן אויוון.

— איך זאָג בפירוש, אַז נישט! — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי שוין נישט גערעדט נאָר כמעט ווי געשריגן — זיין רבי, ר׳ נחמן, איז אַ קראַנ־קער מענטש. ער האָט אַ שגעון ביי זיך אין קאָפּ. ער איז אַ „משוגע לדבר אחד" און מען טאָר זיך נישט צוהערן צו זיינע רייד, ווייל ער וויס נישט וואָס ער רעדט... זאָל ער בעסער קומען צו מיר, און איך וועל אים היילן. שמעון, איר טאָרט זיך פאַר קיין פאַל נישט אַרויסלאָזן אויף אַזאַ נסיעה מיט אַזאַ קראַנקן. עס איז אַ גרויסע סכנה!...

— וואָס איז ער מער משוגע פון אַלע אַנדערע רביים? — האָט גי־טעלע אים בייז אָנגעקוקט. — לויט אייערע רייד קומט דאָך אויס, אַז אַלע רביים זענען משוגעים.

— זיי זענען טאַקע! — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי אויסגעשריגן — זיי זענען הוילע משוגעים, גיטעלע. וואָס מיינט איר איז געווען דער בעל־שם־טוב, ר׳ נחמנס עלטער־זיידע? אַ משוגענער! און ר׳ חיים וויטאַל — אַ משוגענער! דער האר"י הקדוש, ווי זיי רופן אים, וואָס מיינט איר איז ער געווען? — אַ משוגענער! און אַזוי זענען אַלע! זיי זענען פון דעם קלאַס, וואָס זעען זאַכן, וואָס זענען נישטאָ. זיי האָבן האַלוציניאַציעס.

— וואָס איז דאָס ווידער פאַר אַ וואָרט? — האָט שמעון זיך גע־וווּנדערט.

— „האַלוציניאַציעס" מיינט ווען איינער זעט זאַכן, וואָס זענען אין אמתן נישטאָ; ווען איינעם דוכט זיך אויס, אַז ער זעט געוויסע מענטשן,

אָדער ער הערט רייד, ווען קיין שום מענטש איז נישטאָ און ער הערט גאָרנישט.

— אפשר איז עס על פי רוח הקודש! — האָט שמעון פּרובירט צו־צעקלאַפּן זיינע רייד.

— רוח הקודש, שמודש! — האָט זיך דאָקטאָר בערנאַרדי צעלאַכט.
— איר, שמעון, זאָלט אַזוי ניט ריידן! אויב אַזוי, האָבן אַלע משוגעים רוח הקודש. נאַרישקייטן! די גמרא אַליין זאָגט, אַז נאָכדעם, ווי דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן איז צוגענומען געוואָרן דער רוח הקודש פון דער וועלט. עס איז נישטאָ קיין רוח הקודש, עס איז עפּעס אַנדערש. באַ־זונדערס מיט אייער רבינס משפחה. עס גייט שוין ביי זיי איבער בירושה. דער בעש״ט איז געווען אַ קראַנקער מענטש, אַ חולה הנפש. אַזוי איז אויך געווען זיין טאָכטער האָדל, און אַזוי איז אויך איר טאָכטער פייגע, ר׳ נחמנס מאַמע. אַזוי איז אויך איר ברודער, ר׳ ברוך, אַ משוגענער, אַ צע־דרייטער, און אַזוי איז אויך אייער ר׳ נחמן. אַ משפחה פון קראַנקע מענטשן.

— און וואָס איז געווען יעקב פראַנק — האָט זיך ראָזע אָנגערופן — אויב נישט קיין משוגענער?

— דערמאָנט נישט זיין טריפהנעם נאָמען, ווען מען רעדט פון אָרנט־לעכע מענטשן — איז ר׳ בער געוואָרן בייז. — ער איז דאָך געווען אַ שווינדלער, אַן אָפּענער שווינדלער.

— דאָקטאָר בערנאַרדי — האָט שמעון זיך געווענדט צו אים מיט אַ טאָן פון פּראָטעסט — איר דאַרפט אַזוי נישט ריידן וועגן ר׳ נחמ׳נען. איר קענט דאָך אים גאָרנישט!

— איך קען אים גאָרנישט? — האָט זיך דאָקטאָר בערנאַרדי ווידער צעלאַכט — איך קען אים שוין גאָר גוט! איך בין עטלעכע מאָל געווען ביי אים אַלס דאָקטאָר. איך בין געווען ביי אים אין מעזשיבוזש. דערנאָך האָט מיך זיין שווער עטלעכע מאָל גערופן צו אים קיין מעדוועדעווקע... זיין שווער איז אַפילו, ערשט נישט לאַנג צוריק, געקומען אַהער, קיין באַר, צו ריידן מיט מיר וועגן אים.

— ער האָט מיר דאָס גאָרנישט געזאָגט! — האָט זיך שמעון גע־חידושט.

— ער האָט מסתמא נישט געוואָלט, אַז מען זאָל וויסן. ער באַמיט זיך דאָך צו באַהאַלטן עס פאַר דער וועלט.

— מען האָט אָפּגעגעסן דעם צימעס און ר׳ בער האָט שמעונען ווי אַ גאַסט מכבד געווען מיט בענטשן מזומן. שמעון האָט דערווייל געטראַכט, אַז ער דאַרף ריידן אויג אויף אויג מיט דאָקטאָר בערנאַרדי, ווייל נאָך אַלעם איז ער דאָך אַ גרויסער דאָקטאָר און ער ווייס אַ סך וועגן אָט די קראַנקייטן. ער האָט דעריבער געזאָגט צו דאָקטאָר בערנאַרדי באַלד נאָכן בענטשן, אַז ער וויל ריידן מיט אים.

— זייער גוט! — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי אים געענטפערט מיט אַ מילדן טאָן — באַגלייט מיך אַהיים, וועלן מיר אויפן וועג ריידן פון אַלעם.

שמעון האָט מסכים געווען און ביידע זענען אַרויס אויף אַ שפּאַציר.

43

גלייך נאָכדעם ווי זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון הויז, האָט שמעון אָנגעהויבן:

— דאָקטאָר בערנאַרדי, כ׳וויל מיט אייך ריידן פאַרטרויליך. זאָגט מיר, אויף אַן אמת, זייט איר טאַקע זיכער, אַז ר׳ נחמן האָט אַ מין שגעון?

— עס איז ביי מיר קיין שום פראַגע נישט, שמעון, — האָט דאָק־טאָר בערנאַרדי אים געענטפערט מיט אַ פעסטן טאָן. — דאָס איז פאַר מיר אַזוי קלאָר, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר. אַפילו איינער, וואָס איז נישט קיין דאָקטאָר, קען עס גלייך זען, סיי פון זיינע רייד און סיי זיינע האַנדלונגען, פון זיינע התנהגותן. עס איז נישט אַזאַ משוגעת, וואָס מאַכט אַ מענטשן אינגאַנצן מבולבל. ניין. עס איז אַזאַ מין משוגעת, וואָס איין טייל פון מענטש איז משוגע, אָבער דער אַנדערער טייל איז געזונט. אַ האַלבער מענטש איז מיושב און דער אַנדערער האַלבער איז קראַנק. די געזונטע העלפט ווייס, אַז די אַנדערע העלפט איז קראַנק און וויל עס פאַרדעקן פאַר מענטשן. אָבער נישט אַלעמאָל געלינגט עס איר. דערפאַר

אבער האָט די העלפט, וואָס איז קראַנק, אַמאָל אַ שליטה אויך איבער דער אַנדערער העלפט, וואָס איז געזונט. די קראַנקע העלפט לעבט אין עולם הדמיון און זעט זאַכן, וואָס זענען באמת אין לעבן נישטאָ, און דעריבער קען זי זאָגן אַזעלכעס, וואָס קומט אויס ביי אונדז מאָדנע, אָדער זייער געוואַגט. די, וואָס ווייסן נישט, אַז עס קומט פון אַ קראַנקער זייט, מיי־נען דעריבער אַז דער מענטש, וואָס זאָגט אַזוינס איז גרויס, ער איז אַ גאון און מען הייבט אָן צו באַטראַכטן אים שוין אַלס אַזעלכן, כאָטש אין עצם שטאַמט דאָס אַלץ פון אַ נישט געזונטן מקור, פון משוגעת. איר פאַרשטייט מיך, שמעון?

— יאָ, דאָקטאָר בערנאַרדי, איך פאַרשטיי אייך, אָבער איך וויל אייך בעטן, אַז איר זאָלט מיך נישט פּרובירן אָפּצוריידן פון פאָרן מיט ר׳ נחמנען קיין ארץ־ישראל. איך האָב אָפּגעמאַכט ביי מיר צו פאָרן און קיינער וועט עס נישט ענדערן. פאַרשטייט מיך, דאָקטאָר, איך בין זיין פריינט פון די יונגסטע יאָרן אָן און נאָך מער ווי אַ פריינט. איך האָב אים ליב, אהבת נפש, און איך וויל פאָרן מיט אים. אויב ער איז קראַנק, דאַרף איך אַוודאי פאָרן מיט אים, ווייל ווי קען איך אים, אַ קראַנקן, לאָזן פאָרן אַליין אין אַזאַ ווייטן וועג? אָבער איך וויל איבעררעדן מיט אייך עטלעכע זאַכן. איך וויל אייך פרעגן אַ פּאָר פראַגן. וועט איר מ׳יר אויף זיי ענטפערן?

— אויב איך וועל נאָר וויסן דעם ענטפער, שמעון, וועל איך אייך זיכער אים געבן — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי אַנגענומען איצט אָן ערנסט פּנים און דערביי זיך געגלעט איבער דעם צוגעשווירענעם שפּיציקן בערדל.

— דאָס ערשטע וויל איך וויסן, דאָקטאָר, פאַרוואָס ר׳ נחמן האָט מיר געהייסן אָנקויפן פאַר אים אַ סך פּאַפּיר מיט טינט פאָרן אַרויפגיין אויף דער שיף, ווייל ער וויל אַ סך שרייבן. פאַרוואָס וועט ער דאָס אויף דער שיף אַזויפיל שרייבן? פאַרוואָס שרייבט ער איצט גאָרנישט אין דער היים? ער האָט לעצטנס, ווי ווייט איך ווייס, גאָרנישט געשריבן. פאַרוואָס וועט ער פּלוצים ווערן אַזוי שרייבעדיק אויף דער שיף, ווען די זעגלשיף וואַרפט זיך אַהין און אַהער און צו שרייבן איז גאָרנישט אַזוי באַקוועם?

— האָט איר נאָך עפּעס וואָס צו פרעגן, שמעון? — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי אַלץ גערעדט רואיק און געלאַסן.

— יאָ, — האָט שמעון געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט אַלס אַ צייכן, אַז ער זאָל אים נישט איבעררייסן. — איך פאַרשטיי נאָך עפּעס נישט. פאַרוואָס האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל אין די כתבים נישט אַריינקוקן און אַפילו אַ בליק אויף זיי נישט געבן? ביז איצט איז ער גאָרנישט געווען אַזוי שטרענג צו מיר. איך פלעג אַריינקוקן אין זיינע כתבים, וואָס איך האָב געפונען אויפן טיש. פאַרוואָס טאָר איך נישט אַריינקוקן אין זיינע כתבים אויף דער שיף? און אָט דאָס האָב איך אים נישט בלויז גע־מוזט צוזאָגן, נאָר ער האָט פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל אים דערויף געבן די האַנט, און איך האָב עס אויך געטאָן. פאַרוואָס האָט ער אַזוי געוואָלט?

— איז דאָס אַלץ, שמעון?

— ניין, נאָך נישט. איך האָב נאָך צוויי קשיות. די דריטע קשיא איז דאָס, וואָס ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז למען השם זאָל איך זיך נישט דערוועגן צו זאָגן עמיצן, ווער ער איז. איך טאָר עס נישט זאָגן אַפילו, ווען מען וועט צושטיין צו מיר און מיך פּייניקן מיט די גרעסטע יסורים. אָבער פאַרוואָס? וואָס קען עס אים שאַדן? אדרבה, אויב מען וועט וויסן אַז ער, דעם בעש״טס אייניקל, פאָרט קיין ארץ־ישראל, וועט מען אים בעסער באַהאַנדלען און מען וועט מאַכן זיין רייזע לייכטער. טאָ פאַרוואָס נישט זאָגן ווער ער איז?

— און איצט קום איך צו דער פערטער קשיא, די לעצטע. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אויב איך וועל זען, אַז ער וויל שטיפן, זאָל איך אים לאָזן. איך זאָל אים לאָזן שפּילן מיט ייִנגלעך, איך זאָל אים לאָזן אַרויס־שטעלן אַ צונג אויף מענטשן; איך זאָל אים לאָזן זיך אָנטאָן דעם מלבוש אויף דער אַנדערער זייט, מעשה חוזק, און נאָך פיל אַנדערע אַזעלכע זאַכן. פאַרשטיי איך נישט, צו וואָס דאַרף ער מאַכן די אַלע שטיפעריייען? און פאַרוואָס דאַרף איך אים דאָס לאָזן טאָן? וואָס איז ער אויסן מיט דעם אַלעם? און בכלל וויל איך וויסן פאַרוואָס ברענט ער אַזוי מיט דער נסיעה? פאַרוואָס וויל ער אַזוי שטאַרק פאָרן קיין ארץ־ישראל, וואָס איז ער אויסן דערמיט?

— איר האָט מיך געפרעגט פיר קשיות — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי אָנגעהויבן מיט אַ שמייכל — פונקט אַזוי ווי צום סדר. נו, וויל איך אייך ענטפערן מיט איין תירוץ, אַזוי ווי מען טוט ביים סדר פון פסח. דער תירוץ איז דער זעלבער „עבדים היינו“, מיר זענען געווען קנעכט. דאָס מאָל איז עס נישט מיר, נאָר ער. יאָ, שמעון, ער איז אַ קנעכט צו זיינע פיר נשמות. איר ווייסט דאָך אוודאי אַז ר׳ נחמן, אייער רבי, איז נישט איין מענטש, נאָר גאַנצע פיר. יאָ, גאַנצע פיר נשמות שטורעמען אין אָט דעם קליינעם קראַנקן גוף און אָט דאָ, שמעון, ליגט דער תירוץ צו אַלע קשיות און איבערהויפּט פאַרוואָס ער ברענט אַזוי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָס איז צוליב זיין אַמביציע צו זיין דער גרעסטער רבי פון אַלע רביים.

— איר, דאָקטאָר, רעדט מיט אַזעלכע הויכע דאָקטאָרישע ווערטער — האָט שמעון אים איבערגעשלאָגן, — אַז איך פאַרשטיי נישט קיין וואָרט. וואָס איז דאָס פאַר אַ וואָרט, וואָס איר האָט ערשט געזאָגט?

— איר מיינט דאָס וואָרט „אַמביציע“. איר ווייסט נישט וואָס דאָס איז? — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי אים געגומען אונטערן אָרעם — נו, עס מיינט: אַ שטאַרקער פאַרלאַנג. ווען עמעצער האָט אַ שטאַרקן ווילן פאַר אַ זאַך און מען לאָזט נישט אָפּ און מען טוט אַלץ אין דער וועלט דאָס אויסצופירן, רופט מען עס „אַמביציע“. עס מיינט אַ שטאַרקער רצון. אייער רבי האָט אַזאַ אַמביציע, דאָס מיינט אַזאַ שטאַרקן רצון צו ווייזן אַלעמען, אַז ער, דעם בעש״טס אייניקל, איז אַ גרויסער רבי, ער איז דער רבי פון אַלע רביים. אָבער אַזוי ווי מען לאָזט אים דאָ נישט צו צום פּסוק, ווי איר ווייסט דאָך אַליין, מיינט ער, אַז אויב ער וועט פאָרן קיין ארץ־ישראל און די דאָרטיקע רביים וועלן אים אויפנעמען בכבוד גדול און אים צוטיילן כבוד, וועט ער שוין ממילא, ווען ער וועט קומען צוריק, זיין אַ גדול, אַ גרויסער רבי, דער רבי פון אַלע רביים. דאָס איז פאַר וואָס ער ברענט אַזוי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אָבער אַחוץ דעם, קען זיך איצט נישט אַרויסווייזן דאָ מער ווי איין נשמה זיינע — די פון אַ צדיק, און זיינע אַנדערע נשמות ווערן דעריבער אונטערדריקט, איבערהויפּט די שטי־פערישע נשמה, דערפאַר וויל ער דאָס אוועקפאָרן פון דער היים. אין דער

פּרעמד, אויף דער שיף וועט ער קענען טאָן וואָס ער וויל. ער וועט אויף דער שיף קענען שרייבן זיינע פילאָזאָפישע געדאַנקען און זיי קענען אַרויס־ברענגען אויפן פּאַפּיר; ער וועט קאָנען זאָגן דאָס סאַמע שרעקלעכסטע. מעגלעך, אַז ער וועט שפּעטער צערייסן, אָבער ער וויל עס דאָך אַרויס־ברענגען אויפן פּאַפּיר. דאָס זעלבע וועט ער אויך קענען טאָן, ווען עס וועט אים באַפאַלן דער רוח השירה. ער וועט קענען שרייבן שירים וועגן וואָס ער וועט וועלן, און מעגלעך אויך דערנאָך עס וואַרפן אין ים אַריין, אָבער ער וויל נישט, אַז איר זאָלט עס זען, אַז קיין מענטש זאָל עס זען. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ער זאָל שרייבן נאַרישקייטן און ווער ווייס וואָסערע משוגענע געדאַנקען, אָבער ער היט זיך דערמיט פאַר אייך... דער־ריבער איז מיין עצה, אַז כאָטש איר האָט אים געגעבן די האַנט דערויף, אַז איר וועט עס נישט זען, מוזט איר עס זען... עס איז זייער וויכטיק, איר זאָלט עס זען, כדי צו וויסן וואָס ער טראַכט, וואָס פאַראַ משוגענע געדאַנקען ער האָט אין קאָפּ... ער וויל אויך באַפרייען דעם שטיפער אין זיך. דאָס יינגל וואָס בושעוועט אין אים, אַז ער זאָל קענען טאָן וואָס ער וויל, מעשי ילדות, און ער וויל, אַז איר זאָלט אים נישט זאָגן קיין דעה. דערפאַר וויל ער אויך, אַז מען זאָל נישט וויסן ווער ער איז. וואָרום קוים וועט מען וויסן, אַז ער איז ר׳ נחמן, דער רבי, דעם בעש״טס אייניקל, וועט ער דאָך שוין מער נישט קענען זיך נאַריש מאַכן און שפּילן זיך מיט יינגלעך. אָדער מאַכן אַלערליי אַנדערע נאַרישע שטיק. עס פּאַסט דאָך נישט... אָט דאָס איז עס, שמעון... איצט פאַרשטייט איר שוין?

— יאָ, דאָקטאָר, איך הייב איצט אָן צו פאַרשטיין, אַז איר זענט גערעכט. איר האָט מיר ממש געעפנט די אויגן — האָט שמעון צוגעגעבן — אָבער איין זאַך פאַרשטיי איך נאָך אַלץ נישט. איך זע טיילמאָל פון ר׳ נחמנען אַזאַ גרויסקייט, וואָס מען זעט עס נישט ביי אַן אַנדערן. ער זאָגט אַמאָל אַזעלכעס, וואָס קיין בן־אדם האָט עס נאָך נישט געזאָגט, טאָ ווי אַזוי קומט עס צו אים? ווי אַזוי פאַרט זיך משוגעת מיט גרויס־קייט?

— כ׳האָב עס אייך, דוכט זיך, שוין פריער געזאָגט — האָט דאָק־טאָר בערנאַרדי געזאָגט פאַמעלעך, פילנדיק אַז ער האַלט אָפּ אַ נצחון אי־

בער שמעונען — דאָס איז דערפאַר, וואָס דער שגעון מאַכט אים גרויס... דער שגעון מאַכט אים צו זאָגן אַזעלכעס, וואָס אַ סתם מענטש וואָלט עס נישט געזאָגט. נאָרמאַלע מענטשן האָבן נישט די העזה צו זאָגן עפּעס, וואָס איז מאָדנע, אָבער אַ משוגענער זאָגט עס... אַ משוגענער האָט נישט די צוריקהאַלטונג, וואָס עס האָט אַ געזונטער מענטש, פונקט אַזוי ווי אַ קינד וואָס ווייס נישט פון איינהאַלטן זיך און פּלאַפּלט אַרויס עפּעס...

— מיינט איר מיר צו זאָגן, דאָקטאָר בערנאַרדי, אַז גרויסקייט איז שגעון? — האָט שמעון זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט דעם דאָקטאָר בער־נאַרדי גלייך אין פּנים אַריין.

— ניין! — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי אים רואיק געענטפערט — איך זאָג נישט, אַז גרויסקייט איז שגעון... דער רמב״ם איז געווען גרויס, אַ גאון, אָבער ביי אים איז נישט געווען קיין שום שטריך פון שגעון, און אַזוי אויך ביי אַלע אַנדערע יידישע פילאָזאָפן. איך זאָג נאָר, אַז דאָרטן, וווּ עס איז דאָ שגעון, קען זיך אַמאָל אויסדוכטן, אַז עס איז דאָ גרויס־קייט, ווייל עס איז דאָ געוואַגטקייט... איך בין אָבער זיכער, אַז אַלע מקובלים זענען געווען משוגעים. אין „זוהר" זענען דאָ משוגענע רייד, און אַזוי אויך אין פיל ספרים פון די מקובלים... נישט אַזוי פיל ביי די פון דער שפּאַנישער עפּאָכע, וועלכע זענען אַלע געווען אויפן וועג פון חקירה, ווי ביי די איטאַליענישע מקובלים און באַזונדערס ביי די פון ארץ־ישראל. צפת, למשל, איז אַ פעסטונג פון משוגעים, חסר־דעהניקעס און גלאַט פּלאַפּלערס.

דאָקטאָר בערנאַרדי האָט איצט געהאַלטן שמעונען פעסט אונטערן אָרעם און מיט אים שפּאַצירט אין די פינצטערע געסלעך פון שטעטל און געשאַטן פעך און שוועבל אויף די רביים און מקובלים. ער האָט אויסגע־רעכנט אַלע און אין יעדן איינעם געפונען סימנים פון משוגעת... איינער איז ביי אים געווען אַ פערטל משוגענער, אַ צווייטער אַ האַלבער, אַ דריי־טער — דריי פערטל און נאָך אַן אַנדערער איז גאָר אינגאַנצן חסר דעה...

שמעונען איז געוואָרן זייער אומהיימלעך פון ד״ר בערנאַרדיס רייד און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז מיד און וויל גיין אַהיים. ער האָט

זיך אויף גיך באַפרייט פון זיין אָרעם און איז געלאָפן אַהיים, ווי פון שדים געיאָגט.

אַהיימגייענדיק האָט שמעון אויסגעבאַטלט אַלע בייזע חלומות צום דאָקטאָר בערנאַרדיס קאָפּ און געטראַכט ביי זיך, אַז ער איז נאָך אין האַרצן אַ פראַנקיסט, כאָטש ער איז אַוועק פון זיי, ווייל נאָר אַ פראַנקיסט קען ריידן אַזוי קעגן רביים און צדיקים... שמעון האָט איצט געפילט, אַז ער איז עפּעס געוואָרן ווי באַשפּיגן פון אָט דעם דאָקטאָר, וואָס האָט אָפּגעלאַכט פון אַלע זיינע הייליקייטן... אַז ער איז עפּעס געוואָרן פאַראומרייניקט פון אים, דורכן שטיין אין זיינע ד׳ אמות, און ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין, גייענדיק אַהיים אין די ליידיקע געסלעך:

— דאָס, וואָס דאָקטאָר בערנאַרדי האָט געזאָגט, איז נישט אמת! ניין, עס איז נישט אמת!... דאָקטאָר בערנאַרדי זאָגט ליגנס... עס איז שוא ושקר... ער מאַכט פון אַלע קדושי עליון — משוגעים... רחמנא ליצלן! דאָס רעדט פון אים אַרויס דער פראַנקיסט... ער פאַרשטייט נישט קיין הייליקייט... דאָס איז דערפאַר, ווייל ער אַליין שטעקט נאָך אין דער טומאה. ער זעט נישט די שכינה, וואָס רוט אויף זיי... זיי ריידן אַנדערש, נו, אוודאי ריידן זיי נישט ווי סתם מענטשן... אוודאי דאַרף מען זיי פאַרשטיין!... משוגעים זענען זיי? לעכערלעך! כאַ־כאַ־כאַ! ווען זיי וואָלטן געווען משוגעים, ווי אַזוי וואָלטן זיי געקאָנט האָבן אַזאַ השפּעה אויף דער וועלט?... פאַרוואָס לויפן אַזוי די מענטשן צו זיי? אַך, וואָסערע נאַרישקייטן דער דאָקטאָר האָט היינטיקן אָוונט אָנגעפּלאַפּלט!... און ער האָט געטראַכט אים מאָרגן אויסצומיידן... אַפילו נישט עסן מיט אים צוזאַמען ביי איין טיש... ער איז אַ זינדיקער... ער איז אַ בעל־עבירהניק, וואָס וויל אַפילו נישט תשובה טאָן... דאָס בעסטע איז אים אויסצומיידן...

שמעון איז אַריין אין הויז שטיל, ממש אויף די נעגל. עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט און אַלע זענען שוין געשלאָפן. אַפילו ראָזע, וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אָנגעטועכץ, כדי צו וואַרטן אויף אים, האָט אויך שוין געשנאָרכט פון שלאָף. די אָרעמע ראָזע, זי האָט נישט געוואָלט איינשלאָפן און האָט אַלע מאָל אויפגעריסן זיך די אויגן צו זען, צי ער איז שוין דאָ... אָבער זי איז געווען צו מיד און איז איינגעשלאָפן

און געשנאַרכט... שמעון האָט זיך אין דער שטיל אויסגעטאָן און זיך גע־לייגט שלאָפֿן. אָבער עס האָט זיך אים נישט געשלאָפֿן... ער איז געווען צערודערט פֿון דעם שמועס און זיינע געדאַנקען זענען אַרומגעשפּרונגען ביי אים אין קאָפּ אין אַ ווירוואַר... עפּעס מיטאַמאָל האָט זיך אוועקגע־שטעלט ביי אים אין קאָפּ אַ פֿראַגע, וואָס ער האָט פֿון איר פֿריער גאָר נישט געטראַכט. די פֿראַגע איז געווען, צי ער זאָל פֿאָרן מיט ר׳ נחמנען קיין ארץ־ישראל, אָדער בעסער דאָ בלייבן ביי ראַזען... זאָל ער זיך איינ־שטעלן ס׳לעבן אין אַ צייט פֿון מלחמה און פֿאָרן מיט איינעם, וואָס אַ דאָקטאָר זאָגט, אַז עס איז זיכער, אַז ער האָט ביי זיך אַ שגעון, אָדער זאָל ער בעסער בלייבן דאָ און פֿאַרברענגען מיט ראַזען, וועלכע בענקט אַזוי נאָך אים, און וועלכע האָט אים באמת ליב?... דער שכל הישר זאָגט אים, אַז ער זאָל בלייבן. וואָרום וואָס טויג אים איצט ארץ־ישראל? ער דאַרף נישט ווערן קיין רבי! ער דאַרף אויך נישט קומען צוריק מיט דער סמיכה פֿון די רביים פֿון דאָרטן... ער דאַרף נישט פֿאָרן אויף אַ שיף, כּדי צו קענען שרייבן דאָרטן זיינע חקירות, אָדער זיינע שירים און אוודאי נישט כּדי צו קענען זיך נאַריש מאַכן... ער דאַרף דאָס אַלץ נישט! אַ חוץ דעם מיינט דאָס פֿאָרן מיט אים צו נעמען אויף זיך אַ שווערן עול — און פֿאַר־וואָס זאָל ער דאָס טאָן? אין דער צייט, ווען ער זאָל בלייבן אין דער היים, וועט ער האָבן בלויז נחת?... אַ חוץ דעם, וועט דאָך באַלד זיין דבורהלעס יאָרצייט און דערנאָך וועט ער קענען מיט ראַזען חתונה האָבן... נאָך וואָס די גאַנצע קאָפּ־פֿאַרדרייעניש? צו וואָס האָט ער גאָר צוגעזאָגט ר׳ נחמנען, אַז ער וועט פֿאָרן מיט אים? אפשר ווען ער וואָלט אים נישט צוגעזאָגט, וואָלט ר׳ נחמן געזען אַז ער האָט נישט קיינעם וואָס זאָל פֿאָרן מיט אים און וואָלט איינגאַנצן אָפּגעלייגט די נסיעה... אָבער צוריק גע־שמועסט, דאָס וואָס ער האָט צוגעזאָגט מיינט אייגנטלעך גאָרנישט... אויב ער וויל חרטה האָבן, קען ער עס טאָן... ער קען זאָגן ר׳ נחמנען, אַז זיין משפּחה לאָזט אים נישט פֿאָרן, און דאָס איז דאָך דער אמת אויך. ער וועט דאָך נישט זאָגן קיין ליגן... אָבער וואָס וועט זיין, אַז ער וועט אַזוי זאָגן? וועט ר׳ נחמן נישט פֿאָרן? אַ, ניין. ר׳ נחמן איז נישט פֿון די מענטשן, וואָס מען קען זיי איבעראַנדערשן... ער איז אַן עקשן! און וואָס נאָך פֿאַר

אָן עקשן?!... אויב ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פאָרן, וועט ער פאָרן, צי ער וועט פאָרן מיט אים אָדער נישט... ר׳ נחמן קען אַפילו פאָרן אַליין אויך. ער וועט נישט קוקן אויף גאָרנישט... אָבער זאָל ער אָננעמען אויף אַ מינוט, אַז ר׳ נחמן וועט נישט פאָרן, וועט עס טויגן פאַר אים, פאַר ר׳ נחמנען, הייסט עס?... ניין, עס וועט נישט טויגן. ר׳ נחמן האָט געהאַט אַ שטאַרקן קלאַפּ פון די רביים... זיי האַלטן נישט פון אים... ער מוז דע־ריבער עפּעס טאָן... ער איז נישט קיין קלענערער למדן פון זיי און אויך אין קבלה שטייט ער פון זיי נישט אָפּ. אָבער זיי ווילן אים נישט צולאָזן. יאָ, אים, דעם בעל שם טובס אָן אייניקל. אַזוי איז שוין דער סדר העולם... מען וויל נישט צולאָזן אַ נייעם... מען דאַרף זיך איינרייסן... מען דאַרף זיך מאַכן אָן אָרט... און אָט דאָס איז עס וואָס ער, ר׳ נחמן, וויל טאָן... ער וויל קריגן אַ פּאָר גוטע ווערטער פון די רביים אין ארץ־ישראל, און יענע וועלן עס אים זיכער געבן. פאַרוואָס נישט?... ער וועט דאָך ביי זיי גאָרנישט צונעמען! אוודאי, ווען ער זאָל וועלן בלייבן אין ארץ־ישראל, וואָלט נישט געטויגט. זיי וואָלטן אַרויסגעטראָטן קעגן אים. אָבער אַז ער פאָרט צוריק קיין פּאָדאָליע — וואָס שאַדט עס זיי, אַז ער וועט דאָרטן זיין רבי?... און אַז ער וועט צוריקקומען פון דאָרטן אַלס רבי, וועט עס שוין זיין אַנדערש... ניין, ער, ר׳ נחמן, מוז פאָרן. ווען ר׳ נחמן זאָל אים פרעגן צי ער זאָל פאָרן אָדער נישט, וואָלט ער אים געזאָגט: „פאָרן, בלי שום ספק, פאָרן“.

און אויב פאָרן, מוז ער מיט אים מיטפאָרן, ווייל ער קען אים נישט לאָזן פאָרן אַליין... אויב עס זאָל, חלילה, מיט אים זיך עפּעס טרעפן, וועט ער זיך אַ גאַנץ לעבן נישט קאָנען מוחל זיין. ער וועט זיך האַלטן פאַרן שולדיקן... און אויב עס איז אמת דאָס, וואָס דאָקטאָר בערנאַרדי זאָגט, אַז ער ליידט פון אַ שגעון, דאַרף ער אוודאי פאָרן מיט אים. דעמאָלט טאָר ער אים זיכער נישט לאָזן אַליין אין אַזאַ וויטן וועג...

אַי ראָזע? נו, זי וועט וואַרטן! זי האָט שוין אַזוי לאַנג געוואַרט, וועט זי נאָך אַביסל וואַרטן... ווען ער וועט קומען צוריק, וועט ער אויך האָבן אַ ריינעם קאָפּ און אַ קלאָרן געוויסן. ער וועט האָבן געהאָלפן זיין יוגנט־פריינט, וואָס איז איצט זיין רבי. אויב די נסיעה וועט געלינגען, וועט ער

דאָך האָבן געוועזן דער גורם דערצו... וועט ער דאָך האָבן געראַטעוועט ר׳ נחמנס לעבן. יאָ, ריכטיק, זיין גאַנץ לעבן שטייט איצט אין קאָן... און וואָס וועט ער איינשטעלן — גאָרנישט, אַ פּאָר חדשים פון דער נסיעה. ניין, עס קען קיין רייד נישט זיין פון חרטה האָבן. ער וועט באַלד זונטיק, אם ירצה השם, צוריקפאָרן.

אָבער מיט איין זאַך וועט ער פאָלגן דעם דאָקטאָר בערנאַרדי. ער וועט אַריינקוקן אין ר׳ נחמנס שרייבעניש. ער איז געדעכט דערמיט, וואָס ער זאָגט, אַז ער דאַרף האַלטן אַן אויג אויף אים, צו זען ווי ווייט קראַנק ער איז. פון די כתבים וועט ער עס קענען וויסן. ער האָט טאַקע אים געגעבן די האַנט, אָבער ער וועט דאָך נישט אַריינקוקן צוליב זיך, נישט צוליב דעם, וואָס ער וויל עפּעס וויסן פאַר זיין הנאה וועגן, נאָר טאַקע פאַר ר׳ נחמנען, כדי צו זען, צי ער שרייבט נישט קיין משוגעתן... אויב ער וועט זען, אַז עס איז שלעכט, אַז ר׳ נחמן שרייבט זאַכן, וואָס האָבן נישט קיין זין, וועט ער וויסן וואָס צו טאָן. אפשר וועט ער אַמאָל גאָר דאַרפן רופן צו אים אַ דאָקטאָר... ער האַלט טאַקע נישט פון דאָקטאָר בערנאַרדיס רייד, אָבער מיט איין זאַך איז ער געדעכט, דערמיט וואָס ער הייסט אים אַריינקוקן... דאָס וועט ער אים פאָלגן... יאָ, ער וועט, נישט־ווו נישט־וועץ, אַ קוק טאָן אין די כתבים, אָט אַזוי פון אַ זייט...

אָבער כאָטש ער איז געדעכט דערמיט, קען ער דאָך נישט פאַרטראָגן דעם דאָקטאָר בערנאַרדי און וויל זיך נישט מיט אים מער טרעפן... ער מעג זיין געדעכט וועגן ר׳ נחמנס טעמים פאַר דער נסיעה און אויך דער־מיט, פאַרוואָס ער האָט פון אים דאָס אַלץ פאַרלאַנגט, אָבער ער אַליין איז אים עפּעס דערווידער... און ווי ער מאַכט דאָס אייגעלעך צו גיטע־לען!... ער האָט עס באַמערקט... וואָס וויל ער פון אים? ער ווייס דאָך שוין, אַז זי איז אַ כלה... פאַרוואָס לאָזט ער זי נישט אָפּ?... און בכלל צו וואָס קומט ער אַריין צו זיי אינגאַנצן צו עסן ביי זיי שבת?... ער וועט דעריבער אין דער פרי נישט גיין דאַוונען אין דער שול אַריין, נאָר אין חסידים־קלויז, כדי אים אויסצומיידן. אָבער שפּעטער ,ביים עסן, וואָלט ער נישט געוואָלט עסן מיט אים צוזאַמען... אפשר זיך מאַכן קראַנק און עסן שפּע־טער?...

אַזוי האָט שמעון געטראַכט שעהן־לאַנג, ביז ער איז לסוף איינגע־שלאָפן.

44

נאָך אַ כמעט שלאָפלאָזער נאַכט פון צערודערטקייט האָט שמעון זיך אויפגעהויבן גאַנץ פרי און זיך אָנגעטאָן אין דער שטיל, כדי נישט אויפ־צוּוועקן קיינעם. ער האָט איצט אָפּגעמאַכט ביי זיך אַז דאָס בעסטע וועט זיין, ער זאָל היינט אין דער פרי נישט גיין דאַוונען אין שול אַריין צו־זאַמען מיטן טאַטן, כדי זיך נישט ווידער צו טרעפן מיטן דאָקטאָר בער־נאַרדי. ער וועט בעסער גיין אין חסידים־שטיבל און וועט דאָרטן אויך לער־נען אַ בלאַט גמרא... דאָס וועט אַביסל באַרואיקן זיין געמיט... דאָקטאָר בערנאַרדי פאַרשטייט נישט פיל זאַכן... ער איז טאַקע אַ דאָקטאָר און אפשר אַ גוטער דאָקטאָר אויך, אָבער ביי אים זענען אַלע מענשן גלייך... און ווי איז, אַז איינער איז אַ געטלעכער מענטש, וואָס זיינע ווערטער זענען טיף־טיף, אַז מען מוז זיך אונטערגראַבלען זיי צו פאַרשטיין?... ביי אים אָבער איז ר׳ נחמן און סתם אַ ייד איינס און דאָס זעלבע... ווי קומט ער גאָר צו פאַרשטיין ר׳ נחמנען, וואָס איז אַזוי טיף און וואָס יעדעס וואָרט זיינס דאַרף געדרוקט ווערן מיט גאָלדענע אותיות!... וואָס ווייס ער פון ר׳ נחמנס הויכע רעיונות, פון זיין עמקות? ער האָט דאָך קיין שום ידיעה נישט וועגן דעם...

אַזוי טראַכטנדיק האָט זיך ר׳ שמעון אַרויסגעשאַרט פון צימער און איז אַרויס אין גאַס. די צערודערטקייט האָט אים אָבער אַלץ נישט אָפּגעַ־לאָזט... ער איז אַזוי אַוועק אין חסידים־קלויז, וווּ ער האָט געטראָפן שוין עטלעכע איידעמס אויף קעסט זיצן ביי די טישן און לערנען געשמאַק. אין אַן אַנדער ווינקל ווידער זענען געזעסן סתם חסידישע יידן, וואָס האָבן דער־ציילט מעשיות פון רביים... שמעון האָט צו קיינעם קיין וואָרט נישט גע־זאָגט, ער האָט גלייך אַרויסגענומען אַ גמרא בבא קמא און גלייך אָנגע־הויבן פון אָנהייב „ארבעה אבות נזיקין״... ער האָט ווידעראַמאָל און נאָ־כאַמאָל געזאָגט די ווערטער, אָבער דאָך, ווייטער גייט עס נישט... עפּעס כסדר קומען אים אין קאָפּ אַריין דעם דאָקטאָר בערנאַרדיס ווערטער: „זיי

פאַרזיכטיק, שמעון, דיין רבי איז נישט ביי די בעסטע רעיונות... ער איז אַ חולה הנפש...״

— נישט אמת! — האָט שמעון הויך אַ געשריי געטאָן אַזוי, אַז אַלע מענטשן האָבן זיך אומגעקוקט און געווענדט זייערע בליקן צו אים. שמעון האָט דאָס באַמערקט און זיך פאַרשעמט און גלייך זיך גענומען שאָקלען און זאָגן הויך: „ארבעה אבות נזיקין״...

פלוצים האָט פון ערגעצוואו אַרויסגעשאַרט זיך די ברייט־ביינערדיקע פיגור פון ר׳ אשר צימעס, אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ פּאָר ליכ־טיקע, קלוגע אויגן און מיט אַ רויטלעכער באָרד, און נאָכן צורעכטמאַכן זיין גאַרטל אויף דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, האָט ער אַראָפּגעצויגן זיין גרויסן וואָלענעם טלית איבערן קאָפּ, איז צוגעגאַנגען צום עמוד און אַ ברום אַרויסגעטאָן מיט אַ שבתדיקן ניגון:

— נשמת כל חי תברך...

באַלד האָבן אַלע איידעמס אויף קעסט פאַרמאַכט די גמרות און די חסידים האָבן איבערגעריסן זייערע מעשיות און זיך געשטעלט דאַוונען, מיט פיל פרייד, געזאַנג און מיט אַ פּאַטשן אין די הענט... אַנדערע, ווידער, זענען געלאָפן איבערן שטיבל הין און צוריק, פון וואַנט צו וואַנט. אַזוי איז געווען צו שחרית. דערנאָך האָט מען געלייענט אין דער תורה און זיך געשטעלט דאַוונען מוסף מיט נאָך מער פייער און ברען, און עס איז שוין געווען זייער שפּעט אין טאָג אַריין, ווען שמעון איז אַוועק אַהיים.

שמעון האָט איצט געטראַכט וואָס צו טאָן, כדי אויסצומיידן דעם דאָקטאָר בערנאַרדי. ער האָט זייער שטאַרק נישט געוואָלט זיצן מיט אים ביי איין טיש. ער איז דעריבער איצט געגאַנגען פּאַמעלעך אַהיים טראַכטנ־דיק, ווי אַזוי דאָס צו טאָן. פלוצים איז אים איינגעפאַלן, אַז ער זאָל זאָגן, אַז ער פילט זיך נישט גוט. אַז דער קאָפּ טוט אים וויי און אַז ער וויל איצט נישט עסן. דער געדאַנק איז אים שטאַרק געפעלן און ער האָט ביי זיך איבערגעחזרט דאָס צו זאָגן, ווי נאָר ער וועט עפענען די טיר פון דער היים.

ווען שמעון איז אַריינגעקומען האָט ער געטראָפן ווי אַלע זיצן שוין

בײם טיש, עסנדיק שוין די פיש. אָבער באַלד איז זײַן מוטער, אַ פאַר־זאָרגטע, צוגעלאָפן צו אים מיט אַ געשרײ:

— וו ביסטו געווען אַזוי לאַנג? כ׳קלער דאָך שוין איבער וועגן דיר! אַזוי לאַנג האָט געדויערט ס׳דאַווענען? נו, גײ שוין, מאַך קידוש. דו מוזט שוין זײַן גוט הונגעריק.

— מאַמע — האָט שמעון זיך געשטאַרקט צו זאָגן די אײַנגעחזרטע עטלעכע ווערטער — כ׳פיל זיך עפּעס נישט גוט, דער קאָפּ טוט מיר וויי... כ׳וועל עסן שפּעטער.

— וויי איז מיר! — האָט זײַן מאַמע אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש, און גלײַך גענומען טאַפּן זײַן שטערן, צי ער האָט נישט קײן היץ — וואָס איז דיר, מײַן קינד? אפשר איז עס אַן עין־הרע! מען דאַרף אַריבערגײן צו ר׳ יחיאלן מלמד, אַז ער זאָל אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע. איך לויף שוין אַריבער...

אָבער באַלד איז אויך צוגעקומען צו אים ראָזע מיט אַ פּאַר דער־שראָקענע אויגן און אים שטיל געפרעגט:

— שמעון, וואָס איז דיר? זאָג מיר, וואָס זאָל איך טאָן פאַר דיר?

אָבער ערגער פאַר אַלץ איז געווען פאַר שמעונען דאָס, וואָס דאָקטאָר בערנאַרדי האָט זיך אויפגעהויבן פון זײַן פּלאַץ און איז אויך צוגעקומען צו אים און געהייסן אים אַרויסשטעקן זײַן צונג און דערבײַ אָנגעכאַפּט זײַן האַנט צו פילן דעם פּולס און געזאָגט צו אַלע:

— גייט צוריק יעדערער אויף זײַן פּלאַץ. מען דאַרף גאָרנישט טאָן. איר דאַרפט זיך נישט שרעקן, איר האָט דאָך אַ דאָקטאָר אין הויז.

שמעון האָט גלײַך אײַנגעזען, אַז ער האָט זיך מיט זײַנע ווערטער נאָך ערגער געמאַכט און אַז איצט וועט ער האָבן כסדר דעם דאָקטאָר בער־נאַרדי נעבן זיך, וואָס וועט אים אויספרעגן און אַרומטאַפּן, און דאָס איז פאַר אים געווען ערגער פאַר אַלץ. ער האָט דעריבער גיך געזאָגט צו אַלע־מען:

— וואָס מאַכט איר אַזאַ טומל? ס׳איז גאָרנישט. איך בין געזונט. כ׳האָב געהאַט אַביסל קאָפּ־ווייטיק באַלד אין דער פרי, אָבער איצט איז מיר שוין בעסער.

און ער איז גלייך צוגעגאַנגען צום טיש און געמאַכט קידוש איבער אַ גלעזל בראַנפן, זיך געוואַשן צום עסן און זיך געזעצט עסן, טראַכטנדיק זיך דערביי, אַז ס׳איז בעסער שוין צו עסן צוזאַמען מיט אים, ביי איין טיש, איידער דער דאָקטאָר זאָל אים באַרירן און באַטאַפּן שעהן־לאַנג.

דער שמועס, וואָס איז אָנגעגאַנגען פריער ביים טיש, איידער שמעון איז אַריינגעקומען און וועלכער איז מיט זיין אַריינקומען איבערגעריסן געוואָרן, האָט זיך ווידער באַנייט, ווען גיטעלע האָט גענומען ריידן, צו ענטפערן דעם דאָקטאָר בערנאַרדי אויף זיינע טענות.

— ס׳איז נישט אמת, דאָקטאָר, די קייזערין יעקאַטערינאַ די צווייטע האָט גאָרנישט געטאָן פאַר יידן. זי איז אין אָנהייב טאַקע געווען פריינט־לעך צו אונדז און געוואָלט פאַר אונדז עפּעס טאָן, אָבער איר סוויטע, וועלכע איז באַשטאַנען פון לויטער שונאי ישראל, האָט איר נישט גע־לאָזט. די איינציקע זאַך, וואָס זי האָט יאָ געטאָן איז געווען דאָס, וואָס זי האָט געהייסן, אַז אין די פּראָטאָקאָלן זאָל מען נישט אָנרופן די יידן „זשיד״, נאָר „יעווריי״. אָט דאָס איז אַלץ. פאַרקערט נאָך, פיל יידן פון די ניי־צוגעקומענע געגנטן פון פוילן האָבן פאַרלאָרן פיל פון זייערע רעכט. איר רייסט זיך דעריבער, דאָקטאָר, בחינם דעם פּעלץ פאַר איר. פאַר דער גאַנצער צייט פון איר הערשאַפט, פון יאָר 1789 ביז צו איר טויט אין יאָר 1796, איז זי קיינמאָל נישט געווען גוט צו יידן.

— גאַנץ ריכטיק — האָט ר׳ בער צוגעשטימט קלאַפּנדיק מיט זיין פויסט אויפן טיש. — נאָך דער צווייטער און דריטער צעטיילונג פון פוילן זענען צוגעקומען צו רוסלאַנד גרויסע לאַנד־טיילן, ווו עס האָבן געוווינט אַ סך יידן. נו, וואָס האָט די קייזערין געטאָן פאַר זיי? איך וועל אייך זאָגן. די ערשטע זאַך איז געווען דאָס, וואָס זי האָט באַפוילן נישט אַרויסצולאָזן די יידן פון יענע לענדער קיין רוסלאַנד און אויך צו פאַרערגערן זייער לאַגע דאָרטן, ווו זיי זענען. איידער עס איז פאַרגעקומען די צווייטע צע־טיילונג פון פוילן האָט זי שוין צוגעגרייט אַ פּלאַן, אַז די יידן זאָלן נישט קענען זיך אַרויסרירן פון זייערע ערטער און האָט געשאַפן די „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי״, דעם „תחום המושב״, ווו די יידן מוזן וווינען. אָט דאָס איז וואָס זי האָט אויפגעטאָן פאַר יידן.

— דאָס איז געקומען — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי איבערגעהאַקט די רייד פון ר' בערן — נישט פון אויבן, נאָר פון אונטן, פון די גוישע „קופּצעס", וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר דער יידישער קאָנקורענץ. יידישע סוחרים פון צוויי נייע גובערניעס, מאָהילעוו און פּאָלאָצק, זענען געקומען קיין סמאָלענסק און מאָסקווע און גענומען דאָרטן פאַרקויפן זייערע געוועבטע סחורות זייער וואָלוול און אַלע זענען געלאָפן צו זיי. דאָס האָט אויפגערעגט די סוחרים פון מאָסקווע און זיי האָבן דערלאַנגט אַ פּעטיציע צום מיליטערישן גובערנאַטאָר, אַז ער זאָל די יידן נישט מער אַריינלאָזן, ווייל זיי מאַכן זיי קאָנקורענץ. אין דער פּעטיציע האָבן זיי געזאָגט, אַז אויב מען וועט אַריינלאָזן די יידן קיין מאָסקווע, וועלן זיי מאַכן אַ סוף צו דער שטאָט. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז מען האָט די יידן פאַרבאָטן צו קומען קיין מאָסקווע און סמאָלענסק, און שפּעטער האָט מען בכלל פאַרבאָטן די יידן פון די נייע פּראָווינצן צו קומען קיין רוסלאַנד. פונדעסטוועגן האָט דאָך יעקאַטערינאַ געגעבן בירגער־רעכט די יידן פון ווייס־רוסלאַנד און אויך די יידן פון יעקאַטערינאָסלאַווער פירשטנטום.

— אָבער, דאָקטאָר בערנאַרדי, — האָט ראָזע קוים אָפּגעוואַרט ביז דער דאָקטאָר האָט געענדיקט — איר פאַרגעסט גאָר אָן די גרויסע פּאַראַדאָקסע, וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף די יידן. די יידן צאָלן דאָך דאָפּלט, אין פיל ערטער אַפילו דריי מאָל אַזוי פיל ווי די גוים.

— און איז דען די יידישע לאַגע בעסער געוואָרן? — האָט גיטעלע צוגעגעבן אין דער שטיל. — מען האָט אין אָנהייב געזאָגט, אַז דער קייזער פּאַוועל דער ערשטער וועט זיין בעסער צו אונדז, אָבער ווו איז די בעסערקייט? וואָס האָט ער געטאָן פאַר די יידן? פאַרקערט, אָט האָט מען אַריינגענומען קורלאַנד און עס פאַראייניקט מיט רוסלאַנד, אָבער די יידן דאָרטן האָט מען אָוועקגעשטעלט אין דער לאַגע פון אַלע אַנדערע יידן, וואָס וווינען אין דער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי". ער האָט אַפילו נישט געוואָלט ענדערן דאָס, וואָס די קייזערין יעקאַטערינאַ האָט געהאַט באַשטימט דעם פּאָעט דערזשאַווין צו פאָרן איבער די יידישע שטעט און שיקן פון דאָרטן באַריכטן וועגן די יידן. אַלע ווייסן, אַז דערזשאַווין איז אַ גרויסער שונא ישראל, אָבער דאָך לאָזט מען אים אַרומפאָרן און שיקן פאַלשע ידיעות.

— די חסידים דאַרפן דאָך יאָ זיין צופרידן מיטן קייזער פּאַוועל — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי געוואָלט געבן אַ שטאָך אין האַרצן גיטעלען און שמעונען — איר חסידים האָט דאָך אַ גרונט צו זיין צופרידן פון אים, ווייל ער האָט דאָך באַפרייט אייער רבין פון פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, ווי הייסט ער דאָרטן, אייער רבי, ר׳ שניאור זלמן פון ליאַזשנע, נאָכדעם ווי עס איז געווען אַזאַ ערנסטע אָנקלאָגע קעגן אים.

— איר האָט געדאַרפט זאָגן: אַזאַ געמיינע מסירה אויף אים מצד די מתנגדים — האָט זיך שוין גיטעלע געקאָכט — **אַזאַ געמיינקייט!** דאָס אויסרופן איין חרם נאָכן אַנדערן אויף די חסידים איז זיי געווען נאָך צו ווייניק, אַז זיי האָבן געמוזט נאָך מסרן **דעם רבין, אַז ער איז אַ מורד במלכות!** ווי אַזוי האָבן יידן דאָס גאָר געקאָנט טאָן?! ווי אַזוי האָבן זיי געקאָנט אויפשרייבן אַזאַ מסירה! און נאָך אין וועמענס נאָמען! אין נאָמען פון ווילנער גאון, אין נאָמען פון אָט דעם צדיק אין פּעלץ, וואָס איז כלומרשט געזעסן און געלערנט, אָבער הינטן־אַרום האָט ער אונטערגעשריבן אַ מסירהלע אויף אַ גאון, וואָס איז געווען נישט קלענער ווי ער. און אפשר פיל גרעסער.

— קאָך זיך נישט, גיטעלע — האָט זיך שמעון אַריינגעמישט, כאָטש ער האָט געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט צו פירן קיין וויכוחים מיטן דאָקטאָר — דאָס חסידות פאַרשפּרייט זיך להכעיס די מתנגדים. זאָלן זיי טאָן וואָס זיי ווילן, אָבער חסידות האַלט אָפּ איין נצחון נאָכן אַנדערן. גאַנץ וואָלין, גאַנץ קיעווער געגנט און גאַנץ פּאָדאָליע איז שוין פול מיט חסידים־שטיבלעך און די חסידים דאָרטן האָבן שוין די גאַנצע דעה אין די קהילות אויך. זיי זענען די פירער אין אַלע שטעט און מען דאַוונט דאָרטן על פי נוסח ספרד. אין רייסן איז דאָ אַ צאָל חסידים אין אַלע שטעט מיטן ליאַזשנער רב בראש. אמת, דאָרטן זענען נאָך נישטאָ קיין גאַנצע שטעט, וואָס זענען אין חסידישע הענט, אָבער אומעטום זענען דאָ אַ גרויסע צאָל חסידים. אַפילו אין ליטע זענען אויך שוין דאָ חסידים־שטיבלעך און באַזונדערס אין אַמדור און אין ווילנע. אין מינסק האָט די קהילה מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרמאַכט דאָס חסידים־שטיבל, האָבן די חסידים באַלד געשאַפן אַן אַנדער שטיבל ערגעץ אין אַ זייטיקער גאַס. אין

ווילנע איז דאָ אַ חסידים־שטיבל ממש נעבן דעם ווילנער גאונס קלויז. אין פּינסק האָט די קהילה נישט דערלאָזט קיין חסידים־שטיבל און האָט אַרויס־געטריבן פון דאָרטן ר׳ לוי יצחקן. נו, איז דערפאַר דאָ אַ גרויס חסידים־שטיבל גלייך איבער דער בריק אין קאַרלין, וווּ עס וווינט דער גרויסער רבי, ר׳ אַהרן קאַרלינער. זיין נאָמען איז שוין אַזוי פאַרהייליקט געוואָרן ביי אַלעמען, אַז מען רופט זיינע חסידים „די קאַרלינער". נישקשה, מיר, חסידים, האָבן שוין איצט הונדערטער טויזנטער, וואָס זענען גרייט אַפילו אויף מסירת נפש.

— איר ווייסט דאָך, מן הסתם, שמעון, — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי אים ווייטער געוואָלט געבן אַ שטאָך — אַז דער ווילנער גאון האָט אַרויס־געלאָזט אַן אויפרוף, אין וועלכן ער רופט אָן די חסידים „פושעים" און „עוכרים".

— ווער איז ער דאָס געווען, וואָס זאָל זיך דערלויבן אָנצורופן אַזוי פיל ערלעכע יידן, וואָס זענען נישט ערגער ווי ער, מיט אַזעלכע נעמען? — האָט גיטעלע אויסגעשריען — וואָס האָט ער געוואָלט, אָט דער גאון מיט זיינע אויפרופן, אַז יידן זאָלן אָנפאַלן אויף די חסידים און זיי אויס־ראָטן?! אָדער האָט ער געוואָלט, אַז יידן זאָלן פירן צווישן זיך מלחמות און אַז עס זאָל זיך גיסן יידיש בלוט?!

— אָבער פון דער אַנדערער זייט — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי איר איבערגעשריען — איז עס שיין געווען, אַז די חסידים זאָלן טאַנצן און זיך משמח זיין אויפן טויט פון גאון?

— קודם כל — האָט שמעון אַ מאַך געטאָן מיט די הענט, כדי דעם דאָקטאָר איינצושטילן — קודם־כל האָבן דאָס נישט געטאָן אַלע חסידים פון ווילנע, נאָר בלויז עטלעכע מענטשן, יאָ, עטלעכע מענטשן, פאַרבי־טערטע פון די חרמות און אויפרופן האָבן זיך געפרייט דערויף, וואָס זייער הויפּט־קעגנער איז שוין טויט. אָבער מיט וואָס האָבן די מתנגדים דערויף געענטפערט? זיי האָבן געמאַכט אַן אמתן פּאָגראָם אין פיל חסידישע היי־זער און אויך פיל חסידים געשלאָגן. דערנאָך האָבן זיי געשאַפן אַ וועד פון 15 מענטשן, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען דערמיט עוקר צו זיין מן השורש

די חסידים. אָט דער וועד האָט עס געמסרט דעם ליאָזשנער רב צו מלכות. נו, דאָקטאָר, וואָס זאָגט איר איצט דערצו?

— וואָס איך זאָג — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי אָנגעהויבן מיט אַ פאַרטיידיקונג־טאָן — אוודאי האַלט איך נישט פון מסירות. דאָס איז נישט שיין און פאַסט נישט פאַר יידן. אָבער מיט וואָס זענען די חסידים בעסער פון, למשל, די פראַנקיסטן? זיי דרייען אויך אַ קאָפּ מיטן „זוהר״, פונקט אַזוי ווי יענע; זיי ווילן אויך מאַכן ענדערונגען אין אונדזער אמונה; זיי זאָגן אויך, אַז געוויסע זאַכן, וואָס די רבנים זאָגן, אַז מען טאָר נישט, מעג מען יאָ; זיי זאָגן אויך אַזוי ווי יענע, אַז דאָס דאַווענען איז נישט דער עיקר און נאָך אַזעלכע זאַכן. טאָ מיט וואָס זענען זיי בעסער?

— וואָס רעדט איר, דאָקטאָר בערנאַרדי? — איז שוין ר׳ בער אַרויס פון די כלים — איר פאַרגלייכט די חסידים מיט די פראַנקיסטן, ימח שמם, און זאָגט אַפילו נישט קיין „להבדיל״? די חסידים זענען דאָך יידן, פרומע יידן. נו, זאָגן זיי, אַז מען דאַרף דאַווענען על פּי „נוסח ספרד״, איז וואָס איז דאָ שלעכטס? איז דען „נוסח ספרד״ — גוייש? זיי לערנען טאַקע אויך „זוהר״, אָבער זיי זאָגן נישט, אַז דער „זוהר״ הייסט טאָן געמיינע זאַכן. די חסידים זענען פרומע יידן, וואָס זיצן און לערנען גמרא. האָבן די פראַנקיסטן דען געלערנט גמרא? זיי האָבן דאָך געוואָרפן בלויז שמוץ אויף דער גמרא און צום סוף געפּועלט ביי זייער בישאָף, אַז מען זאָל די גמרות פאַרברענען. קען מען דאָס זאָגן אויף די חסידים? טאָ וואָס מאַכט איר, דאָקטאָר בערנאַרדי, פאַר אַ פאַרגלייך? איך בין אויך נישט קיין חסיד, אָבען פאַרגלייכן זיי מיט די פושעי ישראל, די פראַנ־קיסטן, דאָס טאָר מען פאַר קיין פאַל נישט.

— איך וועל אייך ווייזן, ר׳ בער, וואָס צוויי וויכטיקע מענטשן זאָגן וועגן די חסידים — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי ווידער געזאָגט אין אַ שול־דיקן טאָן — איך וויל בלויז, אַז איר זאָלט מיך אויסהערן און טאַקע איר, גיטעלע, און שמעון אויך. איך ווייס נישט צי איר האָט געהערט פון איי־נעם שלמה מיימון, איז אייך באַקאַנט דער נאָמען?

— איך האָב געהערט פון אים, ער איז אַ נייער פילאָזאָף — האָט

גיטעלע שטיל באַמערקט — מען האַלט פון אים איצט שטאַרק אין דייטשלאַנד.

— ריכטיק — האָט דאָקטאָר בערנאַרדי אונטערגעכאַפּט, — אָבער ווייסט איר, אַז ער איז אַ יידישער בחור, אַ ישיבה־בחור, פון נעסוויזש, מינסקער גובערניע. יאָ, ער איז געווען אַן עילוי און איז קאַליע געוואָרן און געפאָרן קיין דייטשלאַנד שטודירן. ער האָט נישט לאַנג צוריק אַרויסגעגעבן אַ בוך אויף דייטש, וווּ ער באַשרייבט די געשיכטע פון זיין לעבן. איך האָב דאָס בוך. האָב איך זיך פון דאָרטן אָפּגעשריבן צוויי שטעלן וואָס ער דערציילט וועגן די חסידים. איר מעגט עס הערן. עס וועט נישט לאַנג געדויערן. ער דערציילט דאָרטן פון זיינעם אַ באַזוך ביים מגיד פון מעזריטש, דער רבי ר׳ בער, וואָס איז נאָכן בעש״ט געוואָרן דער הויפּטפירער ביי די חסידים. איך וויל אייך לייענען געננוי, וואָס ער שרייבט. (ער נעמט אַרויס אַ שטיקל פּאַפּיר פון זיין וועסט־קעשענע). צום ערשטן באַשרייבט ער ווי ער איז געזעסן שבת ביים טיש פון מגיד און דער מגיד האָט געזאָגט תורה״. איצט, הערט (לייענט דאָס פּאַפּירל): „עס שטייט געשריבן אין תהילים, קאַפּיטל קמ״ט: הללויה, שירו לה׳ שיר חדש, תהילותו בקהל חסידים״. זינגט צו גאָט אַ ניי געזאַנג, זיין לויב איז אין דער געמיינדע פון חסידים. איז דאָך אַ קשיא, פאַרוואָס עפּעס אַ ניי געזאַנג צווישן חסידים? פאַרוואָס טויג נישט דער אַלטער געזאַנג? איז דער תירוץ אַזוי: פריער פלעגט מען לויבן גאָט פאַר די וווּנדער, וואָס ער טוט מיט אונדז, מענטשן, אָבער זינט עס זענען אויפגעשטאַנען די צדיקים, וואָס טוען אויך אויף גרויסע וווּנדער, ממש ווי דער רבונו של עולם, טאָ קען מען אים דאָך שוין נישט לויבן מער פאַר די וווּנדער, ווייל די צדיקים זענען ביכולת צו טאָן פּונקט דאָס זעלבע, וואָס גאָט. דעריבער, זאָגט דער פּסוק, דאַרף מען געפינען אַן אַנדער זאַך, אַ ניי געזאַנג, צו קענען לויבן גאָט צווישן חסידים״. נו, ווי געפעלט אייך אַזאַ זאַך? צו זאָגן, אַז די רביים טוען די זעלבע וווּנדער, ווי גאָט און אַז מען קען שוין גאָר נישט לויבן גאָט דערפאַר און מען דאַרף אויסזוכן עפּעס אַן אַנדערע זאַך! ווי געפעלט אייך אַזאַ געמיינהייט?... (אָטעמט אָפּ) און איצט וועל איך אייך לייענען נאָך אַ זאַך. אויך אַ קורץ שטיקל, וואָס ער שרייבט וועגן די חסי־

דים. איך מעגט דאָס הערן. ער שרייבט אַזוי: „עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מיין הויכע מיינונג וועגן דעם צדיק האָט געגומען פאַלן. איך האָב איינגעזעהן, אַז אַלע זייערע אויסטייטשונגען פון פסוקים זענען באַגרינדעט אויף שקר און אַז ווער עס האָט געהערט זייערס אַ „תורה" איין מאָל, וועט שוין מער נישט האָבן ביי זיי וואָס צו הערן. אויך זייערע מופתים לאָזט זיך דערקלערן דורך דעם, וואָס זיי קריגן דורך בריוו אין פון מענטשן אַביסל ידיעות וועגן די מענטשן, מיט וועלכע עס געשעהן כלומרשט די מופתים. אַביסל קריגן זיי אויך אַרויס פון די מענטשן גופא, דורך אויספרעגן זיי אויף אַ כיטרען אופן. אַזוי אַרום ווערן זיי באַרימט אַלס גרויסע צדיקים, „טוער פון וווּנדער", וואָס עס איז אין אמתן פאַלש און ליגן"... (כאַפּט אָפּ דעם אָטעם) אָט אַזוי שרייבט אַ מענטש, וואָס איז ערלעך און וועלכער רעדט נישט פון אויסווייניק, איינער, וואָס איז געווען ביי זיי און האָט אַליין אַלץ געזען... און איצט וויל איך אייך בעטן צו האָבן מיט מיר נאָך אַביסל געדולד און איך וועל אייך ברענגען נאָך אַן עדות, דאָס איז דער דובנער מגיד.

— דער דובנער מגיד, ר' יעקב קראַנץ, ער איז דאָך אַ שם־דבר — האָט ר' בער באַמערקט מיט אַ שמייכל, — ער איז דאָך ממש אַ וווּנדער מיט זיינע משלים. דער ווילנער גאון האָט דאָך שטאַרק געהאַלטן פון אים.

— נו, גוט, וועל איך אייך דערציילן בלויז צוויי שיינע וויצן פון אים, וועגן די חסידים — האָט איצט דאָקטאָר בערנאַרדי טריאומפירט — מען דערציילט אַזוי: דער דובנער מגיד איז אַמאָל געקומען צום מגיד פון מעזריטש, האָט ער מיט אים פאַרבראַכט אַ שבת. שבת־צו־נאַכט זעט ער, ווי דער רבי ר' בער זינגט און די חסידים טאַנצן. צעלאַכט ער זיך אויפן קול. פרעגט אים דער רבי פון וואָס ער לאַכט. רופט זיך אָן דער דובנער און זאָגט אַזוי: „איך זעגט ביי מיר ווי אַ פריילעכע באַנדע ציגיינער, אָבער ביי אייך איז פונקט פאַרקערט ווי ביי די ציגיינער. ביי זיי זינגען די ציגיינער און דער בער טאַנצט, אָבער ביי אייך טאַנצן גאָר די חסידים און דער בער זינגט". דאָס איז געווען אַ שטאָך אויפן רבין, ר' בער, וואָס האָט געזונגען. און איצט נאָך איין וויץ, אויך פון דובנער, וועגן די חסידים און איך בין פאַרטיק. דער דובנער מגיד איז איינמאָל אַריינגעפאַלן צווישן

חסידים. האָבן די חסידים צו אים געזאָגט: „אייגנטלעך דאַרף מען אייך געבן אַ „משכנתא“, דאָס הייסט אַריבערציען איבערן טיש און אַרייג־שמייסן, ווי די חסידים זענען זיך נוהג, אָבער אויב איר וועט אונדז דער־ציילן אַ שיינעם משל, וועלן מיר אייך אָפּלאָזן, אָבער מיר וועלן זיך אויס־ריידן מיט אייך איין תנאַי, אַז איר זאָלט נישט ענדיקן מיט אַ פּסוק, ווי איר טוט אַלע מאָל. רופט זיך אָן דער דובנער: גוט, איך האָב אַ משל. אַ רב איז איינמאָל געגאַנגען אין פעלד אַריין מיט זיינע תלמידים, האָט ער זיי אָנגעזאָגט, אַז טאָמער וועט אָנלויפן אַ הונט, זאָלן זיי זיך נישט שרעקן, נאָר בלויז זאָגן דעם פּסוק „ולכל בית ישראל לא יחרץ כלב לשונו“, וועט דער הונט אַנטלויפן. אַזוי ווי זיי גייען אַזוי, לויפט אָן אַ באַנדע הינט. נעמט דער רב לויפן. לויפן אויך די תלמידים ביז זיי זענען אַוועק זייער ווייט. ווען דער רב האָט שוין נישט געזען די הינט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. שטעלן זיך די תלמידים אויך אָפּ. פרעגן זיי אים: „רבי, פאַרוואָס האָט איר נישט געזאָגט דעם פּסוק“? רופט זיך אָן דער רב צו זיי: „איך האָב געוואָלט, אָבער זיי זענען מיך באַפאַלן און נישט געלאָזט זאָגן דעם פּסוק!“

— דאָס איז אַ ווערטל — האָט ר׳ בער געשמייכלט — יאָ, דאָס זענען אַלץ ווערטלעך. נו, גוט, מיר ווייסן, אַז דער דובנער איז געווען אַ מתנגד, אָבער ער האָט מער ווי אַ וויץ אָדער אַ ווערטל נישט געזאָגט קעגן זיי. ער איז נישט אַרויסגעטראָטן קעגן זיי, לאָמיר זאָגן מיט אַ דרשה — אָט דאָס נישט. זעט איר, קעגן וועמען ער טרעט יאָ אַרויס, דאָס איז קעגן דער נייער חברה אין בערלין, די „משכילים“. זיי זענען נאָך נישט ביי אונדז אַזוי פאַרשפּרייט, אָבער דאָס זענען אמתע שמדניקעס. איך האָב אים אַמאָל געהערט ריידן וועגן זיי. ער האָט וועגן זיי אויך דערציילט אַ שיינעם משל, אָבער איך געדענק אים שוין נישט. זעט איר, זיי זענען געפערלעכער ווי די חסידים. זיי זענען אמתע אפּיקורסים, כאָטש זיי באַ־האַלטן דאָס אויס. איר פאַרשטייט דאָך, אַז איך מיין די, וואָס גייען נאָך בלינדערהייט דער נייער תורה פון משה דעסויער, אָדער ווי זיי רופן אים, משה מענדעלסאָן. אָט דאָס איז אַ נייע צרה, ווייל זייערע וועגן פירן צו שמד. וואָרום מען זעט דאָך וואָס עס ווערט פון זייערע קינדער און קינדס־

קינדער. עס איז שוין איצט דאָ צווישן זיי זייער פיל משומדים און אַפילו שונאי ישראל אויך. אָט פון זיי דאַרף מען זיך היטן. זיי זענען ביי מיר פונקט אַזוי ווי פראַנקיסטן.

— און ביי מיר נישט! — האָט זיך גיטעלע אַנטקעגנגעשטעלט — אַלץ, וואָס זיי ווילן איז — אריינטראָגן אַביסל ליכט אין די פינצטערע יידישע הייזער... זיי ווילן בילדונג, השכלה, „פּראָסוועשטשעניע" און די רעגירונג ביי אונדז וויל עס אויך. אונדזער רעגירונג וויל איצט פאַר־שפּרייטן מער אויפקלערונג ביי יידן.

— אויפקלערונג? אָבער וואָס? וואָס מיינט דאָס? — האָט ר' בער איר אָנגעקוקט.

— עס מיינט, טאַטע, אַז מען זאָל ביי אונדז געבן די קינדער ביל־דונג, אַ חוץ לערנען מיט זיי גמרא מיט תוספות. מען לערנט ביי אונדז מיט די יינגלעך אין די חדרים חומש מיט רש"י און דערנאָך גמרא און מער נישט, און דערנאָך ווי נאָר זיי ווערן בר־מצווה, מאַכט מען זיי חתונה. זיי האָבן אָבער נישט קיין שום וויסן פון עפּעס אַנדערש, זיי קענען נישט קיין שום מלאכה און זיי ווייסן נישט ווי אַזוי מפרנס צו זיין אַ ווייב מיט קינדער. ביי אונדז זיצן כסדר איידעמס אויף קעסט און קינדלען אויפן שווערס חשבון. דעריבער איז די אָרעמקייט אַזוי גרויס און אַלץ, וואָס אַ יונגערמאַן קען טאָן איז צו ווערן אַ מלמד אָדער אַ שדכן. אָט דאָס, טאַטע, וויל מען אָפּשאַפן.

— ווי אַזוי? — האָט ר' בער איר געקוקט אין מויל אַריין, ווייל ער האָט נישט דערוואַרט פון איר צו הערן אַזעלכע רייד.

— מען וויל, אַז מען זאָל מיט יינגלעך לערנען אויך שפּראַכן, און טאָקע אויך אַ מלאכה און נישט בלויז גמרא מיט תוספות — האָט גי־טעלע געערעדט דירעקט צו איר פאָטער — עס וועט גאָר נישט שאַטן, אַז די קינדער זאָלן אויך קענען גויישן לשון. אַז זיי זאָלן זיך קענען צוזאַ־מענריידן מיט די גויים.

— צו וועלכע צרות דאַרף מען דאָס? — איז שמעון שוין געוואָרן בייז — וואָס האָבן מיר פאַר עסקים מיט די גויים? וואָס ווייניקער מיר וועלן האָבן מיט זיי געשעפטן, אַלץ בעסער פאַר אונדז. מ'שטיינס גע־

זאָגט, וואָס קענען מיר שוין לערנען פון זיי? אין אונדזער תורה איז דאָ אַלץ. מיר האָבן מיט די גויים קיין געשעפטן נישט!

— דו רעדסט זייער מאָדנע, שמעון, — איז גיטעלע שוין געוואָרן אומרואיק — עס איז נישט, אַז מיר דאַרפן לערנען עפּעס פון זיי. מיר וווינען צווישן זיי און מיר דאַרפן האָבן פּרנסה פון זיי. אָבער נישט קע־נענדיק זייער לשון, קען מען גאָר נישט אויפטאָן. מען קען נישט לעבן בלויז מיט דער גמרא. דאָס לעבן איז אַנדערש!

— אָבער, גיטעלע, דאָס זענען דאָך די רייד פון דער נייער חברה „משכילים". די בערלינער, וואָס ווילן פירן די יידן צו שמד, ווי דער טאַטע האָט עולשט געזאָגט — האָט שמעון זיך געקאָכט — דו גייסט, גיטעלע, שוין ווידער אויף אַ געפערלעכן וועג. איך קען דיר זאָגן, אַז הערשל איז שטאַרק קעגן זיי.

די מאַמע האָט אַריינגעבראַכט דעם טשאָלנט און אַלעמען געטיילט פּאָרציעס. דערנאָך האָט דאָקטאָר בערנאַרדי ווידער געזונגען זמירות, באַ־זונדערס זיין באַליבטן „יום זה מכובד מכל הימים". די מאַמע האָט דער־נאָך אויך געבראַכט צימעס. דאָקטאָר בערנאַרדי האָט געזאָגט צו גיטע־לען, אַז ער וויל נאָכן עסן מיט איר עפּעס איבעררייידן. אָבער באַלד האָט ר' בער געהייסן דאָקטאָר בערנאַרדין בענטשן מיט מזומן און ער האָט עס אויך געטאָן. גיטעלע ווידער איז גלייך אַריין אין דער קיך און האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. דאָקטאָר בערנאַרדי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וויל נישט ריידן מיט אים, געפילט זיך אַביסל באַליידיקט דערפון און איז אַוועק, נישט אויסרייידנדיק קיין וואָרט...

45

באַלד ווי דאָקטאָר בערנאַרדי איז אַוועק, זענען אַריינגעקומען פון דער קיך גיטעלע און ראָזע מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זייערע פּנימער.

— אַ דאַנק גאָט, וואָס מען איז שוין פּטור געוואָרן פון אים! — האָט גיטעלע אויסגעשריען הויך מיט אַ פריילעכער שטימע — שוין איבער־געקומען! איצט וועט מען האָבן פון אים מנוחה אַ גאַנצע וואָך ביז קו־

מענדיקן פרייטיק־צו־נאַכט. אַ מאָדנע זאַך, ער ווייס, אַז מיר האָבן אים אַלע פיינט און דאָך קומט ער. ווי נישט אים מיינט מען עס.

— צו שלוש סעודות וועט ער נישט קומען? — האָט שמעון גע־וואָלט וויסן.

— ניין. — האָט גיטעלע געזאָגט מיט אַ צופרידענעם טאָן — דער טאַטע וואָלט געוואָלט, אַז ער זאָל יאָ קומען און אַפילו צו מלווה מלכה אויך, אָבער דאָ האָבן מיר שוין, איך און די מאַמע, זיך אַריינגעמישט און אויסגעפירט. און ווייסטו וואָס נאָך, שמעון? ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר, אַז נישט אַנדערש ווי איך זאָל מיט אים חתונה האָבן! ביים טאַטן האָט ער שוין געפועלט... ער האָט מיך געפלעגט אָפּצוּוואַרטן אין דער גאַס אוןריידן צו מיר... ווען ער וואָלט אַפילו געווען דער איינציקער זכר אין דער וועלט, וואָלט איך נישט געוואָלט האָבן מיט אים קיין שום גע־שעפטן. ס'עקלט מיך פון אים.

— ס'עקלט דיך פון אים? דו מיינסט עס טאַקע אין דער אמתן? — האָט שמעון זי אָנגעקוקט.

— יאָ, שמעון — האָט גיטעלע אים פאַרזיכערט — דו ווייסט גאָר נישט וואָס פאַר אַ שטיק ער האָט געפּראַוועט אין קרעמעניץ מיט דער חיה רעה און אויך מיט אַנדערע... ער האָט בכיוון אַוועקגעשיקט דעם טאַטן פריער, כדי ער זאָל זי האָבן אינגאַנצן... אָבער נאָכדעם ווי דער טאַ־טע איז אַוועק, האָט זי אים אָנגעפּייפט! דער הונט איז ווערט דעם שטעקן...

— און צו מיר טשעפּעט ער זיך נישט? — האָט ראָזע געזאָגט שטיל, אַוועקזעצנדיק זיך אויף דער זאָפע צופוסנס פון שמעונען. — יעדעס מאָל, ווען ער זעט מיך, וויל ער מיך נאָר אַרומכאַפּן און קושן... איינמאָל האָב איך אים געגעבן איבער די הענט. אָבער ער איז אַ חזיר און ער קריכט ווייטער. ער וויל, זאָגט ער מיר, מיט מיר חתונה האָבן...

— צו די אַלע גרויסע מעלות איז ער נאָך אַן אינטריגאַנט אויך — האָט גיטעלע שטיל צוגעגעבן.

— וואָס מיינסטו דערמיט, גיטעלע? — איז שמעון שוין געוואָרן נייגעריק.

— אַט דאָס, וואָס כ׳זאָג דיר, שמעון. ער האָט געשיקט אַ בריוו וועגן מיר צו הערשלען. וואָלסטו דיר דאָס געקאָנט פאָרשטעלן?

— וואָס?! ער האָט געשריבן קעגן דיר צו הערשלען?

— אַט דאָס וואָס דו הערסט.

— ווען איז דאָס געווען?

— באַלד ווי כ׳בין געקומען אַהער. ער האָט גענומען מיר נאָכקריכן, וווּ נאָר כ׳בין געגאַנגען און מיר כסדר געזאָגט, אַז ער האָט מיך ליב. איך האָב אים דערויף געענטפערט, אַז כ׳בין שוין אַ כלה צו הערשלען. האָט ער מיר דערויף געזאָגט, אַז עס קען נאָך ווערן אַנדערש. ער האָט אַרויסגעקראָגן פון מיר דעם אַדרעס און אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו הערשלען.

— ווייסטו וואָס ער האָט אין בריוו געשריבן?

— ניין, דאָס ווייס איך נישט. אָבער כ׳ווייס, אַז ער האָט צו אים געשריבן.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— ווייל הערשל האָט מיר געשריבן, אַז ער האָט דערהאַלטן אַ בריוו מיט רכילות קעגן מיר פון איינעם, וואָס שרייבט זיך אונטער „דאָקטאָר בערנאַרדי״, און אַז ער האָט דעם בריוו באַלד צעריסן און אַוועקגעוואָרפן.

— טאָקע! אַזאַ חברה־מאַן איז ער! ווייס ער, אַז דו ווייסט וועגן דעם בריוו?

— ניין, איך האָב אים גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם.

— פאַרוואָס?

— ווייל וואָס וועט מיר דערפון אַרויסקומען? עס וועט זיין איינס פון די צוויי: אָדער ער וועט אָפּלייקענען אין גאַנצן, אַז ער האָט געשריבן אַזאַ בריוו און וועט מאַכן הערשלען פאַר אַ ליגנער, אָדער ער וועט זאָגן, אַז ער האָט יאָ געשריבן אַ בריוו, אָבער ער האָט מיך אין בריוו געלויבט. איןביידע פאַלן וועל איך דערפון גאָרנישט האָבן.

— דער טאַטע ווייס דערפון?

— יאָ, כ׳האָב עס אים געזאָגט.

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט דערצו?

— ער האָט עס געמאַכט צו קליינגעלט. ער האָט זיך נאָך אָנגענו־מען פאַר אים.

— פאַרוואָס האַלט דער טאַטע אַזוי פון אים?

— כ'ווייס נישט, כ'קען עס אויך נישט פאַרשטיין.

— עפּעס מוז דאָך זיין?

— ווער ווייס? — האָט גיטעלע געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט מערריידן דערפון.

— אַלע האַלטן אים פאַר אַ צוויי־פּנימדיקן מענטש — האָט זיך ראָזע אַריינגעמישט — קיינער האַלט נישט פון אים. מען זאָגט טאַקע, אַז ער איז אַ גוטער דאָקטאָר, אָבער אַ פאַלשער מענטש.

— אָבער ווי אַזוי קען אַ פאַלשער מענטש זיין אַ גוטער דאָקטאָר? דאָס פאַרשטיי איך נישט — האָט שמעון זיך געוווּנדערט.

— פאַרוואָס נישט? — האָט גיטעלע גערעדט רואיק — ער קען, למשל, וויסן דאָקטאָריע, ער קען וויסן וואָס די קראַנקייט איז און וואָס צו פאַרשרייבן, אָבער ער איז נישט ערלעך, ער איז אַ פאַלשער מענטש.

— אויב אַזוי, קען ער דאָך זיין אויך פאַלש אַלס **דאָקטאָר** און פאַר־שרייבן נישט די ריכטיקע רפואה אָדער ער קען וויסן פון אַ גוטער רפואה און זי נישט געבן דעם חולה.

— טאַקע אויך — האָט ראָזע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — מען זאָגט טאַקע אויף אים, אַז מען קען אים נישט געטרויען.

— אויב אַזוי, וואָס פאַר אַ גוטער דאָקטאָר איז ער? איז ער דאָך שוין נישט קיין גוטער דאָקטאָר! — האָט שמעון ווייטער געטענהט.

— עס רעדט זיך אַזוי. ער קען זיין אַ גוטער דאָקטאָר, אויב ער וויל — האָט גיטעלע אויסגעטייטשט אירע רייד — ער ווייס טאַקע, ער האָט אַ סך געלערנט. ער איז נישט אַזוי ווי די אַנדערע דאָקטוירים, וואָס ווייסן נישט. אָבער וואָס קומט אַרויס דערפון וואָס ער ווייס, אַז ער אַליין טויג נישט. עס איז גוטער ווייץ אין אַ שלעכטן פאַס.

ביי שמעונען האָבן זיך די אויגן צוגעשלאָסן און ער האָט געוואָלט שלאָפן. ביידע פרויען האָבן דאָס באַמערקט און זיך אַרויסגערוקט פון צימער. שמעון איז באַלד איינגעשלאָפן און האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט,

ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן. ער האָט אָפּגעדאַוונט מנחה און גע־געסן שלוש סעודות און באַלד דערנאָך איז ער אַוועק אין חסידים־שטיבל, וווּ די חסידים זענען געזעסן אין דער טונקלקייט אַרום אַ לאַנגן טיש און געזונגען זמירות מיט אַ הייליקן ציטער... אַלע זענען געווען אָנגעפּילט מיט אַזאַ בענקשאַפט, וואָס דער הייליקער שבת גייט אַוועק און מען האָט געוואָלט וואָס לענגער אים נאָך אויפהאַלטן... ערשט שוין שפּעט אין אָוונט איז עמעצער פלוצים אַריינגעקומען מיט אַ ליכט אין דער האַנט און גע־זאָגט: „גוט וואָך", און אַלע האָבן זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ זיסן חלום... מען האָט געבענטשט און געדאַוונט מעריב. דערנאָך האָט דער אַלטער ר' יוסף דוד בער, דער גבאי ראשון פון שטיבל, געמאַכט „הבדלה" און אַלע זענען זיך צעגאַנגען אַהיים.

קומענדיק אַהיים האָט שמעון אויסגעפונען, אַז ישראלקע האָט שוין ווידער געהוסט אַ גאַנצן אָוונט און אַז ראָזע זיצט שוין צוגעשמידט צו זיין בעטל און רירט זיך נישט פון אָרט. זי איז טאַקע אַזוי געזעסן ביז נאָך האַלבער נאַכט, ווען דאָס קינד איז איינגעשלאָפן און זיך מער נישט געוועקט. שמעון און ראָזע האָבן זיך פאַר אַ ווייַלע דורכגערעדט מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל. דערנאָך האָט שמעון איר געזאָגט, אַז ער פאָרט מאָרגן אין דער פרי אַוועק קיין טולטשין צו קלייבן נאָך אַביסל געלט פאַר דער הוצאה און דערנאָך וועט ער פאָרן קיין מעדזשיבאָזש און אַז ער וועט אוודאי אין אַ פאָר טעג אַרום אָפּפאָרן מיט זיין רבין קיין ארץ־ישראל. ווי לאַנג ער וועט זיין אין וועג, ווייס ער נישט, ווייל אַלץ ווענדט זיך אָן רבין, אָבער ווי נאָר ער וועט קומען צוריק, אם ירצה השם, וועט זיין אַ חתונה. ראָזע האָט דערויף שמעונען געענטפערט, אויך מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל, אַז זי וועט די גאַנצע צייט בענקען נאָך אים און בעטן צו גאָט, אַז ער זאָל קומען צוריק (בשלום. זי וויל פון אים נאָר איין זאַך, אַז ווי נאָר ער וועט קומען אַהין, זאָל ער שרייבן צו איר אַ בריוול און אַז ער זאָל געדענקען, אַז זי איז עלנט און האָט נישט קיינעם אויסער אים און אַז ער זאָל קומען צוריק וואָס גיכער... און קושנדיק איינער דעם אַנדערן האָט שמעון זיך געזעגנט מיט ראָזען און מיטן קינד און איז געגאַנגען שלאָפן, כדי צו קענען פרי אויפשטיין.

זונטיק באַגינען איז שמעון אַרויס פון בעט, זיך אָפּגעגאָסן די נעגל און זיך אָנגעטאָן, און ווי נאָר עס איז געוואָרן ליכטיק, האָט ער אָפּגע־דאַווענט. זיין מאַמע, וואָס איז אויפגעשטאַנען צוגלייך מיט אים, האָט שוין געהאַט צוגעגרייט פאַר אים אַ וואַרעמע גריץ מיט צוויי שטיקלעך ברויט מיט פּוטער און אַ טעפּל ציקאָריע. אַזוי ווי אַלע זענען נאָך גע־שלאָפן, האָט זיך שמעון געזעגנט בלויז מיט זיין מאַמען, וועלכע האָט אים געקושט און אים געבעטן צו שרייבן איר אָפּט אַ בריוול און אים פאַרזי־כערט, אַז זי וועט כסדר בעטן צו גאָט פאַר אים, אַז ער זאָל קומען צוריק בשלום.

שמעון האָט זיך איצט געלאָזט גיין צום אַלטן מאַרק, וווּ עס שטייען די פורן, וואָס פאָרן קיין טולטשין. ער האָט טאַקע באַלד געקראָגן אַ פור, אויף וועלכער עס זענען שוין געזעסן עטלעכע פּאַסאַזשירן. און באַלד האָט די פור זיך געלאָזט אַרויס אויפן שאָסיי קיין טולטשין.

אַ גאַנצן וועג האָט שמעון געהאַלטן כמעט פאַרמאַכט די אויגן און כסדר געטראַכט וועגן דעם דאָקטאָר בערנאַרדי, וואָס פאַר אַ מענטש ער איז און פאַרוואָס זיין פאָטער האַלט פון אים אַזוי שטאַרק און פאַרבעט אים יעדן שבת צו עסן ביי אים. וואָס האָט ער אַזוינס געזען אין אים? און פאַרוואָס האָט ער אים אַזוי פאַרענטפערט, ווען גיטעלע האָט אים דערציילט וועגן דעם מסירה־בריוו? וואָס טוט זיך דאָ עפּעס?

מיט די רעיונות אין קאָפּ האָט ער זיך נישט אַרומגעזען ווי די פור איז אָנגעקומען קיין טולטשין. שמעון איז איצט אַוועק צו זיין פעטער יואל, וועלכער האָט זיך מיט אים שטאַרק דערפרייט. ער האָט אים געזאָגט נאָך וואָס ער איז געקומען, האָט ער אים באַלד אַליין געגעבן עטלעכע גולדן און איז אַרויס מיט אים איבערן שטעטל צו עטלעכע רייכע יידן און ביי זיי געקראָגן שיינע נדבות. שמעון האָט שוין אין טולטשין איבערגענעכ־טיקט און צומאָרגנס, באַלד אין דער פרי, איז ער אָפּגעפאָרן קיין מעד־וועדעווקע.

דאָס ערשטע, וואָס שמעון האָט געטאָן, ווען ער איז געקומען אַהיים, איז געווען צו זען זיך מיט ר׳ אפרימען, כדי צו הערן פון אים, ווי אַזוי ר׳ נחמן פילט זיך. ר׳ אפרים האָט אים געזאָגט, אַז ר׳ נחמן גייט אַלץ

אַרום דערדריקט און שטאַרק געפאַלן ביי זיך און רעדט נישט צו קיינעם. עס טרעפט אַמאָל אַ טאָג, ווען ער איז אין אַ גוטער לוינע. דעמאָלט האַלט ער פון זיך אַ וועלט און זאָגט, אַז ער איז דער גרעסטער רבי ביי יידן... אַזוי איז געווען אַנומלט ווען ער איז אויפגעשטאַנען זייער פריילעך און געזאָגט צו אים: „ר׳ אפרים, זאָגט מיר וויפל עס זענען דאָ צדיקים אין דער וועלט?" ער, ר׳ אפרים האָט נישט געוווסט, וואָס ער זאָל אים דערויף ענטפערן. האָט ר׳ נחמן זיך צעשריען אויף אים און געזאָגט: „בהמה, פאַרוואָס ענטפערסטו נישט. עס איז דאָ נאָר איינער, און דאָס בין איך. עס זענען בכלל אויף דער וועלט נישט געווען מער ווי פיר צדיקים: ר׳ שמעון בן יוחאי, דער האר״י הקדוש, דער בעש״ט און איצט — איך".

— אַזוי האָט ער געזאָגט צו אייך, ר׳ אפרים? — האָט זיך שמעון געחידושט.

— יאָ, שמעון, אָט דאָס זענען זיינע ווערטער ממש. עס איז מיר אַזש קאַלט געוואָרן אין די ביינער, ווען כ׳האָב עס געהערט. אָבער באַלד צומאָרגנס איז ער שוין געווען אַן אַנדערער. ער איז געווען אין אַ דער־דריקט געמיט און געזאָגט צו מיר: „ר׳ אפרים, ווער בין איך און וואָס בין איך? איך רייד זיך איין, אַז כ׳בין אַ רבי, אָבער ווי אַזוי בין איך אַ רבי, אַז איך האָב גאָר מחשבות זרות אין קאָפּ... אַז כ׳האָב תאווהדיקע גע־דאַנקען, אַז כ׳בין פול מיט הרהורי עבירה... ר׳ אפרים, כ׳בעט אייך, זאָגט מיר, ווי אַזוי קען איך זיין אַ רבי, אַז דער יצר הרע האָט מיך אין זיינע לאַפּעס! אוי, האָט ער מיך!... עס ברענט דאָך ביי מיר אַ פייער פון תאווה אין האַרצן ביינאַכט אויפן געלעגער... ר׳ אפרים, איך זאָג אייך, אַז דער מ׳ינדסטער ייד איז בעסער פון מיר״!...

— און וואָס איז געווען נאָכדעם? — האָט שמעון געוואָלט וויסן.

— שמעון, דו זאָלסט עס קיינעם נישט זאָגן. פלוצים האָט ער גע־נומען ריידן רייד, וואָס האָבן זיך נישט געקלעפּט, עפּעס ווי ער וואָלט געווען חסר דעה... און — איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן און בין אַרויסגעלאָפן. וואָס זאָגסטו, שמעון, דערצו? אפשר דאַרף מען צו אים רופן אַ דאָקטאָר? אפשר דעם פוילישן דאָקטאָר פון מעזשיבוזש? כ׳וועל

דיר זאָגן דעם אמת, כ׳האָב מורא צו לאָזן אים פאָרן קיין ארץ־ישראל, עס זאָל חלילה מיט אים נישט עפּעס פּאַסירן...

שמעונען איז געוואָרן שטאַרק קאַלעמוטנע אויפן האַרצן פון ר׳ אפרימס רייד, אָבער ער האָט אים דאָך גאָר נישט געוואָלט דערציילן וואָס דאָקטאָר בערנאַרדי האָט אים געזאָגט. שמעון האָט דעריבער אויסגעקירעוועט דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש.

— איך האָב צונויפגעקליבן אַביסל געלט פאַר דער נסיעה — האָט ער געזאָגט מיט אַ פריילעכן טאָן — אָבער עס איז נאָך אַלץ צו ווייניק.

— איך וועל דיר אויך עפּעס געבן.

— פון וואַנען האָט איר פלוצים געלט?

— מרדכי איז דאָ געווען און האָט מיר איבערגעלאָזן אַ געוויסע סומע.

— אַזוי? ער איז דאָ לאַנג געווען?

— בלויז צוויי טעג.

— ער האָט געזען דעם רבין?

— ניין.

— ניין? פאַרוואָס?

— דער רבי האָט אים נישט געוואָלט זען.

— פאַרוואָס?

— דער רבי האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ משכיל און אַן אפיקורס.

— ער האָט טאַקע צופיל געליבט די משכילים פון דייטשלאַנד. ווען מיר זענען געפאָרן קיין טשערנאָביל. איר געדענקט דאָך, ר׳ אפרים, דעם שמועס וואָס ער האָט געהאַט מיטן רבין... ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון מענדעלסאָנען... זינט דעמאָלט האָט ר׳ נחמן געוואָרפן אַן אומחן אויף אים.

— אָבער אויף אַזוי ווייט, נישט צו וועלן זען אים?

— יאָ, ער האָט מיר בפירוש געזאָגט, אַז ער וויל אים נישט זען מער.

— און ער איז אַוועקגעפאָרן נישט זעענדיק זיך מיט אים?

— יאָ, אָבער עס איז זיכער אויך געווען דערפאַר, וואָס ער איז געווען דעמאָלט אין זייער אַ געדריקטער לאַגע.

— האָט כאָטש מרדכי אייך געגעבן גענוג געלט אויף אָנצופירן מיטן וואַלד?

— ניין, נישט צופיל. מרדכי איז אויך נישט מער דער זעלבער, וואָס פריער. און אפשר איז ער דעמאָלט אויך געווען דער זעלבער, נאָר האָט זיך געוויזן פאַר אונדז אַנדערש... ער איז גאָר נישט אַזאַ ברייטהאַרציקער מענטש. ווי מען האָט געמיינט... עס איז גאַנץ שווערלעך פון אים אַרויסצו־קריגן אַ גראָשן. ביים אַלטן פּריץ איז עס מיר אַ סך לייכטער אָנגעקומען.

— און וואָס מאַכט אייער ווייבל, פריידל?

—נישקשה. זי איז אַ גאַנץ ווילע און מיר לעבן זיך זייער גוט. אָבער זי בענקט אַהיים נאָך איר משפּחה.

— און הערשל?

— ער איז ווייטער אין טשערנאָביל, ביי זיין פעטער, ר׳ נחום טשער־נאָבילער. אָבער מרדכי זאָגט מיר, אַז ער וועט באַלד אַרבעטן ביי אים אין קיעוו. ער האָט פאַר אים אַ שטעלע און ווען ער וועט חתונה האָבן, וויל ער אַפילו, אַז גיטעלע זאָל אויך אַרבעטן ביי אים. ער דאַרף איר צו האָבן, זאָגט ער, צו שרייבן בריוו צו חשובע מענטשן.

— דאָס ערשטע מאָל הער איך, אַז מאַן און ווייב זאָלן אַרבעטן פאַר איין בעל־הבית. ווען וועט גיטעלע פירן די באַלעבאַטישקייט? ווען וועט זי אָפּקאָכן פאַר הערשלען עפּעס עסן?

— איך ווייס? אַט אַזוי וויל ער. ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף זי צו האָבן נאָך מער ווי אים, ווייל זי האָט אַ שיינע האַנטשריפט און קען שרייבן בריוו אויף רוסיש, פראַנצויזיש און אויך דייטש. כ׳האָב גאָר נישט געוווסט, אַז גיטעלע איז אַזאַ מלומדת. ווו האָט זי זיך דאָס אַלץ אויס־געלערנט?

— אַליין! אַלץ אַליין! זי האָט דאָך אַ פייערדיקן קאָפּ! עס איז גע־נוג פאַר איר אַריינצוקוקן אין אַ ספר און באַלד נאָכזאָגן וואָס דאָרטן שטייט. זי האָט זיך אַזוי אַרום אויסגעלערנט די אַלע לשונות. אַלץ אַליין.

— ס׳רעדט זיך אַזוי „אַליין“. מען קען אַליין זיך נישט אויסלער־

נעך — האָט ר׳ אפרים איינגעוועגדעט — מען מוז האָבן אַ לערער. אָבער מן הסתם האָט זי געהאַט. מרדכי האָט מיר אָבער געזאָגט נאָך עפּעס, וואָס דאָס געפעלט מיר שוין גאָר נישט.

— דהיינו?

— כ׳וויל עס אַפילו נישט איבערן מויל ברענגען. כ׳ווייס נישט צי ער האָט עס געמיינט ערנסט, אפשר האָט ער נאָר געשפּאַסט.

— וועגן וואָס האַנדלט עס זיך? — איז שמעון שוין געוואָרן אומ־געדולדיק.

— וועגן דעם, וואָס מרדכי וויל האָבן, אַז גיטעלע זאָל מיט אים פאָרן צוזאַמען קיין אויסלאַנד און איינשטיין מיט אים אין די טייערסטע אכסניות. נאַטירלעך, וועט זי איינשטיין אין אַ באַזונדערן חדר. אָבער דאָך, ווי אַזוי קען אַ ווייבל אַרומפאָרן מיט אַ פרעמדן מאַן, פון שטאָט צו שטאָט, און איינשטיין מיט אים אין אכסניות, אַפילו אין באַזונדערע חדרים? דאָס פּאַסט נישט. מענטשן וועלן ריידן...

— גיטעלע האָט מיר דערפון גאָרנישט געזאָגט — האָט שמעון עס אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — מעגלעך, אַז ער וויל עס בלויז, אָבער ער האָט איר גאָר נישט געזאָגט. כ׳בין זיכער, אַז ווען ער וועט עס איר זאָגן, וועט זי זיך אויסלאַכן פון אים.

— נו, אפשר יאָ, שמעון — האָט ר׳ אפרים געזאָגט — טאָ ווען פאָרסטו?

— ווען דער רבי וועט פאָרן. ווען, זאָגט ער, וויל ער פאָרן?

— ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וואַרט שוין מיט אומגעדולד אויף דיר. ביזט שוין געווען ביי אים?

— ביין.

— טאָ גיי גלייך אַריין צו אים און זאָג אים וועגן געלט, איך וועל דיר געבן שפּעטער צושטייער אַ שיינע סומע פון דעם געלט, וואָס כ׳האָב נאָרוואָס געקראָגן פון מרדכין. לאָמיר אויך וויסן, ווען ער וועט באַשטי־מען צו פאָרן. גיי גלייך אַריין צו אים. מיר דוכט זיך, אַז ער איז היינט אין אַ גוטער לוינע.

— זייער גוט — האָט שמעון געזאָגט און איז אַוועק צו ר׳ נחמנען.

— ווו ביזטו געווען די גאַנצע צייט — האָט ר׳ נחמן געשריען אויף אים — כ׳קוק זיך דאָך שוין די אויגן אויס אויף דיר! האָסט געזאָלט אוועקגיין בלויז אויף אַ טאָג, צי צוויי, צום סוף ביזטו אוועק אויף אַ גאַנצע וואָך!

— כ׳בין אויך געווען אין טולטשין צו קלייבן אַביסל געלט.

— און דו האָסט דאָרט עפּעס אויפגעטאָן?

— אַביסל.

— ס׳וועט זיין גענוג אויף צו פאָרן?

—אויף אַהין זיכער און אפשר אויף צוריק אויך. יידן זענען דאָך בני רחמנים. ווען וויל דען דער רבי פאָרן?

— צו יעדער צייט, אַפילו מאָרגן.

— טאָקע שוין מאָרגן?

— יאָ, פאַרוואָס נישט? מאָרגן איז דינסטיק, ווען עס איז צוויי מאָל געזאָגט געוואָרן „כי טוב״.

— מען דאַרף מאַכן אַ סדר פון דער נסיעה — האָט שמעון געזאָגט שטיל צו ר׳ נחמנען — מען דאַרף האָבן אַ פּלאַן.

— וואָס פאַר אַ פּלאַן? ווען אַ ייד פאָרט קיין ארץ־ישראל, האָט ער נישט קיין שום פּלאַן... מיר וועלן פאָרן קיין ניקאָלאַיעוו, דאָרטן וועט מען קריגן אַ פּראַכט־שיף, וואָס פאָרט קיין אָדעס און פון אָדעס וועט מען פאָרן קיין איסטאַמבול. אַזוי האָבן מיר געזאָגט מענטשן, וואָס זענען שוין געפאָרן אויף די ימים און ווייסן ווי אַזוי צו פאָרן.

— מסכים — האָט שמעון געזאָגט מיט נאָכגעביקן טאָן — אַזוי ווי דער רבי זאָגט, אַזוי וועט זיין. נו, גוט, זאָל עס זיין אין אַ מזלדיקער שעה! מאָרגן, אם ירצה השם, באַלד נאָכן דאַווענען, וועל איך אַרויסגיין צו די פורן און מיר וועלן פאָרן אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלן קומען קודם כל קיין ניקאָלאַיעוו, אין אַ גוטער שעה.

— אין אַ גוטער שעה! — האָט ר׳ נחמן איבערגעחזרט — עס וועט אַלץ גיין בשלום. אַזוי האָט מען מיך פאַרזיכערט. קום אַהער באַלד אין דער פרי, איך וועל זיין גרייט!

(סוף פון ערשטן טייל)

פינפטער טייל

די נסיעה אין הייליקן לאַנד

46

י״ח אייר, 18 טאָג אין אייר פון יאָר תקנ״ח (1798) איז געווען דער טאָג, וואָס ר׳ נחמן האָט באַשטימט אויף אָפּצופאָרן פון מעדוועדעווקע, צוזאַמען מיט שמעונען, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. יענעם טאָג, אַ דינסטיק, פיר טעג נאָך פסח שני, האָט ר׳ נחמן אָפּגעדאַוונט בהשכמה מיט גרויס כוונה אין זיין מ׳נין און באַלד נאָכן דאַוונען האָט ר׳ אפרים געטיילט אַלעמען לעקאַך און בראָנפן. דער גאַנצער עולם האָט געווונטשן זייער רבין, ר׳ נחמן, אַז ער זאָל פאָרן געזונט און קומען צוריק געזונטערהייט אין זייער שטעטל, וווּ ער איז שוין געוואָרן אַזוי באַליבט. די אָרעמע, פשוטע יידן, שניידער, שוסטער און אַנדער בעלי מלאכה, האָבן איצט געפילט, אַז די שכינה טוט זיך אָפּ פון זיי, ווען אַפילו בלויז אויף אַ קורצער ווײַלע. זיי האָבן געוווּסט, אַז מיט דער מינוט, ווען ר׳ נחמן פאָרט אַוועק, פאַרלירט זייער שטעטל דעם גאַנצן גלאַנץ, וואָס עס האָט און ווערט צוריק אַזאַ שטעטל ווי אַלע שטעטלעך. אַזוי ווי עס איז געווען פריער, איידער ר׳ נחמן האָט זיך דאָ באַזעצט. און אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך זייער יונגן רבין האָט זיי שוין אַרומגענומען אַזוי ווייט, אַז ביי פיל פון זיי האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן... זיי האָבן זיך איצט געשטופּט צו ר׳ נחמנען, צו געזעגענען זיך מיט אים און האָבן לאַנג געהאַלטן זיין דאַרע האַנט אין זייערע, און אים געווונטשן, אַז ער זאָל אויסבעטן דאָרטן אויף די הייליקע קברים אַ ישועה פאַר אַלע יידן; אַז זיי זאָלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות, האָבן פרנסה בכבוד און זוכה זיין צו דערציען זייערע קינדער לתורה, לחופה ולמעשים טובים, אמן.

באַלד דערנאָך האָט ר׳ נחמן זיך געזעגנט מיט זיין ווייב און קינדער,

אָבער מיט זיי האָט ער קיין גרויסע שהיות נישט געמאַכט. ער האָט בלויז צוגעוואָרפן אַ „זיי געזונט" צו זיין ווייב שאָשע, וועלכע האָט זיך כסדר געווישט די אויגן; דערנאָך אַ „זיי געזונט" צו די קינדער, וועלכע זענען געשטאַנען אין אַ זייט פאַרטרויערטע, און צוזאַמען מיט שמעונען און ר' אפרימען געגאַנגען צו די פורן אין מאַרק, וווהין צוויי טרעגער האָבן שוין געהאַט באַלד אין דער פרי אָוועקגעטראָגן עטלעכע קאַסטנס און זעק, וו עס איז געלעגן אַלץ, וואָס ר' נחמן און שמעון האָבן מיטגענומען אין וועג. גייענדיק צו דער פור האָט ר' אפרים נישט פאַרגעסן אַריינצורוימען שמעונען אין אויער, אַז ער זאָל גוט געדענקען און וויסן וואָס ער האָט צו טאָן, אַזוי ווי זיי האָבן גערעדט.

אין מאַרק איז שוין געווען אַ גרויסער עולם, וואָס איז געקומען צו באַגלייטן דעם רבין און ווי נאָר ר' נחמן און שמעון זענען אַרויף אויף דער פור און דער בעל עגלה האָט אַ צי געטאָן די לייצעס מיט אַ געשריי צו די פערדלעך: „וויאָ", האָט דער גאַנצער עולם אויסגעשריען ווי מיט איין קול:

— פאָרט געזונטערהייט, רבי! פאָרט געזונט און קומט צוריק געזונט!

— זייט געזונט אַלע, זייט געזונט! — האָט ר' נחמן זיי אָפּגעענטפערט און שמעון האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

די פערדלעך זענען איצט געלאָפן אַרויס פון שטעטל אויפן שאָסיי, וואָס פירט קיין טולטשין, גאַנץ מונטער, ווייל זיי האָבן שוין געקענט דעם וועג אויסנווייניק. דאָס איז דאָך געווען די שטרעקע, אויף וועלכער זיי פאָרן יעדן טאָג. די זאַך איז געווען וואָס שמעון האָט זיך איצט געבראָכן דעם קאָפּ ווי אַזוי צו פאָרן פון טולטשין ווייטער; דורך וועלכע שטעט און שטעטלעך זאָל ער פאָרן און אויך ווי אַזוי צו קריגן פורן, ווייל קיין שום בעל־עגלה האָט נישט געוואָלט פאָרן צו ווייט, סיידן מען זאָל אים דערפאַר גוט באַצאָלן און דאָס האָט שמעון נישט געקענט: אַ צו קליינע סומע געלט האָט ער געהאַט מיט זיך. אָבער אין דער צייט וואָס שמעון האָט זיך געזאָרגט וועגן דעם, האָט ר' נחמן עס גאָר אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און האָט שמעונען בלויז געענטפערט: „דער רבונו של עולם וועט

ווייזן אונדז דעם וועג״. שפּעטער האָט ער צוגעגעבן: „איך האָב אַ פּלאַן ווי אַזוי צו פאָרן״. אָבער מער האָט ר׳ נחמן נישט געוואָלט ריידן וועגן דעם. דאַקעגן האָט ר׳ נחמן געהאַלטן אין איין דערמאָנען שמעונען אָן דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט גערעדט, אַז ער זאָל למען השם נישט פאַר־געסן, איידער ער גייט אַרויף אויף דער שיף, צו קויפן פּאַפּיר מיט טינט לרוב; אַז ער זאָל פאַר קיין פאַל נישט אַריינקוקן אין זיינע כתבים, מעג זיין ווי ביי טיק און אַז ער זאָל קיינעם נישט אויסזאָגן ווער ער איז, אַפילו ווען מען וועט אים אָנטאָן די גרעסטע יסורים. ער זאָל זיך אויך נישט קימערן ווי אַזוי ער, נחמן, וועט זיך אויפפירן. אויב, למשל, ער וועט וועלן שפּאָסן פון עמעצן אָדער אַרויסשטעקן אויף עמעצן אַ צונג, אָדער ער וועט וועלן מאַכן קאָזשעלקעס, צי גאָר אַרומגיין מיטן היטל פאַרדרייט — איז דאָס נישט זיין עסק. און אויב עס וועט אים נישט געפעלן זאָל ער זיך מאַכן ווי ער זעט נישט. צום סוף האָט ר׳ נחמן נאָך צוגעגעבן, אַז ער זאָל פאָרן מיט אים גענוי לויט דעם פּלאַן, וואָס ער וועט אים שפּעטער זאָגן און אַז ער זאָל אים נישט זאָגן קיין דעות ווי צו פאָרן, ווייל אַזוי ווי ער וויל, אַזוי מוז זיין.

די גאַנצע צייט האָט שמעון ווידער געשוויגן און נישט געזאָגט קיין וואָרט, אָבער ווען ר׳ נחמן האָט אים געזאָגט וועגן דעם לעצטן תנאַי, האָט שמעון געהאַט וואָס אויסצוזעצן און עס אַרויסגעזאָגט ר׳ נחמנען. עס איז געווען אַזוי: אין יענער צייט איז געווען אָנגענומען ביי די משול־חים פון ארץ־ישראל, וועלכע זענען אַ סך אַרומגעפאָרן איבער די ימים צו קלייבן געלטער פאַר די תלמידי חכמים פון ארץ־ישראל, נישט צו פאָרן איבער אָדעס, ווייל דער ים איז געווען צו שטורעמדיק און בחזקת סכנה. זיי פלעגן דעריבער פאָרן איבער רומעניע, דורך גאַלאַץ אָדער דורך קאָנס־טאַנצאַ, כאָטש דער וועג איז געווען אַביסל לענגער, ווייל די וואַסערן דאָרטן זענען פיל שטילער. שמעון האָט דאָס געזאָגט ר׳ נחמנען, אָבער ער האָט אים געענטפערט דערויף בייזלעך:

— כ׳האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך האָב מיין פּלאַן! איך וויל פאָרן דורך אָדעס און אַלץ וועט זיין בשלום.

שמעון האָט אים דערויף נישט געענטפערט. ער האָט איצט נאָר

געדונגען פורן נאָך פורן, ביז זיי האָבן זיך דערשלעפּט, נאָך אַ וואָך צייט פון וואָגלעניש, קיין ניקאָלאַיעוו, אויסגעמאַטערטע און האַלב־פאַרחלשטע און קוים אַריין אין אַן אכסניה צו קענען זיך אָפּרוען עטלעכע טעג... אָבער אויב ר׳ נחמן איז געלעגן אין בעט און זיך אויסגערוט, האָט שמעון אַפילו אויף אַ פּאָר שעה אויך דאָס נישט געקענט טאָן, ווייל ר׳ נחמן האָט אים געטריבן צו גיין אין גאַס אַריין צו קריגן אַ שיף קיין אָדעס און אויב עס איז נאָך דאָ צייט צום אָפּפאָרן מיט דער שיף, זאָל ער דערווייל גיין איבער דער שטאָט און קלייבן נאָך אַביסל געלט פאַר דער נסיעה. שמעון, כאָטש ער איז געווען זייער מיד, איז טאַקע באַלד אַוועק צום פּאָרט צו קריגן אַ משא־שיף, וואָס גייט קיין אָדעס, ווייל קיין אַנדערע שיפן זענען דעמאָלט נישט געגאַנגען.

באַלד נאָך דעם ווי שמעון איז געקומען צום פּאָרט האָט ער אויסגעפונען, אַז אַזאַ משא־שיף וועט אָפּגיין היינט, אין עטלעכע שעה אַרום. ער האָט גלייך באַדונגען אַ פּלאַץ פאַר זיי ביידן און איז מיט אַ שמחה געלאָפן אָנזאָגן זיין רבין די גוטע בשורה. ר׳ נחמן איז גלייך מיט אים אַוועק צום פּאָרט און נאָכמיטאָג זענען זיי שוין געזעסן אין אַ ווינקל פון דער שיף צווישן קאַסטנס און פעק פון לעדער, בשמים און אַנדערע סחורות. באַלד האָט זיך די שיף גערירט פון אָרט און אַריינגעפאָרן אין מיטן ים, אין דער ריכטונג צו אָדעס.

צום גליק איז דער שוואַרצער ים, וואָס האָט שוין אַ שם אַלס כעסן, דאָס מאָל געווען כמעט רואיק. עס איז געווען דערפאַר, וואָס איצט, באַלד נאָך פּסח, שטורעמט דער שוואַרצער ים ווייניקער ווי אַלע מאָל. אַזוי אַרום זענען זיי, נאָך דריי טעג פאָרן, אָנגעקומען, ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן צו שאַריען אויפן פערטן טאָג, קיים אָדעס. זיי זענען אַוועק אין אַ יידישער אכסניה, נישט ווייט פון פּאָרט, און ר׳ נחמן האָט זיך גלייך געלייגט אין בעט אַריין. שמעון, וועלכער האָט זיך אַביסל אָפּגערוט אויף דער שיף קיין אָדעס, האָט אָפּגעדאַוונט, עפּעס איבערגעכאַפּט, אַז ס׳האַרץ זאָל נישט פאַרחלשט ווערן, און דערנאָך זיך געלאָזט גיין צוריק צום פּאָרט, צו קריגן דאָרטן אַ שיף קיין סטאַמבול, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

נאָכן אויספרעגן פיל מענטשן האָט שמעון אויסגעפונען, אַז אַ שיף

וועט אָפּגיין קיין סטאַמבול ערשט אין פיר טעג אַרום. ער האָט זיך גלייך געזעגט מיטן בעל־הבית פון דער שיף און אים באַצאָלט פאַר צוויי מענטשן, פאַר ר׳ נחמנען און פאַר זיך. דערנאָך האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער שטאָט צו קריגן נאָך אַביסל געלט פאַר דער נסיעה.

שמעון האָט איצט ביי זיך אָפּגעמאַכט נישט אויסצופּאָלגן ר׳ נחמנען אַלץ בלינד, נאָר צו טאָן דאָס, וואָס עס איז בעסער פאַר זיי ביידן. ער האָט דעריבער אויסגעזאָגט די מענטשן, ביי וועלכע ער האָט געבעטן אַ נדבה, פאַר וועמען דאָס געלט גייט, — פאַרן יונגן „בעל שם טוב״, וואָס איז דאָס אייניקל פון ר׳ ישראל בעל שם טוב און וועלכער פאָרט קיין ארץ־ישראל, כדי מתפלל צו זיין פאַר די יידן אויף די קברים פון די הייליקע אבות. ווען די יידן האָבן דאָס געהערט, זענען זיי געוואָרן איבערגעפולט מיט דער אַלטער בענקשאַפט נאָך ארץ־ישראל און האָבן געעפנט זייערע בייטלען און געגעבן שמעונען מיט אַ ברייטער האַנט און דערביי אויסגעדריקט זייער ווונטש צו זען דעם רבין, אַפילו כאָטש פון דער ווייטנס, כדי צו ווינטשן אים אַ גליקלעכע רייזע. שמעון האָט אַלעמען געהייסן קומען צו דער שיף, וואָס וועט אָפּגיין דאָנערשטיק נאָכמיטאָג.

שמעון האָט אָבער געוווסט, אַז ר׳ נחמן וועט זיין בייז אויף אים, ווען ער וועט זען, אַז אַזאַ גרויסער עולם איז געקומען צו דער שיף און ער וועט וועלן וויסן, פון וואַנען זיי האָבן געוווסט, אַז ער פאָרט קיין ארץ־ישראל. עס מוז דאָך נישט אַנדערש זיין, אַז ער האָט נישט געהאַלטן וואָרט און האָט אויסגעזאָגט אַלעמען ווער ער איז. שמעון האָט זיך דעריבער באַצייטנס צוגעגרייט אַ תירוץ. ער וועט אים זאָגן, אַז לויט ווי ער האָט פאַרשטאַנען, איז דער אָפּמאַך חל בלויז אויף דער שיף גופא, אָבער נישט ווען זיי זענען נאָך אויף דער יבשה און חוץ לארץ. אַ סימן, אַז אַפילו דעם בעל־הבית פון דער שיף האָט ער נישט געזאָגט, ווער עס איז דער צווייטער מענטש, וואָס פאָרט מיט אים, ווייל וואָס עס איז שייך צו דער שיף, האָט ער געהאַלטן אַלץ בסוד.

דאָנערשטיק נאָכמיטאָג, איידער די שיף האָט געהאַלטןביים אָפּפאָרן, האָט זיך טאַקע אָנגעקליבן אין פאָרט אַ גרויסער עולם פון יידן, וועלכע זענען געקומען זיך געזעגענען מיטן יונגן „בעל שם טוב״, וואָס פאָרט

קיין ארץ־ישראל. דער בעל הבית פון דער שיף איז פאַרחידושט געוואָרן פון די געשרייען און געזאָגט אַלעמען, אַז ער ווייסט נישט פון קיין יונגן בעל שם טוב, וואָס פאָרט קיין סטאַמבול. אָבער ביי דער שיף איז געוואָרן אַ גרויס געדרענגעניש, ווייל עס זענען געקומען אַפילו מענטשן פון די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס האָבן געוואָלט אַ קוק טאָן אויפן יונגן צדיק. לסוף האָט שמעון געמוזט אויסזאָגן דעם בעל הבית פון דער שיף מיט וועמען ער פאָרט, אָבער ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל דאָס נישט זאָגן צו קיינעם אויף דער שיף. ר׳ נחמן האָט זיך אָבער נישט געוואָלט ווייזן פאַרן עולם. האָט שמעון אַלעמען אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן... ביי פיל פון עולם איז דעריבער געווען דער איינדרוק, אַז שמעון איז דער רבי...

נאָכדעם ווי די שיף האָט זיך גערירט פון אָרט, האָט ר׳ נחמן זיך פאַרשפּאַרט אין זיין חדר מיוחד, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט אים געגעבן, און זיך מער נישט געוואָלט אַרויסווייזן אין דרויסן. ר׳ נחמן האָט איצט געזאָגט צו שמעונען, אַז ער וועט שרייבן און ער וויל נישט ,אַז מען זאָל אים מבלבל זיין זיינע רעיונות.

אין אָנהייב איז דער ים נאָך געווען גאַנץ רואיק .די זעגל־שיף איז געשווומען נישט ווי אויף דעם בייזן שוואַרצן ים, נאָר ווי אין אַ גרויסן טייך. אָבער שוין צומאָרגנס האָט דער ים געוויזן אַלעמען ווער ער איז. עס האָט געגנומען שטורעמען און די כוואַליעס זענען געשפּרונגען אין דער הויך. דאָס שיפל האָט זיך געוואָרפן אין דער לענג און אין דער ברייט און האָט אויסגעזען, ווי אַ בלאַט פון אַ בוים, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף דער שוואַרצער מאַסע פון וואַסערן. צו אַלע צרות איז נאָך געגאַנגען אַ שטורעם־רעגן מיט דונערן און בליצן, און דאָס שיפל איז געוואָרן אָנגעפילט מיט וואַסער. דאָס האָט שוין אויף אַלעמען אָנגעוואָרפן אַ פחד. אַלע האָבן איצט געזאָגט תפילות און יעדער איינער האָט געבעטן צו גאָט אויף זיין לשון. אויך שמעון האָט נישט אויפגעהערט צו זאָגן תהילים, איין קאַפּיטל נאָכן אַנדערן. אָבער נישט ר׳ נחמן. ער איז געזעסן די גאַנצע צייט און האָט געשריבן, ווי נישט אים מיינט מען עס. ער איז אַפילו נישט אַרויסגעקומען איו דרויסן אַ קוק צו טאָן וואָס עס הערט זיך. אין אָנהייב

האָט שמעון געטראַכט, אַז דאָס ווייזט אויף גדלות פון ר׳ נחמנען, ווייל ער איז זיכער, אַז עס וועט גאָר נישט געשען מיט קיינעם פון די, וואָס פאָרן אויף דער שיף. אָבער אויפן פערטן טאָג איז דער שטורעם שטילער געוואָרן און ר׳ נחמן איז אַרויסגעקומען און געזאָגט צו שמעונען:

— אַ דאַנק דעם השם יתברך. איצט בין איך שוין רואיק.

שמעון האָט זיך געוווּנדערט צו הערן די ווערטער פון ר׳ נחמנען, און האָט אים געפרעגט:

— און נעכטן, ווען דער ים האָט אַזוי געשטורעמט, איז דער רבי נישט געווען רואיק?

— טאַקע נישט, און אַזוי אויך די גאַנצע צייט, וואָס דער ים האָט געשטורעמט — האָט ר׳ נחמן זיך מודה געווען.

— פאַרוואָס איז דער רבי נישט אַרויסגעקומען פון זיין חדר די גאַנצע צייט? — איז שמעון געוואָרן דרייסטער.

— כ׳האָב נישט געוואָלט, אַז מ׳ען זאָל זען, אַז כ׳שרעק זיך — האָט ר׳ נחמן געזאָגט אין אַ נאַאיוון טאָן.

שמעון האָט איצט צום ערשטן מאָל דערפילט אַ פחיתת הכבוד צו זיין רבין, אָבער ער האָט באַלד פאַרטריבן דעם ביטול־געדאַנק פון זיך מיט אַ וואָרט:

— נו, מילא...

ווען די שיף איז לסוף אָנגעקומען אין פאָרט, זענען ר׳ נחמן און שמעון אַראָפּ אויף דער יבשה. אָבער זיי האָבן נישט געקענט ריידן צו קיינעם, ווייל אַלע האָבן גערעדט טערקיש און קיינער האָט נישט פאַר־שטאַנען אַ וואָרט, וואָס זיי האָבן גערעדט צו זיי. זיי האָבן אויך נישט געקענט דערקענען, ווער עס איז אַ ייד און ווער נישט, ווייל אַלע זענען געווען גלייך געקליידט.

אַזוי ווי זיי זיצן פאַרשמאַכטע אין פאָרט און ווייסן נישט וואָס צו טאָן, קומט צו צו זיי אַ ייד, וואָס האָט געקענט אַביסל לשון קודש און אַביסל מאַמע־לשון, און זיי געפרעגט וואָס ער קען טאָן פאַר זיי. זיי האָבן אים געזאָגט, אַז זיי ווילן גיין אין אַ יידישער אכסניה. האָט דער ייד זיי אָוועקגעפירט אין אַן אכסניה אין קוואַרטאַל פון שטאָט, וואָס הייסט

גאַלאַטע. אָבער ווען ר׳ נחמן איז אַהינגעקומען, האָט ער געזאָגט צום ייד, אַז די אכסניה געפעלט אים נישט. האָט דער ייד צו אים געזאָגט: „איך קען אייך פירן אין אַן אַנדערער יידישער אכסניה, וואָס איז סאַמע מיטן שטאָט. דאָרטן וווינען בעסערע מענטשן. אין יענער אכסניה זענען נישטאָ קיין נשים און עס איז אַלץ אַנדערש״. האָט ר׳ נחמן אים געבעטן, אַז ער זאָל אים פירן אַהין, צו יענער אכסניה. ווען זיי זענען געקומען אַהין, האָט ר׳ נחמן געזאָגט צום ייד, אַז דאָ געפעלט אים בעסער. דער ייד האָט אים איצט געזאָגט, אַז דאָ שטייען איין אַלטע שליחים, וואָס פאָרן קיין און פון ארץ־ישראל און אַז אויך איצט שטייען דאָ איין דריי שליחים, וואָס פאָרן פון ארץ־ישראל, און אַז מיט זיי וועט ער זיך שוין קענען צוזאַמענריידן. ר׳ נחמן איז געווען דערפון צופרידן, אָבער ער איז געווען באַזאָרגט, צי די שליחים פון ארץ־ישראל וועלן נישט וועלן וויסן, ווער ער איז. ער האָט זיך דעריבער נאָכאַמאָל געווענדט צו שמעונען און אים געפרעגט, צי ער געדענקט דעם מדובר, וואָס איז געווען צווישן זיי ביידן. שמעון האָט אים געזאָגט, אַז ער געדענקט אַלץ. ר׳ נחמן האָט אים פונדעסטוועגן נאָכאַמאָל אַלץ דערמאָנט און אויסגעפירט:

— געדענק, שמעון, איך בין דיך בפירוש מתרה, אַז דו זאָלסט בשום אופן נישט זאָגן קיינעם, ווער איך בין, וויפל זיי זאָלן נישט צושטיין צו דיר. דו הערסט? איך וואָרן דיך!

שמעון, וועלכער האָט אָנגעהויבן אָפּגעקילט צו ווערן צו ר׳ נחמנען, האָט פּרובירט איינטענהן מיט אים, אַז עס טויג נישט אַזוי. אדרבה, אַז מען איז אין דער פרעמד, איז דווקא בעסער צו זאָגן ווער מען איז, ווייל טאָמער דאַרף מען עפּעס פון עמעצן, וועט ער עס גיכער טאָן. עס וועט נאָר זיין לייכטער און דעריבער זאָל ער נישט זיין אַזוי איינגעשפּאַרט און דער־לויבן אים צו זאָגן, ווער ער איז. אָבער ר׳ נחמן האָט אים דערויף געענט־פערט שוין מיט כעס, אַז ער זאָל בשום אופן נישט זאָגן קיינעם ווער ער איז. שמעון, וועלכער האָט געוווסט די אמתע סיבה דערפון, האָט לסוף מסכים געווען און אים פאַרזיכערט, אַז עס וועט אַזוי זיין.

אין יענער צייט זענען געווען אין דער אכסניה דריי שליחים פון ארץ־ישראל, וועלכע זענען געפאָרן אין פאַרשיידענע לענדער זאַמלען געל־

טער פאַר די תלמידי חכמים פון ארץ־ישראל. אַלע דריי זענען געווען גרויסע רבנים און מקובלים און זיי האָבן אונטערגענומען די נסיעות צו־ליב זייער גרויסער ליבע צו ארץ־ישראל און אויך כדי אָנצוהאַלטן דאָרטן דעם לימוד התורה. די שליחים זענען געווען: ר׳ אברהם אזולאַי, אַ זון פון גרויסן גאון און מקובל, ר׳ חיים דוד אַזולאַי, באַקאַנט אונטערן נאָמען „חיד״א". ער איז געווען אַ ספרדי, זיין פאָטער האָט געלעבט אין ליוואָרנאָ, אין איטאַליע. אָבער ר׳ אברהם האָט געהאַט זיין הויז אין ירושלים. דער צווייטער איז אויך געווען אַ ספרדי, דאָס איז געווען ר׳ יהודה בר׳ ישראל סגרי. ער איז געפאָרן קיין מאַראָקאָ, טאַקע פאַרן כוללות מאַראָקאָ אין ארץ־ישראל און אויך פאַר דער „כוללות טבריה". בלויז דער דריטער איז געווען אַן אשכנזי. דאָס איז געווען דער גאון און גרויסער רב ר׳ אשר אשכנזי, דער מחבר פון פיל ספרים. ער איז געפאָרן זאַמלען געלטער ביי די יידן פון פוילן, ליטע און רייסן און אויך אין וואָלינער און פּאָדאָליער גובערניעס. ווי נאָר ר׳ נחמן און שמעון זענען אַריין אין זייער חדר, ווו עס זענען געווען פאַר זיי צוויי בעטן מיט אַ טיש און צוויי שטולן, האָט שמעון, אַרויסגייענדיק אין קאָרידאָר, באַגעגנט ר׳ אשר אשכנזי. יענער, וואָס האָט געהאַט אַ שאַרף אויג צו דערקענען מענטשן, האָט טאַקע גלייך אים דערקענט און אַפילו אים אָנגערופןביים נאָמען:

— שלום עליכם, שמעון, דו ביזט דאָך ר׳ בערס זון פון מעזשיבוזש?

— יאָ, — האָט שמעון געזאָגט — אָבער איך דערקען אייך נישט.

— טאָ ווו איז דיין טביעת עין, שמעון? — האָט אים ר׳ אשר אַ לייכטן שטאָך געטאָן — דו דאַרפסט מיך יאָ דערקענען. דו האָסט דאָך מיר געהאָלפן זאַמלען געלטער ביי אייך אין מעזשיבוזש פאַרן „כוללות".

— יאָ! יאָ! — האָט זיך שמעון געכאַפּט — איר זענט ר׳ אשר אשכנזי!

— געטראָפן, ריכטיק! גוט, וואָס מען זעט זיך. און וווהין פאָרסטו דאָס?

— וווהין פאָרט אַ ייד? — קיין ארץ־ישראל — האָט אים שמעון געענטפערט.

— אַליין?

— ניין, מיט נאָך עמעצן.

— מיט וועמען?

— מיט נאָך אַ יונגנמאַן.

— אָ! איך האָב דיך טאַקע געזען אַריינגיין מיט נאָך איינעם. נו, ווער איז יענער?

— אַ יונגערמאַן.

— אָבער ווער איז ער?

— דאָס קען איך אייך נישט זאָגן.

— אַזוי גאָר! אַ סוד! — האָט דער שליח שוין געזאָגט מיט פאַר־דרוס. נו, און וועגן וואָס פאָרסטו און דער יונגערמאַן קיין ארץ־ישראל, קענסטו מיר זאָגן?

— אויך נישט. — האָט שמעון געזאָגט מיט אַ פעסטן טאָן — אויך נישט!

— כ׳פאַרשטיי נישט — האָט דער שליח שוין געקוועטשט מיט דער פלייצע — פאַרוואָס האָסטו מורא צו זאָגן ווער דער יונגערמאַן איז און צוליב וואָס ער פאָרט קיין ארץ־ישראל אין אַזאַ שווערער צייט? וואָס פאַראַ סודות זענען דאָ פאַראַן?

שמעון האָט אָבער ווייטער געשוויגן און גאָר נישט געוואָלט זאָגן. דעם שליח איז די גאַנצע זאַך געוואָרן קשה און ער האָט אָוועקגערופן שמעונען אַן אַ זייט און צו אים געזאָגט:

— שמעון, איך קען דיך פאַר אַ פיינעם מענטשן, פאַר אַן ערלעכן יונגנמאַן. איך געדענק גוט ווי אַזוי דו האָסט מיר געהאָלפן צו זאַמלען אַ סך געלטער, ווען כ׳בין געווען ביי אייך אין מעזשיבוזש. אָבער דאָס, וואָס דו מאַכסט אַ סוד פון דער רייזע פון דעם יונגנמאַן, איז מיר נישט פאַר־שטענדלעך. עס וואַרפט אויף דיר אַ חשד, אַז די גאַנצע זאַך איז עפּעס נישט כשר, אַז דו באַהאַלטסט עפּעס. וואָס קומט דאָ פאָר?

שמעון האָט אים דערויף ווידער נישט געענטפערט. דער שליח איז איצט אַוועק און עס געזאָגט צו די אַנדערע שליחים, און באַלד האָט אַ צווייטער שליח געפרעגט שמעונען:

— האָט איר געפרעגט אייער רבין, ר׳ נחמנען פון מעדוועדעווקע, צי איר זאָלט פאָרן מיט דעם יונגנמאַן?

— יאָ, — האָט שמעון אים געענטפערט, אָבער מער האָט ער אים נישט געוואָלט זאָגן.

שמעון האָט זיך געפילט זייער שלעכט פון דעם אַלעם. ער האָט איצט איינגעזען באַשיינפערלעך, אַז ווען ער זאָל זיי זאָגן, אַז דער יונגערמאַן איז טאַקע זיין רבי, ר׳ נחמן פון מעדוועדעווקע, וועלן זיי שטאַרק נוהג כבוד זיין אָן אים און דאָס וואָלט געמאַכט זייער נסיעה פיל לייכטער. שמעון האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט דאָס געזאָגט ר׳ נחמנען און אים ווידער געבעטן אַז ער זאָל אים געבן רשות צו זאָגן די שליחים מ׳יט וועמען ער פאָרט. אָבער ר׳ נחמן איז געבליבן איינגעשפאַרט, אַז בשום אופן זאָל ער דאָס זיי נישט זאָגן, אַפילו ווען זיי וועלן צושטיין צו אים זייער שטאַרק און אַפילו ווען זיי זאָלן אים דערפאַר גורם זיין פיל ענויים, ווייל אַזוי איז זיין רצון.

אָבער פאַרוואָס זענען די שליחים אַזוי צוגעשטאַנען צו שמעונען, אַז ער זאָל זיי זאָגן ווער דער יונגערמאַן איז? פאַרוואָס איז זיי אַזוי דאָס געגאַנגען אין לעבן? איז דען דאָס זיי געווען נוגע? — דער ענטפער דער־רויף איז, אַז יאָ, עס האָט געהאַט צו טאָן מיט זיי און עס איז זיי דעריבער פשוט געגאַנגען אין לעבן צו וויסן ווער יענער מענטש איז.

דאָס האָט שוין געהאַט צו טאָן מיט די מחלוקתן, וואָס זענען אָנגע־גאַנגען אין יענער צייט צווישן די חסידים גופא וועגן די געלט־זאַמלונגען פאַר די אַרץ־ישראל־כוללים. עס איז געווען באַלד נאָך דער פטירה פון ר׳ מנחם מענדל וויטעבסקער, וועלכער האָט געשאַפן די „כוללות" אין אַרץ־ישראל אויף צו זאַמלען געלטער פאַר די יידן, וואָס ווילן זיין אין הייליקן לאַנד, כדי אַרץ־ישראל זאָל נישט בלייבן אָן יידן און דער עיקר צו קלייבן געלטער פאַר די תלמידי חכמים, וואָס ווילן דאָרטן זיצן און לערנען. ר׳ מענדל איז געווען דער ערשטער נשיא און ווען ער איז נפטר געוואָרן, איז געקומען אויף זיין אָרט ר׳ אברהם קאַליסקער. ער האָט איינגעפירט אַ נייע אָרדענונג ביים זאַמלען די געלטער, פון וואָס נישט אַלע זענען געווען צו־פרידן.

ווען ר׳ מענדל האָט געלעבט, האָט אין די גאָלט־זאַמלונגען אים אַרויסגעהאָלפן זיין יוגנט־חבר ר׳ שניאור זלמן פון ליאָזשנע, וועלכער איז איצט געוואָרן דער רבי און מנהיג פון די חסידים אין ליטע און רייסן. דער „ליאָזשנער״ (ווי מ׳האָט גערופן פאַרקירצט ר׳ שניאור זלמנען) פלעגט פאָרן פון שטעטל צו שטעטל און זאַמלען געלטער פאַר ארץ־ישראל און דאָס אַריבערשיקן צו ר׳ מענדלען. אַזוי ווי דער ליאָזשנער האָט געהאַט אַ שטאַרקן חלק אין די געלט־זאַמלונגען, איז ער דעריבער אויך געווען דער פאַרטרעטער פון די „כוללות״ אין די גלות־לענדער. ווען ר׳ אברהם קאַליסקער איז געוואָרן נשיא, איז אים נישט געפעלן געווען דאָס, וואָס דער „ליאָזשנער״ האָט אַזאַ גרויסע דעה אין „כוללות״־ענינים און אים געוואָלט באַזייטיקן. דאָס איז אָבער נישט געווען אַזוי לייכט, ווייל ראשית, זענען דאָס רוב געלטער פון ליטע און רייסן געקומען פריער צום „ליאָזשנער״. און צווייטנס, האָט דער „ליאָזשנער״, וועלכער איז געוואָרן איצט דער רבי און מנהיג פון די חסידים, געהאַט אַ גרויסע השפעה אויפן עולם. דאָך איז ר׳ אברהם קאַליסקערן געלונגען, אַז אַ טייל פון די רביים זאָלן האַלטן מיט אים. עס האָט זיך דעריבער אָנגעהויבן אַ גרויסע מחלוקה. די שלי־חים פון ארץ־ישראל, וועלכע זענען געווען דירעקט פאַרבונדן מיט די געלט־זאַמלונגען, האָבן דעריבער חושד געווען דעם יונגנמאַן, אַז ער פאָרט קיין ארץ־ישראל, כדי צו פאַרשטאַרקן דאָרטן די מחלוקת קעגן ר׳ אברהם קאַליסקער. אין יענער צייט האָט זיך אויך געהאַט געשאַפן אַ התנגדות קעגן ר׳ אברהם קאַליסקער מצד די גאַליציאַנער רביים צוליב אַנדערע טעמים, ווייל זיי האָבן נישט געהאַלטן פון זיין הנהגה. די שליחים האָבן דעריבער זיך געטראַכט, אַז דער יונגערמאַן איז געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל פון „ליאָזשנער״ גופא אָדער פון די גאַליציאַנישע רביים. דערי־בער זענען זיי געווען אַזוי בייגעריק צו וויסן באַצייטנס, ווער דער יונגער־מאַן איז און צוליב וואָס ער פאָרט קיין ארץ־ישראל.

איינמאָל האָט ר׳ אשר אשכנזי, אַ ייד פון אַרום פינף און פערציק, מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד, אין וועלכער עס האָבן זיך שוין געזען זילבערנע פעדים, געטראָפן שמעונען אין דרויסן, אייגעם אַליין אָן ר׳ נחמנען. ער האָט זיך געטראַכט, אַז איצט איז אַ שעת הכושר צו ריידן

מיט אים ביחידות, פה אל פה, און איז דעריבער צוגעשטאַנען צו אים, אַז ער זאָל אים זאָגן דעם סוד, ווער דער יונגערמאַן איז. שמעון האָט אים אָבער אויף אַן איידעלן אופן געענטפערט:

— גלויבט מיר, ר׳ אשר, אַז איך וואָלט עס אייך געזאָגט, אָבער איך טאָר עס נישט טאָן. איך האָב געגעבן מיין וואָרט, ווי אַ שבועה, אַז כ׳וועל קיינעם דאָס נישט זאָגן און כ׳וועל מיין וואָרט נישט ברעכן. עס שטייט דאָך אין דער תורה: „ומוצא שפתיך תשמור".

— אַזוי גאָר! דו האָסט געגעבן אַ וואָרט! — האָט דער שליח עס איבערגעזאָגט ווי צו זיך אַליין — אויב אַזוי, איז עס דאָך שוין זיכער אַ באַהאַלטענע זאַך און אָט דאָס געפעלט מיר שוין גאָרנישט! — און ער האָט איבערגעלאָזט שמעונען אויפן אָרט, ווו ער איז געשטאַנען און איז גלייך אַוועק צו די אַנדערע שליחים זיי דאָס צו זאָגן. די שליחים זענען געבליבן זיצן געפּלעפט און האָבן בשום אופן נישט געקאָנט פאַר־שטיין וואָס עס קומט דאָ פאָר און זיי האָבן זיך פאַר „עפּעס" געשראָקן...

47

ווען די שליחים פון ארץ־ישראל האָבן געזען, אַז זיי קענען גאָרנישט מאַכן מיט שמעונען און וועלן פון אים נישט דערגיין ווער דער יונגער־מאַן איז, האָבן זיי זיך גענומען צו ר׳ נחמנען גופא. עס איז ביי זיי גע־בליבן, אַז זיי זאָלן אַזוי לאַנג אים מוטשען מיט קשיות, ביז זיי וועלן פון אים אַרויסקריגן דאָס, וואָס זיי ווילן. אָבער ר׳ נחמן איז געווען גענוג איינגעשפּאַרט נישט צו זאָגן קיינעם, וואָס ער האָט נישט געוואָלט זאָגן. דעריבער איז אָנגעגאַנגען צווישן זיי עטלעכע טעג כסדר אַן אמתער קאַץ־און־מויז־שפּיל.

צום ערשטן איז צוגעקומען ר׳ אשר צו ר׳ נחמנען און מיט אים פאַר־פירט אַ שמועס. בינו לבינו האָט ער אים געפרעגט ווי ער הייסט און פון וואַנען ער קומט. ר׳ נחמן האָט אים דערויף געענטפערט פידרעך, מיט סתם־ווערטער, וואָס זענען אים געקומען אין קאָפּ אַריין. האָט דער שליח איבערגעהאַקט זיינע רייד און אים געזאָגט, אַז ער וויל וויסן נאָר זיין

נאָמען און פון וועלכער שטאָט ער קומט. האָט ר׳ נחמן אים ווידער דערויף געענטפערט מיט אַ „תורה״ וועגן דער גרויסקייט פון ארץ־ישראל. דער שליח האָט איצט פּרובירט אים צוצודריקן צו דער וואַנט און גערעדט שוין מיט כּעס:

— נאַרישער מענטש, פאַרוואָס פּלאַפּלט איר גלאַט אין דער וועלט אַריין... ראשית, דאַרפט איר וויסן צו וועמען איר רעדט, און צווייטנס, פאַרוואָס ענטפערט איר נישט צו דער זאַך? ענטפערט מיר אויף מיין פראַגע: „מה שמך״? ווי הייסט איר? איר האָט אַ נאָמען! מען האָט אייך אַ נאָמען געגעבן ביים ברית, טאָ ווי איז אייער נאָמען?

ר׳ נחמן האָט אים איצט אָנגעקוקט, ווי אַ שטייגער ער ווייס נישט, וואָס ער וויל פון אים און זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעגאַנגען.

אַן אַנדערש מאָל האָט אים אַ צווייטער פון די שליחים, ר׳ אברהם אזולאַי, געפרעגט צי ער איז אַ כּהן, האָט ער געענטפערט, אַז יאָ. צו־מאָרגנס האָט אים ווידער הרב אַזולאַי געפרעגט: „איר זענט אַ ישראל?״ האָט ער אים געענטפערט: „יאָ״. האָט ער צו אים געזאָגט: „איר האָט דאָך מיר נעכטן ערשט געזאָגט, אַז איר זענט אַ כּהן״. האָט ר׳ נחמן אים דערויף געענטפערט: „כּהן איז די מידה פון חסד. ישראל איז אַן אַנדערע מידה. איך האָב אין זיך ביידע״.

איז די שליחים איינגעפאַלן, אַז ער מוז זיין אַ זון פון „ניזשכיזער״ רבי, וואָס איז אויך קעגן ר׳ אברהם קאַליסקער. האָבן זיי אים דאָס גע־זאָגט. האָט ער גענומען ריידן שלעכטע רייד אויף דעם „ניזשכיזער״. האָבן זיי געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס רעדט איר שלעכטס אויף אייער טאַטן״? האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער איז נישט זיין טאַטע. האָבן אָבער די שליחים געוווסט, אַז דער „ניזשכיזער״ האָט אַ יינגערן זון, וואָס הייסט „יצחק״. האָט איינער פון זיי אים גערופן „יצחק, קומט אַהער!״ — איז ער צוגע־גאַנגען. האָבן זיי צו אים געזאָגט: „אויב אַזוי, זענט איר דאָך דער יינגס־טער זון פון „ניזשכיזער״ רבי, טאָ פאַרוואָס האָט איר גערעדט שלעכטס אויף אייער טאַטן?״ האָט ער זיי ווידער געזאָגט, אַז ער איז נישט זיין זון. האָבן זיי צו אים געזאָגט, אַז זיי פירן אַ מתנה פאַרן „ניזשכיזער״ רבי, איז ער געוואָרן אינטערעסירט צו זען די מתנה, און באַלד האָט ער ווידער

אָנגעהויבן אויסצורייִדן אויפֿן „ניזשכיזער" רבי אַלדאָס בייז. האָבן זיי שוין אָנגעשריִען אויף אים:

— פֿאַרוואָס זאָגסטו היינט אַזוי און מאָרגן אַנדערש? ווי הייסטו? האָט מען דיך ביי דיר אין שטאָט אויך גערופֿן יעדן טאָג מיט אַן אַנ־דערן נאָמען?

— יעדער נאָמען — האָט ר׳ נחמן זיי געענטפֿערט מיט גדלות — האָט אין זיך אַן אחיזה פֿון אַ ספֿירה, און איך האָב אין זיך אַן אחיזה פֿון אַלע ספֿירות.

— אָבער זאָגט אונדז בלויז, פֿאַרוואָס איר פֿאָרט קיין ארץ־ישראל אין אַזאַ שווערער צייט? — איז ר׳ יהודה סגרי צוגעשטאַנען צו אים — אויב איר ווילט נישט זאָגן אייער נאָמען און פֿון וואַנען איר קומט, וועלן מיר דאָס אָפּלאָזן. אָבער פֿאַרוואָס איר פֿאָרט קיין ארץ־ישראל — דאָס קענט איר דאָך זאָגן.

— אַהאַ! — האָט ר׳ נחמן אויסגעשריִען — אָט דאָס ווילט איר וויסן! דאָס איז אַ סוד! עס איז אַזאַ סוד, וואָס דאָס האַרץ פֿאַרטרויט נישט צום מויל. דאָס קען איך אייך נישט זאָגן.

— יונגערמאַן — האָט ר׳ אשר צו אים גערעדט מיט גוטן — אויב איר וועט אונדז זאָגן צוליב וואָס איר פֿאָרט קיין ארץ־ישראל, קענט איר פֿון אונדז האָבן אַ סך טובֿות, ווייל מיר קומען פֿון דאָרטן און מיר קענען גוט דאָס לאַנד און אויך די מענטשן.

— איך דאַרף פֿון אייך קיין טובֿות נישט! איר דאַרפֿט אפֿשר פֿון מיר טובֿות! — האָט ר׳ נחמן זיך אָנגעבלאָזן.

— איר רעדט אַזוי, ווי אַ שטייגער, איר וואָלט געווען אַ גרויסער רבי. דאָך פֿירט איר זיך אויף ווי אַ נאַר — האָט ר׳ יהודה סגרי אָנגע־שריִען אויף אים — וואָס פֿאַר אַ שטיק פּראַוועט איר דאָ? ווער זענט איר? און וואָס זענט איר?

ר׳ נחמן האָט זיך איצט צעלאַכט הויך אויפֿן קול און איז אַוועק פֿון זיי.

אָבער לא די, וואָס ר׳ נחמן האָט זיי נישט געוואָלט זאָגן ווער ער איז און אויך געמאַכט חוזק פֿון זיי, דורך זאָגן זיי אַלע מאָל אַן אַנדער

ענטפער, האָט ער זיך נאָך גענומען אויף אַ דרך צו רייצן זיך מיט זיי, ווי אַ שטייגער, עס וואָלט אים געגאַנגען אין לעבן אַריינצוברענגען זיי נאָך מער אין דער הקפדה. אַזוי, למשל, פלעגט ער בכיוון זיי אויפוועקן יעדן טאָג גאַנץ פרי, ווען זיי זענען נאָך געשמאַק געשלאָפן, נאָכן פראַ־ווען חצות. ער פלעגט, למשל, אַריינגיסן וואַסער אין זייערע געלעגערס, אָדער זיך רייצן מיט זיי דורך אַרויסשטעקן אויף זיי אַ צונג און אָנרופן זיי מיט צונעמען. ער האָט זיך אויך געפירט בקלות צו לייגן זיך שלאָפן אָן גאַרטל, צי גאָר אַרומלויפן מיט באָרוועסע פיס. ערב שבת, ווען אַלע זענען געגאַנגען אין מקווה, איז ער נישט געגאַנגען, און צו זיי געזאָגט, אַז ער שטייט העכער פון דער מקווה. ער דאַרף זיך נישט גרייטן לכבוד שבת, ווייל ער איז דער שבת...

און איינמאָל, ווען ר׳ נחמן האָט אַליין שוין געזען, אַז ער האָט אי־בערגעכאַפּט די מאָס, איז ער צוגעגאַנגען צו זיי און זיי געוואָלט מפייס זיין, אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן צו ריידן צו זיי, האָט ער זיי נאָך מער באַליידיקט. שמעון האָט זיך פון אַלעם זייער מצער געווען, אָבער ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער האָט דעריבער, אויף אַן איידעלן אופן, געזאָגט צו ר׳ נחמנען, אַז ער טוט נישט גוט בנוגע די שליחים און אַז ער איז זיי מצער בחינם. ר׳ נחמן האָט דאַן געזאָגט צו שמעונען:

— טאָ ווי אַזוי זאָל איך זיי איבערבעטן? אפשר וועסטו זיי איינ־לאָדן צו מיר אויף אַ גלאָז טיי?

— זיי וועלן נישט קומען — האָט שמעון אים געענטפערט — זיי האַלטן נישט פון אייך.

— פּרוביר דאָך! איך וויל זיך מיט זיי איבערבעטן.

— נו, גוט, כ׳וועל זיי זאָגן — האָט אים שמעון פאַרזיכערט, און ער האָט טאַקע זיך באַלד געזען מיט ר׳ אשר אשכנזי און אים געזאָגט וואָס ר׳ נחמן האָט אים געהייסן זאָגן.

— נישט מער נייטיק! — האָט ר׳ אשר אים געענטפערט — מיר האָבן זיך שוין דערוווּסט ווער ער איז.

— טאָ ווער איז ער? — האָט שמעון אים בכיוון געפרעגט.

— ער איז אַ טיפש גדול ונורא. אַן אָפּגעריסענער נאַר, אַ גאָרנישט,

אַ בלאָז־זאַק. עס איז דעריבער נישטאָ פאַר אים צוליב וואָס מורא צו האָבן. ער קען גאָרנישט טאָן, נישט קיין גוטס און נישט קיין שלעכטס.

ר׳ אשר האָט אַביסל נאָכגעטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

— שמעון, פון אַלעם וואָס איך ווייס וועגן דיר, בין איך זיכער, אַז דו ביסט אַ בן־תורה און אַן איידעלער מענטש. איך ווייס, אַז דו טוסט פיל פאַר די שליחים פון ארץ־ישראל, וואָס קומען אין דיין שטאָט. דו זיצסט אויך און לערנסט ווען דו האָסט נאָר צייט און אויך אַפילו דאָס, וואָס דו ווילסט אונדז נישט אויסזאָגן ווער דער יונגערמאַן איז, ווייל דו האָסט געגעבן אַ וואָרט דערויף, געפעלט אונדז שטאַרק, ווייל אַזוי דאַרף זיין. „מוצא שפתים תשמור״. טאָ פאַרשטיי איך נישט, ווי אַזוי קומט עס, אַז דו זאָלסט זיך חברן מיט אים, פאַרוואָס פאָרסטו מיט אים קיין ארץ־ישראל? ער איז דאָך אַ שוטה, אַ שוטה גמור!

— אַ שוטה זאָגסטו — האָט זיך אַריינגעמישט ר׳ אברהם — ער איז נישט בלויז אַ שוטה, נאָר אויך אַ רשע. ער רעדט דאָך שלעכטס אויף אַלע רביים, אויף די גרעסטע יידן. איך אַליין האָב אים שוין געהערט ריידן לשון הרע אויף פיל צדיקים. אַ חוץ דעם איז ער לויטער שקר.

— און איינרעדעניש האָט ער, ווי ער וואָלט געווען מי־יודע ווער...

— האָט זיך אָנגערופן ר׳ יהודה סגרי — אַ שטייגער ווי ער וואָלט געווען אַ גאון הגאונים! דער ערשטער צדיק הדור! עפּעס אַ קלייניקייט ווי ער האַלט דאָס פון זיך! ער איז אַ פּוסטע כלי...

— איך ווייס באמת נישט פאַרוואָס איר חברט זיך מיט אים? פאַר־וואָס איר באַדינט אים אַזוי? — האָט ר׳ אשר ווידער מיט אים איינגע־טענהט — שמעון, דו דאַרפסט נישט זיין זיין משרת. ער דאַרף זיין דיין משרת!

— מהיום והלאה — האָט ר׳ אברהם געזאָגט צו שמעונען — קענט איר, ר׳ שמעון, אַלע מאָל קומען צו אונדז און איר וועט זיין ביי אונדז אַן אָנגעלייגטער גאַסט. איר קענט עסן שבת ביי אונדז, אָבער נישט ער! מיט אים ווילן מיר נישט האָבן קיין מגע־ומשא. ער איז אַ חסר דעה. איך פאַרשטיי באמת נישט, ווי אַזוי עס קומט, אַז איר זאָלט אים משמש

זיין! אַז איר זאָלט זיין זיין משרת? איר האָט דאָך מער ישוב הדעת און איידלקייט אין איין פינגער, ווי ער אין גאַנצן לייב און לעבן!...

די דאָזיקע רייד, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ טיפן ערנסט פון די אָנגעזעענע רבנים און מקובלים, האָבן געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף שמעונען און ער האָט אָנגעהויבן נאָכצוטראַכטן וועגן זיי. עס איז געווען, ווי ער וואָלט פּלוצלונג דערזען, אַז דאָס גאָלד מיט וואָס ער טראָגט זיך אַרום, איז גאָר נישט קיין גאָלד, נאָר אַ געל שטיקל בלעך און אַז דאָס וואָס ער איז זיך אַזוי מבטל לגבי ר׳ נחמנען, איז דורכאויס פאַלש.

יענע נאַכט, ווען שמעון איז געלעגן אויף זיין בעטל, האָט ער בשום אופן נישט געקענט איינשלאָפן, ווייל מאָדנע געדאַנקען האָבן איצט גע־בושעוועט אין זיין קאָפּ און אים אינגאַנצן צערודערט... אַזעלכע געדאַנ־קען, וואָס ער האָט ביז איצט גאָר נישט געטראַכט... עס איז צום ערשטן מאָל, וואָס ער האָט דערפילט אַ שטאַרקן ווידערגעפיל צו ר׳ נחמנען, צו וועלכן ער האָט ביז איצט זיך באַצויגן מיט פיל חשיבות. שמעון האָט איצט געטראַכט פון זיין גאַנץ לעבן, פון זיינע יונגע יאָרן, פון זיין חבר־שאַפט מיט ר׳ נחמנען, ווען נחמנקע איז נאָך געווען אַ בחורל, אַזוי ווי עס... ווי ער האָט מיטאַמאָל דערזען, אַז אויף נחמנען רוט די שכינה און ער האָט געהערט איםריידן אַזעלכע הויכע רייד, אַז ער האָט זיך געפילט בטול קעגנאיבער אים און אים אָנגעהויבן צו רופן „ר׳ נחמן", איז גע־וואָרן זיינער אַן איבערגעגעבענער תלמיד און חסיד, און וואָס אַמאָל אַלץ מער, ממש איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן, אַזוי, אַז יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט פון זיין מויל, איז ביי אים הייליק. ער האָט אַפילו פיל מאָל געהאַט ספיקות וועגן אים... יאָ, בפרט נאָך אין דער צייט פון זיין ליבע צו זיין שוועסטער, גיטעלע. יענע ליבע איז געווען אַזאַ ערדי־שע, אַזאַ יצר־הרעדיקע... ער געדענקט אַפילו ווי ער, ר׳ נחמן, האָט אַמאָל גערעדט צו אים, טאַקע אין שייכות מיט גיטעלען, גראָבע רייד... ממש עזותקייטן, אָבער ער האָט אים דאָס אויך מוחל געווען... ער האָט עס פאַרקוקט, ווייל פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט, אַזוי האָט זיך אים

אויסגעדוכט, זיין גרויסער זיידע, דער „בעל שם טוב״, דער מענטש, וואָס איז געווען אַ מלאך אלקים...

אָבער, טראַכט ער איצט ווייטער, אַט צוליב דעם טאַקע האָט ער דאָך אַוועקגעלאָזט אַלץ און איז געפאָרן מיט אים... ער האָט נישט געקוקט אויף ראָזעס בעטן זיך ביי אים, אַז ער זאָל נישט פאָרן און אַז זיי זאָלן חתונה האָבן, ווייל זי בענקט אַזוי שטאַרק נאָך אים... אַך, ווי שטאַרק ער בענקט דאָס צו איר אויך!...

אָבער ווו איז דער גאַנצער גלאַנץ, וואָס האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט, אַהינגעקומען? ווו איז די געטלעכקייט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון ר׳ נחמנס פּנים? ער פירט זיך דאָך אויף ערגער ווי אַ פּשוטער בשר ודם... ער מאַכט זיך דאָך כסדר נאַריש, זאָגט ליגנס, רעדט רכילות אויף גרויסע רביים, פירט אַרום באַרימטע רבנים פאַר דער נאָז און האַלט אין איין ריידן פון זיך, ווי ער וואָלט געווען דער מלך המשיח, אָדער ווייניקסטנס אליהו הנביא... יעדעס מאָל ווי ער באַגייט זיינע נאַרישע שטיק, פאַלן ביי אים, שמעונען, איין די בלוטן פאַר בושה... און פאַרוואָס וויל ער זיי טאַקע נישט זאָגן ווער ער איז און פון וואַנען ער קומט? אַלץ צוליב דעם, כדי ער זאָל זיך קענען נאַריש מאַכן און מען זאָל נישט וויסן, אַז ער טוט עס. עס איז דאָך אַ שרעק!... ווי אַזוי פירט זיך דאָס אַ גרויסער רבי אַזוי אויף?... איז דאָס נישט אַ סימן, אַז ער איז נישט קיין גרויסער רבי... און נישט נאָר נישט קיין גרויסער רבי, נאָר ער איז בכלל קיין רבי נישט... אַ רבי טוט נישט אַזוי... שמעון קוקט איצט אַהין צו ר׳ נחמנען, ווי ער שלאָפט דאָס אַזוי געשמאַק אויף זיין געלעגער... די הענט און די פיס צעוואָרפן און ווי ער כראָפּעט דאָס אַזוי הויך. ווי אַן אָקס וואָלט געגריטשעט... און ער דערשרעקט זיך אַליין פאַר דעם פאַרגלייך און קוקט נאָך אַמאָל אַהין און דערנאָך צו זיך אַליין... נו, פרעגט ער זיך, שלאָפט אַזוי אַ צדיק?... די יאַרמעלקע פאַרוואָרפן און ער „בופט״ אַזוי געשמאַק, ווי אַ בעל עגלה. ניין, נישט אַזוי שלאָפט אַ רבי... ניין, נישט אַזוי שלאָפט אַ רבי!... נישט אַזוי שלאָפט אַ צדיק, אַ מנהיג ביי יידן!... ניין, ניין...

אָבער אויב ער איז נישט קיין רבי, צו וואָס שלעפּט ער זיך מיט אים אַרום אין גאַנצן? צו וואָס פאָרט ער מיט אים? און ווי אַזוי וועט עס

אויסזען היינט ביינאַכט, ווען ער, שמעון, וועט גיין עסן מיט די שליחים, און ער נישט? עס וועט דאָך זיין צו לייטנס געלעכטער... און וואָס וועט ער טאָקע עסן? אַז קיין אַנדער יידישער פּלאַץ איז נישטאָ. מיט די שליחים פּאַרט מיט אַ שוחט און דעם שוחטס ווייב גרייט צו דאָס עסן לכבוד שבת. טאָ וואָס וועט זיין מיט אים?

שמעון האָט איצט רחמנות געהאַט אויף אים און אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז באַלד אין דער פרי, בעת עס וועט זיין ערב שבת, זאָל ער אַריבערגיין צו די שליחים און ריידן מיט זיי וועגן דעם. און טאַקע באַלד נאָכן דאַווענען און אָנבייסן איז שמעון אַריינגעגאַנגען צו די שליחים און מיט זיי איינגעטענהט:

— רבותי, איר זעט דאָך, אַז דער יונגערמאַן, מיט וועמען איך פאָר, איז אַביסל אַ צעדרייטער. איר פאַרשטייט דאָך, ער איז אַ צעבאַלעוועט קינד. איך פאַרזיכער אייך, אַז ער וועט קיין שום שלעכטס אייך נישט טאָן. דאָס קען איך אייך קאַווירן. נו, ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל נישט זאָגן אייך זיין נאָמען. לאָזט אים אָפּ און זייט אים אויך דאָס מוחל. קוקט נישט אַפילו אויף די גאַווהדיקע רייד, וואָס ער רעדט. עס מיינט גאָרנישט... אָבער היות ווי ער האָט נישט ווו צו עסן שבת און אַז איך זאָל אַוועקגיין פון אים צו עסן מיט אייך שבת, איז מיר נישט ניחא, דעריבער בעט איך אייך, טוט עס פאַר מיר און לאָזט אים עסן מיט אייך די דריי סעודות, און וויפיל עס וועט קאָסטן, וועל איך אייך באַצאָלן און זאָל זיין שלום ביי יידן.

— פאַר קיין פאַל נישט! — האָט זיך ר' אברהם אָנגערופן מיט פאַרביטערטקייט אין טאָן — מיר ווילן אים נישט ביי אונדזער טיש. מיר האָבן שוין נישט קיין מורא פאַר אים... מיר זעען שוין, אַז ער איז נישט קיין גרויסער חכם. דעריבער קען ער גאָרנישט טאָן פאַר אונדז, נישט קיין גוטס און נישט קיין שלעכטס. ער איז אַ שוואַך און נאַריש מענטשל. אָבער אַזוי ווי ער איז אַ חוצפהניק, ווילן מיר נישט עסן מיט אים צוזאַמען. עס וועט נאָר זיין פאַר אונדז אַ צעשטערטער שבת. איר אָבער קומט אַליין און אים לאָזט איבער אין דער אכסניה. זאָל ער עסן וואָס ער וויל, עס איז נישט אייער זאַך.

ערב שבת, פאַרנאַכט, האָט שמעון זיך איבערגעטאָן זיינע בגדי שבת און געזאָגט צו ר׳ נחמנען:

— איך גיי אַריבער צו די שליחים, ווו איך וועל מקבל שבת זיין און דאָרטן אויך עסן מיט זיי שבת.

— און ווו וועל איך עסן? — האָט ר׳ נחמן אים אָנגעקוקט בייז.

— כ׳ווייס נישט. זיי ווילן אייך נישט ביי זייער טיש.

— וואָס הייסט, זיי ווילן מיך נישט? — האָט ר׳ נחמן זיך שוין געקאָכט — זיי ווילן גאָר מיך נישט! געהערט אַ מעשה, איך וויל זיי נישט! ווער זענען זיי דען קעגן מיר, און ווער איך בין, דאָס ווייסטו דאָך יאָ, שמעון!

— אוודאי ווייס איך! — האָט אים שמעון גלאַט אַזוי געענטפערט, כדי אויסצומיידן איבעריקע רייד.

— טאָ פאַרוואָס האָסטו זיי דאָס נישט געזאָגט?

— וואָס האָב איך זיי געזאָלט זאָגן? — האָט שמעון צום ערשטן מאָל זיך אַנטקעגנגעשטעלט ר׳ נחמנען, אויסגלייכנדיק זיין גאַנצע פיגור — איך האָב געקענט זיי זאָגן, ווער איר זענט, אָבער איר האָט דאָך מיך דאָס נישט געלאָזן זאָגן. איך האָב דאָך געשריען די גאַנצע צייט, אַז אייער וועג טויג נישט, אַז מען דאַרף נישט טרייבן קיין ליצנות מיט אַזעלכע שיינע יידן, און זאָגן זיי היינט אַזוי און מאָרגן אַנדערש. זיי באַטראַכטן עס פאַר אַ גרויסן בזיון, און זיי זענען גערעכט אויך. נו, ווילן זיי נישט עסן צוזאַמען מיט אייך ביי איין טיש, וואָס קומט זיי דערפאַר? זיי האָבן אייך פיינט געקראָגן.

— און אַז איך וויל זיי נישט זאָגן ווער איך בין — האָט זיך ר׳ נחמן ווייטער געקאָכט — וואָס קומט מיר דערפאַר? אפשר האָב איך אַ טעם דערצו... זיי דאַרפן אָבער מיר נישט פאַרשטערן מיין שבת!

— זיי פאַרשטערן אייך נישט אייער שבת. זיי ווילן נאָר, אַז איר זאָלט זיי נישט פאַרשטערן זייער שבת. אַז איר זאָלט נישט ריידן צו זיי דברים בטלים. זיי ווילן נישט, אַז איר זאָלט זיי מאַכן צום נאַר.

— איך וועל גיין מיר דיר, שמעון, צו זיי און האַלטן שבת מיט זיי — האָט ר׳ נחמן געזאָגט צו שמעונען מיט אַ פעסטן טאָן.

— אָבער זיי ווילן דאָך אייך נישט! — האָט אים שמעון אָנגעקוקט.

— וואָס איז מיר אַ נפקא מינה צי זיי ווילן מיך יאָ צי נישט! איך בין העכער פון זיי און דער שבת איז העכער פון אונדז אַלעמען.

באַלד האָט זיך ר׳ נחמן איבערגעטאָן אין זיינע בגדי שבת און איז געגאַנגען מיט שמעונען צום חדר פון די דריי שליחים פון ארץ־ישראל.

אָבער ווי נאָר שמעון האָט געעפנט די טיר און געזאָגט „גוט שבת" און נאָך אים איז אַריינגעקומען ר׳ נחמן, איז צוגעלאָפן צו אים ר׳ אברהם און אים פשוט אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער און אַרויסגעוואָרפן. ר׳ נחמן האָט זיך נישט געלאָזט, האָט אים ר׳ אברהם דערלאַנגט צוויי פּעטש, שרייענדיק צו אים: „אַוועק דו, שוטה!" און ער האָט פאַרהאַקט די טיר פאַר זיין פּנים.

שמעונען איז שוין איצט נישט איינגעגאַנגען נישט דאָס דאַוונען און נישט דער עסן. ער איז געזעסן ביים טיש און האָט אַפילו נישט געהערט וואָס מען רעדט צו אים. און ווען קיינער האָט נישט געזען, האָט ער ממש געשלונגען די טרערן. ביי אים איז איצט געווען רעכט צוריקצופאָרן אַליין אַהיים און פאַרגעסן אינגאַנצן אָן ר׳ נחמנען. חתונה האָבן מיט ראָזען און נישט מער האָבן צו טאָן מיט קיין שום רביים און חסידים. ער וועט אינגאַנצן אַנטלויפן פון זיי... עס איז אַ באַנדע משוגעים...

אָבער גראָד זענען אַלע דריי שליחים געווען יענעם אָוונט זייער גוט צו אים און אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי דערציילן ווי אַזוי עס לעבן די יידן אין זיין שטאָט און אין די אַנדערע שטעטלעך, און זיי האָבן אים זייער פיין באַהאַנדלט און געבעטן מאָרגן ווידער צו קומען צו זייער טיש...

ווען שמעון איז אַהיים געקומען האָט ער געטראָפן ר׳ נחמנען זייער פריילעך. ער איז געווען אויפגערוימט און געלאַכט פון דער גאַנצער זאַך, אַ שטייגער, ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַ שפּאַס. דערצו האָט נאָך ר׳ נחמן צו אים געזאָגט:

— נו, האָב איך נישט געגעסן קיין בשר ודגים, האָב איך געטרונקען מילך פאַרן קידוש, אנשטאָט ווייַן, און זיך געוואַשן צו אַ שטיקל ברויט, אַנשטאָט צו חלות. אָבער קיין „תורה" פון מיר האָבן זיי נישט געהערט!

שמעון האָט געדריקט מיט די פּלייצעס און געזאָגט צו ר׳ נחמנען:

— איך האָב אייך אָבער געזאָגט, אַז איר זאָלט נישט גיין אַהין! זיי זענען בייז אויף אייך און ווילן אייך נישט האָבן ביי זיך.

— ווער פרעגט זיי דען אַ דעה? איך וועל צומאָרגנס ווידער גיין אַהין — האָט ר׳ נחמן אויסגעשריען.

— זיי וועלן אייך ווידער נישט אַריינלאָזן.

— זאָלן זיי! מיר אַרט ער נישט! זאָלן זיי מיך אַרויסוואַרפן! איך וועל דערפון נישט נתפעל!...

שמעונען האָבן די ווערטער געגעבן עפּעס אַ קריץ איבער דער נשמה און ער האָט געטראַכט ביי זיך: וואָס איז געשען מיט אים? האָט ער גאָר קיין בושה נישט? האָט ער נישט מער קיין ברעקל שטאָלץ ביי זיך? וואָס הייסט עס, אַז ער וועט גיין נאָכאַמאָל אַהין, נאָכדעם ווי מען האָט אים נעכטן אַרויסגעוואָרפן? — און שמעון האָט אַליין נישט געוווסט, אַז ווען ער האָט אַזוי געטראַכט, האָט ער כסדר געקוקט אויף ר׳ נחמנען מיט אַזעלכע ביסטרע אויגן.

— וואָס קוקסטו עפּעס אַזוי אויף מיר? — האָט ר׳ נחמן צו אים אַ געשריי געטאָן.

— כ׳קוק? יאָ, כ׳זע אַ נייעם ר׳ נחמן.

— אַ בעסערן?

— אַן ערגערן.

— וואַרט אונטער, וועסטו נאָך זען נאָך אַן ערגערן — האָט זיך ר׳ נחמן מיט אים גערייצט.

— אויב אַזוי, וועל איך פון דאַנען אַנטלויפן אין גאַנצן — האָט זיך ביי שמעונען אַרויסגעריסן אַ שטאַרקער זאָג — איך בין אַרויסגעפאָרן מיט מיין רבין, ר׳ נחמן, פון וועלכן כ׳האָב שטאַרק געהאַלטן. אָבער איר זענט אַן אַנדערער.

— כ׳האָב דיר געזאָגט פריער, אַז עס קען זיין, אַז עס וועלן זיין „מעשי קטנות״. אַ צדיק פאַלט אַמאָל אַראָפּ פון מדרגות. איך האָב דיך געוואָרנט דערפאַר און דו האָסט מסכים געווען אויף אַלעם.

— איך וועל האַלטן וואָרט און איבערקומען די רייזע — האָט שמעון ווייטער גערעדט מיט האַרץ, — אָבער מער נישט! נאָך עפּעס, אויב איך

וועל זען, אַז איר טוט זאַכן קעגן שכל, וועל איך אייך בפירוש נישט פאָלגן. איך וועל טאָן דאָס, וואָס עס איז גוט פאַר אייך און פאַר מיר. איך וויל נישט ווערן מער צו נאַר ביי אַלעמען

— זיי האַלטן דאָך גאָר פון דיר און רופן דיך צו די שבתדיקע סעודות און נישט מיך, — האָט ר׳ נחמן געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן.

— איר מיינט, אַז עס קאָסט מיר נישט קיין געזונט? איר מיינט, אַז מיר האָט נעכטן באַקומען דאָס עסן? איך וואָלט זיי אַלץ מוחל געווען, אַז איך זאָל נישט צוזען דאָס, וואָס איך האָב נעכטן געזען.

— מיך אַרט עס נישט! — האָט ר׳ נחמן ווידער געזאָגט מיט אַ פריילעכער מינע — איך וועל היינט ווידער צוגיין צו זיי און זאָלן זיי מיך ווידער אַרויסוואַרפן.

— און איך בעט אייך דאָס מער נישט צו טאָן! פאַרשפּאָרט מיר דעם עגמת נפש. אויב עס אַרט אייך נישט, טוט עס אָבער מיר זייער וויי. — האָט שמעון זיך ממש געבעטן ביי ר׳ נחמנען.

— אַז עס אַרט מיך נישט, דאַרף עס אויך דיך נישט אַרן! זאָלן זיי מיך אַרויסוואַרפן, זיי וועלן שפּעטער חרטה האָבן!...

יענעם פרייטיק־צו־נאַכט איז שמעון ווידער נישט געשלאָפן, כאָטש ר׳ נחמן איז ווייטער געשלאָפן זייער געשמאַק און געשנאָרכט אַזוי הויך, אַז מען האָט געקענט הערן אין דרויסן. שמעון האָט איצט חרטה געקראָגן אויף דער גאַנצער רייזע. עס האָט אים באַנג געטאָן פאַרוואָס ער האָט זיך נישט צוגעהערט צו די רייד פון ר׳אַזען און געבליבן דאָרטן מיט איר און נאָכן יאָר געשטעלט אַ חופה. ער האָט זיך איצט טאַקע דערמאָנט, אַז ער האָט צוגעזאָגט איר צו שרייבן און האָט עס ביז איצט נאָך נישט געטאָן, און אַז ער האָט אויך נישט געשריבן צו זיינע עלטערן, און ער האָט באַשלאָסן דאָס צו טאָן באַלד שבת־צו־נאַכט, און טאַקע מיטצוגעבן די בריוו מיט ר׳ אשר אשכנזי, וואָס וועט פאָרן אין יענע מקומות.

אין דער פרי זענען ביידע אַוועק אין דער שול, וואָס איז נישט געווען ווייט פון דער אכסניה. דאָרטן האָבן זיי געטראָפן אַלע דריי שליחים. די שליחים האָבן געזאָגט „גוט שבת" צו שמעונען, אָבער נישט צו ר׳ נחמנען

און אַפילו נישט געקוקט אויף אים. נאָכן דאַוונען האָט ר׳ אשר אשכנזי געזאָגט צו שמעונען:

— קומט אַריבער צו אונדז צו עסן מיט אונדז.

— אפשר זאָל דער יונגערמאַן אויך מיטגיין? — האָט שמעון נאָך אַמאָל אים געבעטן.

— פאַר קיין פאַל נישט!

— ער האָט שוין חרטה אויף זיינע רייד.

— טאָ זאָל ער צוקומען צו אונדז און זאָגן אונדז ווער ער איז.

— דאָס וויל ער אַליין נישט.

— טאָ ווי אַזוי האָט ער חרטה? ער איז אַ שוטה! איר קומט אַליין, אָן אים. — און ער איז אַוועק אַהיים.

ווען זיי זענען אַרויס פון שול האָט שמעון געזאָגט צו ר׳ נחמנען:

— איך גיי אַריבער צו ר׳ אשרן. ער האָט מיך פאַרבעטן צו עסן מיט אים.

— כ׳גיי מיט! — האָט ר׳ נחמן געזאָגט.

— זיי וועלן אייך ווידער נישט אַריינלאָזן!

— זאָלן זיי!

— ס׳אַרט אייך נישט?

— ניין!

— מילא! — האָט שמעון געצויגן מיט די פּלייצעס.

ווען שמעון האָט ווידער געעפנט די טיר פון ר׳ אשרן און די שלי־חים האָבן דערזען הינטער אים ר׳ נחמנען, האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע, וואָס נעכטן אין אָוונט. דאָס מאָל איז שוין ר׳ אשר צוגעלאָפן צו אים און אים געגעבן אַ שליידער אַוועק און פאַרמאַכט די טיר מיט אַן אויסגעשריי:

— אַזאַ טיפש! מען טרייבט אים אַוועק און ער קומט ווידער צו־ריק!...

— ער מוז זיין געררירט, רחמנא ליצלן — האָט איינער פון די שלי־חים באַמערקט.

ביים טיש איז שמעון געוואָר געוואָרן, אַז עס איז געקומען אַ שיף,

וואָס פאָרט אָפּ קיין רומעניע זונטיק אין דער פרי. ער האָט באַלד געזאָגט צו ר׳ אשר אשכנזי, אַז ער ווי׳ל אים מיטגעבן צוויי בריוו אַהיים און ר׳ אשר האָט אים געענטפערט, אַז ער וועט מיט פאַרגעניגן מיטנעמען די בריוו און זיי פּערזענלעך אָפּגעבן צו וועמען זיי זענען געשריבן.

ביים טיש האָט שמעון זיך אויך דערוווּסט, אַז די שליחים האָבן גערעדט מיטן מעקלער פון די שיפן, אַז ער זאָל ר׳ נחמנען נישט פאַרקויפן קיין שום פּלאַץ אויף אַ שיף קיין ארץ־ישראל און אַז דער מעקלער האָט זיי געזאָגט, אַז נאָכדעם ווי זיי וועלן אָפּפאָרן קיין רומעניע, וועט ער אים לאָזן אַרעסטירן אַלס אַ פאַרדעכטיקן מענטש. שמעון האָט גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם, נאָר בלויז געטראַכט ביי זיך, אַז איצט וועט ער נישט קוקן אויף דעם, וואָס ר׳ נחמן האָט אים אָנגעזאָגט און ער וועט באַלד נאָכדעם, ווי די שליחים וועלן אַוועקפאָרן, אַריבערגיין צום מעקלער און אים אַלץ זאָגן. פון איצט אָן וועט ער טאָן ווי עס איז גוט פאַר ביידן, און זיך נישט לאָזן פירן פון אַ משוגענעם... ער האָט אויך באַשלאָסן ביי זיך אין האַרצן, אַז ער וועט שוין ווי נישט איז מיטמאַכן די רייזע ביזן סוף, אָבער נאָכדעם ווי ער וועט קומען צוריק אַהיים, וועט ר׳ נחמן נישט זיין מער זיין רבי. אויב שוין יאָ אַ רבי, וועט עס זיין אַזאַ איינער, ווי ר׳ נחומטשע פון טשערנאָביל, אָדער אַן אַנדער צדיק הדור. אָבער נישט איינער, וואָס ווייס נישט, וואָס עס טוט זיך מיט אים...

זונטיק נאָכמיטיק, נאָכדעם ווי די שליחים זענען אַוועקגעפאָרן, איז שמעון אַריבערגעגאַנגען צום מעקלער און האָט אים אַלץ דערציילט פון אָנהויב ביזן סוף.

דער מעקלער און זיין ווייב האָבן אויפגעציטערט און דערנאָך אויפגעהויבן זייערע הענט צום הימל און געזאָגט:

— געלויבט איז גאָט, וואָס האָט אייך אַריינגעגעבן דעם געדאַנק אין קאָפּ, אַז איר זאָלט עס אונדז זאָגן, ווייל מיר האָבן געהאַט בדעה אַריינצוזעצן דעם יונגנמאַן אין תפיסה, אַלס אַ פאַרדעכטיקן מענטשן. אָבער איצט איז עפּעס אַנדערש. איצט וועל איך אייך העלפן צו קריגן אַ שיף און איר וועט פאָרן קיין ארץ־ישראל.

שמעון איז איצט צוריקגעגאַנגען צו ר׳ נחמנען און האָט אים דער־

ציילט אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן. ר׳ נחמן האָט געהאַט אַ טענה צו אים, הלמאַי ער האָט נישט געהאַלטן וואָרט, אַזוי ווי ער האָט אים צוגעזאָגט, אָבער שמעון האָט איצט געזאָגט צו אים הויך אויפן קול:

— איך וועל האַלטן וואָרט, וו עס וועט ניט שאַדטן אונדזביידן. איך וועל האַלטן וואָרט, ווען אַלץ וועט גיין כשורה, אָבער אויב נישט, נעם איך זיך מער גאָר נישט אונטער. איך וועל איצט אָנפירן מיט דער גאַנ־צער נסיעה. איך וועל איצט אָנפירן מיט אַלעם...

ר׳ נחמן איז געבליבן זיצן שטיל, ווי אַן אָפּגעשמיסענער יינגל און האָט אים גאָרנישט געענטפערט.

48

אַ טאָג נאָכדעם, ווי די שליחים פון ארץ־ישראל זענען אָפּגעפאָרן, איז אָנגעקומען אַ שיף קיין סטאַמבול מיט פיל רוסיש־פּוילישע יידן. דאָס זענען געווען על פּי רוב אַזעלכע, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די פּוילישע שטעט און שטעטלעך, וואָס רוסלאַנד האָט געהאַט צוגענומען, נאָך דער דריטער צעטיילונג פון פּוילן אין יאָר 1772. די רוסישע סאָטראַפּן האָבן גערודפט די יידן אויף שריט און טריט און האָבן אויך פאַרמאַכט פאַר זיי אַלע קוואַלן פון פּרנסה. צוליב דעם זענען פיל יידן געלאָפן ווו נאָר די אויגן האָבן זיי געטראָגן.

מיט יענער שיף איז אויך געקומען צופאָרן איינער פון די גרויסע רביים פון יענער צייט, ר׳ זאב וואָלף פון טשאַרנאָ־אוסטראָ, וועלכער איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל. ווען דער מעקלער האָט געזאָגט שמעונען, אַז מיט דער שיף איז געקומען אַ רבי, האָט שמעון מורא געקראָגן, אַז עס זאָל זיך נישט אַמאָל איבערחזרן מיט ר׳ נחמנען דאָס זעלבע, וואָס עס איז געווען מיט די שליחים פון ארץ־ישראל. ער איז דעריבער גלייך אַוועק צו וואָלפן און אים געזאָגט, אַז ר׳ נחמן איז דאָ אין סטאַמבול און אַז ער פאָרט מיט אים קיין ארץ־ישראל. דערביי האָט ער אים אויך אָנ־געדייט, אַז ר׳ נחמן איז אַביסל צערודערט און פירט זיך נישט גוט אויף, דעריבער זאָל ער, ר׳ וואָלף, זיך נישט באַליידיקן פון אים פון קיין שום זאַך

און זאָל בכלל זיך אומגיין מיט אים זייער איידל, ווייל ער איז דאָך נאָך אַלעמען דעם בעל שם טובס אַן אוראייניקל. ר׳ וואָלף האָט פאַרזיכערט שמעונען, אַז ער וועט אַזוי טאָן און האָט אים געפרעגט, צי עס וואָלט נישט געווען אַ פּלאַן, אַז ער זאָל זאָגן ר׳ נחמנען, אַז ער זאָל אַריבערגיין וווינען אין דער אכסניה, ווו ר׳ וואָלף שטייט איין. דאָס, האָט דערקלערט ר׳ וואָלף, וועט מאַכן, אַז ר׳ נחמן וועט זיך אויפפירן מער סטאַטעטשנע. שמעונען איז דאָס געפעלן געוואָרן און ער איז באַלד אַוועק צו ר׳ נחמנען און האָט אים דאָס געזאָגט. אָבער ר׳ נחמן האָט נישט געוואָלט הערן דערפון. עס איז געווען טאַקע פשוט דערפאַר, וואָס ער האָט געוווּסט, אַז דאָרטן וועט ער נישט קענען זיך אויפפירן אַזוי ווי ער וויל.

שמעון איז איצט געווען זייער צעשראָקן. ער האָט טיף אין האַרצן געציטערט, אַז עס זאָל, חלילה, נישט געשען דאָס, וואָס ר׳ אפרים און אויך ר׳ נחמנס עלטערן האָבן, אין דער שטיל, כסדר מורא געהאַט דער־פאַר, דהיינו, אַז ר׳ נחמן זאָל, חלילה, אין גאַנצן נישט אַראָפּ פון זינען. שמעון האָט זיך צוגעקוקט גוט צו ר׳ נחמנס אויפפירונג און געזען, אַז די משוגענע שטיק, וואָס ער פראַוועט, פאַרמערן זיך פון טאָג צו טאָג. ער גייט אַרום כסדר אָן אַ היטל, באָרוועס און זיינע מלבושים ווערן וואָס אַמאָל אַלץ מער צעריסן אויף אים. אַמאָל טוט ער גאָר אָן אַ מלבוש אויף דער לינקער זייט, מיט דער פּאַטשעווקע פון אויבן און נישט־ווו נישט־ווען פלעגט ער אים געפינען צווישן די יינגלעך אין גאַס, מיט וועלכע ער האָט זיך געשפּילט אין מלחמה. אין דער שפּיל איז ער געווען אַ פראַנצויז, אַ צווייטער — אַ טערק און דער דריטער אַן ענגלענדער אא״וו. ווען שמעון האָט אים דאָס ערשטע מאָל געטראָפן אין הויף שפּילנדיק זיך מיט אַ גאַנצער באַנדע שקצים, איז ער געוואָרן דערפון אַזוי דערשראָקן, אַז ער איז צוריק אַוועק אין זיין צימער און האָט זיך שטאַרק צעוויינט. אַ געהיי־מער קוואַל פון טרערן האָט איצט פלוצים זיך געעפנט ביי אים און האָט אַרויסגעשווענקט אַלץ, וואָס איז געלעגן דאָרטן אויפן האַרצן די גאַנצע צייט. שמעון האָט איצט געזאָגט צו זיך, אַז אַזוי ווי עס איז איצט טויג נישט און אַז ער מוז עפּעס טאָן צו נעמען ר׳ נחמנען אין די הענט אַריין. ער האָט איצט נאָך מער איינגעזען, אַז דאָס בעסטע טאַקע וואָלט געווען,

ווען ער, ר׳ נחמן, זאָל וווינען אין דער זעלבער אכסניה, ווו ר׳ וואָלף וווינט, ווייל ער וואָלט געמוזט זיך אַביסל צוריקהאַלטן, צוליב ר׳ וואָלפן. עס קען אויך זיין, אַז ר׳ וואָלף וואָלט געהאַט אַ ווירקונג אויף אים, אַז ער זאָל זיך אַנדערש אויפפירן; אַז ער זאָל האָבן אויף אים אַ השפעה, ווייל זיין, שמעונס, זאָגן אַליין העלפט נישט. ער האָט אויף אים נישט קיין גרויסע השפעה...

אָבער וואָס זאָל ער טאָן? ווי אַזוי מאַכט מען, אַז ר׳ נחמן זאָל וועלן זיך איבערציען אין ר׳ וואָלפס אכסניה? וואָס איז די עצה דערצו?

אַזוי ווי ער איז געזעסן און געטראַכט, איז אים איינגעפאַלן עפּעס פון וואָס ער האָט זיך שטאַרק צעלאַכט. דאָס איז געווען דאָס, וואָס, לויט ווי ער האָט געקענט ר׳ נחמנען, האָט ער שטאַרק מורא פאַרן טויט. איז אים איינגעפאַלן, אַז ער זאָל אים אָנשרעקן, אַז אין דעם הויף, ווו זיי שטייען איין, האָט אויסגעבראָכן אַ מגפה פון כאָלערע, און אַלע צעלויפן זיך פון דאַנען, ווייל עס איז אַ גרויסע סכנה. דאָס, האָט ער זיך געטראַכט, וועט העלפן. נאָר אויב נישט, אויב ער וועט זיך נאָך אַלץ נישט וועלן אַריבערציען, וועט ער אים זאָגן, אַז ער, נחמן, קען דאָ בלייבן און אַז ער וועט זיך אַריבערציען אין יענער אכסניה. און אַליין דאָ בלייבן וועט ער זיכער נישט וועלן. שמעון איז באַלד צוריקגעלאָפן אין הויף אַריין און האָט אַוועקגערופן ר׳ נחמנען פון די ייִנגלעך, מיט וועלכע ער האָט זיך געשפּילט, און אים איינגערוימט אַ סוד אין אויער, אַז ער זאָל תיכף מיט אים אַריינגיין אין שטוב, ווייל ער האָט זיך דערוווּסט אַ שרעקלעכע זאַך. ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין צימער, האָט אים שמעון, כלומרשט מיט שרעק אויפן פּנים, געזאָגט, אַז עס האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסע מגפה פון כאָלערע אין דעם הויף, און אַלע אַנטלויפן פון דאַנען און אַז זיי מוזן שוין אויך אַנטלויפן. ווי ר׳ נחמן האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן און געזאָגט צו שמעונען, אַז ער זאָל תיכף איינפּאַקן זיינע זאַכן און מען וועט אַרויסגיין פון דער אכסניה. „אָבער וווהין וועט מען גיין?" האָט אים שמעון געפרעגט. ר׳ נחמן האָט איצט געצויגן מיט די פּלייצעס, אַז ער ווייס נישט. האָט אים שמעון געזאָגט, אַז מען וועט אַריבערגיין אין דער אכסניה, ווו ר׳ וואָלף שטייט איין. ווען ר׳ נחמן האָט

דאָס געהערט, האָט ער אים באַלד געזאָגט, אַז אַהין וויל ער נישט גיין. שמעון האָט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער וויל נישט און זיך צעשריען אויף אים הויך אויפן קול:

— פון קיין אַנדערער אכסניה, וווּ עס שטייען איין יידן, ווייס איך נישט. אַ חוץ דעם פאָרט ר׳ וואָלף צוזאַמען מיט אַ שוחט און דאָרטן קען מען האַלטן שבת. אָבער אויב איר, רבי, ווילט נישט גיין אַהין, וועל איך אַליין אַהין גיין, און איר קענט בלייבן דאָ, אָדער זוכן זיך אַ פּלאַץ ערגעץ אַנדערשוווּ.

נאָך די שטאַרקע דיבורים האָט ר׳ נחמן שוין גאָרנישט געזאָגט און איז נאָכגעגאַנגען שמעונען, ווי אַ קליין קעצעלע, צו דער נייער אכסניה.

כדי אויפצומינטערן ר׳ נחמנען און צו ברענגען אים דערצו, אַז ער זאָל זיך אויפפירן אַנדערש, איז שמעון אַוועק מיט ר׳ נחמנען צו אַ יידישן שניידער און שמעון האָט באַשטעלט פאַר אים אַ נייעם מלבוש און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל עס פאַרטיק מאַכן נאָך אויף שבת. שמעון איז אויך אַוועק צו ר׳ וואָלפן און אים געזאָגט וואָס ער האָט געטאָן ,כדי צו באַוויגן ר׳ נחמנען, אַז ער זאָל זיך אַריבערציען אַהער. דערביי האָט ער אים שוין דערציילט, אַז ער האָט באַשטעלט פאַר אים אַ נייעם מלבוש, כדי אים אויפצומינטערן און געבעטן שטאַרק ר׳ וואָלפן, אַז ער זאָל אים גוט אויפנעמען און זאָל אים זאָגן ליב־ווערטער. ר׳ וואָלף האָט פאַרזיכערט שמעונען, אַז ער וויל, אַז ביידע זאָלן קומען צו אים אויף שבת און עסן ביי זיין טיש און אַז ער וועט באַזונדערס גוט אויפנעמען ר׳ נחמנען און אויך מיט אים האָבן אַ פריינטלעכן שמועס.

פרייטיק ביי טאָג האָט דער שניידער אָפּגעבראַכט פאַר ר׳ נחמנען דעם נייעם מלבוש און שמעון האָט אָנגעקוואָלן, ווען ער האָט געזען, אַז ר׳ נחמן האָט איצט געקראָגן גאָר אַ נייעם אויסזען, נישט אַזוי ווי פריער, ווען ער האָט אויסגעזען ווי איינער פון די שלעפּערס. שמעון האָט שוין געוווּסט, אַז ר׳ וואָלף האָט געשיקט זיינעם אַ מענטשן צו ר׳ נחמנען צו זאָגן אים, אַז ער וויל אַז ר׳ נחמן זאָל האַלטן שבת ביי אים. ר׳ נחמן האָט מסכים געווען און צו קבלת שבת איז שמעון אַריינגעקומען צו ר׳ וואָלפן מיט ר׳ נחמנען. ר׳ וואָלף איז ר׳ נחמנען אַנטקעגנגעלאָפן, אים

געגעבן אַ ברייטן „שלום עליכם" און זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט און גע־פרייט. אָבער ר' נחמן איז געבליבן אַלץ ווייטער זייער דערשלאָגן און אויף וויפל ר' וואָלף האָט זיך נישט באַמיט ביי דער פרייטיק־צו־נאַכט־טיקער סעודה, אַז ר' נחמן זאָל עפּעסריידן, איז עס אים נישט געלונגען. ר' נחמן האָט כסדר געשוויגן און קיין וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט פון זיינע ליפּן.

שבת אין דער פרי האָט ר' נחמן זיך אויפגעכאַפּט באַגינען, ווייל ער האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט שלאָפן. פאַרוואָס ער האָט נישט גע־קענט שלאָפן האָט ער שמעונען נישט געזאָגט... בלויז שפּעטער האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ וואָרט פון מויל, אַז ער האָט געהאַט תאוהדיקע חלומות... מער האָט ער וועגן דעם נישט געוואָלט זאָגן.

ר' נחמן האָט זיך באַלד אָנגעטאָן און אָפּגעדאַוונט. שפּעטער איז ער אַריין צו ר' וואָלפן, פונקט ווען יענער האָט זיך געשטעלט דאַוונען שחרית ביים עמוד. ר' אברהם שו"ב, דער שוחט, וואָס איז געפּאָרן מיט ר' וואָלפן האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל אָנטאָן דעם טלית און זיך שטעלן דאַוונען, אָבער ר' נחמן האָט אים דערויף געענטפערט:

— איך האָב שוין געדאַוונט. איצט וויל איך עסן.

און ער האָט זיך געוואַשן און געהייסן זיך דערלאַנגען פיש און אַנ־דערע מאכלים. ר' וואָלף האָט איצט געוווּנקען צו ר' אברהמען, אַז ער זאָל אים נישט זאָגן קיין שלעכט וואָרט, נאָר בלויז אים דערלאַנגען עסן. ר' נחמן האָט אָפּגעגעסן, געבענטשט און איז אַוועק צוריק אין זיין צי־מער און איז אַ גאַנצן טאָג געשלאָפן. שמעון, דאַקעגן, האָט זיך געשטעלט דאַוונען מיט ר' וואָלפס מנין און דערנאָך געגעסן ביי זיין טיש צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע. ר' וואָלף האָט געזאָגט „תורה". מען האָט געזונגען „זמירות". אָבער ר' נחמן — איז נישט געווען. ר' וואָלף האָט קיין וואָרט וועגן דעם נישט געזאָגט, נישט צו ר' נחמנען און נישט צו אַנדערע.

פאַרנאַכט האָט זיך ר' נחמן אויפגעכאַפּט און געדאַוונט מנחה און געגעסן ביי זיך אין צימער שלוש סעודות, און דערנאָך האָט ער געבעטן שמעונען, ער זאָל אַרויסגיין צו זען צי מען זעט שוין דריי שטערן. שמעון איז אַרויסגעגאַנגען און צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז מען זעט שוין.

האָט ער גלייך זיך געשטעלט דאַווענען מעריב און דערנאָך געמאַכט הבדלה. ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס רעקל מיטן גאַרטל, פאַררויכערט אַ ליולקע און אין אַזאַ הילוך אַריינגעגאַנגען צו ר׳ וואָלף, ווען ער איז נאָך געזעסן פאַרדבקהט און געזונגען די שלוש־סעודותדיקע זמירות... ר׳ וואָלף האָט איצט, שטילערהייט, געזאָגט צו זיינע מקורבים, אַז זיי זאָלן ר׳ נחמנ׳ען נישט זאָגן קיין וואָרט, און אַליין האָט ער מקצר געווען מיטן זינגען, אָפּגעבענטשט און געדאַוונט מעריב, דערנאָך האָט ער געמאַכט הבדלה.

נאָך הבדלה איז ער צוגעגאַנגען צו ר׳ נחמנען און אים אַרומגענומען מיט פיל ליבשאַפט און אים געבעטן, אַז ער זאָל אַריינגיין צו אים, אין זיין חדר מיוחד, און ר׳ וואָלף האָט מיט אים געשמועסט ביחידות ביז שפעט נאָך האַלבער נאַכט.

צומאָרגנס אין דער פרי האָט ר׳ וואָלף אַריינגערופן שמעונען און צו אים געזאָגט:

— כ׳האָב מיט אים אַ סך גערעדט. קיצור הדברים, ער האָט טאַקע דעם זיידנס גרויסקייט. אָבער דערצו אויך אַ גדלות־משוגעת. אָט דאָס איז דאָ אין דער גאַנצער משפחה. עס איז אַ גרויסער צער און אַ גרויס רחמנות. אָבער אַז איר זאָלט מקריב זיין אייער לעבן פאַר אים, הייסט אייך קיינער נישט און אויב איר ווילט נישט — דאַרפט איר עס נישט טאָן. היות אָבער אַזוי ווי איר זענט שוין מיט אים אין וועג, זעט, אַז עס זאָל זיך ענדיקן אַלץ בכי טוב. אָבער איר מוזט מ׳ט אים אומגיין אַזוי ווי מיט אַ קינד. אַמאָל מיט גוטן און אַמאָל מיט בייזן. לאָזט זיך אָבער נישט פירן פון אים, ווייל ער ווייס נישט וואָס ער וויל. באַמיט זיך צו מאַכן אַ סוף צו דער נסיעה וואָס גיכער און פאָרט אַהיים. האָט חתונה און ברענגט אַ שיינעם דור אויף דער וועלט. דאָס איבעריקע איז שוין אייער זאַך. דער עיקר זעט צו האַלטן אים פעסט אין די הענט און לאָזט אים נישט מאַכן אַלץ וואָס ער וויל. איך האָב געזאָלט פאָרן איצט קיין ארץ־ישראל, אָבער צוליב אים וויל איך נאָך נישט פאָרן. איך וויל נישט אַריינקומען מיט אים צוזאַמען.

שמעון האָט אָנגענומען ר׳ וואָלפס האַנט און זי שטאַרק געדריקט און צו אים געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן:

— כ׳דאַנק אייך, רבי, פאַר אַלעם, וואָס איר זאָגט צו מיר. איך וועל אייך פאָלגן. איר זענט איצט געקומען צו מיר ווי אַ מלאך פון הימל. איך האָב מ׳מש נישט געוווסט וואָס צו טאָן. אייערע ווערטער מ׳יינען פאַר מיר זייער פיל. איך וועל אויספאָלגן יעדעס וואָרט, וואָס איר האָט מיר געזאָגט.

ווען שמעון איז אַרויס פון ר׳ וואָלפס צימער, האָט ער זיך געווישט די אויגן, אָבער ער האָט איצט שוין געוווסט קלאָר, וואָס עס שטייט פאַר פאַר אים און וואָס ער דאַרף טאָן.

***

די פראַנצויזיש־טערקישע מלחמה האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער פאַרשטאַרקט. נאַפּאָלעאָן, וועלכער איז איצט געוואָרן דער ראש פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, האָט געפירט מלחמות אין גאַנץ מיטל־אַזיע און דאָרטן אָפּגעהאַלטן גרויסע נצחונות. ער האָט פאַרכאַפּט מאַלטאַ און פון דאָרטן אַוועק קיין אַלעקסאַנדריע און דערנאָך קיין קאַיר. אָט די צוויי שטעט האָט ער געהאַט שוין פולשטענדיק איינגענומען. אַזוי אַרום איז האַלב עגיפּטן שוין געווען אין זיינע הענט. זיין פּלאַט האָט אַפילו געליטן שפּעטער, דעם ערשטן אויגוסט, אַ דורכפאַל אין קאַמף ביים ניל, אָבער ער האָט זיך דערפון דערהאַלטן און האָט מאַרשירט ווייטער אויף סיריע מיט אַן אַרמיי פון 12.000 מאַן. דאָ האָט ער געטראָפן אַ שטאַרקן ווידער־שטאַנד פון אַ גוט אָרגאַניזירטער בריטישער אַרמיי, וועלכע האָט אים געצוווּנגען צוריקצוציען זיך קיין עגיפּטן. אָבער אויפן וועג צוריק האָט ער זיך אַנטקעגנגעשטעלט אַן אָפּטיילונג פון דער טערקישער אַרמיי, לעבן אַבוקיר, און נאַפּאָלעאָן האָט די גאַנצע אַרמיי־אָפּטיילונג פאַרניכטעט. אָבער אַ פּאָר טעג נאָכן נצחון האָט ער געקראָגן אַ מעלדונג, אַז די פראַנ־צויזישע אַרמייען אין אייראָפּע האָבן געהאַט פיל דורכפאַלן און ער איז גיך געלאָפן צוריק, איבערלאָזנדיק אין עגיפּטן, אַלס זיין פאַרטרעטער, דעם פעלדמאַרשאַל קלעבער.

ווען נאַפּאָלעאָן איז געקומען צוריק קיין פּאַריז, האָט ער אויסגעפונען, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ נייע איבערקערעניש אין דער רעגירונג און אַז עס זענען אויסגעקליבן געוואָרן דריי, וואָס זאָלן אָנפירן מיט דער מלוכה

און אַז ער איז דער ערשטער פון די דריי. אויסגעקליבן זענען די דריי געוואָרן אויף אַ משך פון צען יאָר.

די לאַגע אין אייראָפּע איז געווען דעמאָלט זייער אַ שווערע. דריי פראַנצויזישע אַרמייען האָבן זיך געשלאָגן אין פאַרשיידענע לענדער, אין דייטשלאַנד, אין איטאַליע און איינע איז געגאַנגען אויף טערקיי. די יידן אין סטאַמבול, וויסנדיק ווי שווער די לאַגע איז, האָבן ממש נישט גע־לאָזן קיין שום שיף אַרויספאָרן קיין ארץ־ישראל. אַפילו די שליחים פון ארץ־ישראל האָבן געמוזט דאָרטן בלייבן, כדי עס זאָל נישט פאַלן קיין חשד אויף די יידן פון סטאַמבול, אַז אייראָפּעאישע יידן פאָרן קיין ארץ־ישראל, וועלכע איז דעמאָלט געווען אונטער טערקישער הערשאַפט, אַלס שפּיאָנען פאַר פראַנקרייך.

ר׳ נחמן, וועלכער איז געווען אַ זייער אומרואיקער מענטש, האָט געוואָלט וואָס גיכער אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל. ער האָט דעריבער געדינגען שטיקער פון שמעונען, אַז ער זאָל וואָס גיכער קריגן אַ שיף אויף אַוועק־צופאָרן. אָבער שמעון האָט זיך נישט געאיילט, ווייל ער האָט געוווסט, אַז ס׳איז סכנות נפשות. די טערקישע מאַכט אין ארץ־ישראל האָט גע־קוקט אויף יעדן ייד, וואָס קומט אַהין, ווי אויף אַ שפּיאָן און האָט אים גלייך געלאָזט אַרעסטירן. אַזעלכע פאַלן זענען שוין געווען זייער פיל. אַנדערע האָבן אַפילו אַמאָל געקאָנט פאַרמשפּט ווערן צום טויט. שמעון האָט דעריבער פּרובירט צו דערקלערן ר׳ נחמנען, ווי ערנסט די לאַגע איז, אָבער ר׳ נחמן האָט אים געענטפערט:

— איך וויל פון גאָרנישט וויסן. עס מעג זיין די גרעסטע סכנה. איך וועל פאָרן! מיך וועט גאָרנישט אָפּשרעקן און גאָרנישט אָפּהאַלטן.

— אויב אַזוי — האָט שמעון אים שוין אַנטקעגנגערעדט — וועט איר, ר׳ נחמן, אַליין פאָרן. איך וועל מיט אייך אין אַ צייט פון סכנה נישט פאָרן. אויב איר ווילט איינשטעלן אייער לעבן, קענט איר עס טאָן. איך וויל נישט!

— נו, גוט — האָט ר׳ נחמן אים באַרואיקט — אויב אַזוי וועל איך וואַרטן. אַז דו זאָגסט אַז ס׳איז סכנות נפשות, איז פאַרפאַלן, וועט מען וואַרטן, ביז עס וועט ווערן אַנדערש.

שמעון האָט איצט באַמערקט, ווי ר׳ נחמן האָט זיך געביטן אינגאַנצן, צוליב זיינס אַ געשריי, און האָט געשמייכלט צו זיך אַליין.

אין יענער צייט האָט זיך געפונען אין סטאַמבול נאָך אַ ייד, וואָס האָט זיך געהאַט איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז פאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען דער באַוווּסטער שליח פון ארץ־ישראל, ר׳ יונה שושנה אשכנזי, וואָס איז געווען שוין אַ ייד אַ זקן, נאָענט צו שבעים, אַ נידעריקער, אַ געפּאַקטער, מיט אַ לאַנגער ווייס־גרויער באָרד און דיקע וואָנצעס, מיט אַזעלכע מילדע גרויסע אויגן. ער איז געווען אַ ליבלעכער מענטש און איז געווען באַוווּסט, אַלס אַ גרויסער מקובל און בעל־מופת. מען האָט גע־זאָגט וועגן אים, אַז ווי נאָר ער גיט אַ קוק אויף אַ מענטשן ווייסט ער שוין וואָס ער האָט געטאָן אַ גאַנץ לעבן, וואָסערע עבירות ער האָט געטאָן און ווי לאַנג ער וועט לעבן. די יידן פון סטאַמבול האָבן דעריבער אָפּגע־געבן ר׳ יונהן זייער פיל כבוד.

פּלוצלונג האָט ר׳ יונה געזאָגט צו זיין שמש, חיים מאיר, וואָס איז כסדר געפאָרן מיט אים:

— גיי און זאָג צו די אַנפירער פון דער קהילה פון סטאַמבול, אַז מען האָט מיר מגלה געווען מן השמים, אַז איך וועל בקרוב נפטר ווערן. דע־ריבער וויל איך פאָרן צוריק אַהיים, כדי צו זען זיך מיט מיין משפּחה פאַר מיין טויט און אויך, כדי צו ליגן באַגראָבן אין ארץ־ישראל. זאָג זיי, אַז איך בין זיכער, אַז עס וועט מיר נישט געשען קיין שום שלעכטס, ביז איך וועל קומען אַהיים, און אַזוי וועט אויך נישט געשען קיין שום שלעכטס צו קיינעם, וואָס וועט פאָרן מיט מיר קיין ארץ־ישראל.

אין יענער צייט האָבן זיך געפונען אין סטאַמבול זייער פיל יידן, מענער, פרויען און קינדער, וועלכע האָבן געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל. אָבער די קהילה האָט זיי נישט געלאָזט אַרויספאָרן. אָבער ווען די קהילה־לייט האָבן געהערט פון שמש פון ר׳ יונה שושנהן, אַז עס וועט מיט די יידן, וואָס וועלן פאָרן מיט אים, קיין שום שלעכטס נישט געשען, האָבן זיי געדונגען אַ שיף און געהייסן אַלע יידן, וואָס ווילן פאָרן, אַרויפגיין אויף דער שיף. שמעון האָט באַלד געקראָגן אויף דער שיף צוויי פּלעצער, אין איין חדר מיט ר׳ יונה שושנה אשכנזי. ר׳ נחמן האָט געפרעגט ר׳

יונהן, וווהין ער פאָרט, און ער האָט געענטפערט, אַז ער פאָרט קיין ירושלים, ווייל דאָרטן איז זיין היים. דערויף האָט אים ר׳ נחמן געבעטן, אַז ער זאָל אים מיטנעמען קיין ירושלים, ווייל ער וויל נישט זיין אין קיין שום אָרט, נישט אין צפת און נישט אין טבריה, נאָר בלויז אין ירושלים.

— פאַרוואָס? — האָט ר׳ יונה געוואָלט וויסן — איז דאָ אַ סוד דערביי?

— יאָ. — האָט ר׳ נחמן אים קורץ געענטפערט, אָבער מער האָט ער נישט געוואָלט ריידן וועגן דעם.

די שיף איז געווען אַ גרויסע, אָבער אַן אַלטע. זי איז פריער באַנוצט געוואָרן בלויז פאַר משאות. איצט האָט מען זי צום ערשטן מאָל איבער־געמאַכט פאַר מענטשן, אָבער זי איז נישט געווען צו גוט, און ווי נאָר זי איז אַרויס אויפן אָפענעם ים, האָט זי זיך גענומען וואַרפן אַהין און אַהער, אַרויף און אַראָפּ, אַזוי אַז אַלץ וואָס איז געווען אויף דער שיף, האָט זיך כסדר געוואָרפן. קעסטלעך און פעקלעך זענען געשליידערט געוואָרן פון איין אָרט צום אַנדערן און מיט זיי אויך די מענטשן. אויף אַלע רייזנדיקע איז אָנגעפאַלן אַ פּחד, און אַלע האָבן געזאָגט תפילות. אַנדערע האָבן אַפילו געזאָגט ווידוי, זיך געקלאַפּט אין האַרצן אַריין און געזאָגט „אשמנו, בגדנו, גזלנו". עס האָט שוין באַלד אויסגעקוקט ווי יום כיפור, ווייל מער ווי אַ מעט לעת האָט קיינער נישט געהאַט אין מויל. אַלע האָבן געשריען, געגוואַלדעוועט, אָבער איין ר׳ נחמן איז אַרומגעגאַנגען אַזוי, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען, און אַלע האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ בייז־וווּנדער. איינע פון די ווייבער, וואָס זענען געווען שטאַרק צעשראָקן און האָט הויך געשריען, איז געווען ביילע, דעם כאָטינער רבס ווייב. זי איז געווען אַ יידענע אין די פערציקער מיט אַ מויל אויף שרויפן, און ווען זי האָט געזען ווי ר׳ נחמן שפּאַצירט זיך אַרום, ווי אַ שטייגער, עס אַרט אים גאָרנישט, איז זי געוואָרן בייז און האָט זיך צעשריען אויף אים:

— ווי אַזוי קענט איר זיין אַזוי רואיק, ווען אַלע שרעקן זיך אַזוי?

— הלוואַי וואָלט איר אויך געשוויגן, וואָלט דער ים נישט געטומלט — האָט ער איר געענטפערט.

צומאָרגנס איז דער ים געוואָרן רואיק און דער קאַפּיטאַן האָט גע־פּירט די שיף שוין אויף רואיקע וואַסערן און נאָך צוויי טעג איז די שיף אָנגעקומען בשלום קיין יפו. אָבער ר׳ נחמנען האָבן די טערקן נישט גע־וואָלט אַראָפּלאָזן, ווייל זיי האָבן אים חושד געווען, אַז ער איז אַ פראַנ־צויזישער שפּיאָן.

די שיף איז באַלד נאָכדעם אוועק ווייטער קיין חיפה, ראַנגלענדיק זיך אַ גאַנצע נאַכט מיט די כוואַליעס פון מיטללענדישן ים. ערשט אין דער נאַכט פון ערב ראש השנה איז די שיף געקומען אין פּאָרט פון חיפה און ר׳ נחמן און שמעון זענען אַראָפּגעגאַנגען פון דער שיף.

ר׳ נחמן איז איצט אַריינגעפאַלן אין אַזאַ געהויבענער שטימונג, אַז ער האָט געזאָגט צו אַלעמען, אַז דאָס איז דאָס העכסטע גליק אין זיין לעבן, און אַז ווי נאָר ער האָט באַטראָטן די הייליקע ערד, האָט ער שוין מער משיג געווען ווי אַ גאַנץ לעבן אין חוץ לארץ. ער איז געגאַנגען אין מקווה און זיך געגרייט לכבוד ראש השנה. און אַזוי איז אַריבער דער גאַנצער אָוונט. עס איז כסדר פול געווען מיט שמחה און התלהבות. ער האָט געגעסן מיט אַ גוטן אַפּעטיט די יום־טובדיקע סעודה און פאַרבראַכט פריילעך ביז נאָך האַלבער נאַכט.

ראש השנה אין דער פרי איז ר׳ נחמן אויך געווען אין זייער אַ גו־טער לוינע. ער איז אַוועק אין שול אַריין דאַוונען ממש טאַנצנדיק, אָבער אין מיטן דאַוונען איז אים באַפאַלן צוריק אַזאַ מרה שחורה, אַז ער האָט געפילט ווי ער גייט זיך צעוויינען. ער איז געוואָרן אַזוי צעבראָכן, אַז ער האָט שוין נישט געקענט ריידן מער צו קיינעם.

אַזוי איז אַריבער אויך דער אָוונט און דער צווייטער טאָג ראש השנה. מוצאי ראש השנה האָט ר׳ נחמן צוגערופן שמעונען און צו אים געזאָגט:

— כ׳האָב שוין גענוג ארץ־ישראל. איך וויל שוין פאָרן אַהיים. דו מעגסט שוין נעמען פּאַקן די זאַכן.

שמעון איז איצט געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט געוואָלט זאָגן ר׳ נחמנען אַלץ וואָס ער טראַכט לעצטנס וועגן אים, אָבער ער האָט זיך דאָך באַהערשט און געזאָגט צו אים בלויז:

— ר׳ נחמן, איר זענט ערשט געקומען קיין ארץ־ישראל. איר האָט

נאָך אַפילו ירושלים נישט געזען. עס איז אַזוי שווער אָנגעקומען דאָס פאָרן, פאַרוואָס ווילט איר שוין פאָרן צוריק? אָבער אויב איר האָט שוין געזען, האָב איך עס נאָך נישט. איך וויל זען ירושלים, צפת, טבריה און אַנדערע הייליקע ערטער. אויב איר ווילט פאָרן אַהיים, קענט איר פאָרן אָן מיר. איך וועל מיט אייך פריער נישט פאָרן צוריק, ביז איך וועל האָבן געזען ארץ־ישראל, דאָס הייליקע לאַנד. איך וויל טאַקע אַהיים פאָרן וואָס גיכער, אָבער פאָרן אַהיים און נישט האָבן געזען ארץ־ישראל, וועט אויס־קומען נאַריש. איצט קענט איר טאָן וואָס איר ווילט. איך בלייב ביי דעם, וואָס איך האָב געזאָגט.

ר׳ נחמן האָט שמעונען גאָרנישט געענטפערט, און דאָס איז געווען פאַר שמעונען ווידער אַ באַווייז, אַז ער דאַרף פון צייט צו צייט אָנשרייען אויף ר׳ נחמנען און זיך נישט לאָזן פירן פון אים.

49

וואָס מער שמעון האָט געפּועלט ביי זיך נישט צו פאָלגן ר׳ נחמנען און אויפהערן צו זיין אַ נכנע צו אים, נאָר צו באַטראַכטן אים פאַר אַ צעבאַלעוועט קינד, וואָס האָט אַלע מאָל אַנדערע איינפאַלן, אַלץ מער איז ער אויסגעוואַקסן אין זיך. ער איז איצט געוואָרן גאָר אַן אַנדערער מענטש. ער האָט אַפילו גערעדט שוין אַנדערש און געפילט אַנדערש. שמעון האָט זיך אַפילו פיזיש אויך געביטן. ער איז איצט געגאַנגען גלייך, מיטן קאָפּ אַרויף און נישט מער מורא געהאַט צו קוקן אַ מענטשן אין פּנים אַריין, ווי פריער. עפּעס האָט געגומען פאַרשווינדן אין אים די ני־דערגעשלאָגנקייט, וואָס האָט אים אַזוי באַהערשט, זינט ער האָט זיך געלאָזט מיט ר׳ נחמנען אין וועג אַריין, און ער האָט אָנגעהויבן צו פילן זיך מער האָפערדיק.

דאָס אַלץ איז געשען ביסלעכווייז, נאָך יעדן מאָל, וואָס ער האָט נישט געפאָלגט ר׳ נחמנען, און נאָך מער, נאָך יעדן מאָל, וואָס ער האָט זיך אָנגעבייזערט אויף אים. שמעון האָט איצט איינגעזען, אַז זיין ביי־ע האַלטונג איז פיל בעסער אויך בנוגע ר׳ נחמנען גופא, ווייל ער, ר׳ נחמן,

כאַטש ער איז אַ רבי ביי יידן און אַ גאַנצער מנהיג, איז אין גרונט אַ גאַנץ שוואַך מענטשל, וואָס ווייס אָפּט נישט וואָס ער וויל און מוז האָבן עמעצן, וואָס זאָל אים האַלטן אין די הענט. דאָס, האָט שמעון ווייטער געטראַכט, איז נישט קיין ענין פאַר אים אויף להבא, נאָר ווי לאַנג ער איז מיט אים אונטערוועגנס וועט ער זיך מוזן אַזוי פירן. דאָס הייסט, האָבן אַ שטרענגן קאָנטראָל איבער אים.

אין די פיל שלאָפלאָזע נעכט, וואָס שמעון האָט איצט דורכגעמאַכט, נעכט, ווען עס האָט אים גאָר נישט ווי געטאָן, נאָר דאָך האָט ער נישט געקענט שלאָפן, סיי צוליב זיין בענקשאַפט נאָך ראָזען און די חרטה, וואָס ער האָט געהאַט, פאַרוואָס ער האָט איר נישט געפאָלגט צו בלייבן מיט איר, און סיי צוליב דער אַנטוישונג, וואָס ער האָט איצט געהאַט אין זיין רבין, ר׳ נחמנען, ווען ער האָט איצט געזען גאָר אַנדערש ווי פריער, איז שמעון געקומען צו אַ ריי פון מסקנות, ביי וועלכע ער וועט זיך האַלטן נאָכדעם ווי די נסיעה וועט זיין אַריבער. דאָס ערשטע איז געווען, אַז ר׳ נחמן וועט מער נישט זיין זיין רבי. ער איז עס איצט שוין נישט. עס איז איצט פאַר אים קלאָר, אַז דאָקטאָר בערנאַרדי איז נישט געווען אין גאַנצן אויסן וועג, ווען ער האָט אים געזאָגט, אַז ר׳ נחמן איז טיילמאָל חסר דעה. ער זעט עס איצט אַזוי בולט, אַזוי קלאָר, אַז ער בעט נאָר צו גאָט, אַז עס זאָל מיט אים גאָרנישט געשען און אַז ער זאָל אַהיים קומען מיט אים בשלום, נישט ערגער ווי ווען ער איז מיט אים אַרויסגעפאָרן. ער וועט זיך באַציען צו אים, צו ר׳ נחמנען, ווי לאַנג זיי וועלן פאָרן צוזאַמען, ווי צו זיין אַמאָליקן פריינט. ער איז נישט מער יענער נחמנקע... יענע צייטן זענען אַריבער. ער וועט אים רופן ווייטער ר׳ נחמן, אָבער אַזוי לאַנג ווי זיי זענען אין וועג... ווי נאָר זיי קומען אַהיים, איז אַלץ אויס. ער וועט אין גאַנצן אין מעדוועדעווקע נישט זיין. ער וועט וווינען אין באַר אָדער אין טולטשין און זיך פאַרנעמען מיט מסחר.

שמעון האָט אויך ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל זען ארץ־ישראל אַליין, אויב ר׳ נחמן וועט נישט וועלן פאָרן מיט אים. אַזוי ווי ער איז שוין אין ארץ־ישראל, זאָל ער זען אַלע הייליקע ערטער, זיין אויף די

קברים פון די צדיקים און באַזוכן ירושלים, טבריה, צפת און אַנדערע ערטער.

שמעון האָט אויך געטראַכט פון נאָך אַ זאַך, אָבער וועגן דעם האָט ער נישט אָפּגעמאַכט נאָך ביי זיך וואָס צו טאָן, היינו, אַז אויף דער שיף אַהיים, איידער זיי וועלן קומען אויף דער יבשה אָדער שפּעטער, ווען זיי וועלן שוין זיין אויף דער יבשה, זאָל ער האָבן אַן אָפּענעם איבעררייד מיט ר׳ נחמנען און אים זאָגן אַלץ. אָבער וועגן דעם האָט ער געטראַכט, אַז ער וועט זען ווי אַזוי ר׳ נחמן וועט זיך דעמאָלט פילן, ווייל נאָך אַלעמען האָט ער דאָך צו טאָן מיט אַ קראַנקן מענטשן.

באַלד נאָך דעם, ווי ר׳ נחמן איז געקומען קיין חיפה, האָבן זיך די חסידים אין טבריה און אין צפת דערוווּסט דערפון און עס איז געוואָרן ביי זיי אַ באַוועגונג, אַז מען זאָל דעם בעש״טס אורייניקל ברענגען צו זיי, כדי אים צוצוטיילן פיל כבוד. די חסידים פון טבריה און צפת האָבן גלייך געשיקט צו אים שליחים, אַז ער זאָל קומען צו זיי אויף סוכות. אָבער ר׳ נחמן האָט אַלעמען אָפּגעזאָגט און בשום אופן נישט געוואָלט פאָרן אין ערגעץ.

דערווייל איז ר׳ זאב וואָלף פון טשאַרנאָ־אָסטראָ אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל און שמעון איז גלייך געגאַנגען אים זען. דער רבי האָט זיך דערפרייט מיט שמעונען און אים געפרעגט ווי אַזוי עס פילט זיך ר׳ נחמן. „נישט גוט״ — האָט אים שמעון געענטפערט — „ער איז אַלץ ווייטער אין עצבות, די מרה־שחורה האָט אים נישט אָפּגעלאָזן שוין פון ראש השנה אָן״. ר׳ וואָלף האָט געהייסן שמעונען, אַז ער זאָל מיטנעמען ר׳ נחמנען צו דער שמחה ביי דער מערה פון אליהו הנביא, ווו מען וועט זינגען און טאַנצן. אפשר וועט דאָס העלפן. שמעון האָט מיט כוח איבערגערעדט ר׳ נחמנען צו פאָרן צו דער מערה, אָבער אַלע האָבן טאַקע געזונגען און געטאַנצט, נאָר ר׳ נחמן נישט. די שלעכטע לוינע האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביי אים כסדר און אַפילו שמחת תורה, ווען ער איז געגאַנגען דאַווענען אין חסידים־שטיבל, איז ער געווען אומעטיק. אַלע חסידים האָבן געזאָגט די הקפות און געטאַנצט מיט דער תורה, אָבער ר׳ נחמן איז אַפילו מיט קיין

הקפה נישט געגאַנגען. אויף אַלע פראַגן פון שמעונען האָט ער געהאַט איין ענטפער:

— איך האָב שוין געזען ארץ־ישראל. איצט וויל איך פאָרן אַהיים. טו מיר אַ טובה און דינג פאַר אונדז ביידן אַ פּלאַץ אין אַ שיף, און לאָמיר פאָרן אַהיים.

— אָבער וואָס הייסט עפּעס שוין פאָרן אַהיים — האָט זיך שמעון צעשריען — מען קומט נישט קיין ארץ־ישראל בלויז אויף אַ פּאָר טעג. ניין, מיר וועלן פאָרן קיין טבריה, קיין צפת, קיין ירושלים און אויך אין אַנדערע שטעט און זען אַלע הייליקע ערטער. אַ שיינע מעשה כ'לעבן! אָנגעמוטשעט זיך אַזוי פיל, ביז מען איז געקומען קיין ארץ־ישראל, און אָוועקפאָרן גאָר נאָך איידער מען האָט עפּעס געזען... איך וועל עס נישט טאָן, איך וועל זיך נישט לאָזן באַהערשן פון אייערע משוגעתן.

— נו, גוט, — האָט ר' נחמן געזאָגט צו שמעונען אַזוי ווייך און איידל — זאָל זיין אַזוי ווי דו ווילסט. וואָס ווילסטו דען טאָן?

— פאָרן קיין טבריה. — האָט שמעון געזאָגט מיט אַ פעסטן טאָן.

— טאָ ווער לאָזט דיך נישט? גיי, דינג אייזלען און מיר וועלן פאָרן.

שמעון האָט באַלד זיך פאַרשטענדיקט מיט אַן אַראַבער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט צוויי אייזלען און צומאָרגנס אין דער פרי, גלייך נאָכן דאַוונען, זענען זיי ביידע, רייטנדיק אויף די אייזלען, זיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג קיין טבריה. זיי זענען געקומען אַהין פאַרנאַכט און פאַרפאָרן אין אַן אכסניה.

שמעון האָט באַלד צוויסן געגעבן די „פּני" פון שטאָט, און איבערהויפּט די חסידים, אַז ר' נחמן איז געקומען און עס איז געוואָרן אַ געלויף צו אים. אַ גאַנצע נאַכט האָט די טיר נישט גערוט, איינער אַרויס און דער אַנדערער אַריין. ר' נחמן האָט צוליב דעם נישט געקאָנט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

שמעון האָט געוווּסט, אַז אין טבריה געפינט זיך אויך אַ קוזין פון ר' נחמנען. יענער איז געווען אַן אייניקל פון ר' נחמן האָראָדענקער, וועלכער איז אויך געווען ר' נחמנס זיידע. אָבער ער האָט געוווינט זייער אָרעם. דער עולם חסידים האָט אָבער געוואָלט, אַז ר' נחמן זאָל ווינען

אין אַ שענערער דירה, כדי ער זאָל האָבן מער הרחבת הדעת. אַזאַ דירה האָט געהאַט נאָר איינער, ר׳ הערשל האָרקער, אַ שטאַרקער אָנהענגער און אַ חסיד פון ר׳ אברהם קאַליסקער. מען האָט גערעדט מיט אים און ער האָט מסכים געווען. מען האָט אַריבערגעפירט אַהין באַלד ר׳ נחמנען מיט זיינע זאַכן. ווען שמעון איז געקומען אַהין און געזען, אַז ר׳ הערשל האָר־קער האָט אָפּגעגעבן אַזאַ גרויס שיין צימער פאַר ר׳ נחמנען, איז ער געווען דערפון זייער צופרידן. ער האָט געדאַנקט ר׳ הערשלען און האָט געהאָפט, אַז ר׳ נחמן וועט דאָ ווערן אַביסל מער אויפגערוימט און אַז די מרה־שחורה וועט פון אים אַוועקגיין.

שפּעטער האָט ר׳ נחמן זיך צערעדט מיט ר׳ הערשלען וועגן ר׳ אברהם קאַליסקער. ר׳ הערשל האָט אים געזאָגט, אַז ר׳ אברהם קאַליסקער האָט אים געבעטן צו לאָזן אים וויסן, אַז ער האָט געהאַט בדעה אַריבערצוקו־מען צו אים היינט, אָבער אַזוי ווי מען האָט אים היינט געשלאָגן, איז ער אַ חלוש און ער קען נישט אַרויסגיין פון הויז. דערויף האָט אים ר׳ נחמן געזאָגט:

— זאָגט ר׳ אברהמען, אַז עס מאַכט נישט אויס. איך האָב סיי ווי סיי געהאַט בדעה צו גיין צו אים.

באַלד דערויף איז ר׳ נחמן אַריבערגעגאַנגען צו ר׳ אברהם קאַליסקער. דער נשיא פון „כוללות“ ר׳ אברהם האָט אים אויפגענומען בכבוד גדול און אים געבעטן, אַז ער זאָל וווינען ביי אים. ר׳ נחמן האָט אים אָבער דערויף געענטפערט, אַז דאָס קען ער נישט טאָן, אָבער ער וועט זיין ביי אים שבת. עס איז געבליבן, אַז דאָס זאָל זיין שבת פרשת נח.

יענעם ערב שבת איז ר׳ נחמן געקומען צו ר׳ אברהם קאַליסקער פאַרנאַכט צו קבלת שבת און באַלד האָט ער אַראָפּגעבויגן זיין קאָפּ פאַר ר׳ אברהמען, אַז ער זאָל אים בענטשן. ר׳ אברהם איז אָפּגעשפּרונגען הינטער זיך, זיך צעקאָכט און גערעדט מיט אַ התלהבות, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַזוי אַז מען האָט נישט געקענט פאַרשטיין אַ וואָרט וואָס ער זאָגט. ר׳ אברהם איז בכלל געווען אַ היציקער מענטש און אין זיינע יונגע יאָרן האָט זיך פיל אָפּגעטאָן צווישן די חסידים וועגן אים, צוליב זיינע קאָזשעלקעס, וואָס ער פלעגט מאַכן אין מיטן גאַס. פיל חסידים האָבן זיך

ממש געשעמט מיט אים און דער מגיד פון מעזריטש האָט אים אַמאָל אַפילו נישט געוואָלט אַריינלאָזן צו זיך, נאָר דער „ליאָזשנער", ר' שניאור זלמן, האָט עס קוים אויסגעפועלט ביי אים, אַז ער זאָל זיין צו אים אַנ־דערש. ר' אברהם האָט איצט הויך געשריען:

— מיר דאַרפן בייגן דעם קאָפּ פאַר די קינדער פון בעש"ט. — דערנאָך האָט ער אים געבענטשט און זיי האָבן מקבל שבת געווען.

אַביסל שפּעטער, ביי דער שבתדיקער סעודה, האָט ר' אברהם גע־בעטן ר' נחמנען, אַז ער זאָל זאָגן „תורה". אַזוי ווי ר' נחמן האָט נישט געוואָלט, האָט ר' אברהם געזאָגט „תורה", אָבער מ'ען האָט נישט פאַר־שטאַנען קיין איין וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט. ער האָט זיך געקאָכט, געוואָרפן מיט די הענט און די ווערטער זענען אַרויס פון זיין מויל מיט אַזאַ גיכקייט, אַז מען האָט נישט געקאָנט כאַפּן וואָס ער זאָגט. דאָס האָט זיך אַזוי אויך איבערגעחזרט שבת בייטאָג און אויך ביי שלוש סעודות.

מיט גרויס מי איז שמעונען קוים געלונגען, אַז ר' נחמן זאָל אין טבריה גיין אויפן קבר פון זיין זיידן, ר' נחמן האָראָדענקער, און אויך אויף די אַנדערע קברים פון די צדיקים, און דערנאָך אויך אין דער מערה פון ר' שמעון בן יוחאי. ר' נחמן איז כסדר אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגע־נער. בלויז אויפן קבר פון ר' שמעון בן יוחאי איז ער געווען פריילעך און לעבעדיק. ער האָט צום ערשטן מאָל אין ארץ־ישראל געזונגען אַ גאַנצע נאַכט ביז טאָג. די פריילעכע לויבע האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אויף צומאָרגנס אין דער פרי, ווען ער איז געווען אויפן קבר פון הלל הזקן. אָבער אויפן קבר פון שמאי איז אים שוין צוריק באַפאַלן די מרה שחורה.

ווען זיי זענען געקומען צוריק קיין טבריה, האָבן זיי געהערט, אַז עס איז אָנגעקומען אַ תלמיד פון ר' פּנחסל קאָריצער, ר' יעקב שמשון, פון שעפּעטאָווקע. פון ר' יעקב שמשונען האָבן אַלע געהאַלטן, נישט נאָר חסידים, נאָר אַפילו מתנגדים, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער גאון אין לערנען און אויך אַ גרויסער צדיק און אָפּגעהיט מיטן וואָרט. שמעון איז באַלד געלאָפן צו אים און האָט איינגעאָרדנט, אַז ר' נחמן זאָל קומען צו ר' יעקב שמשונען. שפּעטער האָבן ביידע צדיקים זיך געפרייט איינער מיטן אַנדערן.

ר׳ יעקב שמשון האָט פאַר זיין קומען קיין ארץ־ישראל געהערט צום צד פון „ליאָזשנער״, וועלכער האָט געפירט אַ מחלוקה מיט ר׳ אברהם קאַליסקער. אָבער אויף אַ ווונק פון ר׳ אברהמען, האָט ר׳ נחמן זיך אַריינ־געמישט און געשאַפן שלום צווישן ר׳ יעקב שמשון און ר׳ אברהם קאַ־ליסקער. ר׳ יעקב שמשון איז דעמאָלט אַריבער אויף אברהמס זייט.

אין טבריה האָט ר׳ נחמן, גאַרנישט ריכטנדיק זיך, געטאָן אַ שידוך מיט זיין טאָכטער, האָדל, מיט אַ רייכן יידן פון גרויסן יחוס. עס איז אַזוי געווען: אין טבריה האָט דעמאָלט געוווינט אַ ייד, אַ גביר און אַ גרויסער למדן. דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי ר׳ משה וויטעבס־קער, דער ערשטער נשיא פון „כוללות״ ארץ־ישראל, וועלכער האָט נישט געוואָלט זיין קיין רבי, נאָר אַ סוחר. ווען ר׳ משה האָט געהערט, אַז ר׳ נחמן איז געקומען, האָט ער געזאָגט צו זיינע מקורבים, אַז ער וויל האָבן ר׳ נחמנען פאַר אַ מחותן. מען האָט דאָס באַלד אָפּגעטראָגן צו ר׳ נחמנען. האָט ער דערויף געענטפערט: „ווי אַזוי קען איך זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ יחוס־שידוך? מסתמא איז באַשערט, אַז מיין טאָכטער זאָל וווינען אין ארץ־ישראל״. אַ שדכן האָט באַלד צונויפגעפירטביידע מחותנים. ר׳ משה וויטעבסקער האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה, די מחותנים האָבן מקבל קניז געווען, און עס איז געוואָרן אַ שידוך.

ר׳ נחמן איז צוליב דעם שוין געווען אין אַ בעסערן מצב און שוין געוואָלט בלייבן אין טבריה אַביסל לענגער. אָבער ווי אויף להכעיס האָט אויסגעבראָכן דאָרטן אַ מגפה, און טאַקע אויף אַן אמת, האָט ר׳ נחמן געביטן זיין אכסניה אויף אַן אַנדערער, אָבער אויך דאָרטן איז געווען נישט בעסער. דערווייל האָט מען אָפּגעשלאָסן די שטאָט, כדי נישט צו פאַרשלעפּן די מגפה ערגעץ אַנדערשוווּ. ווען ר׳ נחמן האָט דאָס געהערט, איז אים באַפאַלן אַזאַ שרעק, אַז ער איז אַנטלאָפן דורך אַ הייל ביז צום טויער פון דער שטאָט. דאָרטן האָט ער זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף דער מויער, כדי אַריבערצוקריכן און אַראָפּלאָזן זיך פון דרויסן. אָבער קומענ־דיק אין דער הויך האָט ער דערזען, אַז אונטן איז גאָר דאָ אַ וואַסער. איז ער געבליבן אַזוי הענגען מיט די הענט, אָנהאַלטנדיק זיך ביי דער מויער פול מיט מורא, אַז ער זאָל נישט אַראָפּפאַלן אין וואַסער אַריין,

און גענומען זאָגן „תהילים״. לסוף האָט שמעון אים געזאָגט, אַז ער זאָל נישט מורא האָבן אַראָפּצושפּרינגען, ווייל אַרום דער מויער איז דאָ אַ שטיקל יבשה, און אַז עס דוכט זיך אים נאָר אויס, אַז דער ים איז האַרט ביי דער מויער. ר׳ נחמן האָט זיך איצט אַראָפּגעלאָזן און נאָך אים שמעון און דערנאָך האָבן זיי געדונגען אַ פור קיין צפת.

נאָך דעם ווי ר׳ נחמן איז געווען עטלעכע טעג אין צפת, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג איבער דער שטאָט, אַז דער פראַנצויזישער פלאָט קומט אָן קיין עכו און אַז עס וועט באַלד פאָרקומען אַ גרויסע שלאַכט צווישן די פראַנצויזן און די טערקן. ר׳ נחמן איז געוואָרן אַזוי דערשלאָגן פון דער גייעס, אַז ער האָט גענומען שרייען צו שמעונען:

— כ׳וויל שוין נישט מער ארץ־ישראל! כ׳האָב שוין גענוג! כ׳וויל פאָרן אַהיים.

— אָבער ווי אַזוי שיקט עס זיך, אַז מען זאָל זיין אין ארץ־ישראל און אַפילו נישט זען ירושלים? — האָט שמעון מ׳יט אים איינגעטענהט.

— כ׳וויל שוין גאָרנישט מער זען; כ׳האָב שוין גענוג! — האָט ר׳ נחמן זיך ממש געבעטן ביי שמעונען.

שמעון האָט אויפן אָרט באַשלאָסן ביי זיך אים נאָכצוגעבן, ווייל ער איז שוין געווען מיד פון דער גאַנצער רייזע און האָט שוין אויך געוואָלט, אַז עס זאָל שוין זיין נאָך אַלעמען, ער זאָל שוין זיין צוריק אין דער היים.

עס איז דעריבער געבליבן, אַז שמעון זאָל זיך אינטערעסירן צו קריגן אַן איטאַליענישע שיף פון דער רענאַזי קאָמפּאַניע, ווייל יענע שיפן זענען געווען נייטראַל. שמעון האָט אַזוי געטאָן און האָט מיטגעטיילט ר׳ אברהם קאַליסקער, אַז זיי פאָרן אַהיים. ר׳ אברהם האָט אים אַריבערגעשיקט אַ בריוו, וואָס ר׳ נחמן זאָל אָפּגעבן זיין כולל אין חוץ לארץ און שמעון מיט ר׳ נחמנען האָבן זיך אין דער נאַכט אויף ערב שבת, פרשת זכור, פון יאָר תקנ״ט (1779) געלאָזט אין וועג אַריין אויף צו פאָרן אַהיים. זיי זענען געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט ביז פרייטיק דריי אַזייגער נאָכמיטאָג, ווען זיי זענען אָנגעקומ׳ען קיין עכו. אָבער ווען זיי זענען אָנגעקומען אַהין, האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז די שיף איז שוין איבערפולט און קיינער קען נישט

מער אַרויפגיין. זיי האָבן געמוזט בלייבן שבת ביי אַ דאָרטיקן גביר, אַ חסיד פון ר׳ אברהם קאַליסקער.

שבת איז ר׳ נחמן געווען אין גרויס שרעק, ווייל אַן אַרמיי פון אַן ערך פופצן טויזנט טערקן איז אַריינגעקומען אין שטאָט און באַלד פאַרשלאָסן די מויערן אַזוי, אַז עס איז געווען אין יוצא ואין בא, קיינער נישט אַריין און קיינער נישט אַרויס. אָבער שבת אין דער פרי איז דער פאַרמיטלער געקומען צו שמעון אין שול אַריין און אים געזאָגט, אַז קיין רענאַזי־שיף וועט מער נישט זיין, אָבער מען קען קריגן אַ טערקישע שיף. עס איז טאַקע אַ גרויסע סכנה, ווייל דער שונא קען שיסן אויף איר, אָדער זי נעמען געפאַנגען, אָבער צו בלייבן אין שטאָט איז נאָך אַ גרעסערע סכנה, ווייל דאָ וועט באַלד פאַרקומען אַ גרויסע שלאַכט. ער האָט אים אויך געזאָגט, אַז ער זאָל בעטן ר׳ נחמנען, אַז ער זאָל מתיר מאַכן צו געבן געלט דעם בעל הבית, ווייל עס איז פקוח נפש, וואָס עס איז דוחה שבת. ר׳ נחמן האָט מסכים געווען און שמעון האָט געגעבן דעם מעקלער אַ רענדל אַלס „אדערויף״, אָבער באַלד האָט מען געהערט, אַז עס זענען אָנגעקומען קריגסשיפן פון ענגלאַנד. אַן אימה איז ווידער באַפאַלן די שטאָט און עס איז גלייך געוואָרן אַ דוחק אויף לעבנסמיטל, ווייל אַלע האָבן זיך גענומען צוגרייטן שפייז. זונטיק אין דער פרי איז שמעון אַרויס קויפן שפייז, כדי מיטצונעמען אויפן וועג, אָבער ער האָט שוין גאָר נישט געקראָגן. ער איז געווען שטאַרק פאַרביטערט, און אַזוי ווי ער איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, האָט ער איינגעדרימלט.

דערווייל האָט ר׳ נחמן זיך געשטעלט דאַווענען. באַלד דערויף איז אַריינגעקומען דער בעל הבית פון דער אכסניה און געזאָגט צו ר׳ נחמנען:

— אַנטלויפט וואָס גיכער, ווייל עס איז דאָ אַ באַפעל פון פּאַשאַ, אַז ווער עס קען — זאָל אַנטלויפן. ווער עס וועט בלייבן איז אויסגעשטעלט אויף גרויס געפאַר. ר׳ נחמן האָט גלייך געכאַפּט דאָס טלית און תפילין־זעקל און זיך געלאָזט לויפן צום ים. ערשט ער זעט, אַז די גאַנצע שטאָט לויפט אַהין. עס ציט זיך אַ גרויסע מענטשן־מאַסע אָן אַ שיעור און אָן אַ סוף. האָט ער זיך דורכגעריסן צווישן די מענטשן און געלאָפן וואָס גיכער צום ים.

פון די קולות און געוואַלדן, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין דער אכסניה, האָט זיך שמעון אויפגעכאַפּט. ערשט ער הערט, אַז אַלע לויפן צום ים און אַז ר׳ נחמן איז שוין אַנטלאָפן. וויל שמעון נעמען דעם קאַסטן מיט די כתבים, אָבער ער איז צו שווער. פאַרדריסט אים שוין, וואָס ר׳ נחמן איז אַנטלאָפן אַליין און אַלץ איבערגעלאָזן אויף הפקר. אָבער באַלד טראַכט ער צוריק, אַז אויף וועמען אייגנטלעך איז ער אין כעס? ער איז דאָך נישט מער ווי אַ גרויס קינד! ער האָט גלייך געבעטן אַ ספרדישן ייד, אַז ער זאָל אים העלפן, און יענער האָט אים געהאָלפן שלעפּן דעם שווערן קאַסטן צום ים. קומענדיק אַהין, האָט שמעון געזען, אַז די שטופּעניש און דער געדראַנג איז גרויס און ער איז געוואָרן פאַרצווייפלט... פּלוצלונג האָט מען געזען ווי עטלעכע טערקן קריכן אַרויף אויף דער מויער פון שטאָט און זאָגן אָן עפּעס אַ גוטע בשורה דעם עולם. דאָס האָט מען דערקענט פון די פריילעכע פּנימער פון די טערקן. די טערקן האָבן אָנגעזאָגט, אַז עס וועט קיין מלחמה נישט זיין. די שטופּעניש האָט באַלד אויפגעהערט. שמעון מיטן ספרדישן ייד זענען שוין דערגאַנגען צום ים און אַרומגעזוכט ר׳ נחמנען. לסוף האָבן זיי אים געפונען אין אַ קליין שיפל. שמעון איז באַלד אַריין אין דעם שיפל, וואָס איז צוגעפאָרן צו דער גרויסער שיף, וואָס זיי האָבן געדאַרפט צו נעמען אין חיפה.

50

ווען ר׳ נחמן און שמעון זענען געקומען אין קליינעם שיפל קיין חיפה, זענען זיי דאָרטן אויסגעשטיגן און געדאַרפט איבערזעצן זיך אין אַ שיף, וואָס גייט אָפּ קיין סטאַמבול. אָבער ווי אַזוי די שיף הייסט און אין וועלכן טייל פון פאָרט זי וועט זיך געפינען און ווער פון די פאַר־שטייער פון דער שיף וועט דאָרטן זיין, וואָס זאָל זיי געבן אָנווייזונגען, האָבן זיי נישט געוווּסט. פאַר זיי איז געווען אַ שיף — אַ שיף, און אַזוי ווי זיי האָבן דערזען אין פאָרט אַ גרויסע שיף, זענען זיי אַהין אַריין. עס איז אָבער גאָר געווען אַ טערקישע קריגס־שיף, וואָס איז געווען גרייט אָפּצופאָרן מיט האַרמאַטן און טערקישע סאָלדאַטן. אָבער זיי האָבן דאָס נישט געוווּסט.

ערשט ווען זיי זענען אַרויף אויף דער שיף האָבן זיי געזען, אַז זי איז פול מיט סאָלדאַטן און מיט האַרמאַטן. האָבן זיי זיך געטראַכט, אַז מסתמא איז אין קריגס־צייטן אַזוי. איצט פאָרן סאָלדאַטן אויף אַלע שיפן און די סאָלדאַטן פירן מיט זיך האַרמאַטן.

באַלד אָבער איז צוגעקומען צו זיי איינער, וואָס האָט גערעדט טערקיש און זיי אַריינגעפירט אין אַ באַזונדערן צימער און דערביי דערלאַנגט זיי אַן אָנגעלאָדענע ביקס. ער האָט זיי עפּעס געזאָגט וועגן דער ביקס, נאָר אַז ער האָט געזען, אַז זיי פאַרשטייען נישט, האָט ער געוויזן זיי מיט די הענט, אַז די ביקס איז אָנגעלאָדן און אַז זיי זאָלן זיין מיט איר פאָרזיכטיק, און איז אַוועק. האָבן זיי נישט געקענט פאַרשטיין וואָס דאָס באַדייט, צו וואָס דאַרפן זיי האָבן אַ ביקס מיט קוילן. אָבער צו פרעגן עמעצן האָבן זיי נישט געקענט.

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. עס איז געקומען אַן אַנדערער טערקישער סאָלדאַט און האָט פאַרהאַקט די טיר פון זייער צימער. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ווידער געקומען עמיצער, וואָס האָט געעפנט די טיר און גערעדט צו זיי אויף רוסיש. ער האָט געזאָגט:

— וואָס טוט איר דאָ? דאָס איז דאָך אַ קריגסשיף. איר זענט אין גרויסער סכנה. איר האָט דאָך געדאַרפט זען אַליין, אַז די שיף איז פול מיט סאָלדאַטן און האַרמאַטן!

האָבן זיי זיך שטאַרק דערשראָקן און נישט געוווסט וואָס צו טאָן. שמעון האָט איצט געזען, אַז ער איז שולדיק אין דעם, וואָרום עס איז געווען ער, וואָס האָט געזאָגט צו ר׳ נחמנען, אַז דאָס איז אַוודאי די שיף און געהייסן אים אַריינגיין אין איר. שמעון האָט דעריבער אָנגעכאַפּט דעם מאַן און אים געבעטן, אַז ער זאָל ריידן צום קאַפּיטאַן, אַז ער זאָל זיי אַראָפּלאָזן ווי נאָר זיי וועלן קומען צו אַ ברעג. דער מאַן האָט זיי אָבער געזאָגט, אַז זיי וועלן אים מוזן געבן אַ געוויסע סומע געלט פאַר דעם קאַפּיטאַן.

שמעון האָט געעפנט גלייך דעם קאַסטן אַרויסצונעמען געלט פון דאָרטן. אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך געפּאָרעט ביים קאַסטן, איז דער מענטש נעלם געוואָרן. האָבן זיי געמיינט, אַז דער מענטש איז גלייך אַוועק צום

קאַפּיטאַן צו זאָגן אים זייער בקשה. זענען זיי אַליין אַוועק צום קאַפּיטאַן מיט געלט און צו אים גערעדט אויף שטום־לשון. האָט ער זיי מאָדנע אָנ־געקוקט, אָנגעשריגן אויף זיי און געהייסן זיי צוריקגיין צו זייער קאַיוטע. ווער עס איז געווען דער, וואָס האָט צו זיי גערעדט אויף רוסיש, האָבן זיי נישט געוווּסט און זיי האָבן אים אויך מער נישט געזען פאַר די אויגן.

אין דער פרי האָבן זיי געזען, אַז מען האָט געאַנקערט די שיף. האָבן זיי געמיינט, אַז מען וועט קענען דאָ אַראָפּגיין. ערשט זיי זעען, אַז מען האָט פאַרשפּאַרט דעם וועג פאַר זיי, און נישט נאָר פאַר זיי, נאָר אויך פאַר אַלע, און מען האָט קיינעם נישט אַראָפּגעלאָזן, און דאָ זענען זיי צווישן די סאָלדאַטן, אויף אַ קריגסשיף, וואָס קען יעדע מינוט באַשאָסן ווערן פון שונא. און צו דעם אַלעם זענען זיי זייער הונגעריק, ווייל אַנט־לויפנדיק פון עכו, האָבן זיי גאָרנישט מיטגענומען און זינט דעמאָלט האָבן זיי דאָך גאָרנישט געהאַט אין מויל, אַפילו נישט קיין טרונק וואַסער. לסוף האָט שמעון גערעדט אויף שטום־לשון מיטן קוכער פון דער שיף און ער האָט אים געגעבן, פאַר גוטע געלט, פאַר יעדן איינעם אַ טעפּעלע קאַווע אין דער פרי און פאַרנאַכט. צומאָרגנס האָט שמעון ווידער גערעדט מיטן קוכער אַז ער זאָל זיי געבן פאַר געלט „סוכאַרקעס" פון דעם אַלטן ברויט, וואָס מען האָט געפירט פאַר די סאָלדאַטן, און דער קוכער האָט זיי גע־געבן עטלעכע אין דער פרי מיט דער קאַווע און עטלעכע פאַרנאַכט. שמעון האָט אים יעדעס מאָל אַריינגעשטופּט דערפאַר אַ שיינע מטבע אין די הענט אַריין.

זיצנדיק אין זייער חדר, האָבן זיי געהערט, אַז אויפן ים קומט פאַר אַ גרויסער שטורעם. אויפן דריטן טאָג האָט זיך די שיף ווידער אָפּגעשטעלט ביי אַ ברעג. זענען זיי אַרויס צו זען, צי עס איז דער ברעג פון סטאַמבול, וועלכן זיי האָבן שוין געקענט. אָבער ניין, עס איז נישט גע־ווען. האָט שמעון געפרעגט דעם קוכער אויף שטום־לשון ווו זיי זענען. האָט ער זיי געזאָגט „אַדאַל". האָט זיך שמעון דערמאָנט, אַז ער האָט גע־האַט געהערט, אַז עס איז דאָ אַן אָרט, וואָס הייסט אַדאַל, און דאָרטן וווינט אַ ווילדער שבט פון געצנדינער, וואָס זענען מקריב צו זייער אָפּ־גאָט יעדן פרעמדן מענטשן, וואָס פאַלט אַריין אין זייערע הענט. האָט

שמעון דאָס געזאָגט ר׳ נחמנען. איז אויף זיי אָנגעפאַלן אַ פחד און זיי זענען צוריק אַריין אין זייער חדר מיטן געדאַנק נישט אַרויסצוגיין.

אָבער די שיף שטייט אַלץ ווייטער און עס נעמט גאָר קיין סוף נישט. אַזוי זענען זיי אָפּגעשטאַנען גאַנצע דריי טעג. פּלוצלונג האָט זיך אויפגעהויבן אויפן ים אַ מוראדיקער שטורעם, וואָס האָט אָפּגעריסן די שיף פון אַנקער און זי פאַרטראָגן אין מיטן ים אַריין. אַ גאַנצע נאַכט האָט דער שטורעם־ווינט געטריבן די זעגל־שיף און ערשט אין דער פרי האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז זיי זענען געפאָרן צוריק און געפינען זיך אַ טאָג ווייט פון עכו. די מאַטראָסן האָבן זיך מיט דעם שטורעם נישט געקאָנט קיין עצה געבן. דערווייל איז אין דער שיף אַריינגעקומען וואַסער אין דאָס אויסשעפּן דאָס וואַסער האָט די מאַטראָסן פאַרמאַטערט. נאָכמיטאָג האָט דאָס וואַסער שוין אַריינגעשטראָמט מיט אַזאַ קראַפט, אַז עס איז אַריינגעקומען אויך אין זייער חדר און זיי האָבן געמוזט פון דאָרטן אַרויסגיין און אַרויפגיין אויף אַ העכערן אָרט, ווו דאָס וואַסער איז נאָך נישט צוגעקומען. זיי האָבן זיך אויסגעזוכט איצט נישט נאָר אַ העכער אָרט, נאָר אויך אַ פּלאַץ, ווו די סאָלדאַטן זאָלן זיי נישט צו פיל באַמערקן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אויך פאַר זיי.

אָבער דער שטורעם לאָזט נישט אָפּ און די שיף ווערט וואָס אַמאָל אַלץ מער אָנגעפילט מיט וואַסער. די כוואַליעס פון ים שפּרינגען אַזוי הויך, אַז עס פאַלט אָן אַ שרעק בלויז צו קוקן אויף זיי, און אַלע זעען אויס פאַרצווייפלט.

איצט האָט ר׳ נחמן שוין גענומען זיך שטאַרק שרעקן און ער האָט געמאַכט פאַרשיידענע העויות. ווען שמעון האָט דאָס געזען, איז אים איינגעפאַלן דאָס האַרץ און ער האָט מורא געקראָגן, אַז ר׳ נחמן זאָל נישט אַמאָל צוליב שרעק אינגאַנצן אַראָפּ פון זינען. האָט ער גענומען איינריידן ר׳ נחמנען, אַז עס איז נישט אַזוי שלעכט, עס איז נישטאָ קיין שום געפאַר, כאָטש ער אַליין האָט געזען, אַז דאָס וואַסער אויף דער שיף ווערט וואָס אַמאָל מער און די מאַטראָסן זענען שוין מיד פון אויסשעפּן עס. שמעון האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז איבערן וואַסער, וואָס איז דאָ אין דער שיף, לויפן שוין אַפילו קליינע כוואַליעס ווי אין טייך, און אַז די מאַטראָסן

האָבן דעריבער גענומען אַראָפּצוואַרפן אַלע משאות פון דער שיף, כדי די שיף זאָל נישט דערטרונקען ווערן צוליב איר שווערקייט. אָבער דאָס וואַרפן די משאות האָט גאָרנישט געהאָלפן, ווייל עס איז אַלץ אַריינגעקומען מער וואַסער, וואָס איז געווען פיל שווערער פון די משאות. שמעון האָט איצט געפרעגט דעם קוּבער און יענער האָט געמאַכט מיט דער האַנט, אַז די שיף גייט אונטער. האָט שמעון פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען פאַרלאָרן און עס האָט אים באַנג געטאָן אויף דער גאַנצער זאַך, פאַרוואָס ער איז געווען אַזוי נאַריש צו לאָזן זיך אין וועג אַריין מיט ר׳ נחמנען אין אַ צייט פון סכנה. אין דער מינוט האָט ער געטראַכט פון ראָזען, וואָס האָט זיך ביי אים אַזוי געבעטן, אַז ער זאָל נישט פאָרן, און ער האָט איר נישט געפאָלגט. און אַ צער האָט אים אַרומגענומען אויף ראָזען, וואָס האָט אים אַזוי שטאַרק ליב און אַזוי געהאָפט און געוואַרט אויפן טאָג, ווען זיי וועלן זיך פאַראייניקן און זיין צוזאַמען... ער האָט זיך איצט אויך דערמאָנט אָן זיין קינד, ישראלקע, וואָס וועט בלייבן אַ טאָפּעלער יתום, אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען, און טרערן האָבן זיך געשטעלט אין זיינע אויגן...

ווען שמעון איז געקומען צוריק, האָט ר׳ נחמן באַמערקט ווי זיינע אויגן זענען פייכט, האָט ער אים געפרעגט, וואָס עס איז געשען.

— ס׳איז נישט גוט — האָט שמעון צו אים געזאָגט — מיר זענען פאַרלוירן!

— פאַרלוירן? דו האָסט דאָך מיר כסדר געזאָגט, אַז עס איז נישט אַזוי שלעכט.

— איצט איז עפּעס אַנדערש! — האָט שמעון געזאָגט זיפצנדיק — איצט איז נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט, אַז מען זאָל זיך ראַטעווען בדרך הטבע, דאָס וואַסער האַלט אין איין אַריינשטראָמען און די מאַטראָסן זענען נישט ביכולת עס אויסצופּאָמפּען. איין גאָט ווייס, וואָס עס וועט זיין. כ׳האָב אַפילו נאָך נישט געדאַוונט און איך האָב נישט קיין כוח צו דאַוונען.

די ווערטער האָבן ר׳ נחמנען אַביסל אויפגעטרייסלט און ער איז עפּעס פון זיי געוואָרן ניכטערער און געזאָגט צו שמעונען:

— ערשטנס, דאַרפסטו נישט דאַוונען איצט דאָס גאַנצע דאַוונען. זאָג „שמע ישראל" און די ערשטע דריי ברכות פון דער שמונה עשרה און, אויב דו קענסט, אויך די לעצטע דריי ברכות. דערנאָך צעטייל דאָס געלט, וואָס מיר האָבן, אויף צוויי גלייכע חלקים. איין חלק בינד אָן זיך און דעם אַנדערן חלק אָן מיר.

— וואָס איז? — האָט אים שמעון מאָדנע אָנגעקוקט — די פיש פון ים דאַרפן דען געלט?

— זיי דיך נישט מייאש! — האָט ר' נחמן דאָס מאָל אַרויסגעוויזן מער קוראַזש ווי שמעון — די יידן זענען געגאַנגען אין ים־סוף און נישט דערטרונקען געוואָרן, און מיר זענען נאָך דערווייל אויף דער שיף.

שמעון האָט געטאָן ווי ר' נחמן האָט אים געהייסן. דערנאָך האָט ר' נחמן זיך אָנגעטאָן זיין טולעפּ און שמעון זיינעם און זיי האָבן געוואַרט, ווי גרייט צו גיין ערגעצווו אין אַ וויטן וועג אַריין.

אַזוי ווי זיי שטייען אַזוי, זאָגט שמעון צו ר' נחמנען:

— איר זענט דאָך אַ רבי, איר קענט דאָך טאָן מופתים. פאַרוואָס זאָלט איר איצט נישט באַווייזן אַ מופת, אַז מיר זאָלן געראַטעוועט ווערן.
— איך בין איצט ווייט פון דער געטלעכקייט — האָט ר' נחמן אים געענטפערט שטיל — איך בין זינדיק, איך ווייס עס...

— גוט, וואָס איר ווייסט עס — האָט שמעון טריאומפירנדיק גע־זאָגט צו אים — יאָ, איר זענט פול מיט תאווה... איר האָט זיך אַמאָל באַ־רימט פאַר מיר, אַז איר האָט שוין איינגענומען דעם יצר־הרע. דאָס איז געווען נישט אמת... איר וועט נאָך דאַרפן פירן אַ שטאַרקע מלחמה מיטן יצר־הרע, ביז איר וועט אים בייקומען... איך האָב עס געזען אין די נעכט, וואָס כ'בין געווען מיט אייך... איך ווייס אַלץ...

— דו ביסט גערעכט, שמעון, אָבער וואַרף מיר דאָס איצט נישט פאָר! איצט איז נישט די צייט צו זוכן חטאים אין מיר. איין זאַך ווייס איך, אַז כ'קען איצט נישט מתפלל זיין צו השם יתברך, אַז ער זאָל עפּעס טאָן פאַר מיר.

— טאָ בעט צו גאָט, אַז ער זאָל עס טאָן אין זכות פון אייערע

גרויסע אבות, אין זכות פון אייער זיידן, דעם הייליקן בעל־שם־טוב און פון אַנדערן זיידן, ר׳ נחמן האָראָדענקער און אַלע אַנדערע צדיקים.

ר׳ נחמן האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און געבעטן צו גאָט און טרערן האָבן גערונען פון זיינע אויגן. אַזוי ווי ער שטייט אַזוי, זעען זיי ווי אַ וואָלקן נידערט צו דר׳ערד. אין יענער צייט האָט דאָס פאָלק געגלייבט, אַז די וואָלקנס גייען אַראָפּ צום ים זיך אָנצוטרינקען, און אויב אַ שיף גייט פּונקט פאַרביי, איז זי אין דער גרעסטער סכנה. האָבן זיי ביידע געמיינט, אַז איצט איז די שיף שוין זיכער פאַרלוירן און שוין גע־נומען זאָגן „וידוי״. פּלוצלונג הערן זיי ווי די מאַטראָסן לאַכן הויך אויפן קול. איז שמעון געלאָפן געוואָר ווערן וואָס עס איז געשען. ערשט מען ווייזט אים, אַז מען האָט אַנטדעקט דאָס אָרט, וווּ עס איז דאָס לאָך אין דער שיף און איצט איז מען שוין געהאָלפן. מען וועט פאַרשטאָפּן דאָס לאָך און דאָס וואַסער וועט מען אויסשעפּן. באַלד האָבן די מאַטראָסן געשאָכטן אַ באָק און מיט זיין פעל פאַרדעקט דאָס לאָך פון דער שיף. דערנאָך האָט מען אויסגעשעפּט דאָס וואַסער.

דערווייל איז דער ים געוואָרן שטילער און אַלע האָבן פרייער אָפּ־געאָטעמט. איצט האָבן זיי אויסגעטאָן די טולעפּס און גענומען טראַכטן וואָס עס וועט דאָ זיין, ווייל עס האָט זיך אונטערגערוקט פסח און זיי ווייסן נישט ווו זיי וועלן זיין. אַזוי האָבן זיי געקראָגן פון קוכער טעפּלעך קאַווע מיט „סוכאַרקעס״, אָבער פסח וועלן זיי דאָך נישט קענען עסן די „סוכאַרקעס״, וועלן זיי טאַקע מוזן פאַסטן גאַנצע אַכט טעג?

די שיף איז דערווייל צוגעקומען צו אַ שטאָט, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן ים, אויף אַ באַרג מיט שטיינער. די סאָלדאַטן האָבן געקויפט דאָרטן פרוכט און האָבן ר׳ נחמנען פאַרקויפט באָקסער פאַר איין טאלער. האָבן זיי זיך געטראַכט, אַז אין ערגסטן פאַל קען מען אָפּלעבן די אַכט טעג פסח אויך מיט די באָקסער. אָבער דער עיקר, וווהין גייט די שיף? און וווהין פירט מען זיי? ווער ווייס, צי מען פירט זיי נישט ערגעצוווּ פאַרקויפן אַלס קנעכט, און וואָס וועט ווערן פון זיי? וווּ וועלן זיי זיין? וועט מען זיי אפשר צווינגען אויך צו שמדן זיך און ווערן גויים, קריסטן, אָדער מאַכמעדאַנער.

די שיף איז דערווייל געגאַנגען איר וועג און געקומען אין דער נאַכט פון ערב פּסח צום אינדזל ראָדאָס. אין יענע צייטן איז דאָרטן געווען אַ גרויסע יידישע קהילה. ר׳ נחמן און שמעון האָבן זיך געפרייט, וואָס זיי וועלן קענען זיין צווישן יידן. אָבער ווער מען זיי אַראָפּלאָזן?

באַלד ווי די שיף איז אָנגעקומען אַהין, האָבן זיי זיך געווענדט צום שיפסקאַפּיטאַן און אויף שטום־לשון געזאָגט, אַז זיי זענען הונגעריק און ווילן ברויט. האָט ער זיי אויך אויף שטום־לשון געענטפערט, אַז דאָ זע־נען פאַראַן אַ סך יידן, קענען זיי דעריבער פון זיי קריגן ברויט, ווייל פון דעם ברויט, וואָס איז דאָ אויף דער שיף פאַר די סאָלדאַטן, קען ער זיי נישט געבן. ער האָט דעריבער געזאָגט שמעונען, אַז ער זאָל פאָרן מיט אַ שיפל אין שטאָט אַריין און דאָרטן איינקויפן פאַר זיך שפּייז. שמעון האָט צוגעשטימט און דער קאַפּיטאַן האָט געשיקט אַ סאָלדאַט מיט אים.

שמעון איז אָבער נישט געגאַנגען איינקויפן ברויט, ווייל עס איז דאָך געווען ערב פּסח. איז ער דעריבער אַוועק צום חכם פון שטאָט (עס איז געווען אַ ספרדישע קהילה) און האָט אים אַלץ דערציילט. דער חכם האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך נישט זאָרגן, ווייל מען וועט זיי ביידן אויסלייזן פון די גוישע הענט און ער האָט אים געגעבן מצות און וויין. באַלד האָט זיך שמעון דערמאָנט, אַז ווען ער איז געווען אין טבריה, ביי ר׳ הערשל הארקער, האָט אים ר׳ הערשל געזאָגט, אַז זיין פרוי האָט אין ראָדאָס אַ ברודער, וואָס איז אַ גרויסער צדיק און אַ תלמיד חכם. האָט ער זיך גענומען נאָכפרעגן אויף אַזאַ מענטשן, וואָס האָט אַ שוועסטער אין טבריה. האָבן זיך מענטשן געכאַפּט, אַז דאָס איז ר׳ יוסף מזל, ר׳ הערשל הארקערס שוואָגער, און מען האָט אים אַוועקגעפירט אַהין. שמעון האָט איצט גענומען דערציילן ר׳ יוסף מזלן אַלץ, וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט. רופט זיך אָפּ ר׳ יוסף מזל צו אים:

— מיר ווייסן שוין אַלץ, אָבער זייט רואיק. דער שיפסקאַפּיטאַן איז פאַרהאַלטן געוואָרן. איר וועט פון דער שיף באַפרייט ווערן. עס וועט קאָסטן געלט, אָבער זאָרגט נישט.

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די עלטערן פון חכם זענען גע־ווען דערביי, ווען שמעון האָט דערציילט דעם חכם, וואָס עס האָט מיט

זיי פאַסירט און זיי האָבן דאָס דערציילט ר׳ יוסף מזלען נאָך איידער שמעון איז געקומען צו אים. ר׳ יוסף מזל איז געווען זייער חשוב אין שטאָט. ער האָט באַלד איבערגערעדט מיטן שיפסקאַפּיטאַן וועגן די צוויי יידן. דער קאַפּיטאַן האָט געוואָלט אַ גרויסע סומע אויסלייז־געלט און מען האָט זיך מיט אים געדונגען.

דערווייל האָט ר׳ יוסף מזל געוואָלט וויסן גענוי ווער ר׳ נחמן איז, און שמעון האָט אים דערציילט וועגן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, פון וועלכן ער האָט געוווּסט, ווייל ער האָט געהאַט די ספרים פון הרב מפולנאה, דעם תלמיד פון בעל־שם־טוב. שמעון האָט אים געזאָגט, אַז ר׳ נחמן איז אַן אוראייניקל פון בעל־שם־טוב. ווען ר׳ יוסף מזל האָט דאָס געהערט, האָט ער געהייסן שמעונען גיין באַלד צוריק צום חכם, ווייל ער האָט שוין מיט אים גערעדט און עס וועט זיין בעסער, אַז דער חכם זאָל פירן ווייטער די פאַרהאַנדלונגען מיטן קאַפּיטאַן.

שמעון האָט אַזוי געטאָן. דער חכם האָט זיך באַלד אָנגעטאָן זיין אויבערמאַנטל און איז אַרויס מיט שמעונען מיט דער דעה צו פאָרן צו דער שיף. אָבער אין גאַס איז פאַרגעקומען אַ גרויס געשלעג צווישן די טערקישע סאָלדאַטן און אַלע ציווילע מענטשן האָבן מורא געהאַט אַרויס־צוגיין אין גאַס. וואָרום קוילן זענען געפלויגן אין אַלע זייטן. דער חכם האָט דעריבער געהייסן שמעונען צוריקצוגיין צו דער שיף מיט מצות, וויין און חרוסת, און ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז מאָרגן, אם ירצה השם, באַלד אין דער פרי וועט זיין רבי זיין אויף דער פריי צוזאַמען מיט אים.

ווען ר׳ נחמן האָט געזען שמעונען קומען צוריק, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט, ווייל ער האָט שוין מורא געהאַט, אַז מען האָט אים דערטרונ־קען. שמעון האָט דערציילט ר׳ נחמנען וועגן זיין געשפּרעך מיטן חכם און מיט ר׳ יוסף מזל און שפּעטער האָבן זיי געפּראַוועט אַ סדר אויף דער שיף.

צומאָרגנס איז געקומען אַ באַפעל, אַז מען זאָל צופירן די שיף צו דער שטאָט און זי דאָרטן פאַראַנקערן. אַ גאַנצן טאָג זענען אָנגעגאַנגען פאַרהאַנדלונגען מיטן קאַפּיטאַן, אַזוי אַז אויך די צווייטע נאַכט פון פסח זענען ביידע, ר׳ נחמן און שמעון, געווען נאָך אויף דער שיף. דעם צווייטן

טאָג פּסח אין דער פרי איז שמעון אַראָפּ פון דער שיף און איז געגאַנגען אין שול אַריין דאַוונען. דאָרטן האָט ער גערעדט מיטן חכם און יענער האָט אים פאַרבעטן צו זיך אַהיים צום עסן. שמעון איז מיט אים גע־גאַנגען. ביים טיש האָט דער חכם געבעטן שמעונען, אַז ער זאָל אים נאָכ־זאָגן עפּעס אַ „תורה" פון זיין רבין און שמעון האָט אַזוי געטאָן. דער חכם איז געוואָרן שטאַרק נתפעל דערפון. נאָך דער סעודה האָט זיך שמעון צוריקגעקערט צו דער שיף און מיט אים אויך דעם חכמס אַ באַ־דינער, וואָס האָט געטראָגן פּסחדיקע מאכלים פאַר ר׳ נחמנען. און ר׳ נחמן האָט דערנאָך געפּראַוועט אַ טיש, ווי עס וואָלט געווען פאַר אַן עולם פון חסידים.

דעם ערשטן טאָג חול המועד פּסח האָט שמעון, אויף אַ ווונק פון חכם, אַרויסגענומען דאָס גאַנצע געלט פון קאַסטן און עס געבראַכט צו אים. דערנאָך איז אַ דעלעגאַציע פון צוויי חשובע באַלעבאַטים צוזאַמען מיטן חכם געגאַנגען צום קאַפּיטאַן. דער קאַפּיטאַן האָט שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט פון פּרייז, אָבער נאָך אַלץ געוואָלט צוויי הונדערט טאַלער, הונדערט טאַלער פאַר יעדן איינעם. האָט מען אים געגעבן דאָס געלט און דער קאַפּיטאַן האָט ר׳ נחמנען מיט שמעונען באַפרייט.

אַזוי ווי זיי זענען געגאַנגען צום חכם, זענען אָנגעלאָפן אַ באַנדע טערקן און גענומען שרייען, אַז דאָס פירט מען שפּיאָנען, וואָס מען האָט געכאַפּט, וועלכע האָבן זיך געוואָלט אַריינגנבענען אין שטאָט אַריין. מען האָט דעריבער געמוזט ביידע גיך אַריינפירן צום חכם אין הויז און זיי אָנטאָן אין טערקישע קליידער. ר׳ נחמן האָט געוואָלט אָפּגעבן דער שטאָט די צוויי הונדערט טאַלער, וואָס מען האָט באַצאָלט פאַר זייביידן, אָבער דער חכם האָט נישט געוואָלט נעמען. ר׳ נחמן און שמעון זענען געבליבן אין חכמס הויז ביז איבער פּסח. דערנאָך האָט די שטאָט פאַר זיי געדונ־גען אַ פּלאַץ אויף אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען קיין סטאַמבול.

ווען זיי זענען געקומען קיין סטאַמבול, האָבן זיי געהאַט נייע צרות, ווייל זייערע פּעסער זענען נישט געווען געשטעמפּלט אויף צוריקצופאָרן. האָט מען פון זיי פאַרלאַנגט אַ סך געלט פאַר נייע פּעסער. לסוף האָט אַ יידישער שתדלן געקראָגן פאַר זיי, פאַר אַ קליינע סומע באַקשיש, אַן

אַרויספאַר־שיין, זענען זיי געפאָרן ביז גאַלאַץ, רומעניע. דאָרטן האָט מען זיי ווידער אַרעסטירט, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צו פאָרן איבער רומעניע, און זיי האָבן געמוזט באַצאָלן אַ שטראָף פון פיר רענד־לעך פאַר יעדן איינעם. פון גאַלאַץ זענען זיי שוין געפאָרן מיט אַ פור קיין יאַסי און פון יאַסי זענען זיי געפאָרן קיין אָדעס.

ווען זיי זענען געקומען קיין אָדעס, האָט שמעון געזאָגט צו ר׳ נחמנען:

— אָט דאָ שיידן זיך אונדזערע וועגן. איר, ר׳ נחמן, פאָרט אַהיים, און איך וועל בלייבן דאָ עטלעכע טעג און דערנאָך פאָרן קיין טשערנאָ־ביל צו זען ר׳ נחומטשען און אויך הערשלען און אַוודאי אויך גיטעלען. איך גיב אייך מיט אַ בריוו צו ר׳ אפרימען, אָבער איר זאָלט אים נישט עפענען, פונקט אַזוי ווי איך האָב נישט געעפנט אייערע כתבים. אין בריוו צו ר׳ אפרימען איז אויך דאָ אַ בריוו צו מיינע עלטערן, צו ראָזען און צו מיין קינד, ישראלקע, אָבער ר׳ אפרים וועט שוין וויסן וואָס צו טאָן מיט די בריוו, אַז עס זאָל אָנקומען צו זיי.

— און מיר וועלן זיך מער נישט זען? — האָט ר׳ נחמן טרויעריק אים געפרעגט.

— אַזוי זעט עס אויס! פריער זענט איר געווען מיין רבי און איך האָב געקענט גיין פאַר אייך אין פייער און אין וואַסער. איצט אָבער איז עס אַנדערש.

— און דו וועסט איצט אויסריידן אויף מיר!

— ניין, ר׳ נחמן, דאָס נישט. כ׳גיב אייך דערויף מיין הייליק וואָרט. קיין שלעכט וואָרט וועט נישט אַרויסגיין פון מיינע ליפּן וועגן אייך. דאָס, וואָס איך ווייס, ווייס איך און דאָס וועט בלייבן ביי מיר אַ סוד. אָבער נעמט מיין עצה, אַן עצה פון אַ געוועזענעם חסיד און פריינט. בעסערט אויס אייערע מעשים... טוט תשובה און נעמט זיך פאַר נישט נאָכצוגיין מער דעם יצר־הרע... און אַפילו נישט צו האָבן קיין געדאַנקען פון אַן עבירה... ווייל איר ווייסט דאָך, „הרהורי עבירה קשין מעבירה״. אויב מען וויל זיין אַ רבי און אַ מנהיג בישראל, דאַרף מען פריער אַליין זיין ריין פון יעדער זינד. כ׳מוז ווידעראַמאָל דערמאָנען אייך, וואָס די גמרא זאָגט:

„קשוט עצמך ואחרי כן קשוט אחרים״. איצט זייט געזונט און פאַרט לחיים ולשלום.

— אַ גוטן טאָג, שמעון, זיי מצליח אין וואָס דו וועסט טאָן. אויב דו וועסט מיך פאַרבעטן צו דיין חתונה, וועל איך זיכער קומען. און איצט נאָ דיר אַ טייל פון געלט.

— כ׳וויל בלויז עטלעכע רענדלעך, ביז כ׳וועל זיך דערשלאָגן קיין טשערנאָביל.

ר׳ נחמן האָט געגעבן שמעונען פופציק רענדלעך און זיי האָבן זיך געזעגנט און שמעון איז אַוועק אין אַן אַנדערער ריכטונג.

(סוף פון פינפטן טייל)

זעקסטער טייל

דאָס פּאָרל: נחמן און נתן

51

נאָכדעם ווי שמעון איז אַוועק פון ר׳ נחמנען, האָט ער געטראַכט וואָס ער זאָל איצט טאָן. ער איז געווען מיד און נערוועז און די איבער־ריידונג מיט ר׳ נחמנען האָט אים אויך קיין מנוחת הנפש נישט פאַר־שאַפט. ער האָט איצט געטראַכט, אַז אפשר האָט ער נישט געדאַרפט ריידן אַזוי צו אים, כאָטש ער איז פון אים אַזויפיל אויסגעשטאַנען אין משך פון דער נסיעה. ער האָט געדאַרפט זיין נאָך אַביסל געדולדיק און אים גאָרנישט זאָגן... פון מינוט צו מינוט האָבן זיך די חרטה־געפילן ביי אים געשטאַרקט און עס האָט אים שוין אויך אַן אמת באַנג געטאָן, פאַרוואָס ער האָט אים געלאָזט אַליין אַהיימפאָרן. ער האָט איבערגעטראַכט, אַז ר׳ נחמן איז נאָך אַלעם אַ בטלן, און דאָס דינגען פורן און דאָס פאָרן פון אָרט צו אָרט וועט אים אָנקומען זייער שווער. הייַנט ווי וועט עס אויס־זען ביי ר׳ אפרימען און אויך ביי אַלע מענטשן פון מעדוועדעווקע דאָס, וואָס פריער האָט ער זיך אַזוי איינגעשטעלט דאָס לעבן צו פאָרן מיט זיין רבין קיין ארץ־ישראל און צום סוף איז ער אַפילו נישט געקומען אַהיים מיט אים.

מיט די געדאַנקען אין קאָפּ איז שמעון אַוועק אין אַן אַכסניה זיך אַביסל אויסצורוען. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעטל, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען, כדי צו כאַפּן אַ דרעמל, אָבער ער האָט נישט געקענט שלאָפן. ער האָט איצט אָנגעהויבן איבערצוטראַכטן וואָס ער האָט גע־זאָגט צו ר׳ נחמנען און וואָס אַמאָל אַלץ מער האָט ער געהאַט חרטה אויף זיינע רייד און אויך אויף דעם, וואָס ער איז אַזוי פלוצים אַוועק פון אים. ווער ווייס, האָט ער געטראַכט, צי ער וועט נישט ערגעץ פאַרבלאָנדזשען...

ער קען אַמאָל אויך דינגען אַ פור מיט אַ גויישן פורמאַן, וואָס זאָל אים פּאַרנאַכט באַרויבן און אפשר אויך דערהרגענען... אָט די מחשבות וואָס זענען כסדר געקומען אים אין קאָפּ אַריין, האָבן געמאַכט אַזוי, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט מוחל זיין זיין האַנדלונג און ער האָט אַפילו גע־האַט אַ פאַרלאַנג צו לאָזן זיך לויפן איבער די גאַסן, כדי צו זוכן אים, ביז ער וועט אים געפינען. נאָך אַלעמען, האָט ער געטראַכט, איז ער דאָך אַ בן־קדושים, אַן אייניקל פון אַזעלכע גרויסע ייִדעס. אַליין געווען אַ שטיק עלוי, אַ וואונדער־קינד... ער זאָגט אַמאָל אַזעלכע הויכע ווערטער, וואָס ער האָט קיינמאָל אַזעלכעס פון קיינעם נישט געהערט... עס איז קיין ספק נישט, אַז ער איז אַ גרויסער מענטש; ווען נישט, וואָלט ער דאָך נישט געהאַט אויף אים און אויך אויף אַנדערע אַזאַ השפּעה. אי דאָס, וואָס ער איז ווילד? — נו, דאָס גייט צוזאַמען מיט דער גרויסקייט... און דאָס, וואָס ער איז יצר־הרעדיק, נו, דערויף זאָגט דאָך די גמרא, אַז ווער עס איז גרעסער פון זיין חבר, איז זיין יצר־הרע אויך גרעסער פון אים...

אָבער באַלד האָבן אָנגעהויבן צו קומען אין זיין קאָפּ אַנדערע גע־דאַנקען, אַז ער האָט באמת גוט געטאָן... יאָ, ער האָט געדאַרפט איין מאָל פאַר אַלע מאָל איבעררייסן מיט ר׳ נחמנען, האָט ער גענומען טראַכטן צוריק... עס טויג נישט אַזוי... זיי זענען נישט קיין פּאָר... ר׳ נחמן וויל אים מאַכן פאַר זיינס אַ שמש, אָבער ער וויל נישט זיין קיינעמס שמש. ער האָט אַליין אויך מעלות און מידות... די שליחים האָבן אים דאָס גע־זאָגט און די רביים אין ארץ־ישראל אויך... ער וויל איצט נישט זיין מער קיין משמש ביי ר׳ נחמנען... ער וויל לעבן זיין אייגן לעבן און — ער האָט גוט געטאָן. דאָס בעסטע איז געווען אָפּצורייסן אַלץ מיטאַמאָל, נישט אַרומצושלעפּן זיך. נישקשה, ר׳ נחמן וועט נישט פאַרפאַלן ווערן... ווו נאָר ער וועט קומען און זאָגן ווער ער איז, וועט מען אים אַנטקעגנטראָגן געלט און כבוד. ער דאַרף קיינעם נישט! יאָ, ער האָט שוין גענוג געדינט ביי אים... צוליב אים האָט ער דאָך אַפילו אָפּגעלייגט די חתונה... טאָ וויפל איז דער שיעור?... ער וויל נישט לעבן בלויז פאַר אים... ניין, ער וויל חתונה האָבן און פירן אַן אייגן לעבן...

אָבער וואָס זאָל ער איצט טאָן? — אַ געדאַנק פאַלט אים איין. אַז אַזוי ווי ער איז איצט נישט ווייט פון קיעוו, זאָל ער פאָרן אַהין. ער איז זיכער, אַז גיטעלע האָט שוין חתונה געהאַט און אַז זי איז נישט אין טשערנאָביל, ווארום וואָס וועט זי דאָרטן טאָן? אגב ווייס ער, אַז ר׳ מרדכי האָט געוואָרפן אַן אויג אויף איר און ער וויל זי האָבן אין זיין געשעפט, אין קיעוו, און אַז צוליב איר וועט ער אויך האָבן אין זיין געשעפט איר מאַן, הערשל. דאָס איז גראָד נישט אַזוי גוט. עס וואָלט בעסער געווען, אַז ער זאָל זי לאָזן צורו. זי מעג שוין האָבן מנוחה, זאָל זי וווינען מיט הערשלען און אויפברענגען מיט אים אַ דור... ער טראַכט דעריבער צו פאָרן אַהין, קיין קיעוו, און זען זיך מיט גיטעלען און אויך מיט הערשלען. אָבער אפשר האָבן זיי נאָך נישט חתונה געהאַט?... און אפשר איז גיטעלע גאָר אין באַר, ביי זיינע עלטערן?

טראַכטנדיק דערפון, פאַלט אים איין, אַז ער זאָל שרייבן אַ בריוו צו זיינע עלטערן און צו ראַזען און אויך צו ר׳ אפרימען. ער האָט טאַקע מיטגעגעבן אַ בריוו מיט ר׳ נחמנען צו ר׳ אפרימען און אין דעם בריוו אַריינגעלייגט אויך אַ בריוול צו ראַזען, אָבער ווער ווייס? אפשר וועט ר׳ נחמן דעם בריוו פאַרלירן!... עס איז בעסער, אַז ער זאָל זיי איצט שרייבן, אַז ער איז שוין געקומען צוריק און שיקן עס מיט דער פּאָטשט, ווען אַפילו זיי וועלן קריגן דעם בריוו דורך ר׳ נחמנען... דאָפּלט איז שטאַרקער...

שמעון האָט זיך באַלד אויפגעכאַפּט פונעם בעטל און אָנגעשריבן אַ קורץ בריוול צו זיינע עלטערן, אַ לענגער בריוול צו ראַזען און אויך אַ בריוול צו ר׳ אפרימען. ער האָט צו אַלעמען געשריבן כמעט איין נוסח, אַז אַזוי ווי ער איז אין אָדעס, וויל ער שוין צופאָרן קיין קיעוו צו זען גיטעלען און הערשלען און ער וועט דערנאָך פאָרן אַהיים. בלויז צו ראַזען האָט ער געשריבן אַז ווי נאָר ער וועט קומען אַהיים וועט זיין די חתונה, און ער האָט אָוועקגעשיקט די בריוו דורך דעם פּאָטשטאַליאָן.

אַזוי ווי עס איז שוין געוואָרן טונקל, איז ביי שמעונען געבליבן צו בלייבן דאָ איבער נאַכט, און אין דער פרי, באַלד נאָכן דאַוונען, זוכן אַ פור צו פאָרן קיין קיעוו. ער האָט זיך אויפגעזוכט אַ כשרן פּלאַץ, וווּ צו עסן וועטשערע און באַלד דערנאָך איז ער אַוועק צוריק אויף זיין אכסניה

און זיך געלייגט שלאָפֿן. און געשלאָפֿן איז ער ווי אַ געהרגעטער, ווייל ער איז געווען זייער מיד... ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווען עס האָט גע־נומען שאַריען אויף טאָג... עס איז געווען נאָך פּסח. די לופֿט איז געווען פֿול מיט פֿריילינג־דופֿטן. לעבן דער אכסניה איז געווען אַ סאָד און דאָרטן אויף די ביימער האָבן פֿייגעלעך געזונגען אַ מין תּפֿילה צו גאָט, אַ לויב־געזאַנג דערויף, וואָס זיי האָבן דערלעבט אַ נייעם מאָרגן... שמעון איז מיטגעריסן געוואָרן מיט זיי און זיך געשטעלט דאַוונען און זיין האַרץ איז געווען פֿול מיט לויב צו גאָט דערפֿאַר, וואָס ער איז ניצול געוואָרן פֿון אַזוי פֿיל סכּנות. אָבער פֿון דער אַנדערער זייט איז אים דאָס האַרץ געווען אַזוי שווער, מחמת ער ווייס נישט, וואָס וועט איצט זיין מיט אים און וואָס ער זאָל טאָן, צו וואָס זאָל ער זיך איצט נעמען?... ער טראַכט איצט צו וואָס ער טויג... וואָס קען ער טאָן?... נישט מער ווי צו ווערן אַ מלמד... און אפשר האָט ער זיך נישט געדאַרפֿט איינרייסן מיט ר׳ נחמנען, וואָלט ער געווען ביי אים זיין גבאי. עס איז דאָך בעסער ווי אַ מלמד, וואָ־רום וואָס פֿאַר אַ מלמד קען ער זיין? אַ גמרא־מלמד? ניין, ער איז נישט אַזאַ קענער פֿון גמרא, טאָ וואָס דען? אַ מלמד פֿאַר קליינע קינדער, אַ דרדקי־מלמד... נו, איז נישט בעסער שוין צו זיין אַ גבאי ביי אַ רבין?...

גלייך נאָכן דאַוונען האָט זיך שמעון אַרויסגעלאָזט אין גאַס אַריין צו זוכן אַ פֿור צו פֿאָרן קיין קיעוו. ער האָט געוווסט, אַז קיין פֿור דירעקט אַהין וועט ער נישט קריגן, האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פֿאָרן אַזוי ווי פֿריער, מיט געשטוקעוועטע פֿורן. ער האָט שוין געהאַט דערין אַ שטיקל דערפֿאַרונג, פֿון דער צייט וואָס ער איז געפֿאָרן פֿון טשערנאָביל קיין מעד־וועדעווקע צוזאַמען מיט ר׳ אפֿרימען.

עס איז געווען אַ שווערע רייזע און ער איז ערשט אויפֿן דריטן טאָג געקומען קיין קיעוו. ער האָט זיך נישט לאַנג געדאַרפֿט פֿרעגן אויף מרדכי קוזאַרעוויטש. מען האָט אים באַלד אָנגעוויזן אויף זיין הויז, אַ גרויסע שיינע קאַמעניצע אויפֿן קרעשטשאַטיק. וואָרום מרדכי איז געווען איינער פֿון די גרעסטע יידישע גבירים פֿון קיעוו און אַלע האָבן אים גוט געקענט.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין דעם שיינעם ביוראָ, האָט אים מרדכי באַלד דערקענט און איז אים אַנטקעגנגעלאָפֿן.

— וואָס פאַר אַ גאַסט! וואָס פאַר אַן אָנגעלייגטער גאַסט! גיטעלע איז ערשט דאָ געווען. זי איז געגאַנגען אַהיים. הערשל איז עפּעס נישט געזונט, איז זי געגאַנגען אים מאַכן עפּעס עסן. יאָ, כ׳האָב גאָר פאַר־געסן, דו ווייסט דאָך אַוודאי נישט, אַז זיי האָבן חתונה געהאַט, דעם לעצטן טאָג פון חנוכה איז עס געווען... טאַקע דאָ, אין קיעוו. זיי ווױנען נישט ווייט פון דאַנען.

— נו, מזל טוב! איר זענט דאָך אַוודאי געווען דער גאַנצער מחותן. אויב אַזוי, קומט דאָך אייך אַ גרויסן „מזל טוב" — האָט שמעון געזאָגט צו אים מיט אַ שמייכל.

— אַוודאי, אַ מחותן, נאָך וואָס פאַר אַ מחותן! דער גאַנצער אונ־טערפירער! סיי פון חתנס צד און סיי פון כלהס צד. עס איז געווען אַ שיינע חתונה. עס זענען געווען צען רביים און זייער פיל רבנים. עס האָט זיך געטומלט מיט דער חתונה. נו, וואָס הערט זיך ביי דיר? שאַ. דו קומסט דאָך איצט פון אַ גרויסער רייזע מיט דיין רבין, ר׳ נחמן. דו קומסט דאָך פון ארץ־ישראל! נו, וואָס הערט זיך אין ארץ־ישראל? און וואָס מאַכט דיין רבי? איז ער נאָך אַלץ אַזוי בייז אויף די משכילים? ער איז דאָך געוואָרן בייז אויף מיר, ווייל איך האַלט פון משה דעסויער. אַזאַ פאַנאַטיק!...

— כ׳וויל זען גיטעלען און הערשלען, כ׳וועל גיין צו זיי, — האָט שמעון איבערגעריסן זיינע רייד, וועלכע זענען אים נישט געווען צום האַרצן.

— דו וועסט דאָך נישט וויסן וווּ צו גיין, איך וועל גיין מיט דיר. אייגנטלעך וואָלט איך געוואָלט דיך האָבן ביי זיך אין הויז, ביי מיר וועט דיר זיין בעסער, אַפילו ווי ביי דיין שוועסטער. כ׳האָב אַ באַזונדער צי־מער פאַר געסט. אָבער לאָמיר צום ערשטן צוגיין צו זיי. עס איז דאָך אַ שוועסטער און דו האָסט זי אַזוי לאַנג נישט געזען.

ווען מרדכי האָט געעפנט די טיר פון גיטעלעס וווינונג, האָט ער אויסגעשריגן הויך:

— גיטעלע, האָסט אַ גאַסט! אַ גרויסן גאַסט!

גיטעלע איז צוגעלאָפן צו דער טיר און ווען זי האָט געזען שמעונען, האָט זי זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים און אים האַרציק געקושט.

— שמעון! שמעון!! נו, וואָס מאַכסטו? קומסט טאַקע פון ארץ־ישראל? און ווי איז געווען די רייזע? און וווּ איז ער, דיין רבי?

— יאָ, געווען אין ארץ־ישראל, געווען! יעדער ייד דאַרף פאָרן כאָטש איין מאָל קיין ארץ־ישראל. — האָט שמעון גערעדט מיט אַ רואיקן טאָן.

— הערשלי! — האָט גיטעלע אויסגעשריגן פול מיט פרייד — זע נאָר, ווער עס איז דאָ! שמעון איז דאָך געקומען פון ארץ־ישראל!

הערשל איז צוגעלאָפן מיט אָפענע אָרעמס און אַרומגעכאַפּט שמעונען.

— שלום עליכם! אַזאַ גאַסט! אַזאַ גאַסט!

— נו, קודם־כל קומט דאָך אייך בײַדן אַ מזל טוב. זאָל טאַקע זיין מיט מזל! — האָט שמעון זיי געווונטשן.

— אָמן! — האָט הערשל געענטפערט.

— נו, קום, זעץ דיך, דערצייל עפּעס — האָט זיך גיטעלע געקאָכט

— ביסט דאָך געווען דאָרטן מיט ר׳ נחמנען. נו, וואָס האָט ער געזאָגט צו דעם אַלעמען?

— וואָס זאָל ער זאָגן? עס איז אים געפעלן געוואָרן.

— ביסט אַוודאי געווען אין דער מערת המכפלה, ביי די אָבות — האָט הערשל געזאָגט מיט אַ זיכערקייט אין טאָן.

— ניין, נישט געווען — האָט שמעון אים שטיל געענטפערט.

— אַזוי גאָר? ביסט געווען אין ארץ־ישראל און ביסט נישט געווען אין דער מערת המכפלה? ווי אַזוי קומט עס? אָבער אויף רחלס קבר ביסטו דאָך זיכער געווען?

— אויך נישט.

— וואָס זאָגסטו? דאָס אויך נישט? טאַקע! אויף דער מאַמע רחלס קבר אויך נישט געווען? נו, איך בין זיכער, אַז ביי דעם כותל המערבי ביסטו שוין יאָ געווען. יעדער ייד גייט דאָך צום ערשטן, באַלד נאָכדעם ווי ער קומט קיין ארץ־ישראל, צו דעם כותל המערבי.

— כ׳בין דאָרטן אויך נישט געווען.

— ביי דעם כותל המערבי אויך נישט! דיין רבי איז זיכער יאָ גע־גאַנגען אויף די אַלע פּלעצער. פאַרוואָס ביסטו נישט מיטגעגאַנגען?

— ער איז אויך נישט געווען. ער איז אינגאַנצן אין ירושלים נישט געווען.

— וואָס רעדסטו! אַ רבי פאָרט קיין אָרץ־ישראל אין אַזאַ שווערע צייט מיט אַזויפיל מסירת נפש און פאָרט נישט אַריין קיין ירושלים? וואָס איז דאָס?

— עס איז פיל צו ריידן, הערשל, — האָט שמעון אים געענטפערט נישט ווילנדיק — כ'בין איצט מיד, כ'וועל דערציילן וועגן אַלעם אַן אַנ־דערש מאָל. דער עיקר איז, דערציילט איר מיר וואָס עס הערט זיך ביי אייך, ווען האָט איר חתונה געהאַט?

— חנוכה, דעם לעצטן טאָג חנוכה! — האָט הערשל אים געענט־פערט מיט אַ צופרי־ענער מינע.

שמעון האָט זיך אַרומגעקוקט און נישט געזען גיטעלען און זי גע־זוכט מיט די אויגן.

— ווו איז גיטעלע?

— זי איז געגאַנגען מאַכן דיר עפּעס עסן, ביסט דאָך אַוודאי הונ־געריק. זי קומט באַלד צוריק.

— נו, ווי לעבט זיך אייך עפּעס אַלס מאַן און ווייב? — האָט שמעון ווידער געפרעגט, שמייכלענדיק, הערשלען — וואָס איז עס „מצא אָדער מוצא״? (אַ וואָרט־שפּיל פון צוויי פסוקים „מצא אשה, מצב טוב״ — ווער עס געפינט אַ פרוי, געפינט גוטס — און „מוצא אני את האשה מר ממות״ — איך געפין, אַז אַ פרוי איז ביטערער ווי דער טויט).

— עס איז שוין איינמאָל „מצא״ — האָט מרדכי געענטפערט פאַר הערשלען — הערשל איז אַזוי פאַרליבט אין זיין נייַ ווייבל, אַז ער פאַר־געסט גאָר אַמאָל צו קומען צו דער אַרבעט.

— דאָס באַקלאָגט זיך שוין דער באַלעבאָס אויף מיר פאַר דיר, שמעון, — האָט הערשל דערלאַנגט צוריק מרדכין אַ שטאָך — איך בין נעכטן און היינט נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט, ווייל כ'בין נישט געזונט. גי־טעלע איז יאָ געווען אין דעם ביוראָ, און איצט איז זי געקומען, כדי מיר

צו מאַכן עפּעס עסן. נו, איז דער באַלעבאָס שוין בייז. עס פאַרדריסט אים שוין און ער זאָגט, אַז דאָס איז, ווייל כ'האָב צופיל ליב מיין ווייבל.
— האָט הערשל אויסגעפּירט מיט אַ שמייכל.

— וואָס איך הער? — האָט זיך שמעון געוואונדערט — דו, הערשל, אַרבעטסט ביי מרדכין און גיטעלע אויך? ביידע?

— יאָ, אונדזער באַלעבאָס וויל אונדז געבן אַ סך פּרנסה. נו, וויל ער האָבן, אַז נישט נאָר איך זאָל אַרבעטן ביי אים, נאָר אויך מיין ווייב.

— טאַקע? — האָט זיך שמעון אַלץ געחידושט — אַרבעט איר צו־זאַמען אין איין צימער?

— ניין — האָט מרדכי זיך אַריינגעמישט — הערשל אַרבעט אין דער בוכהאַלטעריע־אָפּטיילונג. דאָרט, ווו עס ווערן פאַרשריבן אַלע חשבו־נות, וואָס איך פיר מיט פאַרשיידענע פירמעס און אויך מיט דער מלוכה; און גיטעלע אַרבעט ביי מיר, אין מיין צימער. זי העלפט מיר אַרויס מיטן שיקן בריוו צו פאַרשיידענע מענטשן. גיטעלע האָט אַ זעלטן שיינע האַנטשריפט, זי שרייבט אותיות ווי געטאָקט, טאַקע אַזוי ווי זי איז אַליין. נו, איז זי זייער גוט פאַר אַזעלכע בריוו צו די גרויסע לייט.

— אויב אַזוי, מאַכט איר דאָך ביידע אַ סך געלט, — האָט שמעון אויסגעשריגן — איר וועט דאָך ביידע ווערן גאָר רייך בקרוב.

גיטעלע איז אַריינגעקומען און האָט געבראַכט פאַר ביידן, פאַר הערש־לען און שמעונען, ברויט מיט פּוטער און אייער און זיי געהייסן זיך וואַשן. שמעון, וועלכער איז טאַקע געווען הונגעריק, האָט זיך גלייך גע־וואַשן צום עסן און שטאַרק הנאה געהאַט פון די אייער, וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט געהאַט געגעסן. הערשל האָט זיך אויך געוואַשן און געגעסן.

— אפשר וויל דער באַלעבאָס אויך עסן מיט אונדז? — האָט הערשל געפרעגט מרדכין.

— אַ דאַנק, כ'האָב ערשט געגעסן — האָט מרדכי געענטפערט.

— און וואָס טראַכסטו איצט צו טאָן, שמעון? וועסט זיין ווייטער מיט דיין רבין ר' נחמן? — איז הערשל געווען נייגעריק צו וויסן.

— ניין, — האָט שמעון אים געענטפערט — דאָס איז קיין תכלית נישט פאַר מיר.

— דו וועסט דאָך, אַוודאי, באַלד חתונה האָבן מיט ראָזען, אַזוי האָב איך געהערט — האָט מרדכי געצילט ערגעצוווּ.

— יאָ, ווי נאָר איך וועל קומען אַהיים. ראָזע וואַרט שוין אַוודאי אויף מיר מיט אומגעדולד — האָט שמעון געזאָגט שטיל אין אַ פאַר־בענקטן טאָן.

— נו, וואָס וועסטו טאָן נאָך דער חתונה? האָסט עפּעס אַ פּלאַן פון וואָנען צו לעבן? — האָט מרדכי בכיוון געפרעגט.

— ניין — האָט שמעון געזאָגט פאַרטראַכט — טאַקע נישט. כ'האָב שוין פיל מאָל געטראַכט וועגן דעם. סיידן צו ווערן אַ מלמד, אָדער אַ סוחר.

— וואָלסט געוואָלט אַרבעטן פאַר מיר? — האָט אים מרדכי פּלו־צים געפרעגט.

— איך אויך? — האָט אים שמעון פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט — די גאַנצע משפחה?

— איך האָב פּלאַץ פאַר נאָך עטלעכע מענטשן.

— אָבער וואָס וועל איך טאָן פאַר אייך? איך קען נישט דאָס, וואָס הערשל קען. ער קען פירן ביכער, איך קען דאָס נישט. — האָט שמעון גערעדט אונטערטעניק.

— איך וועל דיר שוין געבן עפּעס וואָס צו טאָן. דער עיקר, זאָג מיר נאָר בלויז, צי דו ווילסט אַרבעטן ביי מיר?

— פאַרוואָס זאָל איך נישט וועלן? אַוודאי וויל איך זיין ביכולת צו געבן מיין ווייב און קינד אויף צו לעבן, וואָס פאַר אַ קשיא איז דאָס גאָר? אַחוץ דעם, קען איך אייך דאָך פאַר אַזאַ ווילן ייד.

— נו, איז גוט — האָט מרדכי זיך אַ ציי געטאָן ביים בערדל און געזאָגט מיט אַ כיטרען טאָן — ווען דו וועסט פאָרן אַהיים, וועלן מיר אַלע פאָרן, מיר וועלן זיין אויף דיין חתונה, דערנאָך וועסטו, שמעון, מיט דיין ווייבל און מיטן קינד פאָרן צוריק קיין קיעוו. איך וועל שוין זאָגן

הערשלען וואָס פאַר אַן אַרבעט דיר צו געבן, און איך און גיטעלע וועלן מיר פאָרן קיין אויסלאַנד.

— איך פאָר נאָך נישט — האָט גיטעלע זיך אָנגערופן.

— איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָ קומט פאָר — האָט שמעון געקוקט סיי אויף גיטעלען און סיי אויף מרדכין.

— דער באַלעבאָס וויל — האָט הערשל אָנגעוויזן אויף מרדכין — אַז גיטעלע זאָל פאָרן מיט אים קיין אויסלאַנד, כדי צו פירן דאָרטן געשפּרעכן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן מיט די גרויסע געשעפטסלייט, מיט וועלכע ער פירט געשעפטן, אָבער איך בין קעגן דעם און גיטעלע וויל דאָס אויך נישט.

— דו האָסט גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן, הערשל, עס וועט גי־טעלען גאָרנישט געשען. איך וועל זיין איר שומר — האָט מרדכי אים פאַרזיכערט.

— די צרה איז, ר׳ מרדכי, וואָס דער שומר אַליין דאַרף צו האָבן אַ שומר... — האָט הערשל געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— אויב דו האָסט נישט קיין צוטרוי צו מיר, איז עפּעס אַנדערש — האָט מרדכי אַ מאַך געטאָן, ווי פאַרצווייפלט, מיט דער האַנט — איך זוך שוין לאַנג אַרום אַזאַ פרוי ווי גיטעלע, ווייל איך קען נישט ריידן די אַלע שפּראַכן און דאָס פעלט מיר טאַקע אויס. נו, איצט, אַז כ׳האָב גי־טעלען אין מיין געשעפט און זי קען מיר אַרויסהעלפן, פאַרוואָס זאָל זי זיך אָפּזאָגן? איך בעט עס פשוט ווי אַ טובה פאַר מיר.

— אָבער איר פאַרשטייט דאָך, מרדכי, אַז עס פּאַסט נישט פאַר דער וועלט — האָט הערשל גערעדט שוין מיט האַרץ — עס מיינט „יחוד", אַז זי זאָל זיין צוזאַמען מיט אַן אַנדערן מאַן אין איין שטוב. דאָס טאָר מען נישט און אַחוץ דעם, וואָס וועט די וועלט זאָגן? איר דאַרפט אויך טראַכטן דערפון, אַז עס איז ביי אונדז ערשט דאָס ערשטע יאָר נאָך דער חתונה — היינט ווי קאָן זי אַוועקפאָרן אויף אַ צייט לאַנג?...

— הערשל! — האָט זיך מרדכי ווי געבעטן ביי אים — כ׳וויל דו זאָלסט וויסן, אַז עס איז נישט „יחוד", ווייל זי וועט וווינען באַזונדער. עס וועט קיין האָר נישט געמינערט ווערן פון איר און די וועלט דאַרף

אויך פון גאַרנישט וויסן. וועמענס עסק איז עס? גיטעלע איז ביי מיר זייער טייער און איך וועל נישט לאָזן פאַלן קיין שום חשד אויף איר. אדרבה, לאָמיר פרעגן שמעונען. וואָס זאָגסטו צו דעם, שמעון?

— וואָס קען איך דאָ זאָגן? — האָט שמעון זיך געקווענקלט — הערשל דאַרף עס זאָגן. עס איז זיין ווייב. אָדער אפשר זאָל גיטעלע פאָרן פריער אויף אַ קורצער צייט, וועט מען זען... זי דאַרף דאָך נישט כסדר מיט אייך אַרומפאָרן אין אויסלאַנד. זאָל זי פאָרן בלויז אויף אַ חודש. אויב זי וועט אַרויספאָרן איין מאָל אויף אַ חודש, איז נישט אַזאַ געוואַלד. ווי מיינסטו, הערשל?

— כ׳ווייס נישט, עס ווענדט זיך נאָך אַלעם אויך אָן איר, און טאַקע נאָר אָן איר!

— טאָ וואָס זאָגסטו, גיטעלע? — האָט מרדכי איר אָנגעקוקט מיט געבעט אין די אויגן אַריין.

— כ׳וועל מאַכן אַ פּרווו אויף איין חודש — האָט גיטעלע פאַרזיכטיק אַרויסגעלאָזט די ווערטער פון מויל.

— כ׳בין צופרידן — האָט מרדכי געזאָגט הויך מיט אַ פריילעכער שטימע — גוט, כ׳קען אין איין חודש מיט איר זייער פיל אויפטאָן.

שמעון איז איצט געבליבן ביי הערשלען און גיטעלען אין הויז אַ גאַנצע וואָך. ער האָט נישט געוואָלט איינשטיין ביי מרדכין אין הויז, כאָטש ער האָט אים געוואָלט אָפּגעבן אַ שיין צימער, ווייל ער האָט בעסער געוואָלט זיין ביי גיטעלען, ווו ער קען זיך פילן פיל היימישער. הערשל און גיטעלע האָבן טאַקע געוווינט אין אַ קליינער וווינונג פון צוויי צימערן מיט אַ קיך, און גיטעלע האָט דעריבער אַלע נאַכט אים געמוזט אויסבעטן אַ געלעגער אויף שטולן, אָבער דאָך איז אים דאָ געווען אָנגענעמער. אין די עטלעכע טעג, וואָס שמעון איז געווען ביי הערשלען אין הויז, האָט ער געזען, ווי ביידע, סיי הערשל און סיי גיטעלע, גייען אַרום מיט שווערע הערצער. עפּעס דריקט זיי, וואָס זיי זאָגן נישט אַרויס. עס איז געווען עפּעס אַזאַ שווערע לופט... עס האָט געפעלט די פריילעכקייט און לוסטיקייט, וואָס עס דאַרף זיין ביי אַ יונג פּאָרפאָלק, ערשט נאָך דער חתונה. יעדער איינער פון זיי האָט דאָך אַזוי אויסגעקוקט דערויף, אַז זיי

זאָלן זיך שוין פאַראייניקן... עפּעס איז געהאָנגען אַ וואָלקן פון טרויער און זאָרג איבער דער קליינער וווינונג... הערשל איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרכמורעטער און האָט גערעדט זייער ווייניק, און אַפילו גיטעלע, וועלכע ער האָט אַלעמאָל געקענט פּאַר אַ פריילעכע, איז אויך געווען כסדר פאַרטראַכט. זי פלעגט צוגרייטן די עסנס אין דער פרי און צו מיטאָג און ווייניק גערעדט, אַפילו צו אים, שמעונען... זי איז עפּעס געוואָרן אַזוי איינגעשלאָסן אין זיך, אַז יעדעס מאָל ווען שמעון האָט זי עפּעס געפרעגט, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף און צו אים געזאָגט: „דו זאָגסט עפּעס שמעון?" אָדער „דו האָסט מיך עפּעס געפרעגט?".

וואָס טראַכט זי אַזוי פיל, גיטעלע? פאַרוואָס איז זי אַזוי פאַרזאָרגט? האָט זי מורא פאַר עפּעס?... אָדער קומט פאַר אַ קאַמף ביי איר אין האַרצן?... אויב אַזוי, וואָס איז עס? איז עס אַ סוד, וואָס זי קען נישט דערציילן אַפילו אים אויך נישט, אים, איר ברודער, וואָס האָט זי אַזוי ליב?...

שוין אויפן אַנדערן טאָג האָט שמעון באַמערקט, אַז אַלץ איז נישט אין אָרדענונג און אויפן דריטן טאָג איז ער שוין געווען זיכער, אַז ער טראַכט נישט פאַלש... ער האָט איצט געזוכט צו כאַפּן גיטעלען ווען זי איז אַליין און פרעגן זי. ער האָט דעריבער אָפּגעוואַרט ווען זי קומט אַהיים צוועלף אַזייגער, אויף צוצוגרייטן מיטאָג, און ווי נאָר זי איז אַריינגעקומען, האָט ער גלייך אויסגעשאָסן:

— גיטעלע, כ'וויל דיך עפּעס פרעגן. אָבער כ'בעט דיך, זאָלסט זיך נישט אויסדרייען מיט גלאַט אַן ענטפער, ווייל כ'זע אַלצדינג... כ'וויל, אַז דו זאָלסט מיר זאָגן, גיטעלע, וואָס דריקט דיך אויפן האַרצן?...

— וואָס פעלט דיר גאָר איין, שמעון? — האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אַ געמאַכטן שמייכל — וועמען דריקט אויפן האַרצן? דו מאַכסט אַ טעות. איך האָב ערשט חתונה געהאַט מיט הערשלען און איך בין גליקלעך.

— דו רעדסט נאָר אַזוי, גיטעלע, —האָט שמעון זיך געהאַלטן פעסט ביי דאָס זייניקע — דו מאַכסט אַן אָנשטעל, אָבער מיך קען מען נישט גענאַרן. איך ווייס, אַז עפּעס קומט פאַר ביי דיר! גיטעלע, דו ליידסט שטאַרק!

— אַזוי דוכט זיך דיר? — האָט אים גיטעלע אָנגעקוקט — פון וואָס לייד איך? הערשל איז אַ ווילער מאַן און ער האָט מיך אויך שטאַרק ליב.

— יאָ, גיטעלע, דאָס איז אמת, און איך בין זיכער אין דעם — האָט שמעון באַשטעטיקט אירע רייד — ער האָט דיך אויסערגעווייגלעך ליב. און אפשר דערפאַר ליידסטו... דו ליידסט, ווייל דו ווילסט אים נישט ווײ־טאָן... דו ווילסט נישט און דו קענסט נישט ווײ־טאָן דעם, וואָס ליבט דיך אַזוי שטאַרק!...

— אָבער פאַרוואָס זאָל איך אים עפּעס ווען ווײ־טאָן? — האָט אים גיטעלע איבערגעפרעגט — פאַרוואָס טראַכסטו גאָר, אַז איך טו אים מיט עפּעס ווײ און אַז איך לייד דערפון?

— גיטעלע, אויב דו ווילסט אַראָפּוואַרפן פון זיך די מאַסקע און ריידן צו מיר אָפן, ווי אַ שוועסטער צו אַ ברודער, וועל איך מיט דיר אויך ריידן אָפן — האָט שמעון גערעדט מיט האַרץ — אויב נישט, קען מען שוין אויפהערן אונדזער שמועס. איך ווייס עפּעס און פאַרשטײ נאָך מער... אויסער דעם האָט דאָך מיר מרדכי אַליין עפּעס אויך געזאָגט.

— מרדכי? — האָט אים גיטעלע איבערגעפרעגט — ער האָט דיר עפּעס געזאָגט? וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

— יאָ, מרדכי האָט מיר געזאָגט — האָט שמעון איבערגעחזרט זײַנע פריערדיקע ווערטער — איך ווייס אַלץ!

— וואָס, למשל? וואָס האָט דיר מרדכי געזאָגט? — איז גיטעלע געוואָרן נייגעריק.

— כ׳וויל עס דיר נישט זאָגן.

— פאַרוואָס נישט?

— ווייל דו זאָגסט מיר אויך גאָרנישט, ווייל דו ביסט נישט אָפן־האַרציק מיט מיר.

— איך בין מיט דיר אָפנהאַרציק אויף אַזויפיל אויף וויפל איך קען עס זײַן.

— און איך וויל, אַז דו זאָלסט זײַן מיט מיר מער, אינגאַנצן אָפן־האַרציק, אַזוי ווי אַ שוועסטער צו אַ ברודער. יאָ, צו אַן אײנציקן ברודער.

— טאָ וואָס ווילסטו זאָל איך דיר זאָגן? — האָט גיטעלע געפרעגט מיט אַ כלומרשטן נאַאיוון טאָן.

— וואָס דו טראַכסט, פאַרוואָס דו ביסט אַזוי באַזאָרגט?

— דו זאָגסט דאָך, אַז דו ווייסט אַלץ פון מרדכין, אַז ער האָט דיר אַלץ געזאָגט. נו, פאַרוואָס ביסטו שטיל געבליבן?

— איך בין נישט שטיל געבליבן, איך קען ריידן. אָבער כ'וויל פון דיר, אַז דו זאָלסט זיין אַזוי אָפנהאַרציק צו מיר, פונקט אַזוי ווי איך וויל זיין צו דיר.

— איך קען נישט, שמעון, עס טאָר קיינער נישט וויסן דאָס, וואָס ליגט טיף באַהאַלטן ביי מיר אין האַרצן. איך וועל בעסער אומקומען, איידער עס זאָל אַרויסקומען... איך וועל בעסער צעפּלאַצט ווערן... עס מוז בלייבן ביי מיר באַגראָבן אויף אייביק!

און זאָגנדיק דאָס, האָבן טרערן גענומען רינען פון אירע אויגן און באַלד האָט זי זיך שטאַרק צעכליפּעט און איז אַריינגעלאָפן אין אַנדערן צימער און זיך געוואָרפן אויפן בעט...

שמעון, צעטראָגן פון דעם וואָס ער האָט איצט בייגעוווינט, איז גיך אַרויס אין דרויסן און האָט אַרומגעוואַנדערט פון גאַס צו גאַס פול מיט שרעק פאַר עפּעס אַ נייער צרה, וואָס רוקט זיך אָן אויף גיטעלען און אויך אויף דער גאַנצער משפּחה.

52

נאָך צוויי שעה וואַנדערן אין די גאַסן פון קיעוו אַזוי ווייט ווי ביזן פּאָדאָל און צוריק, איז שמעון אַ מידער צוריקגעגאַנגען צו גיטעלעס הויז. ער איז אַריין פּאַמעלעך, כדי, טאָמער שלאָפט זי, זאָל ער זי נישט אויפוועקן. אָבער גיטעלע איז גראָד געזעסן אין דער סאַליע און האָט געשטריקט אַ זאָק. ווען שמעון איז אַריינגעקומען, האָט זי אים געפרעגט:

— וווּ ביסטו געווען אַזוי לאַנג? כ'האָב זיך שוין געזאָרגט וועגן דיר.

— כ'האָב אַביסל שפּאַצירט אין די גאַסן פון קיעוו, כ'בין געווען שוין ביים פּאָדאָל.

— אזוי ווייט? — האט זיך גיטעלע געוואונדערט — האסט שפּאַצירט מיט עמיצן?

— ניין, מיט זיך אַליין, מיט די אייגענע מחשבות — האָט שמעון געשמייכלט.

— און וואָס האסטו געטראַכט? אַוודאי, אַז איך בין אַ ייִדענע, ווי אַלע יידענעס.

— פאַרוואָס טראַכסטו אַזוי?

— שמעון, — איז גיטעלע צוגעגאַנגען צו אים נענטער — איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, אַז איך שעם זיך פאַר דיר. איך האָב דיר געוויזן, אַז איך בין נישט בעסער ווי אַנדערע ווייבער, איך האָב אַליין נישט גע־ווּוּסט, אַז איך קען זיך אַזוי צעוויינען, פונקט אַזוי ווי אַ פּראָסטע יידענע.

— אַ פרוי איז אַ פרוי! — האָט שמעון איר געוואָלט מאַכן לייכטער דאָס האַרץ — דאָס איז שוין איר נאַטור. אָבער עס איז נישט בלויז אַזוי ביי פרויען, אויך אַ מאַן קען אַמאָל וויינען. ביי ווּעמען דאָס האַרץ איז פול, גייט עס איבער...

— מעגלעך, אַז דו ביסט גערעכט, אָבער מיט מיין וויינען האָב איך אַלץ קאַליע געמאַכט. דו האָסט געהאַט אָנגעהויבן מיר צו זאָגן וואָס מרדכי האָט דיר געזאָגט. וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

— מאַלע וואָס ער האָט געזאָגט, נאַרישקייטן!

— אָבער דאָך, שמעון, זאָג מיר.

— נו, אָט דאָס, וואָס דו באַהאַלטסט פון מיר.

— וואָס באַהאַלט איך? איך ווייס נישט, איך בעט דיך, זאָג מיר, וואָס ער האָט דיר געזאָגט. איך דאַרף עס וויסן. — איז גיטעלע צוגע־שטאַנען צו אים.

— נו גוט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט דיך ליב און אַז עס איז אים אַ שאָד, וואָס ער האָט זיך נישט באַקענט מיט דיר פריער, איי־דער דו ביסט געוואָרן אַ כלה צו הערשלען, ווייל דעמאָלט וואָלט געווען אַנדערש.

— און וואָס נאָך האָט ער דיר געזאָגט?

— וואָס נאָך? יאָ, אַז ער האָט אַפילו געוואָלט, אַז דו זאָלסט אָפּ־

לאָזן דעם שידוך מיט הערשלען. ער האָט עס דיר געזאָגט, אָבער דו האָסט נישט געוואָלט הערן דערפון.

— און וואָס נאָך?

— גאָרנישט נאָך. וואָס נאָך האָט ער געקאָנט זאָגן?

— איז דאָס אַלץ?

— יאָ, אַלץ. איצט זאָג דו מיר, וואָס דו האָסט מיר צו זאָגן. פאַר־וואָס ליידסטו אַזוי שטאַרק? עפן דיין האַרץ פאַר מיר! ווי דו זעסט, ווייס איך דאָך שוין סיי־ווי־סיי אַלץ.

— דאָס וואָס דו ווייסט, איז נאָר פון אויבנאויף און נישט פון אי־נעווייניק. דו פאַרשטייסט מיך נישט.

— זאָג מיר וואָס עס איז אינעווייניק. אפשר קען איך דיר מיט עפּעס העלפן?

— קיינער קען מיר נישט העלפן, שמעון, עס איז דאָ נאָר איין עצה פאַר מ׳יר און דאָס איז — צו וואַרפן זיך אין וואַסער אַריין.

— און דאָס זאָגסטו, דו גרויסע חכמה! דו, קלוגע גיטעלע?

— יאָ, דאָס זאָג איך, שמעון, ווייל עס איז נישט אַזוי פשוט, ווי דו מיינסט, און אויך נישט אַזוי פשוט ווי מרדכי זעט עס. ער זאָגט. אַז ער האָט מיך ליב... אָבער ער האָט דאָך אַ ווייב און קינדער. ער האָט דאָך שוין אַפילו אויך אייניקלעך. נו, וואָס וועט ער טאָן מיט זיי? און וואָס קען ער טאָן פאַר מיר? אָט דאָס זעסטו, זאָגט ער נישט.

— נו, אויב דו זעסט עס אַזוי קלאָר, גיטעלע, פאַרוואָס מאַכסטו נישט קיין סוף דערצו? פאַרוואָס האַקסטו נישט אָפּ מיט אים?

— אָט דאָס איז עס, שמעון, — האָט גיטעלע אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ

— אָט דאָס איז די צרה, וואָס איך קען נישט אָפּהאַקן מיט אים... איך ווייס נישט, צי דו וועסט מיך פאַרשטיין, שמעון, אָבער איך בין אין אַ קלעם... איך פאַרליב זיך וואָס אַמאָל מער אין מרדכין. איך פיל ווי ער רייסט מיך אַוועק פון הערשלען, מיט וועמען איך בין ערשט נאָרוואָס גע־שטאַנען אונטער דער חופּה... עס איז אויך הערשלס שולד... הערשל איז קאַלט און מרדכי איז אַ שטיק פייער... הערשל שפּייזט מיין נשמה מיט קבלה און מיט חסידות, און מרדכי מיט געזאַנג און ליבע. ער האָט אַזוי־

פיל יוגנט אין זיך, אַזויפיל לעבנס־קראַפט... ווען ער נעמט מיך אַריין אין זיינע אָרעמס, דריקט ער מיך אַזוי שטאַרק צו זיך, אַז כ׳פאַרליר אַזש דעם אָטעם... אָבער כ׳האָב שוין גערעדט צופיל, כ׳האָב נישט געוואָלט ריידן, אָבער דו האָסט מיך געבראַכט צו עפענען מיין האַרץ פאַר דיר. עס טוט מיר שוין באַנג...

— זאָל דיר נישט באַנג טאָן, גיטעלע, איך פאַרשטיי דיך... דו האָסט נישט גערעדט צו פאַרשטאָפטע אויערן... איך פאַרשטיי דיך זייער גוט. דו ווילסט הערשלען נישט וויי־טאָן, אָבער עס ציט דיך צו מרדכין... דו קריגסט מרדכין ליבער פון טאָג צו טאָג, אין דער צייט, וואָס דיינע געפילן צו הערשלען ווערן כסדר אָפגעקילט. איז עס אַזוי?

— ריכטיק! אַזוי איז עס...

— נו, האָב איך דען נישט דורכגעלעבט אַזאַ זאַך? דאָסזעלבע איז דאָך געווען ביי מיר נאָך דער חתונה מיט דבורהלען. איך בין דורכגעגאַנגען דאָסזעלבע, וואָס דו גייסט איצט דורך. איך האָב ליב געקראָגן ראָזען, פון טאָג צו טאָג און אין דער זעלבער צייט זענען מיינע געפילן צו דבורהן געוואָרן וואָס אַמאָל קלענער...

— טאַקע אַזוי! כ׳האָב גאָר פאַרגעסן, ביי דיר איז עס דאָך אויך אַזוי געווען. נו, אויב אַזוי, ווייסטו דאָך אַלץ, פאַרשפאָר איך דאָך צו ריידן צו דיר...

אין דער מינוט איז הערשל אַריינגעקומען אין הויז אוןביידע זענען שטיל געוואָרן. גיטעלע איז אַריין אין אַנדערן צימער, כדי אויסצוווישן זיך די פייכטע אויגן.

אין הויז איז געווען שטיל. שוין צו שטיל און עס האָט זיך געפילט אַן אָנגעצויגנקייט. שמעון האָט געוואָלט איבעררייסן די געשפּאַנטע שטי־מונג און געפרעגט הערשלען וואָס מרדכי מאַכט.

— גאַנץ גוט — האָט הערשל געענטפערט בייזלעך — ער פילט זיך זייער גוט. ער גייט אַרום פריילעך און זינגט זיך אונטער אַ לידל, איבערהויפט נאָכדעם, ווי דו האָסט געפסקנט, אַז גיטעלע דאַרף אָוועק־פאָרן מיט אים אויף אַ חודש.

— דו וואָרפסט עס מיר פאָר? — האָט זיך שמעון געכאַפּט — איך

האָב גאָרנישט געזאָגט. נאָך אַלעם ווענדט זיך דאָך אַלץ אָן גיטעלען. זי האָט דערוויל נישט צוגעשטימט דערצו.

— און איך האָב געמיינט — האָט הערשל געזאָגט מיט אַ פאַר־דריסלעכן טאָן — אַז אַ ברודער וועט זאָגן, אַז עס פּאַסט נישט. ער אַליין האָט עס אַפילו נישט געדאַרפט פאַרלאַנגען פון איר און דערצו נאָך באַלד נאָך דער חתונה. ווו איז עס געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך! אַ פרוי זאָל אַוועקפאָרן פון איר מאַן, כדי צו פאַרברענגען מיט אַן אַנדער מאַן!... דו ביסט דאָך אַ חסידישער יונגערמאַן, טאָ ווי קומט גאָר צו דיר אַזאַ פּשרה? וואָלסטו געוואָלט, אַז נאָכדעם ווי דו וועסט חתונה האָבן מיט ראָזען, זאָל זי זיך אויפהייבן און אַוועקפאָרן מיט עמיצן... נו, לאָמיר זאָגן מיטן דאָקטאָר בערנאַרדי? האַ?

שמעון האָט איצט איינגעזען, אַז הערשלען פאַרדריסט די זאַך זייער שטאַרק. ער האָט זיך געפילט שלעכט און געזאָגט צו אים:

— הערשל, איך פיל זיך שולדיק אַנטקעגן דיר. כ'האָב באמת נישט געמיינט קיין שום שלעכטס. אָבער איצט זע איך איין, אַז איך האָב עס נישט געדאַרפט זאָגן. אָבער איך וועל עס פאַריכטן. איך וועל זאָגן גי־טעלען, אַז איך האָב זיך באַטראַכט, אַז עס טויג נישט און אַז כ'האַלט, אַז זי דאַרף נישט פאָרן מיט אים. איך וועל מיט איר נאָך היינט ריידן וועגן דעם.

— נישט אין דעם גייט עס, שמעון, — האָט הערשל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — נישט אין דעם צי דו האָסט געזאָגט אַזוי צי אַנדערש. נאָך אַלעם, ווען אַפילו דו וועסט איר זאָגן, אַז זי זאָל נישט פאָרן און זי וועט דיך נישט פאָלגן, וואָס קענסטו טאָן? די זאַך איז דאָס, וואָס מרדכי האָט בכלל נישט געדאַרפט האָבן די חוצפּה צו פאַרלאַנגען אַזאַ זאַך פון גיטעלען, און גיטעלע, ווידער, האָט, אויב ער האָט שוין יאָ געהאָט אַזאַ חוצפּה איר דאָס פאַרצולייגן, אים באַלד געדאַרפט ענטפערן: „ניין". זי האָט געדאַרפט גלייך זאָגן, אַז זי וועט נישט פאָרן מיט קיין אַנדערן מאַן... נו, האָט ער טאַקע געהאַט די חוצפּה דאָס איר צו זאָגן, און זי האָט אים נישט גלייך אָפּגעזאָגט... פאַרקערט נאָך, זי האָט זיך אַפילו אָן דעם אָנגעכאַפּט. נו, שמעון, ווייזט דאָס נישט אויף עפּעס?

— אויף וואָס, למשל?

— אַז עפּעס קומט פאַר צווישן זיי, אַז ער איז נישט אַזוי אָרנטלעך בנוגע איר, און זי אויך נישט בנוגע אים.

שמעון האָט איצט געטראַכט, אַז נאָך אַלעם איז הערשל גאָרנישט אַזאַ נאַר; אַז ער שטויסט זיך אָן. אָבער אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט, אַז עס זאָל קומען צו אַ קריגעריי צווישן הערשלען און גיטעלען, האָט ער גענומען ריידן פונקט פאַרקערט ווי ער האָט געטראַכט.

— שעמען מעגסטו זיך, הערשל — איז ער אַרויס אויף אים מיט אַ געמאַכטן כעס — דו מעגסט זיך שעמען באמת אַזוי צו טראַכטן... גי־טעלע האָט ערשט חתונה געהאַט מיט דיר; זי איז גליקלעך וואָס זי האָט דיך פאַר אַ מאַן, נעמסטו און דו טראַכסט אויס אויף איר אַ בלבול! ווי פּאַסט דאָס פאַר דיר?!... איבעריקנס, קענסטו זיך דאָך אַליין פרעגן: „אויב זי האָט געוואָלט בעסער אים, פאַרוואָס האָט זי חתונה געהאַט מיט מיר?" מען דאַרף דיך שמייסן, הערשל, פאַר אַזעלכע רייד!...

— נו, אפשר מאַך איך אַ טעות. אַז מען האָט ליב, דוכטן זיך אויס זאַכן. נו, לאָמיר בעסער ריידן פון פריילעכע זאַכן, ווען טראַכסטו חתונה צו האָבן?

— באַלד נאָכדעם ווי איך קום אַהיים — האָט שמעון אים געענט־פערט שוין רואיקער.

— און ווען ווילסטו פאָרן אַהיים? — האָט הערשל אים ווידער גע־פרעגט.

— כ׳וואָלט געפאָרן נאָך היינט אַהיים, אויב מרדכי זאָל פאָרן.

— און אויב דיינע עלטערן זענען נאָך נישט גרייט דערצו?

— וואָס דאַרף מען זיך אַזוי גרייטן? מען וועט סיי־ווי מאַכן אַ קליי־נע חתונה. עס וועט זיין אַ חופּה און דערנאָך אַ קליינע סעודה פאַר איי־גענע מענטשן, מער נישט.

— און דו ווילסט, אַז גיטעלע זאָל פאָרן צו דיין חתונה?

— געוויס! וואָס, אַזויפיל ברידער האָט זי? און איך וויל, אַז אויך דו זאָלסט פאָרן. מרדכי פאָרט דאָך אין יענער געגנט, וועט ער אונדז אַלעמען מיטנעמען.

— און ר׳ נחמן וועט אויך זיין אויף דער חתונה?

— אויב איך וועל אים בעטן, וועט ער זיכער קומען. אַזוי האָט ער מיר געזאָגט.

שמעון האָט זיך איצט דערמאָנט אָן עפּעס און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

— וואָס לויפסטו פּלוצים? — האָט הערשל אים געפרעגט.

— כ׳לויף אַריבער צו מרדכין. ער האָט מיר געהייסן אַרויפקומען צו אים, וועט ער מיר זאָגן ווען ער וועט פאָרן. כ׳וואָלט געוואָלט שוין זיין אין דער היים. עס איז מיר שוין באַנג אָן ראָזען און אָן מיין קינד.

— אָבער מרדכי וויל דאָך, אַז דו זאָלסט ביי אים אַרבעטן — האָט הערשל בכיוון אים געפרעגט.

— דאָס איז אַ שפּעטערדיקע זאַך. וועגן דעם וועט מען נאָך ריידן. דערווייל פאָר איך אַהיים חתונה האָבן.

— נו גיי אַריבער און פרעג אים — האָט הערשל געזאָגט.

שמעון איז אַרויס. ער האָט אייגנטלעך נישט געוואָלט אַזוי שטאַרק גיין צו מרדכין ווי עס איז אים גלאַט ענג געוואָרן צוליב זיין ריידן נישט אויפריכטיק מיט הערשלען. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז הערשל רעדט מיט אים נאָר אויבערפלעכלעך און אין האַרצן טראַכט ער גאָר אַנדערש.

שמעון האָט איצט אַביסל געוואַנדערט איבער די גאַסן פון קיעוו און שפּעטער איז ער אַריין צו מרדכין אין זיין ביוראָ.

— אַ גוט מאָרגן, שמעון, — האָט אים מרדכי אויפגענומען מיט אַ פריילעכער שטימע — נו, וואָס הערט זיך? ווי געפעלט אייך אונדזער שטעטל קיעוו? איר האָט שוין געזען די שטאָט?

— אַביסל, כ׳האָב אַביסל שפּאַצירט. כ׳האָב געמאַכט אַ שפּאַציר פון קרעשטשאַטיק ביז פּאָדאָל.

— צופוס?

— נו יאָ, געוואָלט אַביסל אָנקוקן קיעוו. עס איז שוין איין מאָל אַ כרך.

— אָ! מען דאַרף אייך ערשט ווייזן די שטאָט. אויב כ׳וועל נאָר האָבן אַביסל צייט, וועל איך הייסן איינשפּאַנען די בריטשקע און מיר וועלן

אַרומפֿאָרן אַביסל און איר וועט זען די שטאָט אין דער לענג און אין דער ברייט. עס איז דאָ וואָס צו זען.

— אָבער איך ווייס נישט צי איך וועל עס באַווייזן איצט, מרדכי.

— האָט שמעון געזאָגט אַביסל שעמעוודיק — ווייל כ'וויל וואָס גיכער אַהיימפֿאָרן.

— אַזוי! פֿאַרבענקט זיך נאָך דער כלה! הע? נו, ווען ווילט איר פֿאָרן?

— איך וואַרט נאָר אויף אייך.

— אויף מיר? מיינעטוועגן וואָלט איך שוין לאַנג געפֿאָרן. איך דאַרף זיין אין וואַלד פֿון מעדוועדעווקע. איז גיטעלע גרייט צו פֿאָרן?

— אויב מיר וועלן זיין גרייט, וועט זי אויך זיין.

— און הערשל פֿאָרט אויך?

— ער קווײנקלט זיך נאָך, אָבער ער וועט אַוודאי אויך פֿאָרן.

— מיינעטוועגן קען ער בלייבן דאָ.

— וואָס? ער געפֿעלט אייך נישט, ר' מרדכי?

— כ'האָב גאָרנישט צו אים. ער איז אַ גוטער אַנגעשטעלטער. אָבער ער טשעפּעט זיך צופֿיל צו גיטעלען און מאַכט איר משוגע. ער וויל, אַז זי זאָל נישט קוקן אויף קיינעם, נאָר בלויז אויף אים אַליין. אַזאַ בהמה!

— פֿון וואַנען נעמט איר דאָס?

— וואָס? איך בין בלינד און זע נישט? טאָמער רעדט זי צו מיר אַביסל מער פֿריינטלעך, איז ער שוין אָנגעברוגזט. אַ פֿערד!

שמעון האָט דערויף נישט געענטפֿערט, נאָר בלויז איבערגעפֿרעגט מרדכין:

— אַלזאָ, ווען פֿאָרט מען?

— זאָל זיין איבערמאָרגן באַלד אין דער פֿרי. איין טאָג איז גענוג צו פּאַקן די זאַכן און צוגרייטן זיך אין וועג אַריין.

— גוט. פֿאַר מיר איז עס גענוג און פֿאַר גיטעלען און הערשלען אויך.

— בעט נישט הערשלען צו שטאַרק, אַז ער זאָל מיטפֿאָרן. איר האָט שוין איין מאָל געבעטן. נו, אויב ער וויל נישט, זאָל ער בלייבן אין דער היים. אגב דאַרף איך טאַקע, אַז ער זאָל דאָ בלייבן אין געשעפֿט. אַלע קענען דאָך נישט אַוועקפֿאָרן.

— דאָס איז שוין איצט אָפּהענגיק פון אים — האָט שמעון שטיל באַמערקט — אָבער איך וואָלט געוואָלט אייך עפּעס בעטן, ר׳ מרדכי.

— וואָס אַזוינס, שמעון?

— אויב הערשל פאָרט מיט, זאָלט איר זיך באַמיען אויסצומיידן נישט צו ריידן צופיל צו מיין שוועסטער. איר פאַרשטייט?

— איך פאַרשטיי גאָרנישט. זי איז מיין סעקרעטאַרין און איך דאַרף נישט אַנטלויפן פון איר. אויב עס געפעלט אים נישט, זאָל ער נישט מיטפאָרן. איך קען אים אײַנגאַנצן גאָר אָפּזאָגן פון דער אַרבעט ביי מיר אין געשעפט.

שמעון האָט זיך געמאַכט ווי ער הערט דאָס נישט און געזאָגט:

— נו, בלייבט עס איבערמאָרגן אין דער פרי?

— יאָ, זאָגט זיי דאָס, שמעון.

שמעון איז אַוועק פון מרדכין אָנגעלאָדן מיט שווערע געדאַנקען, וועלכע האָבן זיך צעלייגט אין זיין קאָפּ ווי שווערער בליי. ער האָט איצט געזען באַשיינפּערלעך, אַז עס וועט קיין גוטס פון דעם אַלעם נישט אַרויס־קומען, נישט פאַר גיטעלען און נישט פאַר הערשלען. ער האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז מרדכי טראָגט זיך אַרום מיט געהיימע פּלענער, און אַז ער זוכט נאָר אַ געלעגנהייט, ווי אַזוי אָפּצורייסן גיטעלען פון הערשלען און צו האָבן זי פאַר זיך, און ער האָט זיך פאַר עפּעס געשראָקן...

אין אָוונט, ביי דער וועטשערע, האָט שמעון געזאָגט מיט אַן אומ־שולדיקן טאָן:

— כ׳האָב געזען הייַנט מרדכין. ער האָט מיר געהייסן אייך זאָגן, אַז ער פאָרט איבערמאָרגן, באַלד אין דער פרי. מען דאַרף זיך גלייך נע־מען איינצופּאַקן די זאַכן און צוגרייטן זיך. אַלזאָ, גיטעלע, דו פאָרסט?

— יאָ, — האָט זי געענטפערט.

— און דו, הערשל?

— אַז זי פאָרט, מוז איך דאָך אויך פאָרן. איך קען דאָך זי נישט לאָזן פאָרן אַליין.

— אויב נאָר צוליב דעם — האָט גיטעלע אים צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק — דאַרפסטו נישט פאָרן. קיין שומר דאַרף איך נישט.

— אַ ווייב פּאַרט נישט אַן איר מאַן צו אַ חתונה — האָט הערשל געפּסקנט — נישט ביי יידן.

— איך וויל דיר אָבער זאָגן — האָט גיטעלע געזאָגט מיט אַ פעסטן טאָן, ציילנדיק יעדעס וואָרט באַזונדער — אַז אויב דו פּאַרסט מיט מיר, זאָלן אין דער גאַנצער צייט קיין שום קריגערייען נישט זיין. דו זאָלסט מיר נישט זאָגן, אַז דאָ האָב איך שלעכט געקוקט און אַז דאָרטן האָב איך נישט גוט געזאָגט. איך וויל נישט, אַז טאַטע־מאַמע זאָלן זען, אַז מיר קריגן זיך, זיי וועלן נאָר האָבן צער דערפון.

— און טאַקע מיין מאַמע אויך נישט — האָט הערשל געענטפערט — איך וויל זי אויך נישט מצער זיין.

— איז אַוודאי גוט! איך וויל דאָס אויך נישט — האָט גיטעלע צו־געשטימט.

שמעון און גיטעלע האָבן נאָך דעם זעלבן אָוונט גענומען פּאַקן זייע־רע זאַכן. הערשל האָט געזאָגט, אַז ער האָט צייט צו טאָן עס מאָרגן אין דער פרי.

דעם אַנדערן טאָג, באַלד אין דער פרי, זענען אַלע דריי שוין גע־שטאַנען גרייט און געוואַרט אויף מרדכיס בריטשקע. באַלד איז אָנגע־קומען איוואַן מיט דער קאַרעטע. פּאַרנט, לעבן דער קעלניע, איז שוין געזעסן מרדכי. מען האָט אַריינגעשטעלט דאָס געפּעק און זיך אַריינגע־זעצט אינעווייניק. איוואַן האָט אַ געשריי געטאָן: „וויאָ" צו די צוויי אויס־געפּאַשעטע פערד און זיי האָבן זיך געלאָזט לויפן אַרויס אויפן שליאַך. זיי זענען איצט געפאָרן פאַרביי שטעטלעך און דערפער, אָבער די רייזע גופא איז פאַר קיינעם נישט געווען קיין אָנגענעמע, ווייל אַלע זענען גע־זעסן ווי אָנגעברוגזטע און ווייניק גערעדט. שמעון האָט פּרובירט אַלע־מאָל אָנצוקניפּן געשפּרעכן, אָבער עס האָט זיך נישט געלאָזט. אַפילו אין די אכסניות און קרעטשמעס, ווו מען האָט זיך אָפּגעשטעלט, זענען אַלע אַריין און אַרויס מיט אַראָפּגעלאָזטע נעזער. גענומען האָט עס זיך דער־פון, וואָס הערשל איז געזעסן די גאַנצע צייט אַן אויפגערעגטער, פול מיט כעס אויף דער גאַנצער וועלט. עס איז געווען קענטיק, אַז ער האָט ערשט פאַרן אַרויספאָרן פון קיעוו געהאַט אַ גרויסע קריגעריי מיט גיטע־

לען, כאָטש שמעון, וואָס האָט געוווינט ביי זיי, האָט עס נישט געהערט. עס איז אפשר געווען ביינאַכט, ווען ער, שמעון, איז געשלאָפן אין אַנ־דערן צימער אויף די אויסגעבעטע שטולן. גיטעלע האָט אויך די גאַנצע צייט פון דער רייזע נישט געקוקט אין הערשלס ריכטונג, און אַפילו מרדכי האָט ווייניק גערעדט צו גיטעלען און צו הערשלען האָט ער כמעט גאָר־נישט גערעדט. אַלע זענען געווען אָנגעבלאָזן, אַחוץ די צוויי מענטשן, וואָס זענען געווען גאָט די נשמה שולדיק צווישן די אָנגעברוגזטע. דאָס זענען געווען: שמעון און איוואַן.

אין אַזאַ שטימונג איז אַריבער די גאַנצע רייזע, און ווען זיי האָבן שוין דערזען פון דער ווייטנס דעם טורעם פון דער קירכע פון באַר, האָבן אַלע שוין געדאַנקט גאָט אין האַרצן, וואָס די נודנע און לאַנגווייליקע רייזע האָט זיך שוין געענדיקט.

די בריטשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַן אכסניה, ווו מרדכי איז גלייך אַריינגעגאַנגען און איוואַן האָט אַהין אַריינגעטראָגן זיינע זאַכן. דערנאָך איז איוואַן מיט גיטעלען, שמעונען און הערשלען צוגעפאָרן צום הויז פון גיטעלעס עלטערן.

גלייך האָט די גאַנצע שטאָט געקאָכט מיט דער נייעס, אַז שמעון איז געקומען צוריק פון ארץ־ישראל, און נאָך איידער די בריטשקע איז צוגעפאָרן צום הויז, האָבן זיך שוין געפונען מענטשן, וואָס זענען געווען בעלנים צו לויפן און זאָגן ר׳ בערן און זיין ווייב און ראָזען, אַז שמעון איז דאָ צוריק און אַז ער איז געקומען מיט גיטעלען און הערש־לען. ווען די בריטשקע איז צוגעפאָרן צום הויז, האָבן זיי שוין געפונען אַלעמען אין דרויסן, וואַרטנדיק אויף זיי, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קושעניש, אַ האַלדזעניש און אַ כליפּעניש, וואָס האָט אויסגעזען, אַז עס וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן. איבערהויפּט האָט זיך ראָזע אַזוי צע־כליפּעט אויף שמעונס האַלדז, אַז מען האָט זי פּשוט געמוזט אָפּרייסן פון אים... באַלד איז געווען אַ גרויסע שמחה ביי ר׳ בערן אין הויז, און די מאַמע האָט זיך גענומען פאָרען צוצוגרייטן אַן אמתדיק יום־טובדיקע ווע־טשערע. שפּעטער איז אַריינגעקומען מרדכי און די עלטערן האָבן זיך מיט אים אויף דאָסניי דערפרייט. מרדכי האָט באַלד אַ זאָג געטאָן הויך:

— איר זאָלט וויסן, אַז מיר זענען געקומען אויף דער חתונה פון שמעונען מיט ראָזען. מיר זענען אַלע פּאַרנומענע מענטשן, דעריבער נעמט זיך באַלד צוצוגרייטן צו דער חתונה, ווייל זי דאַרף פּאַרקומען נישט שפּעטער ווי אין אַ וואָך אַרום. אָבער שמעון וויל נישט קיין גרויסאַרטי־קע חתונה, נאָר אַ פּשוטע, און ער איז גערעכט. דעריבער אויף צוצו־גרייטן אַזאַ חתונה וועט נישט לאַנג געדויערן.

— אָבער שוין אין אַ וואָך אַרום! ווי איז עס מעגלעך? — האָט די מאַמע זיך אָנגערופן — די צייט איז אַזוי קורץ.

— עס איז מעגלעך, מאַמע. ס'איז מעגלעך! — האָט גיטעלע גע־זאָגט — מען דאַרף נישט מאַכן קיין גרויסע „וויפּראַווע" און עס וועלן נישט זיין קיין גרויסע צערעמאָניעס ביי דער חתונה. אַ רב וועט שטעלן אַ חופּה און עס וועט זיין אַ סעודה פאַר אַ קליינער צאָל מענטשן, ווייל מרדכי מוז אַוועקפאָרן אַהיים צו זיינע געשעפטן און מיר דאַרפן אויך צוריקפאָרן מיט אים.

— איך וואָלט אויך געוואָלט בעסער אַ קליינע חתונה — האָט ראָזע זיך אָנגערופן.

— אַ כלה טאָר זיך נישט מישן! אַ כלה האָט קיין דעה נישט! דו, ראָזע, דאַרפסט שווייגן! — האָט ר' בער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— נו גוט, כ'וועל שווייגן. כ'האָב שוין אַזוי לאַנג געשוויגן, וועל איך נאָך אַביסל שווייגן. — און זי איז ווידער צוגעלאָפן צו שמעונען און אים אַרומגעכאַפּט און אים האַרציק געקושט פאַר אַלעמען אין די אויגן.

53

די ערשטע זאַך, וואָס שמעון האָט איצט געטאָן איז געווען, אַוועק־צוזעצן זיך און שרייבן אַ בריוול צו ר' נחמנען און אים פאַרבעטן, אַז ער זאָל קומען צו דער חתונה. שמעון האָט דאָס געטאָן מיט געמישטע גע־פילן. ראשית, האָט ער נישט געוואָלט, אַז ר' נחמן זאָל זיך טרעפן מיט גיטעלען, און אויך גיטעלע האָט דאָס נישט געוואָלט. צווייטנס, האָט ער אַליין אויך נישט געוואָלט טרעפן זיך מיט ר' נחמנען, ווייל דאָס האָט

ביי אים נאָר אַרויסגערופן נישט אָנגענעמע געדאַנקען און שטימונגען... אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט בעטן ר׳ נחמנען צו דער חתונה, קען ער נישט. ער האָט דעריבער אָפּגערעדט מיט גיטעלען, אַז מען זאָל ר׳ נחמנען פאַרבעטן, אָבער זי זאָל זיך האַלטן פון אים פון דער ווייטנס. שמעון האָט אויך אָפּגעמאַכט ביי זיך אין האַרצן נישט צו זיין צו נאָענט צו ר׳ נחמנען און נישט ריידן מיט אים וועגן אַמאָליקע טעג.

מיט ר׳ נחמנען איז געווען אַזוי: ער האָט פיל מיטגעמאַכט זינט שמעון איז אַוועק פון אים אין אָדעס און אים געלאָזן אַליין... ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערפילט דעם טעם פון זיין אַליין און עס האָט אים גאָרנישט געשמעקט. ער איז צוגעפאָרן צו אַ יידישער אכסניה און דאָרטן גענומען אַ חדר און מחשבות איבער מחשבות האָבן גענומען שפּאַרן אין זיין קאָפּ... וואָס זאָל ער איצט טאָן? און ווי אַזוי זאָל ער אויסנוצן דאָס, וואָס ער איז אַליין?

דער ערשטער רעיון איז געווען צו שפּילן זיך... אַזוי ווי קיינער איז נישטאָ אַרום וואָס זאָל אים קענען, פאַרוואָס זאָל ער איצט נישט שפּילן זיך מיט די יינגלעך אין דער גאַס? אַרומגיין באָרוועס, מאַכן קאָזשעלקעס און טאָן אַלץ וואָס עס גלוסט אים אָפּט אַזוי שטאַרק... עס איז אים אַפילו געקומען אין קאָפּ אַריין צו טרעפן זיך מיט נשים, און אַפילו מיט זינ־דיקע, און הערן וואָס זיי ריידן... ווייל — האָט ער זיך דאָס מתיר גע־ווען, — אויב עס זענען דאָ צווישן זיי אַזעלכע, וואָס ווילן תשובה טאָן, וועט ער זיי העלפן אַרויפצוגיין צוריק אויפן דרך הישר... אַפילו אויב ער זאָל דאַרפן זיך דערנענטערן צו זיי און נאָכגעבן זיך געוויסע תאוות... ווייל דורך דעם וועט ער זיי מחזיר למוטב זיין און זיי ווייזן דעם וועג צו גאָט...

אַזעלכע און נאָך אַנדערע מחשבות זרות זענען געקומען צו אים אין קאָפּ אין דער ערשטער נאַכט, ווען ער איז געשלאָפן אין זיין חדר אַליין און דער יצר־הרע האָט זיך ביי אים שטאַרק צעשפּילט... ער האָט ביז נאָך האַלבער נאַכט נישט געקענט איינשלאָפן און ווי ער איז איינגעשלאָפן, האָט זיך אים געחלומט, ווי ער זעט פאַר זיך אַ שיינע בתולה אין די צוואַנציקער יאָרן, וואָס איז אינגאַנצן נאַקעט, אַזוי ווי די מאַמע האָט זי

געהאַט, אָבער זי איז איינגעהילט אין אַ דורכזיכטיקן שלייער, אַזוי אַז מען האָט געקאָנט זען יעדן אבר באַזונדער... און אָט נעמט זי גאָר אַראָפּ דעם שלייער פון זיך און זי גייט צו צו אים... ער זעט בולט איר טונקל־מאַטן קערפּער׳, ווי אויסגעהאַקט פון מאַרמאָר, און זי קוקט אויף אים מיט אירע גרויסע שוואַרצע קאַרשן־אויגן... זי צעלאָזט אויך אירע סאַ־מעט־שוואַרצע, לאַנגע האָר און זיי פאַלן אַראָפּ אויף אירע אַקסלען און אויף איר לייב, און זי שמייכלט צו אים אַזוי ליבלעך און ווינקט צו אים... און אָט קומט זי אַלץ נענטער צו צו אים, און באַלד לייגט זי אַרויף איר צאַרטע האַנט אויף זיין אַקסל און זאָגט עפּעס אויפן אויער...

אין דער מינוט איז אַ ציטער דורכגעלאָפן דורך זיין לייב און באַלד האָט ער זיך דערזען ביים טויער פון גיהנום און מלאכי חבלה פון ביידע זייטן שטופּן און שטויסן אים צום גיהנום... און ער האָט גענומען שרייען: „זיידע! זיידע!!“...

ר׳ נחמן האָט זיך איצט אויפגעכאַפּט און איז געווען אינגאַנצן באַ־דעקט מיט אַ קאַלטן שווייס... ער האָט געציטערט ווי אַ פיש און אַ שרעק איז אים באַפאַלן, עפּעס אַ מורא פאַר זיך אַליין... ער איז אַראָפּ פון בעט, זיך געוואַשן די הענט און געזאָגט די צען קאַפּיטלען תהלים, וואָס ער האָט געהאַט שוין לאַנג אויסגעקליבן צו זאָגן מיט גרויס כוונה און האָט דערביי שטאַרק געוויינט. דערנאָך האָט ער זיך צוריקגעלייגט אין בעט אַריין און איז איינגעשלאָפן.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַרום פינף אַזייגער, ווען עס איז נאָך געווען אין דרויסן גוט פינצטער, איז ער געווען רואיקער און האָט געזאָגט צו זיך אַליין, בקול רם:

— איך מוז זיך איצט נעמען אין די הענט אַריין, כדי צו מאַכן עפּעס פון זיך. איך מוז עפּעס טאָן, ווייל אויב נישט, איז די גאַנצע נסיעה אַרויסגעוואָרפן... איך מוז איצט אָנהייבן מיט פיל מער שטאַרקייט צו זיין אַ צדיק, ביז איך וועל ווערן דער צדיק פון אַלע צדיקים!... דאָס איז דאָך געווען דער צוועק פון מיין נסיעה. איצט מוז איך קומען צוריק אַלס גרויסער צדיק, וואָס האָט דערצו אויף זיך אויך די קדושת הארץ... אַלס

איינער, וואָס האָט דאָרטן זוכה געווען צו זען די שכינה... עס איז אַ סמיכה פון אויבן, פון חסד עליון...

און ער טראַכט ווייטער, אַז ער מוז אַוועק פון מעדוועדעווקע. דאָס אָרט איז איצט צו קליין פאַר אים, דאָרטן קען מען אים שוין צו גוט, אַלס אַ קליינעם רבי. אפשר איז ער דאָרט באַגאַנגען אַמאָל אַ נאַרישקייט אויך, אפשר חטאות נעורים... ער מוז דעריבער אַוועק פון דאָרטן... משנה מקום משנה מזל...

אין זיין ווייטערדיקן געדאַנקען־גאַנג איז ביי אים געבליבן אַז ער זאָל זיך איצט באַזעצן אין קיעווער גובערניע, נישט ווייט פון ר' נחומ־טשען, ווייל דאָ זענען פאַראַן נאָך אַנדערע צדיקים... אין מעדוועדעווקע איז ער צו נאָענט צו זיינע פעטערס, ר' ברוך און ר' אפרים. ביידע באַ־טראַכטן אים פאַר אַ משיג גבול... דער אונטערשייד איז דאָס, וואָס ר' ברוך זאָגט עס אַרויס אָפן, און ר' אפרים — אין דער שטיל. אָבער ער טראַכט אויך אַזוי. נישקשה, די וועלט איז גרויס... ער וועט זיי אָפּטרעטן מעדוועדעווקע און אויך מעזשיבוזש און סידולקאָוו. ער וועט פאָרן אין קיעווער געגנט... ער וועט שוין דאָרטן געפינען אַ שטעטל, וווּ צו וווינען...

...אָבער ער מוז איצט אַוועקלייגן אַלץ אין דער זייט, אויס מיט די „מעשי ילדות" און די „מעשי קטנות". דאָס פּאַסט נישט פאַר אַ רבי... אויך אין חקירה וועט ער זיך נישט מער אַריינלאָזן... דאָס טויג אויך נישט. ווען די אַנדערע צדיקים וועלן זיך דערוויסן, אַז ער גיט זיך אָפּ מיט חקירה, וועלן זיי אים מאַכן אַ שם פאַר אַ „חוקר" און דאָס וועט אים אינגאַנצן דערדריקן... אויך מיט שרייבן שירים וועט ער זיך נישט צופיל אָפּגעבן... דאָס טויג אויך נישט... אַ צדיק דאַרף זיך נאָר פאַרנעמען מיט הויכע ענינים... ער מוז אויך גובר זיין ביי זיך יעדע תאווה... אַלע אַנדע־רע נשמות, וואָס עס זענען דאָ אין אים, מוזן איצט בלייבן שטיל. ער וועט זיי פּשוט אונטערדריקן...

ר' נחמן איז איצט אַראָפּ פון בעט און זיך געוואַשן די הענט, דער־נאָך האָט ער זיך אָנגעטאָן און באַלד זיך געשטעלט דאַוונען מיט גרויס כוונה. נאָכן דאַוונען איז ער אַריין צום באַלעבאָס פון דער אכסניה און אים געפרעגט, ווו די פורן געפינען זיך, און ער איז אַוועק לויט זיין אָנ־

ווייזונג צו די פורן, זיך באַדונגען מיט אַ פורמאַן צו פאָרן מיט אים ביז וויניצע, און פון דאָרטן, האָט ער געוווסט, וועט עס שוין זיין נישט ווייט פון דער היים. ר׳ נחמן האָט זיך צערעדט דווקא דאָס מאָל מיטן בעל־עגלה און אים געזאָגט ווער ער איז. דער בעל־עגלה האָט באַלד צעפּלאָפּלט אין שטעטל, אַז עס איז געקומען צו פאָרן אַ יונגער רבי און באַלד איז אַ פאַרמעגלעכער ייד צוגעקומען צו אים, אים געגעבן „שלום עליכם״ און אים פאַרבעטן צו זיך. ר׳ נחמן איז געווען אַביסל נישט געזונט און זיך נישט געלאָזט פיל בעטן און געגאַנגען מיט אים אין זיין הויז. ווען ער האָט געהערט אַז ער איז נישט מיט אַלעמען, האָט דער רייכער ייד גערופן צו אים דעם רופא. עס איז געווען אַ לייכטע פאַרקילונג און דער רופא האָט אים געהייסן ליגן דריי טעג אין בעט און אים אויך געשטעלט גע־האַקטע באַנקעס. נאָך דריי טעג איז ר׳ נחמן געקומען צו זיך, אָבער אַזוי ווי עס איז שוין געווען דאָנערשטיק, איז דער באַלעבאָס צוגעשטאַנען צו אים, אַז ער זאָל בלייבן אויף איבער שבת, צו וואָס נחמן האָט צוגעשטימט.

ר׳ נחמן האָט איצט, פונקט פאַרקערט ווי פריער, ווען ער האָט נישט געוואָלט אַז מען זאָל וויסן ווער ער איז, דווקא אַלעמען אויסגעזאָגט, אַז ער איז דעם בעש״טס אַן אייניקל, און יידן האָבן געקראָגן גרויס דרך־ארץ פאַר אים. מען איז באַלד אַרויס איבערן שטאָט און מען האָט געקליבן פאַר אים אַ גרויסע סומע געלט, און דער באַלעבאָס אַליין, וווּ ער איז איינגעשטאַנען, האָט אים מהנה געווען מיט אַ סכום פון 25 רענדלעך.

זונטיק אין דער פרי האָט זיך ר׳ נחמן געזעגנט מיט זיין באַלעבאָס, מיט דער באַלעבאָסטע, מיט זייערע קינדער און מיט די פיל נייע פריינט און זיי אַלעמען געבענטשט. דערנאָך איז ער אַוועק אין מאַרק צו קריגן אַ פור צו פאָרן קיין מעזשיבוזש אָדער מעדוועדעווקע. אין אָנהייב האָבן די בעלי־עגלות נישט געוואָלט פאָרן מיט אים אַזוי ווייט, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע פּאַסאַזשירן, אָבער ווען זיי האָבן זיך דער־וווסט, אַז דאָס איז דער יונגער רבי און אַז ער קען געבן אַ ברכה, וואָס קען זיין אַ ישועה פאַרן גאַנצן לעבן, האָבן זיך שוין אַלע בעלי־עגלות גע־ריסן צו פאָרן מיט אים, אַפילו ביז זיין היים. ר׳ נחמן האָט אויסגעקליבן פון זיי איינעם און אים געגעבן זיין ברכה צו האָבן אַ גרינגע פּרנסה, גע־

זונטע קינדער און אריכות ימים. דער בעל־עגלה איז געווען אַזוי גערירט דערפֿון, אַז ער האָט געזאָגט אַז ער וועט פֿאָרן מיט אים ביז אַהיים אָן אַ גראָשן געלט. ר׳ נחמן האָט אָבער דאָס נישט געוואָלט און האָט אים גע־צוווּנגען צו נעמען ביי אים אַ קליינע סומע.

גלייך ווי ר׳ נחמן איז אָנגעקומען קיין מעדוועדעווקע, איז זיך דאָס גאַנצע שטעטל צונויפגעלאָפֿן אים צו באַגעגענען. ר׳ אפרים האָט זיך דער ערשטער צוגעריסן צו אים און אים געגעבן אַ גרויסן „שלום עליכם״. אָבער ר׳ נחמן האָט אים קאַלט אויפגענומען און צו אים געזאָגט:

— עס זעט אויס, אַז מיר וועלן זיך דאָ נישט מער לאַנג פֿרייען, ווייל מען האָט מיר מגלה געווען מן השמים צו פֿאַרלאָזן מעדוועדעווקע. איך קום איצט פֿון ארץ־ישראל, ווו די שכינה האָט צו מיר כסדר גע־רעדט... איך וועל איצט זוכן פֿאַר מיר אַ נייעם פּלאַץ, ווו איך זאָל קע־נען אַרויסשיינען...

די ווערטער זענען געפֿאַלן שווער אויף ר׳ אפרימס געמיט, אָבער ער האָט עס נישט גענומען צופֿיל ערנסט, ווייל ער האָט גוט געוווּסט, אַז ר׳ נחמן איז אַלעמאָל אַן אַנדערער... און זיך געטראַכט, אַז אַביסל שפּע־טער וועט ער ריידן גאָר אַנדערש...

ר׳ נחמן איז איצט אַוועק אַהיים, אָבער אויך מיט זיין ווייב און קינדער האָט ער זיך ווייניק געפֿרייט. ער האָט געהייסן אַריינטראָגן אַלע זיינע קאַסטנס מיט די כתבים אין זיין חדר מיוחד, וואָס איז געווען די גאַנצע צייט, ווען ער איז נישט געווען אין דער היים, פֿאַרשלאָסן... שאָ־שע האָט אים געזאָגט, אַז עס איז דאָ אַ בריוו פֿון שמעונען, אין וועלכן ער בעט אים צו קומען אויף זיין חתונה... ר׳ נחמן האָט איר דערויף גע־ענטפֿערט:

— אויף שמעונס חתונה מוז איך פֿאָרן!... מיר זענען נישט מער אַזעלכע פֿריינט ווי מיר זענען געווען, ווען מיר זענען אַרויסגעפֿאָרן צו־זאַמען, אָבער שמעון איז מיר דאָך נאָענט... איך וועל מאָרגן פֿאָרן קיין באַר...

— רו דיך אָפּ פֿריער אַביסל. ביסט דאָך ערשט געקומען. די חתונה איז ערשט די קומענדיקע וואָך, האָסט נאָך צייט.

— ניין — האָט ר׳ נחמן איר געענטפערט — איך וועל פאָרן אַהיין באַלד מאָרגן. איך דאַרף זיין דאָרטן פריער, פאַר דער חתונה.

— כדי צו זען זיך מיט דיין גיטעלע, העי! — האָט שאָשע אים אַריינגעזאָגט.

ר׳ נחמנען האָבן די ווערטער אַ ברען געטאָן, ווי זי וואָלט אים דער־לאַנגט מיט אַן אָנגעגליט אייזן. אָבער עס האָט שאָשען נישט באַנג גע־טאָן. זי האָט עס געזאָגט בכיוון, ווייל ער האָט זיך מיט איר נישט גע־פרייט קומענדיק אַהיים און האָט איר אויך גאָרנישט געבראַכט, און זי האָט אים געוואָלט מיט עפּעס וויי־טאָן.

— ביסט אַ נאַרישע יידענע! — האָט ר׳ נחמן זיך צעשריגן אויף איר — איך האָב נישט וואָס צו ריידן מיט אַזאַ בהמה ווי דו ביסט! — און איז אַרויס פון זיין חדרל.

שאָשע האָט זיך איצט באַגאָסן מיט טרערן און איז אַריין צוריק אין דער קיך, ווו זי האָט נאָך לאַנג געכליפּעט אויף איר ביטער מזל.

צומאָרגנס, באַלד אין דער פרי, האָט ר׳ נחמן אָפּגעדאַווענט בהשכמה, זיך געמאַכט אַ פּעקל פון טלית און תפילין און עטלעכע העמדער און איז אַריין צו ר׳ אפרימען, מיט וועמען ער האָט געדאַרפט איבערריידן עט־לעכע זאַכן. ר׳ אפרים איז געווען פאַרוואונדערט פון דעם פלוצלינגדיקן וויזיט פון ר׳ נחמנען, און דערצו נאָך אַזוי פרי. דאָך האָט ער זיך באַ־מיט, אַז ר׳ נחמן זאָל דאָס נישט באַמערקן אויף זיין פּנים, און צו אים געזאָגט:

— גוט מאָרגן, רבי, אַזאַ גאַסט און באַלד אין דער פרי! עס מוז זיין עפּעס זייער וויכטיקס.

— ניין, ר׳ אפרים, — האָט ר׳ נחמן געזאָגט מיט אַ פּשוטן טאָן, ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען — איך פאָר צו שמעונס חתונה און איי־דער איך פאָר אַהין, האָב איך געוואָלט מיט אייך איבערריידן עטלעכע זאַכן.

— איך פאָר דאָך אויך! — האָט ר׳ אפרים אויסגעשריגן מיט אַ קוויטש — שמעון און זיינע עלטערן האָבן מיך איינגעלאַדן צו קומען. אַחוץ דעם, איז דאָך דאָרטן דאָ מיין באַלעבאָס, מרדכי. אויך מיין ווייבל

פאָרט אַהין, כדי זיך צו זען מיט איר זון. אָבער עס איז נאָך צייט. די התונה וועט זיין ערשט אין אַ וואָך אַרום.

— יאָ, איך ווייס, אָבער איך וויל שוין פאָרן! איך דאַרף דאָרטן זיין פריער — האָט ר׳ נחמן גערעדט פיבעריש — אויב איר ווילט, וועלן מיר פאָרן צוזאַמען, אָבער איך וועל נישט וואַרטן אַזוי לאַנג.

— אָבער, ר׳ נחמן — האָט זיך ר׳ אפרים ווי פאַרענטפערט פאַר אים — איך מוז פרעגן מיין ווייב, זי וויל דאָך אויך פאָרן אַהין, כדי צו זען הערשלען. מירן פאָרן צוזאַמען. וואַרט צו אַביסל.

עס האָט נישט געדויערט לאַנג און ר׳ אפרים איז צוריקגעקומען מיט אַ תשובה, אַז פריידל האָט געזאָגט, אַז זי קען היינט נישט פאָרן. זי וועט פאָרן ערשט מיט אַ טאָג אָדער צוויי שפּעטער.

ר׳ נחמן האָט שטאַרק געוואָלט פאָרן מיט עמיצן און נישט קומען אַהין אַליין. ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט וואָס צו טאָן און האָט צו אים געזאָגט:

— נו גוט, אויב איר, ר׳ אפרים און אייער ווייב, ווילן פאָרן מאָרגן, אם ירצה השם, וועל איך וואַרטן אויף אייך.

— גוט, — האָט געזאָגט ר׳ אפרים — מיר וועלן פאָרן מאָרגן, אם ירצה השם, באַלד אין דער פרי. איך וועל שוין זען, אַז מען זאָל אַרויס־פאָרן גלייך ווי עס ווערט טאָג.

— עס איז נישט נייטיק אַרויסצופאָרן באַלד אין דער פרי — האָט ר׳ נחמן שוין גערעדט געלאַסן — אַפילו ווען מיר זאָלן אַרויספאָרן אַביסל שפּעטער מאַכט אויך נישט אויס.

ר׳ נחמן איז איצט צוריק אַוועק אַהיים. ווען שאָשע האָט אים געזען אָנקומען, האָט זי זיך דערשראָקן און אים געפרעגט מיט שרעק אין די אויגן:

— וואָס איז געשען?

— עס איז גאָרנישט געשען — האָט ר׳ נחמן איר קאָלט געענטפערט — איך האָב אָפּגערעדט מיט ר׳ אפרימען, אַז מיר זאָלן פאָרן.

— און אויף ווי לאַנג פאָרסטו איצט ווידער אַוועק? — האָט שאָשע שוין גערעדט מיט אַ באַהאַלטענעם כעס.

— איך ווייס נישט אויף ווי לאַנג. איך וועל זיין דאָרטן ווי לאַנג עס וועט מיר אויסקומען — האָט ר׳ נחמן איר געענטפערט, נישט קוקנ־דיק אויף איר.

— און קיין געלט גיסטו מיר אַלץ נישט? דו פרעגסט מיך אַפילו נישט צי איך האָב געלט אויף צו לעבן. דו זאָרגסט זיך אַפילו נישט פאַר דיינע קינדער, הע?

ר׳ נחמן האָט איר דערויף גאָרנישט געענטפערט, נאָר בלויז גע־צויגן מיט די פלייצעס.

— אַזוי! — האָט שאָשע אויסגעבראָכן מיט אַ שטורמיש געוויין — אַ גאַנץ יאָר האָב איך מיט די קינדער געהונגערט. ער איז אַוועקגעפאָרן זוכן די שכינה, און איך מיט די קינדער זענען אויסגעגאַנגען פאַר אַ שטיקל ברויט.. וואָס האָב איך אַלץ נישט געטאָן אין דעם יאָר!... אין פרעמדע הייזער פאָדלאָגעס געוואַשן, אַ דינסט געווען, די קינדער געמאַכט פאַר עבדים ושפחות, אַבי מיין גרויסער מאַן זאָל קענען זיצן אין ארץ־ישראל און כאַפּן מלאכים... נו, איצט איז ער שוין געקומען צוריק, ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען, און ער קימערט זיך ווייטער נישט וועגן אונדז!... עס אַרט אים נישט, צי מיר לעבן צי נישט... איצט גייט ער ווי־דער פאָרן אויף אַ חתונה און ווען ער וועט אַהיימקומען — ווייס ער נישט! און קיין גראָשן אויף דער הוצאה לאָזט ער אַלץ אונדז נישט אי־בער! ווי אַזוי קען מען דאָס אַלץ אויסהאַלטן! און דאָס איז אַ רבי!... אַ רבי!... אַ גרויסער צדיק, דעם בעש״טס אייניקל!... ביסט דאָך ערגער ווי דער גרעסטער גראָבער יונג!... טפו זאָלסטו ווערן!...

שאָשע איז איצט געוואָרן אַזוי ווילד, אַז זי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און האָט געשריגן:

— וואָס האָט מיין טאַטע געוואָלט פון מיר האָבן? פאַרוואָס האָט ער מיך נישט חתונה געמאַכט מיט אַ פּראָסטן שוסטער־יונג? איך וואָלט דעמאָלט געוווסט, אַז כ׳האָב אַ מאַן, וואָס זאָרגט פאַר מיר... צו וואָס האָט מיר געטויגט אַ רבי?! אַ רבי, וואָס העלפט דער גאַנצער וועלט, נאָר מיר נישט! אַ רבי, וואָס זאָגט, אַז ער קען העלפן אַלעמען אין אַ נויט,

אָבער זיין ווייב און קינדער לאָזט ער אויסגיין פון הונגער!... אויך מיר אַ רבי!... אַ גזלן ביסטו! אַ גזלן! אַ רוצח...

און זי האָט ווידער זיך היסטעריש צעוויינט.

ר' נחמן איז געבליבן זיצן פאַרגאַפּט און זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. עס איז איצט אפשר דאָס ערשטע מאָל אַ געדאַנק דורכגעלאָפן אין זיין קאָפּ, אַז זי איז דאָך גערעכט! עפּעס עמיצער אין אים האָט צו אים געשריגן: „פאַרוואָס ווילסטו העלפן דער גאַנצער וועלט, אָבער נישט איר... נאָך אַלעמען, איז דאָך אַ רחמנות אויף איר אויך... און אויף דיי־נע קינדער אַוודאי!...“ און אַ טיפער געפיל פון צער האָט אים אַרומגע־נומען און ער האָט געזאָגט צו איר שטיל:

— באַרואיק דיך, שאָשע, נאַ דיר וויפל געלט איך האָב. עס וועט שוין איצט אַנדערש זיין, איך זאָג דיר דאָס צו!...

שאָשע האָט אירע אויגן נישט געגלויבט, ווען זי האָט געזען, אַז ר' נחמן גיט איר צען רענדלעך, און זי האָט זיי געכאַפּט און איז אַריינגע־לאָפן מיט זיי אין שלאָף־צימער, זיך געוואָרפן אויפן בעט און געוויינט...

54

ווי נאָר די פור מיט ר' נחמנען, ר' אפרימען און פריידלען איז אָנגעקומען אויפן אַלטן מאַרק אין באַר, און נאָך איידער עמיצער פון זיי איז אויסגעשטיגן, זענען שוין געווען בעלנים צו לויפן צו ר' בערן, כדי אים אָנצוזאָגן די בשורה, אַז מחותנים זענען געקומען. אַנדערע, ווידער, דער־קענענדיק ר' נחמנען און וויסנדיק, אַז ער איז דעם בעש״טס אַן אייניקל און שמט פאַר אַ גרויסן רבי, האָבן אַרומגערינגלט די פור און פון אים פאַרלאַנגט, ווער אַ רפואה, ווער אַ סגולה צו האָבן קינדער, און ווער אַ צוזאָג אויף פרנסה. ר' נחמן, כאָטש ער איז נישט געווען איבעריק צופ־רידן דערפון, האָט אָבער נישט געקאָנט גלאַט אַזוי אַוועקטרייבן פון זיך יידן, האָט ער געבענטשט דעם און יענעם, צו דערגרייכן דאָס, וואָס זיי האָבן באַגערט און זיי געזאָגט, אַז „דער אין הימל“ וועט זיי העלפן. אָבער גלייך דערויף זענען אָנגעקומען אַנדערע יידן און נאָך זיי נאָך אַנדערע.

אַזוי אַז ר׳ אפרים האָט געזען, אַז עס איז אַ מעשה אָן אַן עק און עס וועט קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען. האָט ער זיך אַריינגעמישט און האָט הויך אַ געשריי געטאָן:

— לאָזט אָפּ דעם רבין! ער איז מ׳יד און דאַרף גיין אויף זיין אכסניה. ער וועט אייך אַלעמען העלפן, ווען איר וועט קומען צו אים, נישט דאָ אויפן אַלטן מאַרק. גייט אייך געזונטערהייט און קומט אַן אַנדערש מאָל.

דערביי האָט ער אָנגעכאַפּט ר׳ נחמנען ביי דער רעכטער האַנט און אים אַרויסגעפירט פון דעם אַלץ וואַקסנדיקן עולם אין דער אכסניה אַריין, וואָס איז געווען נישט ווייט פון דאָרטן. ער האָט אויך געבעטן דעם בעל־עגלה צו נעמען אַלע זיינע פּעקלעך און אַוועקטראָגן אין דער אכסניה, און ער אַליין און פריידל זענען אויך אַהין אַריין.

די שטאָפּעטן, וואָס זענען געלאָפן אָנזאָגן ר׳ בערן די בשורה, אַז מחותנים זענען געקומען, האָבן אויך געוווסט ווער די געסט זענען. זיי האָבן גוט געקענט ר׳ נחמנען און אויך געוווסט, ווער עס איז ר׳ אפרים, און האָבן זיך אויך ריכטיק משער געווען, אַז די יידענע וואָס איז געגאַנגען מיט אים, איז אַוודאי ר׳ אפרימס ווייב.

הערשל איז פּונקט דעמאָלט אין דער היים נישט געווען. ער איז געווען ביי מרדכין אויף דער אכסניה, וו ער האָט צוזאַמען מיט אים פון באַלד אין דער פרי איבערגעקוקט גאַנצע חשבונות, וואָס זענען אָנגעקו־מען צו מרדכין דורך אַ באַזונדערן שליח. ער האָט דעריבער היינט זיך פאַרשפּעטיקט צו גיין עסן מיטאָג. עס זענען דאָרטן אויך געווען גיטעלע און שמעון. שמעון האָט איצט געזאָגט צו גיטעלען אין דער שטיל:

— דאָס מאָל וועסטו ר׳ נחמנען שוין נישט קענען מער אויסמיידן, וואָס ווילסטו טאָן?

— איך וועל אים אויסמיידן אויף וויפל נאָר איך וועל קענען, און דאָס איבעריקע, וואָס האָב איך אים דען געטאָן? אויב ער וועט מיר קו־מען אַנטקעגן, וועל איך מיט אים ריידן. וואָס דאַרף איך זיך דען פאַר אים עפּעס באַהאַלטן? כ׳בין דען באַגאַנגען אַ פאַרברעכן? איך בין אים גאָרנישט שולדיק.

— עס גייט נישט אין דעם, גיטעלע, — האָט שמעון באַטאָנט זיינע

ווערטער — כ׳מיין וועגן דעם וואָס דו האָסט פריער געוואָלט אים כסדר אויסמיידן. נו, איצט וועט עס נישט זיין מעגלעך.

— מיר דוכט זיך, אַז כ׳האָב דיר שוין געזאָגט — האָט גיטעלע גע־רעדט וועגן דעם נישט ווילנדיק — אַז דאָס איז געווען פריער, ווען די זאַך איז נאָך געווען פריש. איך האָב אים פשוט געזשאַלעוועט און נישט געוואָלט, אַז ער זאָל ליידן. איצט, אָבער, איז עס שוין אַן אַלטע זאַך. באַ־זונדערס נאָכדעם, וואָס דו האָסט מיר דערציילט וועגן אים פון דער נסיעה, איז עס שוין אַוודאי עפּעס אַנדערש.

— זעסטו, גיטעלע, מיר איז זייער נישט אָנגענעם צו טרעפן זיך מיט אים, נאָכדעם ווי איך האָב אים אַזוי לאַנג און אַזוי געטריי משמש געווען — האָט שמעון ווי גערעדט צו זיך אַליין — אַזויפיל יאָרן אַוועק־געגאַנגען פאַר אים — און גאָרנישט.

— דו האָסט מיר, שמעון, נאָך נישט דערציילט וועגן אַלעם — האָט ר׳ בער זיך אַריינגעמישט — דו האָסט מיר גאָרנישט געזאָגט וועגן דיין נסיעה קיין ארץ־ישראל, און וואָס דו האָסט דאָרטן איבערגעלעבט מיט דיין רבין ר׳ נחמנען.

— מיר האָט ער אויך גאָרנישט געזאָגט; קיין וואָרט נישט, — האָט אסתר צוגעגעבן — וואָס איז, שמעון, דו האָסט גאָרנישט צו דערציילן פון דאָרטן?

— ער האָט מיר אויך גאָרנישט דערציילט פון דער גאַנצער רייזע — האָט ראָזע צוגעגעבן.

— ס׳בעסער אַזוי! — האָט שמעון געזאָגט מיט אַ שטילן טאָן — עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט, ווען כ׳וועל אַלץ דערציילן. איצט אָבער איז בעסער צו שווייגן.

— כ׳האַלט אַז שמעון איז גערעכט. פאַראַן אַ סך זאַכן, וואָס עס איז בעסער וועגן זיי צו שווייגן, — האָט ר׳ בער געזאָגט מיט אַ באַזונדערער כוונה, וואַשנדיק זיך די פינגער מיט מים אחרונים, כדי צו בענטשן.

דער מאָלצייט איז געווען אַריבער, אָבער אַלע זענען נאָך געבליבן זיצן ביים טיש, כדי צו ריידן מכוח דער חתונה. שמעון האָט געוואָלט, אַז מען זאָל מאַכן אַ קליינע חתונה מיט ווייניק מענטשן און פאַרבעטן בלויז

אייגענע. ראַזע איז אָבער געווען שטאַרק קעגן דעם. שפּעטער ווען מען האָט אָנגעהויבן אויסצורעכענען ווער מען מוז אַלץ פאַרבעטן, האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז מען מוז פאַרבעטן דעם און מען מוז פאַרבעטן יענעם, אויב נישט, וועט זיין אַ רוגז. אַזוי אַרום איז דאָס צעטל פון די געסט אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן, ביז עס איז שוין געווען איבער פופ־ציק. דאָ האָט זיך שמעון אַריינגעמישט און געזאָגט:

— עס אַרט מיך מער נישט ווער עס וועט זיך באַליידיקן. גענוג שוין! מער וועט מען נישט פאַרבעטן. עס איז שוין אַזוי אויך צו פיל.

— איך מיין, אַז מען מוז צו אַלעם ערשטן פאַרבעטן אָהער גלייך צו אַ מאַלצייט די געסט, וואָס זענען געקומען, — האָט ראַזע בכיוון איבער־געריסן דעם שמועס וועגן דער חתונה, ווייל עס זענען איר נישט געפעלן געוואָרן שמעונס רייד — קודם־כל דאַרף מען פאַרבעטן אָהער מרדכין. ער וויל דאָך געבן אַ שטעלע שמעונען ביי זיך אין זיין ביוראָ. ער האָט עס אים אַליין געזאָגט. איז עס ריכטיק, שמעון?

— יאָ, ראַזעלע, ס׳איז ריכטיק. ער האָט מיר אָנגעבאָטן צו אַרבעטן ביי אים.

— און דערנאָך דאַרף מען פאַרבעטן אָהער דעם יונגן רבי, ר׳ נחמן. וואָס איר זאָלט נישט טראַכטן וועגן אים, איז ער דאָך אַ בן־קדושים, און שמעון איז אַזויפיל יאָרן געווען פאַרבונדן מיט אים. עס פּאַסט נישט אַנדערש. וואָס זאָגסטו, שמעון?

— איך מיין אויך אַזוי. אויב נישט, וועט עס זיין פאַר אים אַ גרוי־סע באַליידיקונג.

— און מען מוז אויך אָהער פאַרבעטן אפרימען און זיין ניי ווייב, פריידל. זי איז דאָך גיטעלעס שוויגער, און ער איז דער שווער. אַזוי איז עס דאָך.

— דאָס מיינט צו ברענגען נחמנקען גלייך צו מיר אין הויז אַריין נאָך אַזויפיל יאָרן ווי איך מייד אים אויס, — האָט גיטעלע געזאָגט מיט פאַרביטערונג.

— מען קען נישט אַנדערש, גיטעלע, — האָט ראַזע מיט איר אייגעגעטענהט — דו פאַרשטייסט אַליין, אַז מען קען נישט פאַרבעטן אפרימען

און זיין ווייב און נישט ר׳ נחמנען, וואָס שטייט מיט זיי צוזאַמען אויף איין קוואַרטיר. דאָס וואָלט דאָך געווען פאַר אים אַן אמתער פּאַטש אין פּנים אַריין.

— ביסט גערעכט, ראַזע, — האָט גיטעלע צוגעשטימט — ביסט גערעכט, איך גיב עס צו. עס איז מיר אָבער נישט אַנגענעם צו זיצן מיט אים צוזאַמען ביי איין טיש. נו, וועל איך מוזן עפּעס טאָן וועגן דעם. איך וועל זיך מוזן מאַכן ווי עס אַרט מיך נישט און אַז עס איז גלאַט אַזוי אַ באַגעגעניש מיט אַ מענטשן. דער אמת איז, אַז ר׳ נחמן איז אַן אומרואיקע נשמה. איך ווייס, אַז ער וויל מיך זען און ריידן מיט מיר... אָבער, ווען איך וואָלט חתונה געהאַט מיט אים, וואָלט ער אַוודאי געזוכט אַן אַנדערע...

— טאָ באַהאַלט דיך נישט מער אויס פאַר אים — האָט שמעון זיך אָנגערופן — גיב אים איין מאָל אַ געלעגנהייט צו ריידן צו דיר... ער וועט זיך דערמיט צופרידנשטעלן און עס וועט זיין געענדיקט...

— דאָס וועל איך טאַקע טאָן — האָט גיטעלע צוגעשטימט — ער קען ריידן מיט מיר אָט דאָ, פאַר אַלעמען אין די אויגן. קיין סודות צו זאָגן מיר האָט ער דאָך נישט. און דאָס, וואָס ער וויל מיר זאָגן, קענען אַלע הערן... ער וועט אַוודאי זיך באַקלאָגן אויף זיין ווייב שאָשע.

— אפשר וויל ער דיר זאָגן, אַז ער האָט דיך נאָך אַלץ ליב? — האָט פּלוצים ראַזע אַ זאָג געטאָן — און צווישן מענטשן וועט ער עס דיר נישט קענען זאָגן?

— איז טאַקע בעסער, אַז מיר זאָלן ריידן דאָ ביים טיש, — האָט גיטעלע איר דערויף געענטפערט מיט אַ שמייכל — עס איז בעסער אַז ער זאָל ריידן צו מיר, ווען אַלע זענען דאָ. איך וויל נישט הערן פון אים יענע רייד. כ׳בין אָבער זיכער, אַז ער וועט סיי־ווי־סיי דאָס נישט ריידן. ער ווייס דאָך, אַז איך בין אַן אשת איש און ער איז אויך אַ באַווייבטער. אַ מאַן פון אַ ווייב און אַ טאַטע פון קינדער.

— דאָס בעסטע וואָלט געווען מען זאָל אַלע געסט פאַרבעטן אויף שבת — האָט זיך ר׳ בער אָנגערופן — זאָלן זיי האַלטן שבת ביי אונדז.

— איך האָב נישט קיין כוח אָנצוגרייטן שבת פאַר אַזאַ גרויסן עולם

— האָט זיך אסתר אַנטקעגנגעשטעלט — דו קענסט זיי פאַרבעטן אויב דו ווילסט אויף פרייטיק־צו־נאַכט, אָדער אויף שבת בייטאָג, אָבער נישט אויף אַ גאַנצן שבת. עס איז צופיל פאַר מיינע כוחות.

— דאָס פּאַסט נישט! — האָט זיך ראָזע אַריינגעמישט — אויב זיי וועלן קומען עסן דאָ פרייטיק־צו־נאַכט, טאָ ווו וועלן זיי גיין עסן שבת בייטאָג? עס איז דאָך אינגאַנצן נישט מער ווי נאָך אַ מאָלצייט, מומע. איך וועל דיר אַרויסהעלפן מיטן קאָכן.

— ראָזע איז גערעכט — האָט גיטעלע איר אַרויסגעהאָלפן — אַז מען פאַרבעט געסט, איז עס אויף אַ גאַנצן שבת און נישט בלויז אויף איין מאָלצייט. איך וועל דיר אויך אַרויסהעלפן, מאַמע.

— נו, גוט, — האָט זיך אסתר אונטערגעגעבן — אָבער מיט איין תנאי, אַז דער דאָקטאָר בערנאַרדי זאָל דעם שבת דאָ נישט זיין.

— גערעכט! — האָט גיטעלע געזאָגט — אָבער דאָס דאַרף שוין דער טאַטע באַזאָרגן, אַז ער זאָל דעם שבת אַהער נישט קומען. ער האָט אַוודאי נאָך אַנדערע פריינט אין שטאָט, זאָל ער איין שבת עסן ערגעץ אַנדערשוואו. אויב ער וועט קומען, וועט זיין זייער נישט גוט. בערנאַרדי איז אַן אָפּלאַכער פון רביים. נו, קען נאָך דאָ, חלילה, אַרויסקומען אַ קריגעריי ביים טיש מיט ר׳ נחמנען. עס טויג נישט!

— געוויס אַזוי! — האָט שמעון צוגעשטימט — בערנאַרדי מעג איין מאָל פאַרפעלן צו קומען צו אונדז אויף שבת.

— נו, געבנוג שוין! כ׳וועל זען וועגן דעם — האָט ר׳ בער זיך אָנגערופן.

הערשל איז געקומען שפּעט, אָבער ער האָט די גאַנצע צייט ביים טיש זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט. ער איז געזעסן פאַרטיפט אין געדאַנקען און מען האָט געזען, אַז ער טיילט זיך אָפּ פון אַלעמען און פאַרקריכט אין זיין אייגענער וועלט, און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט פיל זאָרג און שרעק.

— וואָס איז עפּעס מיט הערשלען? — האָט ר׳ בער זיך געוווּנדערט.

— ער זיצט עפּעס די גאַנצע צייט ביים טיש ווי אַ פרעמדער. ער רעדט גאָרנישט.

— ער איז שטענדיק אַזוי! — האָט גיטעלע אים פאַרענטפערט — ער איז אַ שווייגער, ער האָלט ווייניק פון ריידן.

— דאָס איז אַ גרויסע מידה — האָט ר׳ בער געזאָגט שטיל, ווי צו זיך אַליין — דאָס דאַרף מען קענען! עס איז דאָ וועגן אַ סך זאַכן זייער פיל צו ריידן און נישט נאָר צו ריידן, נאָר ממש צו שרייען גוואַלד. אָבער, ווען מען ווייס, אַז עס וועט נישט העלפן, אַז מען זעט זיך אַרום, אַז מען לעבט אין אַ פאַרדאָרבענער וועלט, איז טאָקע שוין בעסער צו שווייגן. אָבער דאָס דאַרף מען קענען, מען דאַרף האָבן אַ סך כוח צו קענען שווייגן...

אסתר האָט נאָכאַמאָל איבערגערעדט די גאַנצע זאַך מיט גיטעלען און עס איז געבליבן, אַז מען זאָל פאַרבעטן אַלע געסט אויף שבת און אַז ר׳ בער זאָל מאַכן אַזוי, אַז דער דאָקטאָר בערנאַרדי זאָל אויף דעם שבת צו זיי נישט קומען.

***

לכבוד שבת און לכבוד די געסט האָט מען צוגעשטעלט נאָך אַ קלע־נערן טיש צום גרויסן טיש פון הויז און ביידע טישן פאַרדעקט מיט איין גרויס ווייס טישטוך, וואָס איז געווען פול מיט געל־גרינע פלעקן פון ווייַן און אַנדערע מאכלים און האָט אויך געהאַט צוויי גרויסע לאַטעס, נישט אין סאַמע מיטן, נאָר ביי די זייטן. דאָס איינציקע גרויסע טישטוך, וואָס איז ר׳ בערן געבליבן פון זיין אַמאָליקער גדולה. אויך די באַזילבערטע לעפל־מעסער־גאָפל זענען געווען שוין אָפּגעריבענע און דער קופּער פון אינעווייניק האָט זיך דאָ און דאָרטן אַרויסגעזען.

אויף שבת האָט מען פאַרבעטן מרדכין, אפרימען און זיין ניי ווייב און ר׳ נחמנען מיט זיין נייעם שמש אברהם־יצחק, אַ ברייט־ביינִיקער ייד, אַ גידעריקער מיט אַ געלער באָרד, אַ פּיפּיק יידל מיט גיכע באַוועגונגען. די באַגעגעניש פון ר׳ נחמנען מיט מרדכין איז געווען אַ קאַלטע פון ביי־דע זייטן. מרדכי האָט דער ערשטער געגעבן ר׳ נחמנען „שלום עליכם״, אויף וואָס ר׳ נחמן האָט אים געפרעגט וואָס ער מאַכט און וואָס עס מאַכט זיין טאָכטער. מרדכי האָט געמאַכט אַ פרומען אָנשטעל און גע־זאָגט: „געלויבט השם יתברך״, און ווען ר׳ נחמן האָט אים געפרעגט ווי

עס גייען די געשעפטן, האָט ער געענטפערט: „אַ דאַנק דעם אויבערשטן“.
דאָס איז כמעט געווען די גאַנצע רייד, וואָס זיי האָבן גערעדט צווישן זיך.

דערפאַר אָבער איז ר׳ נחמן געוואָרן בלאַס ווי קאַלך, ווען ער האָט דערזען גיטעלען. באַלד דערנאָך איז ער געוואָרן רויט און ווידער בלאַס און דאָס האַרץ האָט ביי אים גענומען שטאַרקער קלאַפּן. ער האָט איצט באַוואונדערט איר שיינעם וווקס, ווי אַזוי זי האָט זיך צעבליט ווי אַ רויז, וואָס צעעפנט אירע בלעטער. ער האָט געזען שוין, אַז גיטעלע איז נישט מער דאָס יונגע מיידעלע מיט די צוויי צעפּלעך, וואָס ער האָט געקענט, נאָר אַ פרוי אין איר בעסטן בליען, ווי אַ שיינער בוים. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרץ סאַמעטן קלייד און אַ געבלימלט טיכל אויפן קאָפּ, כדי צוצודעקן אירע האָר. ער האָט אָבער אויך גלייך געזען, אַז זי האָט אירע האָר נישט אָפּגעשוירן, ווי דער שטייגער איז פון יידישע פרויען נאָך דער חתונה. אירע צוויי גרויסע בלויע אויגן זענען עפּעס געוואָרן גרעסער און דאָס מויל קלענער און פיל מער באַחנט, און אַ ציטער האָט אים אַרומגענומען, ווען ער האָט זי פאַרגליכן מיט שאָשען. ער האָט מורא געהאָט צופיל צו קוקן אויף איר, כדי אַנדערע זאָלן נישט זען די גלוסטונג צו איר אין זיינע אויגן, און ער האָט טאַקע די אויגן אַראָפּגעלאָזט.

די געסט זענען זיך צוזאַמענגעקומען פרייטיק פאַרנאַכט ביי ר׳ בערן אין הויז נאָך איידער עס איז געקומען דער מנין צום דאַווענען. ר׳ נחמן האָט, אַביסל פון דער ווייטנס, געפרעגט גיטעלען:

— וואָס מאַכסטו?

— אַ דאַנק השם יתברך.

— האָסט אַ צווייטן מאָל חתונה געהאָט?

— יאָ, מיט הערשלען. אָבער ביי מיר איז עס דאָס ערשטע מאָל.

— פאַרוואָס?

— ווייל דאָס, וואָס עס איז פריער געווען, רעכנט זיך נישט. עס איז געווען אַ טעות.

— אפשר איז דאָס איצטיקע מאָל אויך אַ טעות? — האָט ר׳ נחמן אַ שאַרפן זאָג געטאָן.

— פאַרוואָס? — האָט אים גיטעלע אָנגעקוקט מיט אַ שרעק אין די

אויגן, מורא האָבנדיק, אַז ער ווייס עפּעס פון דעם, וואָס עס קומט פאָר ביי איר אין האַרצן.

— דער טעות האָט זיך אָנגעהויבן נאָך, ווען מען האָט דיך אָוועק־געריסן פון מיר, — האָט ר׳ נחמן איר געענטפערט, האַלטנדיק אַראָפּגע־לאָזט די אויגן.

גיטעלע האָט איצט פרייער אָפּגעאָטעמט. זי האָט געזען, אַז ר׳ נחמן מיינט גאָר עפּעס אַנדערש און נישט דאָס, וואָס פּייניקט אַזוי איר מוח. זי האָט צוגעגעבן:

— ס׳מעגלעך, אָבער דערין בין איך נישט שולדיק. גיכער דיין משפּחה. אָבער אפשר האָט עס אַזוי געדאַרפט זיין, אפשר בין איך נישט געווען דיין זיווג.

— ווער דען? שאָשע איז מיין זיווג? — האָט ר׳ נחמן איר צוריק געפרעגט.

— אפשר.

— אפשר? — האָט ר׳ נחמן געזאָגט פאַרטראַכט — וואָס מיינסטו מיטן „אפשר״?

מ׳ען האָט איצט אויסגערופן, אַז מען גייט זיך שטעלן דאַוונען און אַז די נשים זאָלן זיך זעצן באַזונדער. עס איז געווען אַ מנין יידן פון די איי־גענע צוזאַמען מיט די שכנים, וואָס מען האָט אַריינגעבעטן. מען האָט געדאַוונט „מנחה״, דערנאָך האָט מען מקבל שבת געווען. אַלע האָבן זיך געווונטשן גוט שבת און די שכנים זענען אַוועק, יעדערער צו זיין היים.

ביי דער סעודה, פּרייטיק־צו־נאַכט, האָט ר׳ נחמן געזאָגט „תורה״. ער האָט אויך עטלעכע מאָל צוגעוואָרפן גנבהשע בליקן צו גיטעלען. אויך גיטעלע האָט אַלעמאָל געכאַפּט אַ זייטיקן בליק אויף אים און עס האָט איר אָנגעהויבן צו ציען צו ריידן מיט אים ביחידות און נישט ווען אַלע זענען אַרום, און זי האָט איצט געטראַכט צו זוכן אַ געלעגנהייט דערצו נאָכן עסן... אָבער אַלע זענען דאָך געבליבן זיצן אין הויז און גערעדט פון פאַרשיידענע זאַכן ביז שפּעט ביינאַכט.

אין דער פרי איז ווידער זיך צונויפגעקומען דער מנין און מען האָט געדאַוונט „שחרית״ און אויפגערופן די געסט צו דער „תורה״. ר׳ נחמנען

האָט מען געגעבן „שישי״ און שמעונען, אַלס חתן, האָט מען געגעבן „מפטיר״. שפּעטער ביי דער שבתדיקער סעודה האָט ר׳ נחמן ווידער־אַמאָל געזאָגט „תורה״ און אויך ווידעראַמאָל געקוקט, בגנבה, צו גיטע־לען מיט אַזעלכע בעטנדיקע אויגן, וועלכע האָבן געזאָגט צו איר: „איך וויל מיט דיר ריידן, איך האָב מיט דיר אַ סך צו ריידן״. גיטעלע האָט אויפגעכאַפּט זיין געבעט און אים צוריקגעשיקט מילדע, ווייכע בליקן, וועלכע האָבן געזאָגט צו אים: „אויך איך וויל דאָסזעלבע״... אויך דאָס מאָל זענען די געסט געבליבן זיצן נאָכן בענטשן און גערעדט וועגן פּאַר־שיידענע ענינים. אָבער גיטעלע איז דאָסמאָל געווען דרייסטער און זיך אַוועקגעזעצט נישט ווייט פון ר׳ נחמנען און צו אים געזאָגט, אַז זי וויל אים עפּעס פרעגן און באַלד געזאָגט צו אים: „איז מעגלעך, אַז אַ זיווג, וואָס מען האָט אויסגערופן אין הימל, זאָל נישט זיין קיין זיווג אין לעבן?״ ר׳ נחמן האָט אַראָפּגעהאַנגען די אויגן און געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— אַ זיווג איז אַ זיווג און דאָס וואָס מען רופט אויס אין הימל, מוז אַזוי זיין. אָבער אין הימל איז נישטאָ די צייט, וואָס מיר האָבן, ווייל זיי לעבן אין דער אייביקייט... דעריבער קען אַ זיווג, וואָס ווערט נישט אויס־געפירט אין דעם דור, אויסגעפירט ווערן אין אַ צווייטן אָדער אַ דריטן דור... דערפאַר זענען דאָ אַזוי פיל בענקענדיקע נשמות אויף דער וועלט, וואָס גייען אַרום און זוכן זייער זיווג... טיילמאָל מיינען זיי אויף אַ מינוט אויף איינעם אָדער איינער, אַז דאָס איז עס, אָבער זיי מאַכן אַ טעות... און ווען זיי זעען, אַז עס איז נישט דאָס, גייען זיי אַוועק צו זוכן ווייטער זייער זיווג...

ביים טיש איז שטיל געוואָרן און ביסלעכווייז זענען אַלע אַוועק אין די אַנדערע חדרים. ווען נחמן איז געבליבן אַליין מיט גיטעלען, האָט ער צו איר געזאָגט:

— מיט מיינע ווערטער, גיטעלע, האָב איך געמיינט דיך. אויך דו האָסט דיין זיווג נישט געפונען, ווייל דיין זיווג בין איך, און מיין זיווג ביסטו... עס איז בחינם דיין זוכן און עס איז אויך אומזיסט מיין זוכן. דעריבער זוך איך נישט מער. אָבער דו וועסט נאָך לאַנג זוכן, נאָך לאַנג בלאָנדזשען... אָבער גיטעלע, ווען איך וועל שטאַרבן, וויל איך אַז דו

זאָלסט קומען אויף מיין קבר און מיר זאָגן דעם אמת, אַז דו ווייסט שוין, אַז איך בין געווען דיין זיווג. אָבער אין דעם דור איז שוין געווען פאַר־פאַלן. מיר וועלן זיך דעריבער פאַראייניקן אין דעם אַנדערן דור...

גיטעלען איז אַזש קאַלט געוואָרן פון ר׳ נחמנס רייד און זי איז אַריינגעלאָפן אין דער אַנדערער שטוב און זיך גוט אויסגעוויינט.

55

ראָזע האָט שטאַרק נישט געוואָלט אַ קליינע חתונה. זי איז געווען זייער אומצופרידן נאָך ביים טיש, ווען שמעון און אַנדערע מיטגלידער פון דער משפחה האָבן גערעדט דערפון. שפּעטער האָט זי געזאָגט שמער־נען, אַז אים אַרט נישט צו האָבן אַ קליינע חתונה, ווייל ער האָט שוין איין מאָל חתונה געהאַט. ער האָט שוין געהאַט אַ גרויסע חתונה, אָבער זי איז נאָך אַ מיידל און וואָלט געוואָלט האָבן אַ חתונה ווי עס האָבן אַלע מיידלעך, אַזוי ווי עס האָט געהאַט דבורהלע.

אָבער ראָזע האָט נישט געהאַט קיין „עומד״, וואָס זאָל פאַר איר זיך אָננעמען. זי האָט בכלל קיינעם נישט געהאַט, אַחוץ שמעונס עלטערן. דאָס איז געווען איר גאַנצע משפּחה, און זיי האָבן נישט געוואָלט קיין גרויסע חתונה. זיי האָבן געוואָלט איבערקומען די זאַך וואָס גיכער. עס איז ביי זיי געווען אַן עול און נישט מער.

באין ברירה, האָט ראָזע אויסגעגאָסן איר האַרץ פאַר גיטעלען און איינגעטענהט מיט איר, אַז מען טוט איר אַן עוולה. פאַרוואָס זאָל זי נישט האָבן אַזאַ חתונה ווי אַלע מיידלעך? גיטעלע האָט געהאַט מיטלייד מיט איר, אָבער זי האָט איר אָנגעוויזן, אַז נישט אַלעמאָל גייט אַלץ אַזוי ווי מען וויל. אויך ביי איר איז נישט אַלץ געווען אַזוי גלאַטיק, און אַ גרויסע חתונה אָדער אַ קליינע איז נישט קיין נפקא מינה, דער עיקר איז דאָס, וואָס עס איז נאָך דער חתונה, ווי אַזוי מען לעבט מיטן מאַן און ווי אַזוי דער מאַן פירט זיך אויף בנוגע זיין ווייב. דאָך איז געבליבן, אַז אַ נייע חופּה־קלייד וועט זי האָבן. דערפאַר האָט איר גיטעלע קאַווירט צו־זאַמען מיט איר מאַמען, אסתר. מען האָט איר אויך צוגעזאָגט, אַז עס

וועט זיין אַ באַדעקנס מיט כלי־זמרים און אַ בדחן. אָבער דערנאָך וועט זיין אַ קליינע סעודה בלויז פאַר עטלעכע מנינים.

*
**

די חתונה איז געווען דינסטיק אין אָוונט. אַ גאַנצן טאָג האָבן חתן־כלה געפאַסט. פאַר דער חופה איז שמעון געזעסן אין אַ מסיבה פון יונגע־לייט מיט ר׳ נחמנען אויבן־אָן. דער עולם האָט פאַרלאַנגט פון ביידן, סיי פון חתן און סיי פון ר׳ נחמנען, צו זאָגן עפּעס „תורה״. פריער האָט געזאָגט ר׳ נחמן אַ טייטש אויף אַ פסוק פון דער פרשה פון דער וואָך און דערנאָך האָט געזאָגט שמעון פאַרשיידענע „תורה׳ס״ פון רביים, אָנ־הייבנדיק פון בעש״ט ביז צו די הייַנטיקע. באַלד דערנאָך איז פאַרגעקומען די חופה אויפן הויף פון ר׳ בערס ווינונג. אַ טייל האָבן געוואָלט, אַז די חופה זאָל זיין אויפן שול־הויף, אָבער ר׳ בער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז עס איז גוט אויך דאָ אויפן הויף. דער רב פון שטאָט, ר׳ יעקב־יוסף, אַן אַלטער מאַן מיט אַ ווייס־געלבלעכער באָרד פון צופּיל טאַבאַק־שמעקן, איז געווען דער מסדר קידושין. די כלי־זמרים האָבן געשפּילט אַ פריי־לעכס פאַר דער חופה און אויך יידישע ניגונים נאָך דער חופה און דער בדחן האָט געשאָטן מיט גראַמען, כדי משמח צו זיין דעם חתן און די כלה. שמעון איז די גאַנצע צייט פון דער חתונה געווען אַביסל צעשראָקן, אָבער ראָזע איז געווען רואיק און גליקלעך און איר פנים האָט געשיינט ווי די זון אין הימל. זי איז געגאַנגען צו דער חופה מיט אַ מין טענצל און האָט אַלעמאָל אונטערגעשפּרונגען מיט אַ פּיסל און איר גאַנצער קאָפּ האָט געלאַכט אין איר.

ביי דער סעודה האָט דער בדחן אויסגערופן דרשה־געשאַנק און עס זענען געפאַלן אַ סך מתנות, ווי זילבערנע לייכטער (אַ מתנה פון שמעונס עלטערן), אַ זילבערן בשמים־ביקסל (אַ מתנה פון ראָזעס אַ פעטער) און אַנדערע קלענערע זאַכן.

אָבער אַזוי ווי עס איז בכלל אויף דער וועלט נישטאָ קיין גוטס אָן שלעכטס און קיין שלעכטס אָן גוטס, איז אויך אויף דער חתונה לייד גע־ווען געמישט מיט פרייד. דאָס האָט מען געקענט אָראָפּלייענען פון צוויי

פאַרזויערטע פּנימער, כאָטש יעדעס פּנים איז געווען פאַרזויערט אויף אַן אַנדערן אופן. די צוויי פּנימער זענען געווען: דאָס פּנים פון ר׳ נחמנען אין איין ווינקל פון הויז און דאָס פּנים פון הערשלען אין אַן אַנדערן ווינקל. ביידע זענען געווען בייז און פול מיט צער און זאָרג און דאָס אַלץ צוליב דעם וואָס מרדכי האָט זיך צופּיל געטוליעט צו גיטעלען און גי־טעלע נישט ווייניקער צו אים, און נאָך מער צוליב דעם, וואָס זיי ביידע האָבן זיך נישט געקימערט וואָס מענטשן וועלן זאָגן.

גיטעלע האָט דעם גאַנצן אָוונט ממש געשיינט. עס קען זיין, אַז דאָס איז געווען צוליב איר ניי קלייד פון עכטן ראָזעווען זייד געפּוצט מיט שוואַרצן באַנד; עס קען אויך זיין, אַז דאָס איז געווען מער צוליב איר אינערלעכער פרייד, ווייל גיטעלע, וואָס האָט די גאַנצע צייט זיך גע־קווענקלט צי זי זאָל פאָרן מיט מרדכין, האָט איצט שוין געהאָט אָפּגע־מאַכט ביי זיך, אַז זי וועט פאָרן און מעג הערשל זאָגן וואָס ער וויל... עס איז אויך שוין נישט געווען קיין סוד פאַר די מאָטלדיקע ווייבער פון שטעטל, אַז מען האָט געזען די לעצטע פּאָר טעג גיטעלען אַריינגיין צו מרדכין אויף זיין בייער קוואַרטיר... וואָרום מרדכי האָט זיך אַרויסגעצויגן פון דער יידישער אכסניה, ווו ער פלעגט איינשטיין יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען אַהער און זיך אַריינגעצויגן אין יאַנס איינפאָר־הויז, אַ קריסט, ווו עס פלעגן איינשטיין אַלע גרויסע לייט, וואָס זענען געקומען אַהער. ווי לאַנג מרדכי האָט געוווינט אויף דער אַלטער קוואַרטיר, ווו עס האָבן אויך געוווינט ר׳ נחמן, אפרים און זיין ווייב, האָט גיטעלע אַהין נישט אַריינגעשמעקט. לסוף, ווען מרדכי האָט זיך דערוווסט פון איר טאַקע פאַרוואָס זי וויל נישט קומען צו אים אין זיין קוואַרטיר, האָט ער באַלד געביטן דעם האָטעל און פון יענעם טאָג אָן איז גיטעלע ביי אים געווען אַן אָפּטער גאַסט. די ווייבער, וועלכע האָבן איר נאָכגעקוקט, האָבן געוווסט צו דערציילן, אַז מען זעט איר אַריינגיין באַלד נאָך מיטאָג און אַז זי גייט נישט פריער אַרויס ביז עס איז שוין גוט טונקל אין דרויסן, און זיך דערביי געפרעגט, צו וואָס גייט זי דאָרטן אַריין און וואָס טוט זי אַזוי לאַנג ביי אים? איינע פון די מאָטלדיקע ווייבער, די שיקלדיקע קיי־לע, האָט שוין אַפילו דאָס פאַרגעוואָרפן אסתרן, אָבער יענע האָט איר דערפאַר גוט אָנגעזידלט:

— מיינע קינדער זענען אָרנטלעכע קינדער, קוקט בעסער נאָך אייע־רע! מיין טאָכטער אַרבעט פאַר אים. ער איז איר באַלעבאָס, זי העלפט אים פירן זיינע ביכער און אויב זי גייט אַהין, גייט זי צו אים נאָר וועגן דעם. איר בייסט זיך בעסער אָפּ די צונג!

הערשל האָט געוווּסט, אַז גיטעלע גייט אַהין, ווייל מרדכי האָט דאָס אים אָפּן געזאָגט. הערשל און גיטעלע האָבן זיך וועגן דעם שוין געקריגט און גיטעלע האָט אים געזאָגט, אַז זי גייט אַהין נאָר צוליב געשעפט און אויב ער האָט נישט קיין צוטרוי צו איר — איז פאַרפאַלן. הערשל האָט איר דערויף מער נישט געענטפערט.

אָבער מילא, טראַכט זיך הערשל, דאַרט זאָגט זי, אַז עס איז צוליב געשעפט. ער וויל איר גלייבן — אָבער פאַרוואָס פירט זי זיך דאָ אויף אַזוי מאָדנע? יאָ, פאַרוואָס דריקט זי זיך אַזוי צו אים און פאַרוואָס האַלט ער זי אַזוי אַרומגענומען, אָפּן פאַר אַלעמען, אָט דאָ אויף דער חתונה? עס זעט אויס, ווי זיי וואָלטן געווען שטאַרק פאַרליבט איינער אין אַנ־דערן... און אויב אַפילו יאָ, פאַרוואָס טוען זיי עס בפרהסיא און קימערן זיך גאָרנישט וואָס מענטשן וועלן זאָגן? ווייזט דען דאָס נישט, אַז זיי זענען שוין פאַרבונדן איינער מיטן אַנדערן?... עס זעט אויס, אַ שטייגער, ווי זיי וואָלטן געווען די חתן־כלה... זיי שטייען נאָענט איינער לעבן אַנ־דערן און אַמאָל רירט אָן זיין פּנים אירס, און אַמאָל איר פּנים זיינס, און אָט האָט זי גאָר פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ אויף זיין אַקסל און ער האַלט זי פעסט אַרומגענומען. ווי שעמען זיי זיך נישט? האָבן זיי שוין פאַרלאָרן די בושה?...

נישט ווייניקער פאַרוווּנדערט און פאַרצאַרנט איז דער אַנדערער, וואָס קוקט עס צו, דהיינו ר׳ נחמן. דוכט זיך, אַז אים איז זי גאָרנישט שולדיק און דאָס, וואָס עס איז געווען צווישן זיי, איז שוין לאַנג פאַר־געסן, אָבער דאָך קוקט ער מיט אַזאַ בייזקייט אויףביידן. ער קריצט מיט די ציין, ווען ער זעט ווי זיי ביידע שטייען אַזוי צוזאַמען, ווי זיי רירן זיך אָן איינער אָן דעם אַנדערן; ווי זיי האַלטן זיך ביי די הענט: ווי זיי קוקן זיך אין די אויגן אַריין און ווי זיי גלוסטן איינער צום אַנ־דערנס לייב... יאָ, ער זעט ווי זיי פּיבערן, ווען אקסל רירט זיך אָן אָן

אַקסל און אַפילו איינעמ׳ס קלענסט פינגערל — אָן דעם אַנדערנס... עס פּאַרדריסט אים, נחמנען, פּאַרוואָס איז דאָס אים נישט באַשערט געווען, פּאַרוואָס האָט ער נישט זוכה געווען זי צו האָבן? ער איז דאָך געווען דער ערשטער. ער קען זי דאָך נאָך ווען זי איז געווען אַ קליין קינד... אַך ווי ער וואָלט איצט געוואָלט אַזוי שטיין לעבן איר, אַזוי ווי מרדכי... ער ווייס גאַנץ גוט, אַז דאָס איז תאווה, יצר־הרע... אַז זי איז שוין אַן אשת איש און ער איז אויך שוין אַ באַווייבטער... אָבער פּאַרוואָס איז זי אַזוי צוגעלאָזן צו יענעם, צו איר כלומרשטן באַלעבאָס מרדכי, וואָס האָט אויך אַ ווייב שוין און גרויסע קינדער?!... זאָל זיין אַז ער פירט זי אַראָפּ פון דרך הישר?...

אַ גאַסט אויף דער חתונה איז אויך געווען דאָקטאָר בערנאַרדי. ר׳ בער האָט אים עטלעכע מאָל איבערגעבעטן דערפאַר, וואָס ער האָט אים נישט געקענט האָבן ביי זיך דעם לעצטן שבת, ווען די געסט זענען געקומען, ווייל עס איז געווען בלויז פאַר געציילטע מענטשן און מען האָט גערעדט נאָר פון אייגענע זאַכן. אָבער אַזוי ווי ער האָט עפּעס מורא געהאַט פאַר אים, האָט ער אים פאַרבעטן אויף דער חתונה... אַזוי ווי בערנאַרדי האָט געהאַט אַ האַרץ אויף גיטעלען פאַרן אָפּשניט, וואָס זי האָט אים געגעבן, האָט ער שוין זיך באַמיט אויסצוגעפינען אַלע פּליאָטקעס, וואָס די ווייבער האָבן געהאַט צו דערציילן וועגן איר און ער איז אַליין געווען אַ בעלן צו באַהאַלטן זיך אין אַ טויער, כדי צו זען, צי גיטעלע גייט אַריין אין איינפיר־הויז צו מרדכין. אויך ער קוקט איצט מיט גרויסע אויגן אויף מרדכין, וואָס האַלט מיט איין האַנט אַרומגענומען גיטעלען אַרום דער טאַליע און דריקט זי שטאַרק צו זיך. בערנאַרדי איז אָבער נישט געזעסן אַזוי רואיק אויף זיין פּלאַץ ווי הערשל אָדער ר׳ נחמן, נאָר געדרייט זיך אַרום זיי פון פאָרנט און פון הינטן, כדי זיי בעסער צו זען און, דער עיקר, כדי זיי זאָלן זען, אַז ער זעט זיי. אָבער ווען זיי האָבן זיך נישט געמאַכט וויסן און ווייטער געשטאַנען נאָענט איינער צום אַנדערן, איז ער שוין צוגעגאַנגען צו הערשלען מיט אַ געשריי:

— פּאַרוואָס לאָזט איר צו, אַז אָט דער גראָבער נפש זאָל זיך אַזוי אויפפירן מיט אייער ווייב? עס איז דאָך נישט שיין פאַר לייטן! ער

קוועטשט זי דאָך אַזוי, ווי זי וואָלט געווען אַ ציטרין. ווער איז ער דאָס? פאַרוואָס דערלאַנגט איר נישט קיין פּעטש?

— דאָס איז נישט אייער עסק! — האָט לסוף ביי הערשלען געפּלאַצט די גאַל — איר זענט דאָך נישט געקומען אויף דער חתונה צו זוכן חטאים? קיינער בעט אייך נישט צו זיין דער שומר פון מיין ווייב. קוקט בעסער נאָך אייערע אייגענע זינד און נישט פון אַנדערע.

אַן אויפגעקאָכטער, אַ נערוועזער, איז דאָקטאָר בערנאַרדי באַלד צוגעלאָפן צו ר׳ בערן און אים דערציילט וועגן דעם אָפּשניט, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געקראָגן פון הערשלען, ווען ער האָט געמיינט אַזוי גוט. אָבער אויך פון ר׳ בערן האָט ער געקראָגן אַן אָפּשניט, כאָטש נישט אַזאַ שאַרפן ווי פון הערשלען.

— מען דאַרף נישט זוכן קיין חטאים ביי אַנדערע און אַוודאי נישט אונטערטראָגן מעשיות אַ מאַן וועגן זיין ווייב, אָדער אַ ווייב וועגן איר מאַן — האָט ר׳ בער אים אַביסל אָפּגעקילט — עס איז בעסער, אַז מען זעט נישט צופיל און מען מישט זיך ווייניקער אין יענעמס געשעפטן.

אָבער כאָטש הערשל האָט נישט געשאָנעוועט דעם דאָקטאָר בערנאַרדי און אויך ר׳ בער האָט אים שטאַרק אַריינגעזאָגט פאַר מישן זיך אין זיין טאָכטערס לעבן, איז דאָס נישט אַריבער אָן אַ מחלוקה, שפּעטער, אין ר׳ בערס הויז, און טאַקע אויף אַ גרויסן אופן.

געווען איז דאָס באַלד נאָכדעם ווי מען האָט חתן־כלה שלאָפן געפירט און מרדכי איז געגאַנגען אַהיים אין זיין איינפּיר־הויז. גיטעלע איז איצט צוגעקומען צו הערשלען און געוואָלט עפּעס מיט אים ריידן, אָבער הערשל איז איצט געווען מלא רציחה אויף איר און ווען זי האָט אָנגעהויבן צו ריידן צו אים, האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— איצט האָסטו שוין צייט צו מיר? פאַרוואָס ביסטו נישט געגאַנגען מיט אים, מיט דיין געליבטן? גיי צו אים, גיי!...

גיטעלען האָבן די ווערטער געגעבן אַ ברען און זי האָט אים צוריקגעענטפערט מיט אַ שטאָך:

— ער איז זיכער מער מאַן, ווי דו!...

— טאָ פאַרוואָס גייסטו נישט צו אים? ווער האַלט דען דיך אָפּ?...

— סטראַשע מיך נישט, הערשל. איך ווייס שוין דעם טעם פון אַ גט. עס איז נישט געפערלעך, אַמאָל איז עס נאָך בעסער!

— עס קען אַפילו זיין אַ גט שוין מאָרגן, אָבער אַ גט מיט אַ סך שאַנד פאַר דיר. איך וועל אַלץ דערציילן דעם רב.

— דו קענסט דערציילן וואָס דו ווילסט! אָבער וואָס האָסטו דען צו דערציילן?

— אַז דו גייסט אַרויף צו אים אין זיין צימער. עס איז „יחוד".

— ס'איז נישט אמת. דו האָסט געוווסט דערפון!... דו ווייסט, אַז עס איז צוליב אַרבעט. איך בין נישט געגאַנגען אָן דיין וויסן.

— און דאָס, וואָס דו האָסט זיך אַ גאַנצע נאַכט געליובטשעט מיט אים?

— איך ליובטשע זיך נישט מיט קיינעם. ער איז געשטאַנען לעבן מיר און האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל עס נישט טאָן. אָבער וואָס האָב איך געקענט טאָן? ער איז דאָך מיין באַלע־באָס. איך האָב אים נישט געוואָלט באַליידיקן.

— אַפילו דאָקטאָר בערנאַרדי האָט גערעדט וועגן דעם — האָט הערשל זיך צעשריגן.

— דאָקטאָר בערנאַרדי איז אַן אויסוווּרף! ער האָט געוואָלט מיך פאַרפירן שוין נישט איין מאָל. ער האָט מיר געזאָגט אָפן, אַז ער וויל, איך זאָל קומען צו אים און זינדיקן מיט אים הינטער דיינע פּלייצעס און; ווען איך טו עס נישט, איז ער בייז אויף מיר.

— אויך ר' נחמן האָט געזען און ער האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ. איך האָב געזען ווי ער איז בייז אויף דיר צוליב דיין שלעכטער האַלטונג...

— נו, איז ער בייז. דו ווייסט דאָך שוין אַלץ וועגן ר' נחמנען. דאָס איבעריקע פרעג ביי שמעונען. ער וועט דיר דערציילן גאָר עפּעס אַנדערש וועגן אָט דעם הייליקן צדיק.

— לויט דיר קומט אַלזאָ אויס, אַז דו ביסט נאָך גערעכט. דו ביסט אַ צדיקת! — האָט הערשל געגוואַלדעוועט.

— איך בין נישט קיין צדיקת, אָבער אויך נישט קיין זינדיקע. די.

וואָס קוקן אויף מיר מיט זינדיקע מחשבות אין קאָפּ — זיי זעען זינד. די אָבער וואָס זוכן נישט קיין זינד, וועלן עס ביי מיר נישט געפינען.

— טאָ וואָס איז געבליבן? — האָט הערשל איר שטרענג געפרעגט

— דו פאָרסט מיט אים קיין אויסלאַנד, צי נישט?

— איך פאָר! — האָט גיטעלע אים אויך גלייך געענטפערט.

— דו פאָרסט? ווען?

— מעגלעך מאָרגן. ער וועט מיט דירריידן, אַזוי האָט ער מיר געזאָגט.

— און דאָס אַלץ וועט גיין אונטער דער מאַסקע פון געשעפט?

— עס איז נישט קיין שום מאַסקע, נאָר דער ריינער אמת! — האָט גיטעלע זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן הערשלען מיט איר גאַנצער אויסגעצויגענער פיגור — איך האָב זיך באַקענט מיט דער אַרבעט, וואָס מרדכי וויל דאָרטן אָנפירן. ער האָט מיר געוויזן אַלע בריוו פון די פאַרשיידענע גרויסע לייט, און איך ווייס גענוי איצט, אַז ער דאַרף מיך צו האָבן ווי אַ בלינדער אַן אויג. איך וועל פאַר אים פיל אויפטאָן.

— און דו וועסט שלאָפן מיט אים אין איין האָטעל?

— מעגלעך, אָבער נישט אין איין צימער.

— עס איז אָבער דאָך „יחוד״...

— הערשל! — האָט גיטעלע אַ געשריי געטאָן — הער מיר אויף צו דרייען דעם קאָפּ מיט די מאָדנע ווערטער, יחוד - שמיחוד, כ׳וויל זאָלסט וויסן, הערשל, אַז איך בין נישט קיין יידענע. כ׳בין נישט פון די ווייבער׳, וואָס דו קענסט. איך בין אַן אַנדערע... איך שטיי מיט צען קעפּ איבער זיי און אפשר נאָך מער... אויף מיר זענען די אַלע רייד נישט חל... מיך פאַרפירט מען נישט און מ׳יך דאַרף מען נישט חושד זיין. איך האָב אַ ווילן, אַ שטאַרקן ווילן און מ׳יך וועט קיין מאָן נישט איבעררריידן צו זינד... איצט בלייבט פאַר דיר צו טאָן וואָס דו ווילסט. אויב דו געטרויסט מיר נישט, איז דאָס בעסטע — אַ גט. וועסטו נישט דאַרפן טראַכטן וועגן מיר, און איך נישט וועגן דיר. אָבער אויב דו געטרויסט מיר יאָ, איז אַוודאי גוט. וועל איך דיר זיין געטריי ווי אַ ווייב דאַרף זיין צו אַ מאַן.

— לאָמיר הערן וואָס דיין טאַטע זאָגט וועגן דעם — האָט הערשל

זיך אָנגערופֿן, און איידער וואָס־ווען איז ער אַוועק און איז צוריקגעקו־מען מיט ר׳ בערן.

— כ׳האָב געהערט, גיטעלע, אַז דו גייסט פֿאָרן קיין אויסלאַנד מיט דיין באַלעבאָס. ווי פּאַסט עס גאָר אַזאַ זאַך?

— טאַטע — האָט גיטעלע אים געענטפֿערט רויִק — הערשל האָט דיר נישט געדאַרפֿט דערציילן אינגאַנצן וועגן דעם. איך פֿאָר נישט מיט מיין באַלעבאָס צו פֿאַרברענגען חלילה וחס מיט אים. איך פֿאָר מיט אים צוליב געשעפֿט. איך קען פֿראַנצויזיש און דייטש, וועל איך קענען ריידן פֿאַר אים מיט די גרויסע לייט דאָרטן, ווייל ער קען נישט קיין שום אַנ־דער לשון ווי רוסיש. איך פֿאָר פּשוט מיט אים כדי אַרויסצוהעלפֿן אים אין דער אַרבעט.

— אָבער פֿונדעסטוועגן, טאָכטערל, איז עס נישט שיין. מענטשן וועלן ריידן, מען דאַרף זיך היטן פֿאַר מענטשן נאָך מער ווי פֿאַרן רבונו של עולם, ווייל דער רבונו של עולם ווייס דעם אמת, און די מענטשן נישט.

— טאַטע — האָט גיטעלע שוין געזאָגט מיט אַ באַהאַלטענעם כעס — איך וויל דיר נישט גראָב פֿאַרקומען, נאָר צי האָסטו אַזוי געטאָן? האָסטו זיך אין מעזשיבוזש גערעכנט דערמיט? דו ווייסט, טאַטע, אַז דו האָסט ווייניקער רעכט ווי עמיצער אַנדערש מיר דאָס צו זאָגן. ווען נישט דו, מיט דיינע מעשים, וואָלט איך גאָר געגאַנגען אויף אַן אַנדערן וועג. איך וואָלט געווען, אפֿשר, ר׳ נחמנס ווייב, און אַלץ וואָלט געווען גאָר אַנדערש... דו ווייסט דאָך, אַז דער שידוך איז אָפּגעגאַנגען נאָר צוליב דיר. דעריבער זאָג מיר גאָרנישט. איך ווייס וואָס איך טו... איך האָב עס געוווּסט דעמאָלט, ווען דו ביסט געווען בלינד, און איך ווייס עס איצט נאָך מער. הערשל וועט פֿאָרן אַהיים, ווייל ער מוז זיין אין געשעפֿט דאָרטן, און איך וועל פֿאָרן קיין אויסלאַנד מיט מרדכין בלויז אויף פֿיר וואָכן, און דערנאָך קומען אַהיים. עס וועט קיין שום שלעכטס מיט מיר נישט געשען.

ר׳ בער איז איצט אַוועק, נישט ריידנדיק מער קיין וואָרט, און הערשל איז אַוועקגעגאַנגען מיט אים צוזאַמען.

56

באַלד אין דער פרי, ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפן, האָט ר׳ נחמן זיך געפעדערט און אָפּגעדאַוונט ביחידות, און נישט געזעגענענדיק זיך מיט עמיצן, איז ער אַרויס צו די פורן און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים, קיין מעדזועדזווקע, אַ פאַרביטערטער און אַ צעווייטיקטער. זיצנדיק אויף דער פור מיט זיין נייעם משמש, האָט ער נאָך געטראַכט דערפון, וואָס אין ר׳ בערס הויז האָט מען זיך אויפגעפירט קעגן אים נישט בדרך כבוד. שמעון איז געווען קאַלט צו אים און האָט צו אים ווייניק גערעדט. ביי דער חתונה האָט מען אים נישט צוגעטיילט קיין שום כבוד, אַפילו נישט צו זאָגן איינע פון די זיבן ברכות, אָדער צו זיין איינער פון די מסדרי קידושין. ר׳ בער אַליין האָט זיך גאַנץ ווייניק געפּאַרעט אַרום אים, און גיטעלע — זי איז גאָר געוואָרן אַן אַנדערע. זי איז שוין בכלל נישט דאָס אַמאָליקע, שטילע און איידעלע מיידל, שוין נישט די, אין וועלכער ער האָט געזען דאָס געשטאַלט פון דער שכינה און פון דער מאַמע רחל. ניין, זי איז עס נישט מער. זי פירט זיך אויך נישט שיין אויף. שוין באַלד ווי יענע ווילדע מויד, די חיה־רעה... און ר׳ נחמן דערמאָנט זיך, אַז ער האָט צו איר גערעדט, איידער ער האָט געוווסט, ווי זי פירט זיך אויף, געהויבענע רייד און אַפילו געחלומט פון אַ זיווג לעתיד לבוא, אין צווייטן אָדער דריטן גלגול און זי אַפילו געבעטן צו קומען אויף זיין קבר... דאָס טוט אים באַנג... ער וויל עס נישט מער! זי איז געוואָרן אַן אַנדערע... ווי זי האָט זיך דאָס געדריקט צו מרדכין... ווי זי האָט פאַרוואָרפן איר קאָפּ אויף זיין אַקסל... זי, אַן אשת איש, און ער — שוין אַ זיידע... פעו!... ער וויל מער נישט וויסן פון איר... יאָ, ער וועט זיך איצט אָפּטרייסלען פון אַלעם... ער האָט געמאַכט בלויז טעותן... עס איז פאַרפאַלן!... אין אַלע ענינים, וואָס אַ מאַן האָט אין שייכות מיט אַן אשה, מאַכט ער נאָר טעותן, ווייל די אשה איז אַ טעות פון אָנהייב אָן... ער וועט זיך אָבער אָפּטרייסלען פון אַלעם... ער וועט אינגאַנצן אַוועקגיין פון אַלעם...

קומענדיק אַהיים, האָט אים שאָשע געגעבן אַ בריוו, וואָס איז אָנ־

געקומען צו אים פון טיראָווצער מגיד, און איידער ער האָט איבערגע־לייענט דעם בריוו, האָט ער זיך שוין געפרייט, וואָס ער אַליין, דער באַרימטער זקן, האָט געשריבן צו אים.

מיטן טיראָווצער מגיד איז געווען אַ גאַנצע מעשה. דער טיראָווצער, ר׳ יקותיאל, איז געווען אַ נאָענטער חבר פון ר׳ נחומטשע טשערנאָבילער. די חברשאַפט איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַמאָל פלעגט ר׳ נחומטשע אַריבערפאָרן קיין טשערנאָביל, וואָס איז געווען אויף דער גרענעץ פון כערסאָנער און קיעווער גובערניעס, און אַמאָל פלעגט דער טיראָווצער זיך אַראָפכאַפן קיין טשערנאָביל. אין יענער צייט איז שוין דער טיראָווצער מגיד געווען אַ זקן, וואָס איז געווען זייער באַרימט. מען פלעגט זאָגן אויף אים, אַז ער איז „אַ מגיד אין הונדערט יידישע קהילות״. דאָס האָט גע־מיינט, אַז אַזוי גרויס איז געווען זיין השפעה. די גרעסטע רביים פון יענער צייט האָבן אַרויפגעקוקט צו אים און אים געהאַלטן פאַר זייער רבי, און דאָס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַפילו דער ליאַדער, דער שאַפער פון חב״ד, איז געקומען צו אים נאָך אַ הסכמה אויף זיין סידור.

ווען ר׳ נחמן איז געווען אין טשערנאָביל, האָט ר׳ נחומטשע אים צוגעטיילט פיל כבוד, און דערנאָך האָט ער גערעדט וועגן אים (ער ווייס עס אויף זיכער) מיט פיל ליבשאַפט און דרך־ארץ צום טיראָווצער מגיד, ווען יענער איז געקומען פונקט דעמאָלט אויף שבת צו ר׳ נחומטשען קיין טשערנאָביל. דער טיראָווצער איז שפּעטער אַוועק צו ר׳ נחמנען אויף זיין קוואַרטיר און מיט אים געשמועסט אין קבלה און איז געווען פון אים זייער באַגייסטערט... דערנאָך ווידער איז ער געקומען צום טיראָוו־צער און צוזאַמען זענען זיי אַוועק צו ר׳ נחומטשען. דאָרטן האָט דער טיראָווצער פאַר ר׳ נחומטשען אין די אויגן געזאָגט צו ר׳ נחמנען:

— איר זענט מיין רבי.

באַלד דערנאָך האָט ר׳ יקותיאל, דער „טיראָווצער מגיד״, אַזוי גע־זאָגט:

— איך ווייס, אַז ער, ר׳ נחמן, באַהאַלט זיך אויס פון דער וועלט און פון מיר נאָך מער... אָבער איך ווייס ווער ער איז און ער וועט זיך פון מיר מער גישט קענען באַהאַלטן... איך ווייס אויך, אַז צוליב אים,

וועל איך האָבן גרויסע מחלוקת מיט פיל רביים, מען וועט אויף מיר שיסן פון אַלע זייטן. אָבער איך זאָל אַפילו אינגאַנצן צעשאָסן ווערן, וועל איך דאָך פון אמת נישט אָפּטרעטן...

דער טיראָווצער מגיד האָט געהאַט אַן איידעם, ר׳ יצחק האָט ער געהייסן, וואָס איז געווען פון גרויסן יחוס. ער איז אויך געווען אַ גרויסער למדן און אַ מקובל. האָט דער טיראָווצער צו אים איינמאָל געזאָגט:

— קינד מיינס, יעדער ייד מוז האָבן אַ רבי, ווער איז דיין רבי?

— איר! — האָט דער איידעם אים געענטפערט.

— ניין! — האָט דער טיראָווצער געזאָגט צו אים — אַן אייגענער קען נישט זיין קיין רבי. קלייב דיר אויס מיין רבין, ער האָט זיך ערשט צו מיר אַנטפּלעקט. ער איז נאָך אַ יונגער מאַן, אָבער ער וועט שטייגן הויך און איינגעמען די וועלט. דאָס איז ר׳ נחמן, אַן אייניקל פון בעש״ט. פאָר צו אים, עס איז אַ ווייטע נסיעה, אָבער עס איז כדאַי.

ווען ר׳ נחמן איז געפאָרן אַהיים פון טשערנאָביל, האָט ר׳ נחומטשע ביים געזעגענען זיך מיט אים געהייסן אים פאָרן איבער טיראָווצע און זיין ביים אַלטן... ר׳ נחמן האָט אַזוי געטאָן. ווען דער טיראָווצער האָט געהערט פון זיינע חסידים, אַז ר׳ נחמן איז געקומען, איז ער אים אַנט־קעגנגעלאָפן אין מאַרק אַריין צו די פורן און אים אַהיימגעבראַכט צו זיך מיט גרויס כבוד. און צוויי טעג און צוויי נעכט זענען זיי געווען אָפּ־געשלאָסן פון אַלעמען און נאָר געשמועסט אין סתרי תורה...

ווען ר׳ נחמן איז אַוועקגעפאָרן, האָט דער טיראָווצער געזאָגט צו זיינע מקורבים:

— איך האָב אַזויפיל געלערנט פון דעם יונגנמאַן, מיין רבין, אַז אַפילו כ׳זאָל לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר, וועט זיין פאָר מיט גע־נוג צו ציען די יניקה פון דעם, וואָס איך האָב געהערט פון אים, ביז צום לעצטן טאָג פון מיין לעבן.

אין יענער צייט האָט זיך דעם טיראָווצערס איידעם אויך מיט אים באַקענט און ער איז געבליבן ר׳ נחמנס חסיד זיין גאַנץ לעבן. אויך שפּע־טער, ווען ר׳ נחמן איז געפאָרן אַהיים פון ארץ־ישראל, איז ער געפאָרן איבער דעם מגידס שטאָט. ווען ער איז דורכגעפאָרן די בריק, וואָס פירט

צו דער שטאָט, האָט אים איינער פון מגידס חסידים דערקענט. ר׳ נחמן האָט דעמאָלט באמת נישט געהאַט בדעה זיך אָפּצושטעלן אין טיראָוועצע, ווייל ער איז געווען זייער געפאַלן ביי זיך, נאָכדעם ווי שמעון האָט זיך מיט אים צעקריגט און אים פאַרלאָזן... ער האָט איצט פשוט קיין כוח נישט געהאַט צו ווייזן זיך פאַר עמיצן, אָבער אַזוי ווי דער חסיד, וואָס האָט אים דערקענט, האָט אים געפרעגט צי ער וועט זען דעם טיראָוועצער, האָט אים נישט געפּאַסט מער אָוועקצופאָרן, נישט צו זען אים. האָט ער גע־בעטן דעם חסיד צו זאָגן דעם מגיד, בסוד סודות, אַז ער זאָל צופאָרן צו אים אין אַ דערפל, אַ האַלבע מייל פון שטאָט. דער חסיד איז געלאָפן אין גרויס בהלה צום מגיד, כדי אים דאָס צו זאָגן. דער מגיד איז פונקט געשטאַנען אין דרויסן, אין דער בלויזער יאַרמאָלקע, אָן אויבערשטן הוט און אָן גאַרטל, און געשמועסט מיט מענטשן. ווען ער האָט דערהערט פו־נעם חסיד, אַז ר׳ נחמן איז דאָ און איז פאַרפאָרן אין אַ דערפל, איז ער געוואָרן אַזוי באַגייסטערט, אַז ער האָט געהייסן דעם חסיד איינשפּאַנען גלייך די פערד אין זיין קאַרעטע און פאָרן צו אים. דער חסיד איז געפאָרן אַזוי גיך, אַז זיי, דער מגיד און ער, זענען אַהינגעקומען נאָך איידער ר׳ נחמן איז אָנגעקומען. דער טיראָוועצער האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט ר׳ נחמנען און זיך מיט אים שטאַרק געפרייט, און זיי האָבן פאַרבראַכט אַ שטיקל צייט צוזאַמען. ר׳ נחמן האָט נישט געוואָלט אַריינפאָרן קיין טי־ראָוועצע, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז ער פאָרט אַהיים מיט אַ וויכטיקער שליחות און טאָר זיך נישט פאַרזוימען אין וועג. דעמאָלט איז געבליבן, אַז דער טיראָוועצער זאָל קומען צו ר׳ נחמנען אויף אַ שבת, קיין מעד־וועדעווקע.

און דאָס איז עס געווען דער בריוו פון טיראָוועצער, אַז ער קומט צו אים מיט זיין איידעם אויף שבת. די פור וועט אַוודאי אָנקומען דאָנער־שטיק שפּעט ביינאַכט, אָדער פרייטיק אין דער פרי. ר׳ נחמן האָט באַלד געהייסן שאַשען אָנגרייטן שבת לכבוד די צוויי חשובע אורחים.

ווען דער טיראָוועצער איז געקומען, האָט ער גאָרנישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט ר׳ נחמנען. ער האָט אים אַזוי געליבט, אַזוי געגרויסט, אַז ער האָט אים געמאַכט פאַרן גרעסטן צדיק הדור, און אַפילו אים געגומען

איינרײדן, אַז אַזוי ווי אין יעדן דור ווערט געבוירן משיח, איז ער אפשר דער משיח פון דור. ר׳ נחמנס שטאַרקע פֿאַנטאַזיע האָט מער נישט גע־דאַרפט, און ער האָט שוין אויך אָנגעהויבן צו טראַכטן פון זיך ווי פון גרעסטן צדיק הדור... ר׳ נחמן האָט איצט געזאָגט אַ סך תורה, אין וועל־כער ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, און דער טיראָוועצער האָט דערצו צו־געבאָמקעט. אַזוי האָט אויפן פסוק „דור דור ודורשיו" ר׳ נחמן געזאָגט צום טיראָוועצער: „למשל, איר זענט דער דור און איך בין דער דורש פון דור".

ביי דער פרייטיק־צו־נאַכטיקער סעודה האָט ר׳ נחמן אָנגענומען דעם טיראָוועצער ביי דער האַנט און געזאָגט וועגן זיך אַליין: „זאָגט, טיראָוו־צער מגיד, איז עס נישט אמת, אַז אַזאַ חידוש ווי איך איז נאָך גאָר אויף דער וועלט נישט געווען!" דער טיראָוועצער האָט אים דערויף געענטפערט: „מסכים! כ׳שטים צו דערצו!".

ר׳ נחמן איז באַלד דערנאָך אַרויסגעקומען מיטן לשון:

— די וועלט דאַרף שטאַרק בעטן פאַר מיר, מחמת די וועלט דאַרף מיך זייער שטאַרק האָבן. איך דאַרף די וועלט נישט, אָבער די וועלט דאַרף מיך יאָ. זי קען זיך אָן מיר נישט באַגיין, און נישט נאָר די וועלט, נאָר אַפילו אַלע רביים, אַלע צדיקים — אַלע דאַרפן מיך, ווייל וואָס זענען זיי קעגן מיר? — גאָרנישט. איך דאַרף זיי אַלע מחזיר למוטב זיין!

ביי דער שבת־בייטאָגיקער סעודה האָט ר׳ נחמן אַזוי געזאָגט:

— ווען איך וואָלט געוואָלט מגלה זיין ווער איך בין, וואָלט די גאַנצע וועלט נאָך מיר געלאָפן. איך וויל עס אָבער נישט טאָן.

אַביסל שפּעטער האָט ער געזאָגט אַן אַנדער „תורה" און אויסגע־פירט:

— איך האָב אַמאָל געמיינט, אַז דאָס וואָס איך טראַכט, אַז קיינער איז נישט אַזאַ צדיק ווי איך און קיינער קען נישט אָנפירן מיט דער וועלט אַזוי ווי איך, איז נישט מער ווי גאַוודיקע רייד, וואָס דער יצר־הרע טראָגט מיר אונטער. איצט אָבער ווייס איך קלאָר, אַז דאָס איז נישט פון יצר־הרע, נאָר עס איז דער ריינער אמת. איך בין טאַקע דער איינציג־

קער מנהיג הדור! עס איז נישטאָ קיין אַנדער׳ער! עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ מנהיג ווי איך בין.

און צו שלוש־סעודות האָט זיך שוין זיין פאַנטאַזיע גאָר צעשפּילט און ער האָט געזאָגט צו אַלעמען:

— אַלע טובות, וואָס משיח קען טאָן פאַר יידן, קען איך אויך טאָן. דער חילוק איז נאָר, וואָס ער וועט גוזר זיין און עס וועט מקוים ווערן און איך...

דאָ איז אַריינגעקומען שאָשע און אַריינגעבראַכט פיש פאַר אַלעמען, און ווי ער האָט זי דערזען, האָט ער מער גאָרנישט געזאָגט.

זונטיק אין דער פרי, ווען דער טיראָוועצער און זיין איידעם האָבן זיך געזעגנט מיט ר׳ נחמנען, האָט דער טיראָוועצער צו אים געזאָגט:

— פאַרוואָס ליגט איר אין אַזאַ העק? איר קענט דאָך פאַרשיינען אַ וועלט! קומט אין מיין געגנט, באַזעצט זיך אין קיעווער גובערניע אָדער אין כערסאָנער גובערניע, וועלן מיר דאָך זיין שכנים און אַלע וועלן וויסן פון אייך.

ר׳ נחמנען זענען די ווערטער אַריין אין קאָפּ.

אָבער ווען ר׳ נחמן האָט שפּעטער געזאָגט שאָשען, אַז ער האָט בדעה זיך צו ציען אין אַ שטעטל, אין קיעווער גובערניע, איז זי געוואָרן אויסער זיך און האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט פון דאַנען זיך נישט רירן... יעדנפאַלס וועט זי פריער עס איבעררעדן מיט איר טאַטן...

שאָשע האָט געהאַט אַ גוטן טעם דערויף. זי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אַוועקפאָרן ווייט פון איר פאָטער, ר׳ אפרים, ווייל אויב עס האָט איר אויסגעפעלט געלט, איז זי אַריינגעגאַנגען צום טאַטן און ביי אים עפּעס געכאַפּט. זי האָט אויך געקענט אַריינגיין צום טאַטן און זיך גוט אויסוויינען פאַר אים אויף איר ביטערן מזל. ביי ר׳ נחמנען, וואָס העלפט דער גאַנצער וועלט און פאַרגעסט אָן איר און אָן די קינדער... זי האָט אויך געקענט בעטן איר טאַטן, אַז ער זאָל אַכטונג געבן אויף די קינדער און זיי מגדל זיין, וואָרום ר׳ נחמן האָט פון גאָרנישט געוואָלט וויסן. ער איז געווען אַ מענטש פאַר זיך אַליין... אַריינגעטאָן נאָר אין זיך, געטראַכט בלויז פון זיך און געלעבט נאָר פאַר זיך... קינדער דאַרפן

אָבער אַ טאַטן... אָבער ר׳ נחמן וויל פון גאָרנישט וויסן. נישט וואָס זי זאָגט און נישט וואָס די קינדער זאָגן. אויב אים פּאַלט עפּעס איין, מוז עס שוין זיין. גראָד לעצטנס, זינט שאָשע האָט זיך מיט אים געקריגט, איידער זיי זענען געפאָרן צו דער חתונה, איז ער געווען אַביסל בעסער צו איר און צו די קינדער. אָבער דער מגיד האָט אים שוין צוריק דעם קאָפּ פאַרדרייט... זינט ער איז אַוועקגעפאָרן איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדערער מענטש... ער רעדט נישט אַרויס צו איר קיין וואָרט... גייט אַרום אָנגעבלאָזן, און אַז ער זאָגט עפּעס, איז עס מיט רוגזה, שרייט און בייזערט זיך. דאָ האָט זי איר טאַטן, און אַפילו פריידל, זיין ביי ווייב, איז אויך גוט צו איר. דאַרטן אָבער, ווען וועט זי האָבן?... צו וועמען וועט זי קענען גיין אויב, חלילה, ער וועט איר נישט געבן קיין געלט... און ווער וועט אַכטונג געבן אויף די קינדער?... זי אַליין קען נישט... עס מוז זיין אַ מאַן, אַ טאַטע, אַ זיידע, אַ פעטער, אָבער נישט קיין אשה... פאַר איר האָבן זיי קיין דרך־ארץ נישט... און בכלל, פאַרוואָס טויג נישט דאָ! ער איז שוין דאָ אָנגעזעצן, קריגט פון דער קהילה אַ שיינע מטבע אַ וואָך... פאַרוואָס לויפן אַנדערשוווּ?...

ר׳ נחמן האָט איר נאָכגעגעבן, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז ביי ר׳ אפרימען וועט ער אַלץ פועלן און ער דאַרף דאָך באַלד קומען. העכסטנס נאָך אַ וואָך, נאָך די שבע ברכות. עס קען זיין, אַז ער וועט קומען נאָך פריער.

ר׳ נחמן האָט שוין איצט געטראַכט, אַז ער וועט בקרוב אָנהייבן צו פירן רביסטוואָ ביד רמה... וואָרום אויב דער טיראָוועצער, וואָס אַלע בוקן זיך צו אים, קומט צו אים און זאָגט אים אַזעלכע רייד, טאָ וואָס זענען שוין אַלע אַנדערע?...

אָבער פאַרוואָס קומען זיי, די אַלע אַנדערע רביים, נישט צו אים? זיי וויסן דאָך יאָ ווער ער איז!... זיי וויסן דאָך, אַז קיינער קען זיך נישט פאַרגלייכן צו אים, ובפרט נאָך נאָכדעם ווי ער איז געווען אין ארץ־ישראל און האָט זוכה געווען, אַז עס זאָל דאָרטן אויף אים רוען די שכינה... פאַרוואָס קומען זיי נישט, די רביים, איינער און איינער, צו אים? דאָס ווייזט, אַז זיי זענען קליינע מענטשלעך, וואָס האַלטן זיך פאַר גרויסע... אָבער

ער וועט זיי ווייזן, ווער עס איז באמת גרויס! ער וועט באַלד אויפשיינען ווי די זון גייט אויף אין דער פרי, אָבער נישט דאָ אין מעדוועדעווקע... „לך לך מארצך", האָט גאָט געזאָגט צו אברהמען און ער מוז אויך אַוועקפאָרן... ער וועט וואַרטן ביז אפרים וועט קומען, אָבער קיינער וועט נישט מאַכן אַנדערש... ער מוז איצט אַרויס אין דער וועלט אַז אַלע זאָלן וויסן ווער ער איז...

57

מיט אַ וואָך שפּעטער, באַלד נאָך די שבע ברכות, איז אפרים געקומען צוריק פון דער חתונה. ער האָט דערציילט ר׳ נחמנען, אַז הערשל איז צוריקגעפאָרן אַ טרויעריקער אַהיים, קיין קיעוו, ווייל דער באַלעבאָס האָט אַזוי געוואָלט, און אַז מרדכי מיט גיטעלען זענען אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד אויף פיר וואָכן... און אַז מענטשן האָבן גערעדט וועגן דעם...

— ס׳איז שוין נישט דיזעלבע גיטעלע — האָט ר׳ נחמן אין דער שטיל געזאָגט.

— זי איז אַ ווילע, ווילע, זייער אַ ווילע, אַן אמתע אשת חיל — האָט ר׳ אפרים זיך פאַר איר אָנגענומען — זי איז אַ שיינע, אַ קלוגע און — אַן אָרנטלעכע. איר הערט וואָס איך זאָג אייך, ר׳ נחמן, אַן אָרנטלעכע. זי פאָרט מיט איר באַלעבאָס טאָקע בלויז צוליב געשעפט.

— ס׳איז מעגלעך! — האָט ר׳ נחמן קורץ באַמערקט.

עס איז איצט געקומען צו רייד וועגן דעם, וואָס שאָשע האָט טענות צו אים הלמאי ער גייט זי ווידער פאַרלאָזן, און זי טענהט אַז זי וויל נישט זיין דאָס גאַנצע לעבן אַן עגונה.

ר׳ נחמן האָט איצט געבעטן זיין שווער, אַז ער זאָל אים אויסהערן:

— ראשית, — האָט ר׳ נחמן אָנגעהויבן — האָב איך געגעבן מיין וואָרט צום נשיא פון די כוללות אין ארץ־ישראל, ר׳ אברהם קאַליסקער, אַז באַלד ווי איך וועל קומען אַהיים, וועל איך פאָרן צו די גרויסע רביים, כדי זיי מעורר צו זיין וועגן זייער חוב צו זאַמלען געלטער פאַרן „כוללות". וואָס עס מיינט פאַר די תלמידי חכמים, וואָס זיצן און לערנען אין ארץ־ישראל, און איך מוז מיין צוזאָג מקיים זיין. שנית, איז מעדוועדעווקע

געוואָרן אַ צו קליין אָרט פאַר מיר. עס איז אַ העק, וווּ קיינער קומט נישט. איך דאַרף האָבן אַ גרעסערע יידישע סביבה. אגב, איז עס אויך צו נאָענט צו מיינע פעטערס, ר׳ ברוך און ר׳ אפרים, וועלכע זענען אַליין רביים און זיי פאַרגינען מיר נישט. דעריבער האָט מען מיר געוויזן, ברוך הקודש, אַז איך זאָל זיך באַזעצן אין אַן אַנדער אָרט.

— און וואָס איז מכוח שאָשען? — האָט ר׳ אפרים אים געפרעגט.

— איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, שווער, אַז שאָשע איז נישט קיין גרויסע חכמה, אָבער אַפילו אַזוי טאָר מען זי נישט מצער זיין. דעריבער וויל איך פון אייך, שווער, אַז איר זאָלט איר זאָגן, אַז ראשית וועל איך איצט מאַכן אַ נסיעה בלויז אויף עטלעכע וואָכן אין אונדזערע מקומות און נישט מעבר לים. איך וועל פאָרן בלויז אין עטלעכע שטעט אין קיעווער געגנט און שפּעטער־צו וויל איך זיך דאָרטן באַזעצן. דאָרטן איז פאַר מיר היימלעכער, כ׳מיין אין געגנט פון טשערנאָביל, טריסק און דער אַרומיקער סביבה. דאָס רוב רביים וווינען דאָרטן. זאָגט דעריבער שאָשען, אַז אַן אשה מוז פאָלגן איר מאַן און גיין מיט אים דאָרטן, וווּ ער וויל.

— אויב עס איז נאָר דאָס — האָט ר׳ אפרים געזאָגט אויף זיין שטילן אופן, ציענדיק זיך ביי זיין קליין בערדל — איז עס עפּעס אַנדערש!... איך וועל איר שוין זאָגן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ר׳ נחמן גענומען זיין טלית און תפילין, אַ „חק׳ל", עטלעכע העמדער און זיין רויטע פאַטשיילע און דאָס אַריינגעלייגט אין אַ זעקל, זיך געזעגנט מיט זיינע בני־בית און איז אַוועק צו די פורן, וואָס פאָרן קיין וויניצע, כדי צו פאָרן פון דאָרטן ווייטער.

ר׳ נחמנס פּלאַן איז געווען צו פאָרן צום ערשטן קיין שפּאָלע, קיעווער גובערניע, און איינשטיין דאָרטן ביי דעם „שפּאָלער זיידע", אָדער ווי ער האָט געהייסן, ר׳ לייבוש. פאַרוואָס עפּעס פונקט ביי אים? — עס איז געווען דערפאַר, וואָס ר׳ נחמן האָט גוט געקענט ר׳ לייבושן, נאָך פון דער צייט ווען יענער איז געווען אין מעדוועדעווקע. די מעשה איז געווען, וואָס ר׳ לייבוש איז געווען אַן איידעם פון דעם רב און שוחט פון מעדוועדעווקע. נאָך דעם רבס פּטירה האָט ר׳ לייבוש געוואָלט ווערן זיין ממלא מקומו. האָבן זיך געפונען מענטשן אין שטאָט, וואָס האָבן עס

גישט דערלאָזן. ר׳ נחמן איז גראָד געווען דערפאַר, אָבער די פירער פון דער שטאָט האָבן אַראָפּגעבראַכט אַן אַנדערן. אַזוי ווי ר׳ לייבוש איז דע־מאָלט געווען שוין אַ זעכציקער אָדער קרוב דערצו, האָט קהל געטענהט, אַז ער טויג נישט מער צו זיין אַ שוחט. איז ר׳ לייבוש געוואָרן אין כעס און איז אַוועקגעפאָרן קיין זלאָטאָפּאָליע, וווּ ער איז געוואָרן אַ שמש אין דער שול און אויך אַ מלמד. אַזוי ווי זלאָטאָפּאָליע איז אײנגאַנצן אַ תחום שבת פון שפּאָלע, פלעגט ער אויך לערנען מיט די קינדער פון שפּאָלע. שפּעטער איז ער באַקאַנט געוואָרן אַלס „רבי״ און דער עולם איז געקומען צו אים. ר׳ לייב שרהס, ווי מען האָט אים גערופן, איז געווען בטבע אַ פריילעכער און האָט זיך אויסגערימט דערמיט, וואָס ער האָט נאָך גע־קענט דעם בעש״ט און האָט זיך באַמיט נאָכצומאַכן זיינע התנהגותן, ווי צו געבן הילף צו קראַנקע, צו טרייסטן אַ מענטש אין אַ נויט, צו מאַכן שלום צווישן מאַן און ווייב און זיך אָנצונעמען פאַר אלמנות, יתומים און קראַנקע. ר׳ לייבוש האָט אויך זיך אַנטקעגנגעשטעלט קעגן צעבאַלעווע־טע פריצים און האָט זיי געסטראַשעט, אַז עס וועט זיין שלעכט מיט זיי, אויב זיי וועלן רודפן די יידישע אַרענדאַטאָרן און אַ טייל פון די פריצים האָבן זיך טאַקע דערשראָקן און זענען געוואָרן בעסער צו די יידישע פּאַכ־טערס. ער פלעגט אויך צעטיילן אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, צווישן אָרימע מענטשן. דער עולם האָט אים אַ נאָמען געגעבן „זיידע״, ווייל ער איז גע־ווען ווי אַ גוטער זיידע צו אַלעמען.

ווען דער „זיידע״ האָט זיך דערוווּסט, אַז ר׳ נחמן געפינט זיך נישט ווייט פון זיין שטאָט, איז ער געוואָרן מלא שמחה און האָט זיך געגרייט אים מקבל־פּנים זיין אויף אַ גרויסן אופן. איינמאָל האָט מען אים גע־זאָגט, אַז ר׳ נחמן איז שוין אָנגעקומען מיט די פורן אויפן מאַרק. דער זיידע איז באַלד אים געלאָפן אַנטקעגן, האָט אים אַריינגעפירט צו זיך אין הויז און געמאַכט פאַר אים אַ גרויסע סעודה, צו וועלכער ער האָט פאַרבעטן אַלע חשובע מענטשן פון שטאָט און ער האָט געזאָגט צו אַלע־מען: „זעט נאָר, וואָס פאַר אַ חשובן מענטש איך האָב איצט אַלס מיין גאַסט״. אויף יענער סעודה האָט מען זיך משמח געווען אַ גאַנצע נאַכט און דער זיידע האָט אַפילו געטאַנצט לכבוד דעם גאַסט. שפּעטער האָבן

ביידע רביים געזאָגט „תורה״, און זיי האָבן אַזוי פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג אין גרויס ליבשאַפט.

פון שפּאָלע איז ר׳ נחמן געפאָרן קיין זלאַטאָפּאָליע, ווו ער האָט זיך באַקענט מיט די ראשי העיר, וועלכע האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל בלייבן ביי זיי און ער האָט זיי צוגעזאָגט צו קומען צוריק אַ שטיקל צייט שפּעטער. פון דאָרטן איז ר׳ נחמן געפאָרן קיין טשערנאָביל און האָט עטלעכע טעג פאַרבראַכט מיט ר׳ נחומטשען, וועלכער האָט צוגעטיילט ר׳ נחמנען פיל כבוד.

פון טשערנאָביל איז ר׳ נחמן אָפּגעפאָרן קיין נעזשכיז, צום אַלטן נעזשכיזער רבי, ר׳ מרדכילע, דער תלמיד פון ר׳ מיכל זלאָטשאָווער.

דער נעזשכיזער האָט געשמט אין יענער צייט אַלס אַ גרויסער בעל מופת. מען האָט דערציילט וועגן אים נסים ונפלאות. עס איז געגוג, אַז ער זאָל געבן איין קוק אויף אַ קראַנקן, וועט ער באַלד געזונט ווערן. מען האָט אַפילו געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט שוין עטלעכע מאָל מחיה מתים געווען. קיין נעזשכיז פלעגן דעריבער פאָרן אין יענער צייט אַלע שווער־קראַנקע. יעדער איינער, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים געהאַט אויפגעגעבן, איז געפאָרן צום אַלטן נעזשכיזער, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן. פאַר זיין הויז פלעגן שטיין לאַנגע שורות פון קראַנקע מענטשן און אויסקוקן זיך די אויגן, אַז זיי זאָלן האָבן די זכיה אַריינצוקומען צום רבין. אַפילו גויים פלעגן וואַרטן גאַנצע טעג אויף אים. פון נעזשכיזער האָבן געהאַלטן דעמאָלט די גרעסטע רביים.

דער נעזשכיזער האָט שטאַרק געהאַלטן פון ר׳ אברהם קאַליסקער, דעם נשיא פון כוללות אין ארץ־ישראל, און ער האָט זיך אַפילו געקריגט מיטן ליאַדער צוליב אים. ר׳ אברהם קאַליסקער האָט דעריבער געבעטן ר׳ נחמנען, אַז ווי נאָר ער וועט קומען אַהיים, זאָל ער פאָרן צום נעזשכיזער וועגן דעם ענין פון די „כוללות״. ר׳ אברהם קאַליסקער האָט אויך גע־שריבן צום נעזשכיזער, אַז ער זאָל ר׳ נחמנען זייער גוט אויפנעמען. ר׳ אברהם קאַליסקער האָט דעם נעזשכיזער גערופן „מגיד״, ווייל עס איז געווען דעמאָלט דער שטייגער ביי יידן צו רופן אַלע גרויסע יידן מיטן טיטל „מגיד״. דער נעזשכיזער איז אָבער דעמאָלט אַליין געווען זייער

קראַנק. עס איז טאַקע געווען די קראַנקייט, פון וועלכער ער איז נישט מער אויפגעשטאַנען. אין מגידס הויז זענען די פענצטער פון זיין חדר געווען פאַרהאנגען, ווייל ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די זון. ער האָט אויך נישט געקענט פאַרטראָגן דעם ריח פון געקעכץ. די איינציקע שפּייז איז געווען אַביסעלע זופּ, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט נאָכדעם ווי מען האָט עס פיל מאָל איבערגעזייט. ווען דער מגיד האָט געהערט, אַז ר׳ נחמן קומט צעפאָרן, איז ער געוואָרן מלא שמחה און געזאָגט:

— איך קוק שוין אַרויס אויף אים, ווי אויף אַ משיח. ער וועט מיך ממש מחיה נפש זיין, ווען ער וועט קומען אַהער.

דער אַלטער האָט זיך איצט געשטאַרקט און איז אַראָפּ פון בעט און געהייסן זיך דערלאַנגען אַ שטול, אַז ער זאָל זיצן אין דרויסן און וואַרטן אויף ר׳ נחמנען. ווען ר׳ נחמן איז געקומען, האָבן זיךביידע אַרומגעכאַפּט און געקושט ווי אַלטע ידידים. ר׳ מרדכי האָט אַריינגעפירט ר׳ נחמנען אין זיין חדר און זיי האָבן באַלד פאַרפירט אַ שמועס וועגן הויכע ענינים. נאָכן שמועס האָט ר׳ מרדכי געהייסן גרייטן צום טיש, ווי אויף יום־טוב, און כאָטש דער אַלטער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם ריח פון געקעכץ, האָט ער זיך געזעצט צום טיש אין זיין געלן כאַלאַט מיט גאָלד געשטיקטע בלומען, און געהייסן דערלאַנגען דעם גאַסט מכל טוב. ער האָט אויך פאַרבעטן דעם גאַסט צו בלייבן ביי אים איבער שבת, וואָס ר׳ נחמן האָט אים צוליב געטאָן. שפּעטער האָט דער מגיד געגעבן ר׳ נחמנען צען רענדלעך, אַלס אַ פדיון, אַז ער זאָל מתפּלל זיין פאַר אים.

זונטיק אין דער פרי, ווען ר׳ נחמן איז אַוועקגעפאָרן, איז דער אַלטער געגאַנגען אים באַגלייטן צו דער פור, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען ממש חרוב. צוריקקומענדיק אַהיים האָט ער געזאָגט:

— ווען איך וואָלט באַשאַפן געוואָרן נאָר, אַז ר׳ נחמן זאָל איבערטרעטן מיין שוועל, וואָלט עס געווען גענוג פאַר מיר.

פון דאָרטן איז ר׳ נחמן געפאָרן קיין אָליק, צום צדיק ר׳ הירש. ווען ר׳ הירש האָט זיך דערוווּסט, אַז ר׳ נחמן איז אין נעזשכיז, האָט ער אים שטאַרק געבעטן צו קומען צו אים. ר׳ הירש האָט אויך ר׳ נחמנען אויפגענומען מיט פיל כבוד און ר׳ נחמן האָט אויך געמוזט ביי אים האַלטן

שבת.ביידע צדיקים האָבן די גאַנצע צייט גערעדט וועגן קבלה און אַנ־דערע ענינים. אָבער ר׳ נחמן האָט כסדר געוואָלט ווייזן ר׳ הירשן, אַז ער ווייס בעסער און דערמיט האָט ער ביי ר׳ הירשן נישט אויסגענומען, ווייל ר׳ הירש האָט פון זיך שטאַרק געהאַלטן און פלעגט זאָגן, אַז קיי־נער ווייס נישט מער ווי ער.

פון אַליק איז ר׳ נחמן געפאָרן צום ליאַדער רבי, ר׳ שניאור־זלמן, דער שאַפער פון דער חב״ד־שיטה. דער ליאַדער האָט שוין געוווסט, אַז ר׳ נחמן איז אַן אָנהענגער פון ר׳ אברהם קאַליסקער, וועלכער האָט פאַר־פירט אַ מחלוקת מיט ר׳ שניאור־זלמן צוליב די חלוקה־געלטער, און אַז ער פאָרט אַרום, כדי צו שטאַרקן ר׳ אברהמס מערכה ביי די גרויסע רביים. דערפאַר האָט ער אים קאַלט אויפגענומען און האָט מיט אים קיין גרייסע שהיות נישט געמאַכט. בפרט נאָך, ווען ר׳ שניאור־זלמן האָט געזען, אַז ער האָט אין זיך אַ סך איינריידעניש און האַלט, אַז ער איז דער גרעסטער פון אַלע רביים. ר׳ שניאור־זלמן האָט איצט געבעטן ר׳ נחמנען, אַז ער זאָל עס אים זאָגן. האָט ר׳ נחמן געזאָגט צו ר׳ שניאור־זלמנען, אַז ער רופט זיך „רבי״ און נישט „מגיד״, ווייל „רבי״ איז די ראשי תיבות פון „ראש בית ישראל״. ווען ר׳ שניאור־זלמן האָט דאָס דערהערט, האָט ער אים געזאָגט, אַז דאָס איז לאו דווקא, ווייל „רבי״ קען נאָך אויך זיין די ראשי תיבות פון די ווערטער „רע בעיני י׳״. ר׳ נחמן האָט זיך דערפון באַליידיקט און איז באַלד אַוועק. נאָכן באַזוך ביים ליאַדער איז ר׳ נחמן געפאָרן אַהיים. אָבער כאָטש ר׳ נחמן האָט געקראָגן אַן אָפשניט ביים ליאַדער, איז ער דאָך אַהיימגעפאָרן מיט אַ געשוואָלענעם קאָפּ. די שבחים, וואָס ער האָט געקראָגן פון שפּאָלער זיידע, פון נעזשכיזער מגיד און אויך פון ר׳ הירש פון אַליק, זענען געוועזן גענוג אָנצוצינדן זיין פאַנטאַזיע און מאַכן אים צו טראַכטן, אַז ער איז נישט בלויז אַ „חד בדרא״, דער איינ־ציקער אין זיין דור צווישן די צדיקים, נאָך אויך משיח, און אויב דער רבונו של עולם וועט וועלן אויסלייזן די יידן אין היינטיקן דור, וועט ער אים שיקן, ווייל קיין גרעסערער צדיק ווי ער איז, איז איצט נישטאָ.

מיט אַזאַ איינריידעניש אין קאָפּ און מיט אַזעלכע איבערגעטריבענע מיינונגען וועגן זיך איז קיין וווּנדער נישט, אַז פאַר ר׳ נחמנען, קומענדיק

אַהייב, איז גאָר געוואָרן ענג זיין שטעטל. ער האָט זיך געפילט ווי אין אַ שטייג, אָדער ווי אַן אַרעסטאַנט אין אַן ענג צימערל אין געפענגעניש. ער האָט איצט געוואָלט בלויז איינאָרדענען די ענינים פון די קינדער, דער עיקר אויסצוגעבן די צוויי דערוואַקסענע טעכטער, אַז זיי זאָלן אים נישט ליגן ווי אַ שטיין אויפן קאָפּ. דאָס האָט געמיינט די צוויי מיידלעך, האָדל און מרים. מיט האָדלען האָט ער שוין געטאָן אַ שידוך מיט אַ זון פון ר' משה וויטעבסקער, דער זון פון ר' מענדל וויטעבסקער אין טבריה, ווען ר' נחמן איז געווען דאָרטן. האָט איצט נאָר געהאַלטן דערביי: אַז די כלה זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרטן חתונה האָבן. ר' נחמן האָט אָבער געוואָלט, אַז דער חתן זאָל קומען אַהער און דאָ חתונה האָבן, און דערנאָך זאָל ער פאָרן מיט זיין ווייבל צוריק קיין טבריה, און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל דאָס אויספירן.

איצט האָט מ'ען גערעדט אַ שידוך דער צווייטער טאָכטער, מרים, מיטן זון פון רב פון וואָלאָטשיסק, הגאון ר' לייבוש. נאָך אַ לאַנגן בריוו־אויסטויש איז דער רב מיטן חתן געקומען קיין מעדוועדעווקע צו שרייבן תנאים, און עס איז געבליבן, אַז די חתונה זאָל זיין אין כמעלניק, אין אַ יאָר אַרום, אין יאָר תק"ס.

ר' נחמן האָט דעריבער אויפן פאַרלאַנג פון שאָשען און אויך פון זיין שווער, ר' אפרים, צוגעזאָגט נישט אָוועקצוציען פון מעדוועדעווקע ביז נאָך דער חתונה פון ביידע טעכטער. שאָשע האָט ביי זיך געטראַכט, אַז ווען די משפחה וועט זיין אַ קלענערע, וועט זי מער נישט האָבן קיין עול פון דערוואַקסענע מיידלעך, וועלכע מען דאַרף חתונה מאַכן און עס וועט איר נישט אויסמאַכן ווו זי וווינט, אַפילו ווייט פון איר פאָטער, ווייל ר' נחמן וועט פון די פדיונות אַליין, וואָס ער פלעגט שוין איצט נעמען, האָבן גענוג אויף חיונה.

ר' נחמן אָבער איז אַרומגעגאַנגען איצט מיט הויכע רעיונות. ער האָט געשוועבט אין די הימלען, און מ'ען האָט גאָרנישט געקענט צו אים ריידן... ער האָט איצט שוין אויף אַן אמת אונטערדריקט אַלע זיינע אַנדערע נייגונגען, ווי די נייגונג צו חקירה, אָדער צו שרייבן שירים און איבערהויפּט צו שפּילן זיך און מאַכן זיך נאַריש. ער האָט איצט געוואָלט

דערגרייכן נאָר איין זאַך: צו זיין אַ רבי און נישט סתם אַ רבי, נאָר אַ רבי איבער אַלע רביים, דער גרעסטער צדיק פון דור, און נישט בלויז פון דעם דור, נאָר פון אַלע דורות, סיי די וואָס עס זענען געווען פאַר אים און סיי די וואָס עס וועלן קומען נאָך אים.

טיילמאָל איז ער זיך גאָר פאַרגאַנגען אין משיח־חלומות און זיך פאַרגעשטעלט, אַז ווען ער וועט קריגן דעם צייכן פון הימל אויף אויסצו־לייזן די יידן, וועט ער פלוצים זען פאַר זיך אַן אייזל, וואָס איז צוגע־גרייט געוואָרן פאַר משיחן נאָך פון ששת ימי בראשית, און אַ שופר פון גאָלד, דער שופר של משיח, און ער וועט רייטנדיק אויפן אייזל פאָרן אי־בער די יידישע שטעט און שטעטלעך און מיטן שופר של משיח רופן און וועקן אַלע יידן:

— שטייט אויף, יידן! איך, דער משיח צדק בין געקומען!... איך בין דער משיח, אויף וועמען איר האָט געוואַרט אַזוי לאַנג!... די גאולה איז געקומען! איר וועט דורך מיר אויסגעלייזט ווערן פון גלות! שטייט אויף, יידן, און גייט נאָך מיר און איך וועל אייך פירן קיין ארץ־ישראל!...

58

נאָכדעם ווי ר׳ נחמן איז אַוועקגעפאָרן אַהיים, האָט גיטעלע געזאָגט מרדכין, אַז ער זאָל זיך נישט איילן אַוועקצופאָרן, ווי ער האָט פריער געטראַכט, און נאָר אַז ער זאָל בלייבן דאָ ביז נאָך די שבע ברכות, ווייל אַנדערש וועט עס נישט שיין אויסזען, סיי פאַר הערשלען, סיי פאַר די עלטערן און סיי פאַר אַנדערע געסט. און זיי ביידע זענען טאַקע נאָך געבליבן.

אין טאָג פון די לעצטע שבע ברכות האָט מרדכי גערעדט מיט הערש־לען, אַז ער מוז אַהיימפאָרן באַלד צוזאַמען מיט איוואַנען קיין קיעוו, ווייל דאָס געשעפט קען נישט בלייבן אַליין. ער האָט אים אויך געזאָגט, אַז ער וועט פאָרן צוזאַמען מיט גיטעלען קיין אויסלאַנד, בלויז אין עט־לעכע לענדער, אָבער די הויפּט־סטאַנציע וועט זיין בערלין, און אַז ער זאָל אַרויסשיקן צו אים יעדן טאָג אַ בריוו קיין בערלין פון אַלעם, וואָס

עס איז געשען אין פאַרלויף פון די לעצטע 24 שעה. אויך די בריוו, וואָס וועלן אָנקומען זאָל ער אַרויסשיקן צו אים. ער וועט אין עטלעכע גרויסע שטעט אין אויסלאַנד זיך טרעפן מיט גרויסע לייט און גיטעלע וועט זיין די פאַרמיטלערין צווישן זיי. זי וועט זיי פרעגן אויף די באַדינגונגען פאַר געוויסע אַרטיקלען און דערנאָך וועט זי אָנשרייבן די אָפּמאַכן, אויף וואָס ביידע צדדים וועלן זיך חתמנען. די רייזע וועט געדויערן נישט מער ווי פיר וואָכן. דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז ער, הערשל, זאָל גאָרנישט איי־בערקלערן. עס וועט איר, גיטעלען, גאָרנישט געשען. פאַר הערשלען איז איצט נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי צו פאָלגן דאָס, וואָס מרדכי האָט אים געהייסן, און ער איז געפאָרן אַהיים.

אָבער צווישן מרדכין און גיטעלען איז אויך נישט אַלץ געגאַנגען כשורה און כאָטש סיי הערשל און סיי ר׳ נחמן און סיי דאָקטאָר בערנאַרדי האָבן געברענט פון אייפערזוכט, אין דער נאַכט פון דער חתונה, ווען זיי האָבן געזען ווי מרדכי און גיטעלע שטייען ווי צוגעשמידט איינער צום אַנדערן, איז פון דעסטוועגן צווישן זיי נישט אַלץ געווען אין בעסטער אָרדענונג... יאָ, עס איז געווען גאָר אמת, אַז מרדכי איז געווען פאַרליבט אין גיטעלען איבער די אויערן, און ווען גיטעלע וואָלט עס נאָר געוואָלט, וואָלט ער איבערגעלאָזט אַלץ און אַנטלאָפן מיט איר אַפילו ערגעץ אויף אַן אינדזל, כדי נאָר צו זיין מיט איר צוזאַמען, כאָטש ער האָט שוין גע־האָט אַ גרויסע משפחה און איז שוין געווען אַ זיידע פון צוויי ליבע איי־ניקלעך, אַ ייִנגל און אַ מיידל, אין די חדר־יאָרן. מרדכי איז געווען באמת גרייט צו טאָן פאַר גיטעלען אַלץ אין דער וועלט, אַפילו אָפּצוגטן זיין ווייב און צו פאַרפירן צוליב דעם אַ מחלוקה מיט די קינדער, וועלכע וואָלטן, נאַטירלעך, געווען קעגן דעם. ער איז געווען ממש משוגע פאַר איר און ס׳איז גאָרנישט געווען אַזאַ זאַך אין דער וועלט, וואָס ער וואָלט נישט געטאָן פאַר איר. מרדכי האָט ממש אויפגעציטערט, ווען ער האָט בלויז אָנגערירט גיטעלעס האַנט און טיילמאָל אַפילו ווען ער האָט זי בלויז געזען.

דער גאָרנישט אַזוי יונגער מרדכי איז אין תוך נישט געווען קיין ראָמאַנטישער מענטש. ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן נישט צופיל זיך

אָפּגעגעבן מיט פרויען. מרדכי איז אויפגעציגן געוואָרן אין אַ ספערע פון האַנדל, און פרויען האָבן געשפּילט אין זיין לעבן אַ גאַנץ קליינע ראָלע. ווען ער איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, האָט ער זיך געהאַט פאַרליבט אַביסל אין אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן, אַ שיינע ברונעטקע און אַ געביל־דעטע, אָבער איר פאָטער איז נישט געווען צו רייך און דעריבער, ווען עס האָט זיך אים אונטערגערוקט אַ שידוך מיט אַ ייד אַ גביר, וואָס האָט געהאַט אַ נישט געראָטענע טאָכטער, פאַניע, אַ מיידל שוין פון אַ יאָר אַכט און צוואַנציק, וואָס קיין בעלנים אויף איר זענען נישט געווען, און איר פאָטער איז גרייט געווען צו געבן איר פינף און צוואַנציק טויזנט רובל נדן, איז ער אַליין אַוועק צום מחותן און צו אים געזאָגט פּראָסט פשוט:

— הערט מיך אויס, איר זענט אַ ייד אַ גביר. מען זאָגט אויף אייך, אַז איר זענט מטופל מיט אַ סך געלט, און איר ווילט טאָן אַ שידוך מיט אייער טאָכטער מיט אַ רייכן בחור. האָב איך פאַר אייך אַן עצה, איר זאָלט געבן דעם חתן אַ גרויסן נדן, וועט ער זיין רייך. אָבער די סומע, וואָס איר ווילט געבן אייער טאָכטער פאַניע, איז נישט גענוג. איך בין גרייט חתונה צו האָבן מיט אייער טאָכטער און זיין צו איר אַ גוטער מאַן און האָבן מיט איר קינדער, אָבער איך וויל פופציק טויזנט רובל נדן. אויב איר ווילט אַזוי, קענען מיר שרייבן באַלד תנאים.

דעם מחותן, שלמה וויינשענקער, איז געווען זיין נאָמען, זענען גראָד די אָפענע רייד פון דעם יונגן בחורל געפעלן געוואָרן. ער האָט אים גע־קלאָפּט אויף דער פּלייצע און געזאָגט:

— דו ביסט אַ בחור אַ כוואַט, דו געפעלסט מיר. יאָ, דו ביסט אַ גוטער געשעפטסמאַן, דו האָסט נישט גערעדט צו מיר וועגן ליבע, נאָר וועגן געשעפט, וועגן תכלית. גוט, איך וויל אויך, אַז דו זאָלסט זיין אַ רייכער מאַן און ווען דו וועסט האָבן אַ סך געלט, וועסטו מאַכן גרויסע געשעפטן און מיין טאָכטער וועט זיין גוט ביי דיר. אַלזאָ, איך קלאַפּ צו צום עסק. גיב מיר דיין האַנט און זאָל עס זיין אין אַ מזלדיקער שעה.

אין אַ וואָך שפּעטער האָט ער געשריבן תנאים מיט זיין איצטיקן ווייב, פאַניע, און מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער מיט איר חתונה געהאַט.

אָבער איינמאָל חתונה געהאַט, האָט מרדכי זיך אַרויסגעשלאָגן אַלע נאַרישקייטן פון קאָפּ, ער האָט געהאַט פיל באַקאַנטע מיידלעך, וואָס ער איז זיי געפעלן און אַזעלכע אויך, וואָס זיי — אים. איצט אָבער איז אַלץ געוואָרן אויס. ער האָט מיט זיין ווייב געהאַט קינדער און איז געוואָרן אַ גוטער מאַן צו זיין ווייב. ער האָט פאַרקוקט אירע פעלערן, ווי דאָס וואָס איין אַקסל, דער רעכטער, איז געווען אַביסל העכער ווי דער אַנדערער, דער לינקער, און אויך דאָס, וואָס זי איז געווען שיקלדיק אויפן לינקן אויג. ער איז אויך געווען שפּעטער אַ גוטער טאַטע צו זיינע דריי קינדער. ער האָט אָנגעוואָנדן פיל מי צו קריגן דעם גרויסן פּאַדריאַד, פריער פון אַ ראַטע, דערנאָך פון אַ פּאָלק, ביז ער איז געוואָרן דער הויפּט־פּאַדריאַד־טשיק פון גאַנצן קיעווער ראַיאָן, מיט אַלעם וואָס עס איז נייטיק, ווי פּראָוויאַנט, קליידונג, פערד און אַנדערע זאַכן.

און אַזוי איז געגאַנגען זיין לעבן זייער שטיל און פּשוט, ביז ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען גיטעלען און ער האָט געמיינט, אַז ער ווערט משוגע... עס איז געווען, ווי עס וואָלט פּלוצים אויפגעשיינט פאַר אים אַ נייע זון... ער איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן און געבליבן אָן לשון... באַלד איז ער געקומען צו זיך און גענומען מאַכן פּלענער ווי אַזוי זי, די שענסטע צווישן די פרויען, ווי ער רופט זי איצט, די קלוגסטע און געלערנטסטע, זאָל ווערן זיינע... אָבער ער איז באַלד געוווּיר געוואָרן. אַז ער איז געקומען אַביסעלע צו שפּעט, זי איז נאָר־וואָס אַ כלה געוואָרן.

אָבער דאָך האָט דאָס אים נישט אָפּגעשטעלט פון צו זוכן איר נאָענט־קייט, און זינט דעמאָלט רוט ער נישט מער. טויזנטער מחשבות זענען דעמאָלט געקומען אין זיין קאָפּ וועגן איר און פון אַלע איז ביי אים קלאָר געוואָרן איינס, דהיינו, אַז ער מוז איר לאָזן חתונה האָבן מיט הערשלען, ער טאָר זיך נישט שטעלן איר אין וועג, ווייל דעמאָלט וועט עס ערגער זיין און ער וועט איר אינגאַנצן פאַרלירן... ער מוז האָבן געדולד, אַ סך געדולד... ער מוז אויסבויען אַ גאַנצע נעץ פאַר איר... ניין, ער קען איר נישט אַריינקריגן אַזוי גיך, מיט איין מאָל... עס מוז געדויערן צייט!...

און אַזוי האָט ער געטאָן. ער האָט כסדר געטראַכט פון איר, געשאַפן פּלענער, נישט פאַנטאַסטישע, נאָר ממשותדיקע... הערשל וועט נאָך דער

חתונה דאַרפֿן פּרנסה, וועט ער אים אַריינגעמען צו זיך אין זיין געשעפֿט און אויך זי... און אויב ער וועט זי האָבן אין זיין ביוראָ, האָט ער שוין דאָס פֿייגעלע אין זיין שטייג... ער דאַרף איצט נאָר גוט אַכטונג געבן אויפֿן פֿייגעלע, אַז עס זאָל זיך צוגעוווינען צו אים און עסן — פֿון זיין האַנט. ביסלעכווייז וועט ער באַזייטיקן אַלע אַנדערע, וואָס ווילן עס שפּייזן... און דאָס האָט געפֿירט צום געדאַנק פֿון פֿאָרן מיט איר קיין אויסלאַנד צוליב געשעפֿט... כאַ, כאַ, כאַ, צוליב געשעפֿט... אָבער צי קען ער דען עפּעס אַנדערש זאָגן?

גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער געווען מיט גיטעלען. עס האָט ביי איר געדויערט אַ שטיק צייט, ביז זי האָט זיך געקענט צוגעוווינען צו אים. צו מרדכין, צו זיין גראָבן בויך, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרטשעט אַזוי אַנ־זעעוודיק פֿון אונטער דער וועסט, אויף וועלכער עס האָט זיך געצויגן אַ גאָלדענע קייט פֿון איין קעשענע צו דער צווייטער, וואָס האָט געהאַט ביים סוף אַ דיקן גאָלדענעם זייגער, וועלכער איז געלעגן באַהאַלטן אין דער לינקער קעשענע... אַזוי האָט זי אויך נישט געקענט פֿאַרטראָגן זיין ברייט רוסיש פּנים מיט די אַזוי בולטע קין־ביינער, וואָס האָבן עדות געזאָגט אויף אַ מאַנגאָלישן אָפּשטאַם, און מער נאָך ווי אַלץ זיינע קליינע פֿאַר־זשמורעטע אויגן, פֿון וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעזען מער די ווייסל ווי דער שוואַרצאַפּל... אָבער דאָך, די גוטסקייט, וואָס האָט פֿון זיי אַרויס־געשטראַלט צו איר, די וואַרעמקייט, וואָס זי האָט פֿון זיי געפֿילט אויף זיך, האָט זי צוגעצויגן צו אים...

גיטעלע האָט כסדר געטראַכט דערפֿון, אַז זי האָט נאָך אייגנטלעך קיין איין גוטן טאָג אין איר לעבן נישט געהאַט, וואָרום אירע ליבע־געפֿילן צו ר׳ נחמנען זענען געווען קינדישע. זי האָט זיך קיינמאָל צו אים נאָענט נישט צוגערירט און אַזוי אויך ער נישט — צו איר... ער האָט אַפֿילו איר האַנט נישט געהאַלטן אין זיינער און ווער שמועסט שוין פֿון אַ גלעט, צי גאָר אַ קוש... אהרן האָט זי געליבט, אָבער ליידנשאַפֿטלעך, תאווהדיק און האָט פֿון קיין צאַרטקייט נישט געוווּסט. זי געדענקט גוט ווי ער פֿלעגט זיך וואַרפֿן אויף איר, אַזוי ווי אויף איינער פֿון זיינע שיקסעס פֿון דאָרף... הערשל איז שוין צאַרט און איידל, אָבער ער איז קיין מאַן נישט... ער איז

אַריינגעטאָן אין קבלה און אין סיגופים און זאָגט, אַז אַן אשה איז תאווה און מען דאַרף דעם חשק מנצח זיין אין זיך... ערשט אין מרדכין פילט זי אַ מאַן, וואָס איז אי צאַרט און איידל און אי אַ מאַן פול מיט לוסט. אָבער ער איז אַ מאַן פון אַ ווייב, אַ טאַטע פון קינדער, און זי איז אויך — אַן אשת איש... טאָ ווי אַזוי קען זי גאָר טראַכטן פון אים?...

בלויז ווען מען האָט אַזוי שטאַרק ליב עמיצן, ווי מרדכי גיטעלען, קען מען פאַרשטיין ווי געדולדיק ער איז... בפרט נאָך, ווען זי האָט אים צו זיך נישט צוגעלאָזט צו נאָענט. זי האָט אים כסדר דערמאָנט, אַז ער האָט אַ ווייב און זי — אַ מאַן, אָבער מרדכי האָט כסדר איינגעטענהט מיט איר:

— גיטעלע, וויל מיך פאַרשטיין, איך נעם גאָרנישט צו ביי מיין ווייב דורך דעם וואָס איך ליב דיך. איך גיב איר אַלצדינג, וואָס זי וויל, און מער נאָך, נאָך מער וויפל זי קען נעמען. זי האָט דורך מיין ליבע צו דיר קיין שום שאָדן נישט. די געפילן, וואָס דו רופסט אַרויס ביי מיר, זענען — דיינע און יעדע זאַך וואָס איך טו פאַר דיר, איז געקומען פון דיר... מיין ווייב האָט דערין קיין חלק נישט... עס איז בלויז צווישן מיר און דיר... דעריבער דאַרפסטו נישט טראַכטן כסדר, אַז דו באַרויבסט מיין ווייב... ניין, דו באַרויבסט איר גאָרנישט. מיינע געפילן צו דיר, די אומאַרמונגען און אַלץ, וואָס איך גיב דיר — איז עס דיין, ווייל דו האָסט עס ביי מיר אַרויסגערופן.

— נו גוט, און וואָס איז וועגן מיין מאַן, הערשלען, וואָס פאַר אַ תירוץ האָב איך פאַר אים? — האָט גיטעלע געזאָגט מיט אַ הינטער־געדאַנק, אַז ער זאָל איר געבן אַ גוטן תירוץ אויף דעם.

— יאָ, אויך דו ביסט אין דערזעלבער לאַגע — האָט מרדכי איר אויפגעוויזן — הערשל האָלט פון סיגופים. ער זאָגט, אַז די אשה איז אַ תאווה און דער, וואָס וויל דינען גאָט, מוז זיך פון איר דערווייטערן. אָבער אויב אַזוי, האָט ער מיט דיר נישט געדאַרפט חתונה האָבן אינגאַנצן! יעדנפאַלס האָט ער דיך געדאַרפט פרעגן צי דו באַשטייסט דערויף. עס איז ווייניק וואָס ער טראַכט אַזוי, טראַכסטו דו דען אַזוי? ניין. מיינט דאָס, אַז ער האָט דיך אָפּגענאַרט. ווען דו זאָלסט גיין צום רב און

אים דאָס דערציילן, וועט מען דיר געבן גערעכט און נישט אים. אָבער דו דאַרפסט נישט גיין צום רב וועגן דעם. דו קענסט זיין גערעכט ביי דיר אין האַרצן. דו דאַרפסט נישט האָבן קיין שום הכשר אויף דיין ליבע צו מיר, פונקט אַזוי ווי איך דאַרף נישט קיין הכשר אויף מיין ליבע צו דיר.

— און דו מיינסט מיר צו זאָגן, מרדכי, אַז דו האָסט מיך באמת ליב? דו ביסט זיכער אין דעם?

— זיכערער קען מען שוין נישט זיין! — האָט מרדכי איר געענט־פערט, פיבערנדיק אינגאַנצן — דו קענסט מיט מיר טאָן וואָס דו ווילסט. איך בין וויליק צו ליגן ווי אַ ראָגאָזשע פאַר דיין טיר, און דו זאָלסט אויף מיר טרעטן, ווען דו גייסט אַריין און אַרויס פון הויז... ווייל יעדעס מאָל, ווען כ׳וועל פילן דיינע פיסלעך אויף מיין קערפער, וועל איך זיין דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט.

— אַזוי שטאַרק איז דיין געפיל צו מיר? — האָט אים גיטעלע אי־בערגעפרעגט.

— אַזוי שטאַרק, און נאָך שטאַרקער. עס זענען גאָר קיין ווערטער נישטאָ דאָס דיר צו שילדערן. דער טאָג, ווען דו וועסט זיין מיינע, וועט זיין דער גליקלעכסטער טאָג אין מיין לעבן. הלוואַי וואָלסטו עס באַר געוואָלט, וואָלט איך גלייך אָפּגעגט מיין ווייב און דו וואָלסט געקראָגן אַ גט פון הערשלען און מיר וועלן חתונה האָבן.

— דאָס קען איך נישט טאָן — האָט גיטעלע גיך אים געענטפערט — דאָס וואָלט אים אינגאַנצן צעבראָכן און ער האָט עס נישט פאַרדינט. ניין, איך קען אים נישט אַזוי באַהאַנדלען. אויך דו, מרדכי, דאַרפסט נישט טראַכטן פון געבן אַ גט דיין ווייב. זי איז שוין אַן עלטערע יידענע און וועט אַ סך ליידן. דו דאַרפסט האַלטן דיין וואָרט, וואָס דו האָסט גע־געבן איר פאָטער. אויב געשעפט איז געשעפט, דאַרפסטו זיין אויסגע־האַלטן.

— דו ביסט גערעכט, גיטעלע, אָבער וואָס טוט מען, ווען איך בענק אַזוי שטאַרק דיך צו האָבן?

— דאָס וועט קומען מיט דער צייט — האָט גיטעלע אים באַרו־איקט — מיין נישט, אַז איך בין גלייכגילטיק צו דיר, מרדכי. איך בין גע־

ווארן נישט ווייניקער צוגעבונדן צו דיר ווי דו צו מיר. אָבער איידער איך פאָר אַרויס מיט דיר קיין אויסלאַנד, וויל איך פון דיר אַ צוזאָג, אַז דו זאָלסט זיך צו מיר צו נאָענט נישט צורירן... דאָס מוזסטו מיר צוזאָגן, איידער מיר לאָזן זיך אַרויס אין וועג. איך מוז בלייבן ריין... דאָס וואָרט, וואָס איך האָב געגעבן הערשלען, מוז איך האַלטן... נאָר אויף אַזאַ אופן וועל איך פאָרן מיט דיר, מרדכי, אַנדערש נישט!...

— אַז מען האָט אַזוי שטאַרק ליב, ווי איך האָב דיך ליב, גיט מען אַלץ נאָך — האָט מרדכי געזאָגט פול מיט ליידנשאַפט און זי אַרומגענומען און פיבערהאַפט געקושט, אויף וואָס זי האָט אים אויך אָפּגעענטפערט מיט עטלעכע הייסע קושן.

59

סוף זומער, אין אלול, איז ר׳ נחמן און די גאַנצע משפחה געווען אויף דער חתונה פון זיין צווייטער טאָכטער, מרים, וועלכע האָט זיך משדך געווען מיט דעם זון פון וואָלאָטשיסקער רב, ר׳ לייבוש. די חתונה איז געווען אין כמעלניק, אַזוי ווי עס איז אָפּגערעדט געוואָרן ביי די תנאים. צוריקוועגס איז ר׳ נחמן אָפּגעשטיגן אין זלאָטאָפּאָליע, אַריינגעפירט זיין משפחה אין אַן אכסניה און אַליין איז ער אַוועק צו זען זיך מיט די באַלעבאַטים פון שטאָט, מיט וועלכע ער האָט זיך שוין געקענט. פיל פון זיי האָבן אויסגעדריקט זייער פאַרלאַנג, אַז ער זאָל בלייבן ביי זיי. אַזוי ווי ר׳ נחמן האָט שוין לאַנג געהאַט אַ חשק צו בייטן זיין וווינאָרט, האָט ער געזאָגט צו די פירער פון דער קהילה, אַז אויב זיי ווילן אים באמת האָבן ביי זיך, זאָלן זיי אים אָנערקענען פאַר אַ „רבי״, און ער זאָל האָבן די איינציקע דעה ביים באַשטימען אַ חזן און אַ בעל־תקיעה און אים אויך לאָזן איינפירן געוויסע מינהגים אין שול. די באַלעבאַטים זענען דערויף איינגעגאַנגען און ר׳ נחמן האָט זיך גלייך געדונגען אַ דירה און זיך באַזעצט דאָרטן צוזאַמען מיט זיינע בני־בית.

באַלד נאָכדעם האָט ר׳ נחמן דאָס געלאָזט וויסן אַלע זיינע „אנשי שלומינו״ און עס איז אויף די ימים נוראים געקומען צו אים אַ גרויסער

עולם פון די סאַמע געטרייסטע און איבערגעגעבענע חסידים, כדי מתפלל צו זיין מיט אים צוזאַמען. ראש השנה פון יאָר תקס״א און אויך יום־כיפור איז אַדורך זייער גוט, אָבער יום־כיפור צו נעילה האָט זיך געמאַכט, אַז עס האָט געדאַוונט פאַרן עמוד איינער, וואָס ר׳ נחמן איז פון זיין דאַוונען נישט געווען צופרידן. ר׳ נחמן האָט דאָס נישט פאַרשוויגן. באַלד האָט זיך געמאַכט, אַז דער בעל־תפילה האָט זיך פאַרהאַקט און מער נישט געקאָנט זאָגן קיין וואָרט און אַ צווייטער האָט געמוזט פאַרנעמען זיין אָרט. מוצאי יום־כיפור האָט ר׳ נחמן געזאָגט צו זיינע מענטשן, אַז דאָס איז געשען, ווייל דער בעל־תפילה האָט כסדר געקוקט צו זיין ווייבל אין דער שול און זיך געוואָלט אויספיינען פאַר איר, ווי פאַר די ווייבער בכלל.

אין שטעטל האָט מען שוין גערעדט דערפון ווי פון אַ מופת און עס האָט זיך געקאָכט דערמיט. דער פּראָסטער עולם האָט געזאָגט, אַז ר׳ נחמן האָט באַוויזן, אַז ער איז אַ גרויסער צדיק און קען באַשטראָפן באַלד אויפן אָרט די, וואָס טוען אים שלעכטס. מען האָט דעריבער אָנגעהויבן מער מורא צו האָבן פאַר אים און מען האָט אים גענומען צוטיילן מער כבוד.

דער בעל־תפילה און אויך זיין שווער זענען געווען רייכע מענטשן און חסידים פון „שפּאָלער זיידע״, זענען זיי אַריבערגעפאָרן קיין שפּאָלע צום זיידן און אים דאָס דערציילט, און דערביי אויסגערעדט אייף ר׳ נחמנען אַלדאָס בייז. דער שפּאָלער האָט זיך גלייך אָנגענומען די קריוודע פון זיינע חסידים און האָט געשיקט אַ בריוו צו די באַלעבאַטים פון זלאָטאָפּאָליע מיט אַ שטאַרקן „ירגזון״ קעגן ר׳ נחמנען. אָבער אויב דאָס איז נאָך געווען ווייניק פאַרן „שפּאָלער״, איז ער אַליין אַריבערגעקומען באַלד נאָך סוכות קיין זלאָטאָפּאָליע, וואָס איז נישט געווען ווייט פון שפּאָלע, און גענומען העצן די באַלעבאַטים פון זלאָטאָפּאָליע קעגן ר׳ נחמנען. דער זיידע איז פריער געווען שמש אין דער שול זלאָטאָפּאָליע און האָט גוט געקענט אַלע באַלעבאַטים. ער האָט זיך געמאַכט ביי זיי שטאַרק באַליבט און דאָ האָט ער אויך אָנגעהויבן זיין „רביסטווא״ און האָט אַפילו געוויזן אייניקע מופתים. אָבער שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין שפּאָלע. דער זיידע האָט איצט אַרויסגערוקט אַ נייע טענה צו

ר׳ נחמנען, אַז ער איז מבטל אַלע תיקונים, וואָס ער, דער זיידע, האָט געהאַט איינגעפירט, ווען ער איז דאָ געווען, און האָט געשריגן גוואַלד, אַז ווי פּאַסט עס גאָר, אַז אַ יונגערמאַן, אַפילו ווען ער איז דעם בעש״טס אייניקל, זאָל מבטל מאַכן דאָס, וואָס עס האָט איינגעפירט אַן אַלטער צדיק, וועלכער איז שוין באַוווסט אין דער וועלט.

ר׳ נחמן האָט דערויף געענטפערט, אַז ערשטנס, איז ער נישט מבטל קיין שום זאַך, ושנית, אויב אַפילו יאָ, איז עס נישט פון אַ באַוווסטן רבין, ווייל ווען דער זיידע האָט עס איינגעפירט, איז ער נאָך נישט געווען קיין באַוווסטער צדיק, נאָר בלויז אַ שמש אין שול, און מען האָט אים גע־רופן „לייבל שמש״.

דאָס האָט דעם אַלטן נאָך מער פאַרדראָסן און ער האָט נאָך מער גערעדט צו די באַלעבאַטים פון זלאַטאָפּאָליע קעגן ר׳ נחמנען. דער שפּאָ־לער זיידע האָט די מלאכה פון העצן געקענט בעסער ווי ר׳ נחמן. ער איז געווען אַ גרויסער כעסן און איינער, וואָס לאָזט נישט אָפּ. קוים האָט אים עמיצער פאַרטשעפּעט און אָנגערירט אויף אַ האָר זיין כבוד, האָט ער שוין געברענט אויף אים אַ גאַנץ לעבן לאַנג. ער האָט איצט גענומען רודפן ר׳ נחמנען מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט און, נישט נאָר האָט ער געמאַכט, אַז די באַלעבאַטים פון זלאַטאָפּאָליע זאָלן אים ווערן שונאים, נאָר אויך געשריבן בריוו צו אַלע צדיקים צו רודפן ר׳ נחמנען... אָט אַזוי איז געשען, אַז אָט דער אַלטער „הייליקער ייד״ און „גרויסער״ צדיק האָט, אַנשטאָט אָפּצוגעבן זיך מיט לערנען און דאַוונען, אָדער מיט העלפן יידן, גאָר גענומען זיך צו זייען שנאה אומעטום, ווו נאָר ער איז געקומען, קעגן ר׳ נחמנען, בלויז דערפאַר ווייל עס האָט זיך אים אויסגעדוכטן, אַז ר׳ נחמן האָט אים אַביסל פּוגע בכבוד געווען. דער זיידע האָט זיך אַפילו געוואַנדן צום צדיק און גרויסן מליץ יושר פון יידן פון יענער צייט, ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, דעם באַרימטן אוהב ישראל, צו רודפן ר׳ נחמנען. אָבער ר׳ לוי יצחק האָט אַליין געליטן פון מחלוקתן קעגן זיך און האָט נישט געוואָלט אַפילו הערן דערפון. אַזאַ בריוו האָט ער, דער שפּאָלער זיידע, אויך געשיקט צום ליאַדער, ר׳ שניאור־זלמן, אָבער אויך ער, וואָס האָט געהאַט גענוג מחלוקתן קעגן זיך, האָט אים אַפילו אים נישט

געוואַלט ענטפערן אויף זיין בריוו. נאָך מער, ווען די מחלוקתן קעגן ר׳ נחמנען האָבן זיך פאַרשטאַרקט, האָט ר׳ לוי־יצחק גערופן אַן אסיפה פון רביים, כדי אָנשרייען אויף דעם „שפּאָלער זיידע״ פאַר זיינע רדיפות אויף ר׳ נחמנען און ווען די רביים זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין באַרדיטשעוו האָבן זיי אַזוי געצאָרנט קעגן זיידן, אַז זיי האָבן אים אַפילו געוואָלט אַריינלייגן אין די דריי אותיות (חרם). אָבער דאָ האָט זיך ר׳ לוי־יצחק אַריינגעמישט און דערצו נישט דערלאָזט. ער האָט צו זיי געזאָגט: „איר זענט טאַקע גערעכט, אָבער איך וויל נישט, אַז אין מיין שטאָט זאָל מען לייגן אין חרם אַריין אַזאַ רבי ווי דער שפּאָלער״.

דער „שפּאָלער זיידע״ האָט אָבער אַלץ ווייטער נישט אָפּגעלאָזן און כסדר גערודפט ר׳ נחמנען. איצט האָט זיך אין דער זאַך שוין אַריינגעמישט דער רבי ר׳ ברוך, ר׳ נחמנס פעטער. ער האָט צונויפגערופן ביי זיך אַן אַסיפה צו מאַכן אַ סוף צו דער מחלוקה. צו יענער אסיפה איז געקומען סיי ר׳ נחמן און סיי דער שפּאָלער. עס האָט אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער וויכוח צווישן ביידע צדדים וועגן דעם ענין. באַלד האָט זיך אויפגעשטעלט דער רבי ר׳ ברוך און געזאָגט:

— איך בין אַן אייניקל פון בעש״ט און ר׳ נחמן איז זיינס אַן אור־אייניקל. דעריבער דאַרפט איר, שפּאָלער זיידע, האָבן דרך־ארץ פאַר די יורשים פון בעש״ט.

דער שפּאָלער איז אָבער געווען אַ גרויסער חוצפהניק, האָט ער אים צוריק געענטפערט:

— לאָזט אָפּ דעם זיידן! אייער זיידע נעמט אַזעלכע אייניקלעך אין זאַק אַריין!

די אסיפה האָט זיך אויסגעלאָזט מיט רופן נאָך אַן אסיפה, וואָס עס האָט געמיינט: מיט גאָרנישט. ווען דער שפּאָלער זיידע איז אַהיימגעפאָרן האָט זיך דער פאַראַם, אַריבערפאָרנדיק דעם דניעפּער, אַנגעשלאָגן אָן אַן אייז־קריע און איז צעבראָכן געוואָרן. דער זיידע איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער, אָבער ער האָט געקענט שווימען, און איז דערצו אויך געווען אַ ייד אַ גיבור, איז ער אַריבערגעשווומען דעם דניעפּער ביז אויף דער אַנדערער זייט. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו זיינע חסידים:

— ר׳ נחמן יאָגט מיך! אָבער איך האָב פאַר אים קיין מורא נישט, און אַפילו ווען איך וואָלט געווען דערטרונקען געוואָרן, איז ער אַלץ נישט גערעכט!

ר׳ נחמן האָט זיך איצט ערשט גענומען צו ענטפערן דעם זיידן און ער האָט עס געטאָן אויף זיין שטייגער, דורך גלייכווערטלעך. אַזוי האָט ער געזאָגט דעם פסוק „רבות מחשבות בלב איש ועצת ה׳ היא תקום״. רבות מחשבות בלייבוש. (ווי אַ שטייגער „בלב איש״ וואָלט געווען איין וואָרט „לייבוש״) דער נאָמען פון „שפּאָלער זיידע״.

ווען דאָס איז אָנגעקומען צום שפּאָלער, האָט ער זיך ערשט געוואָרפן אויף ס׳ניי אויף ר׳ נחמנען און איז אַליין אַרומגעפאָרן צו יעדן רבי, וואָס ער האָט נאָר געקענט, כדי צו העצן קעגן ר׳ נחמנען. ער האָט אויס־גערעדט אויף ר׳ נחמנען וואָס אין דער קאָרט און האָט נישט אַנדערש געוואָלט, נאָר אַז מען זאָל ר׳ נחמנען אַריינלייגן אין די דריי אותיות און אַז מען זאָל זיך נישט משדך זיין מיט זיינע חסידים און ער האָט נישט גערוט ביז ער האָט געקראָגן פיל רביים, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו אים אַזוי, אַז אַפילו אַזאַ הייליקער ייד, וואָס איז געווען אָנערקענט פון אַלע, ר׳ וואָלף זשיטאָמירער, איז אויך צוגעשטאַנען צו אים...

אָבער פאַרוואָס זענען די דאָזיקע רביים און הייליקע יידן צוגע־שטאַנען צום שפּאָלער זיידע? — דער ענטפער דערויף איז, אַז ר׳ נחמן איז אַליין שולדיק געווען אין דעם אַלעם, צוליב זיין גרויס מויל... ער האָט כסדר געהאַלטן אין איין גרויסן זיך מיט זיין זיידן, דעם בעש״ט. אָבער אויב דאָס האָט מען אים נאָך געקאָנט מוחל זיין, האָט מען אים פיינט געקראָגן פאַר זיין גרויס האַלטן זיך און זיך באַרימען, אַז ער איז דער רבי פון די רביים, אַז ער איז דער גרעסטער צדיק הדור און אַז אַלע זענען קעגן אים גאָרנישט... ער האָט אַפילו געזאָגט, אַז אַלע אַנדערע צדיקים זענען פאַלשע, נאָר ער אַליין איז דער אמתער צדיק... אַמאָל האָט ער גאָר געלאָזט אַלעמען וויסן, אַז ער איז דער „משיח הדור״, אַז אויב משיח דאַרף קומען אין דעם דור — וועט ער עס זיין...

דאָס האָבן שוין די רביים נישט געקענט אַריבערטראָגן. אָט דאָס גרויס־האַלטן זיך קעגנאיבער אַלע אַנדערע צדיקים — און זייער צאָל

איז דעמאָלט נישט געווען קיין קליינע — האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע פאַרביטערונג קעגן אים. עס איז געווען אַזוי: פיל פון די רביים, וואָס זענען געוואָרן איצט ר׳ נחמנס שונאים, האָבן פריער געהאַלטן פון אים. זיי האָבן געוווּסט, אַז ער איז אַ בן־קדושים און האָבן אַפילו געזאָגט, אַז ער איז געקומען עפּעס מחדש זיין אין חסידות. אָבער די דאָזיקע צדיקים האָבן אָוועקגעגעבן זייער גאַנץ לעבן אויף תורה און עבודה און האָבן נישט געוואָלט, אַז עס זאָל קומען עפּעס אַ יונגערמאַן און אָנרופן זיי „פאַלשע רביים“, „פאַרפירער פון פאָלק“. עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען דער שפּאָלער וואָלט נישט געהעצט זיי קעגן ר׳ נחמנען מיט אַזאַ מורא־דיקן כעס, וואָלט אַזאַ שנאה צו אים נישט געווען... מען וואָלט אים אפשר נישט צו שטאַרק גורס געווען, אָבער מחלוקתן וואָלטן צוליב דעם נישט אַרויסגעקומען. אָבער עס איז געווען דער „שפּאָלער“, וואָס איז געווען אין תוך „אַ מחרחר ריב“, אַ קריגערישער מענטש, וואָס האָט כסדר געגאָסן בוימאייל אויפן פייער און יעדעס מאָל, ווען דאָס פייער פון מחלוקת האָט שוין געהאַלטן ביים איינגעלאָשן ווערן, האָט ער עס פון דאָסניי צוריק אויפגעפלאַקערט.

אַזוי האָט דער „שפּאָלער“ אויך שטאַרק געהעצט ר׳ פּנחס קאָריצער, וועלכער איז געווען בעצם אַ גרויסער שווייגער און פון וועלכן אַלע האָבן געהאַלטן אַלס גרויסן צדיק, ביז ער האָט אים געבראַכט דערצו צו זאָגן וועגן ר׳ נחמנען: „פע, פע, פע, לא כאלה חלק ביעקב“ (אַזעלכע דאַרפן נישט זיין צווישן יידן). דאָס זעלבע זאָל האָבן געזאָגט אויך זיין תלמיד, דער גרויסער רבי ר׳ רפאל בערשאַדער, וואָס איז געווען אַ ליכטיקע פערזענלעכקייט.

עס איז גאָר נישטאָ קיין שיעור און קיין ערך צו די בלבולים, וואָס דער „שפּאָלער“ האָט אויסגעטראַכט אויף ר׳ נחמנען. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער, ר׳ נחמן, איז געווען אין ארץ־ישראל, האָט ער אין אַ מינוט פון צעמישטקייט „געוואָרפן אַ שטיין אין מרקוליס“, וואָס עס האָט געמיינט אַזאַ געצנדינסט פון אַמאָל, וואָס איז באַשטאַנען אין וואַרפן אַ שטיין אויפן אָפּגאָט מערקוריוס, וועלכער פלעגט

שטיין ביי די שייד־וועגן מיט פאַרשפּרייטע אָרעמס, צו ווייזן דעם וועג. אַט דעם געץ האָט מען געדינט דורך וואַרפן אַ שטיין אין זיין ריכטונג.

די אָנהענגער פון זיידן האָבן אויך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ר׳ נחמן איז אַ שונא ישראל, ווייל ער איז פאַר די גזירות, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן קעגן די יידן ווי, למשל, אַז מען זאָל נעמען יידן פאַר זעלנער און נאָך אַזעלכע זאַכן, אין דער צייט, ווען אַלע רביים בעטן צו גאָט, אַז מען זאָל די גזירות אָפּשאַפן. דער שפּאָלער זיידע און זיינע חסידים האָבן אויסגעטראַכט, אַז ר׳ נחמן זאָל האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט בעטן צו גאָט, אַז ער זאָל אָפּשאַפן די גזירות, ווייל זיי זענען גוט פאַר יידן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען פאַלש. דאָס אָפּגעבן יידן אַלס זעלנער איז דעמאָלט געווען זייער אַן אָנגעווייטיקטע זאַך אין יידישן לעבן. די משכילים האָבן עס געוואָלט און געפועלט ביי דער רוסישער רעגירונג, אַז מען זאָל נעמען יידן פאַר זעלנער, ווייל אַנדערש האָט מען דאָך נישט קיין שום רעכט צו פאַרלאַנגען פון דער רעגירונג, אַז מען זאָל יידן געבן גלייכע רעכט מיט נישט־יידן. די יידן־פיינט אין דער רעגירונג אין פּעטערבורג פלעגן דעמאָלט זאָגן, אַז יידן דאַרפן נישט קריגן קיין רעכט אין רוסלאַנד, זיי זענען אַזוי ווי ציגיינער, וואָס מען נעמט נישט זייערע קינדער פאַר זעלנער אַפילו אין פאַל פון אַ מלחמה, ווייל זיי וועלן נישט פאַרטיידיקן דאָס לאַנד מיט זייער בלוט. די משכילים האָבן זיך דעריבער באַמיט יאָרן־לאַנג אין פּעטערבורג, אַז מען זאָל יידן יאָ נעמען פאַר זעלנער, פּונקט אַזוי ווי מען נעמט אַלע אַנדערע בירגער. דעריבער ווען עס איז אַרויס דער „אוקאַז״ אַז מען זאָל יידן נעמען פאַר זעלנער, איז עס ביי די משכילים געווען אַ גרויסע שמחה, ווייל איצט וועלן זיי האָבן אַ פּתחון פה צו קענען טענהן, אַז מען זאָל די יידן געבן די זעלבע רעכט, וואָס די גוים האָבן. אָבער אַחוץ די משכילים האָבן זיך די יידן דערמיט נישט געפרייט, און די רביים פון יענער צייט האָבן עס אַפילו באַטראַכט פאַר אַ גזירה און געבעטן צו גאָט, אַז ער זאָל די גזירה אָפּשאַפן. די רביים האָבן אַפילו געשיקט שליחים קיין פּעטערבורג צו פועלן ביי דער רעגירונג, אַז זי זאָל דאָס געזעץ נישט דורכפירן אין לעבן.

די צרה איז געווען, וואָס דער רוסישער סאָלדאַט איז אין יענער צייט נישט געגאַנגען דינען אויף אַ קורצ־ער צייט, נאָר אויף כמעט אַ לעבן לאַנג, פינף און צוואַנציק יאָר אָדער מער. מען האָט אים אָפּגעריסן פון זיין משפחה, ווייב און קינדער און מען האָט אים כסדר געפּייניקט. פאַר יעדער קלייניקייט האָט מען געגעבן שמיץ (ראָזגעס), און די מיליטערישע לערע איז געווען באַגלייט פון קלעפּ און זידלערייען. דאָס איז געווען מיט אַלעמען, בפרט נאָך ווען אַ ייד איז אַריינגעפאַלן אין דער אַרמיי. זיין גורל איז דעמאָלט געווען אומדערטרעגלעך, ווייל די פאַר־ביטערטע גוישע סאָלדאַטן האָבן איצט אויסגעלאָזט זייער ביטער האַרץ, וואָס זיי האָבן געהאַט צו די „נאַטשאַלניקעס", צו דעם ייד און אים גע־רודפט און געשלאָגן... על פי רוב האָט אויך די „נאַטשאַלסטוואָ" גע־וואָלט אים אָפּשמדן, און אויב דער ייד האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, האָט מען אים דערפאַר געשלאָגן מכות רצח... עס איז געווען די צייט, ווען מען האָט ערשט געפּלאַנט צו כאַפּן יידישע קינדער און זיי אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן... דאָס איז געווען פאַר דער באַוווסטער „קאַנטאָניסטן־עפּאָכע", ווען מען האָט אַרויסגעריסן יידישע יינגלעך פון זייערע מו־טערס הענט און זיי פאַרשיקט אויף „סלוזשבע" אין ווייטע מקומות אין רוסלאַנד, ווו מען האָט זיי געברענט און געבראָטן, אַז זיי זאָלן זיך שמדן. יענע צייט איז ערשט געווען שפּעטער, אונטער דער הערשאַפט פון ניקאָ־לאַי דעם ערשטן, אָבער געגרייט דערצו האָט מען זיך שוין פריער.

דעריבער איז דער כעס געווען אַזוי גרויס אויף ר' נחמנען, ווען דער שפּאָלער האָט פאַרשפּרייט דעם קלאַנג, אַז ר' נחמן זאָל האָבן געזאָגט, אַז די דינסט צו מלכות איז נישט אַזאַ שלעכטע זאַך, ווייל דאַדורך גע־ווינט מען זיך צו דינען צום מלך מלכי המלכים, דעם אויבערשטן. פיל רביים האָבן דעריבער אים דעמאָלט חושד געווען, אַז ער איז פון די משכי־לים און אַז ער גייט אין זייערע וועגן. דער שפּאָלער זיידע האָט בכיוון זיך אָנגעכאַפּט ביי זיין ווייסער באָרד און האָט הויך אויסגעשריגן:

— להכעיס ר' נחמנען, שווער איך ביי נקיטת חפץ, אַז אַזוי לאַנג ווי אָט די ווייסע באָרד וועט זיין אויף דער וועלט, וועט מען קיין יידן אַלס זעלנער נישט נעמען.

עס איז דעריבער געווען אומזיסט, וואָס ר׳ נחמן האָט געטענהט, אַז עס איז גאָר פאַרקערט, אַז ער איז קעגן דעם, אַז מען זאָל יידן נעמען צו מיליטער־דינסט. ער האָט אַפילו געשריבן בריוו צו פיל רביים, מען זאָל מתפלל זיין שטאַרק צו גאָט, אַז ער זאָל די גזירה אָפּשאַפן, און ווען איינער פון די רביים האָט צו אים געזאָגט, אַז „די גזירה וועט ממילא בטל ווערן, וואָרום היתכן, אַז דער רבונו של עולם זאָל טאָן אַזאַ זאַך צו די יידן״, האָט ר׳ נחמן דערויף געענטפערט:

— דער רבונו של עולם האָט שוין פיל מאָל צוגעלאָזט גרויסע גזירות, צרות און אומגליקן אויף יידן. מען דאַרף דעריבער מתפלל זיין, ווייל עס שטייט „הקדוש ברוך הוא מתאווה לתפילתן של צדיקים״, דער אויבערשטער גלוסט צו הערן די תפילות פון די צדיקים. ר׳ נחמן האָט דעריבער טאַקע געהאַלטן אין איין מתפלל זיין צו גאָט, אַז די גזירות פון מלכות זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן. ער האָט דאָס אויך אַרויסגעבראַכט אין זיינע „תורה׳ס״, וואָס ער פלעגט זאָגן ביי די סעודות פון שבת און ביי אַנדערע געלעגנהייטן.

לסוף איז געשען, אַז די רוסישע רעגירונג האָט די „גזירות״ אָפּגעלייגט און האָט מדחה געווען דאָס נעמען יידן פאַר זעלנער אויף אַ שפּעטערדיקער צייט. דעמאָלט האָבן די בראַסלאַווער חסידים זיך אויסגערימט, אַז דאָס איז געווען צוליב זייער רבין, אַז ער האָט מיט זיין כוח אין הימל אָפּגעלייגט די גזירה אויף פיל יאָרן שפּעטער און אפשר וועט זי שוין אינגאַנצן בטל ווערן.

געוויינלעך האָט אַלע מאָל ר׳ נחמן פאַרשוויגן דעם זיידן. אָבער איינמאָל איז אָנגעקומען צו ר׳ נחמנען אַ ידיעה, אַז דער „שפּאָלער״ זאָל האָבן געזאָגט וועגן אים: „ווער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך איילן צו קומען אויף דער וועלט אין אונדזער דור? זיין נשמה איז דאָך גאָר פון די לעצטע דורות!״. דאָס האָט ר׳ נחמנען געקרענקט און ער האָט אים דערויף צוריקגעענטפערט: „ער וואַרפט מיר אויף, וואָס איך בין געקומען צו פרי, און איך קען אויפוואַרפן, וואָס ער איז געקומען מיט דריי דורות צו שפּעט!״. דער שפּאָלער האָט אים ווידער דערויף געענטפערט: „איבער גאַנץ אוקראַינע האָב איך די דעה אין הימל און אויב ער (ר׳

נחמן) וואָלט נישט געווען דעם בעש״טס אַן אייניקל, וואָלט איך שוין געוווסט וואָס צו טאָן מיט אים״. דערויף האָט ר׳ נחמן אים צוריק געענט־פערט: „ווי אַזוי קען עס דען געמאָלט זיין, אַז מען זאָל קעגן מיר נישט פירן קיין מחלוקה, ווײַבאַלד איך גיי אין אַ נייעם וועג, וואָס קיין מענטש איז נאָך אויף אים נישט געגאַנגען״.

לסוף, נאָך צוויי יאָר, איז ר׳ נחמנען מיאוס געוואָרן צו זיין אין זלאַטאָפּאָליע און ער איז אַוועק קיין בראַצלאַוו, קיעווער גובערניע. ער האָט דעמאָלט געזאָגט, אַז אין זלאַטאָפּאָליע האָט ער געהאַט צוויי מאָל גיהנום, ווייל רשעים זענען אין גיהנום נאָר 12 חדשים, און ער איז געווען דאָרטן 24 חדשים.

60

ר׳ נחמן האָט זיך כסדר אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אויסצוטרעטן אַ נייעם וועג אין חסידות, אָבער ער האָט אַלץ נישט געקאָנט קומען דער־צו. ער האָט געמיינט דאָס צו טאָן באַלד ווי ער וועט קומען צוריק פון ארץ־ישראל. אונטער דער השפעה פון הייליקן לאַנד וועט ער זיך אַוועק־זעצן על התורה ועל העבודה עטלעכע יאָר כסדר און שאַפן זיין נייע שיטה, אָבער מען האָט אים נישט געלאָזט. פריער זענען געווען משפחה־ענינים און דערנאָך דער זיידע פון שפּאָלע, וואָס האָבן אים נישט געגעבן קיין מנוחת הנפש צו קענען דערטראַכטן ביזן סוף זיינע טראַכטונגען און אַרויס־ברענגען זיי אויפן פּאַפּיר. ערשט ווען ר׳ נחמן איז געקומען קיין בראַצ־לאַוו, האָט ער געזאָגט צו זיינע מקורבים, אַז דאָ, האָפט ער, וועט ער אויפטאָן דאָס וואָס ער וויל אויפטאָן. געזאָגט האָט ער דאָס, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט אַ גלייכווערטל: עס שטייט אַ פּסוק אין ירמיהו „ונתתי להם לב בשר״, האָט ער געזאָגט אַז „לב בשר״ לייענט זיך אויף צוריק „ברשלב״.

בראַצלאַוו (קיעווער גובערניע) איז שוין פון לאַנג געווען באַקאַנט אַלס אַ חסידישע שטאָט. נאָך מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק האָבן די מתנגדים געקוקט אויף דער שטאָט ווי אויף אַ חסידישער פעסטונג. נאָך פריער איז דער באַוווסטער פאַלשער משיח, יעקב פראַנק, געקומען קיין

בראַצלאַוו און זיך דאָרטן באַזעצט און האָט אַפילו דאָרטן חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון אַ שיינער יידישער משפּחה און געוווּנען פיל אַנהענ־גער, וואָס האָבן געגלייבט אין אים. ווען די השפּעה פון חסידות האָט זיך געשטאַרקט אין בראַצלאַוו, זענען פאָרגעקומען גרויסע מחלוקתן צווישן די חסידים און די פראַנקיסטן, ביז די חסידים האָבן די לעצטע אינגאַנצן פאַרטריבן. ביי די מתנגדים אָבער איז אויסגעקומען, אַז די חסידים און די פראַנקיסטן זענען איינס און דאָס זעלבע און ווען ר׳ נחמן האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט האָבן זיינע שונאים אויף אים געזאָגט, אַז נישט בחינם האָט אים געצויגן צו אָט דער שטאָט. דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט אַ נייגונג צו די פראַנקיסטן, וואָס אַ רעשטל פון זיי איז נאָך גע־בליבן אין יענער שטאָט, פיל מער ווי אין אַלע אַנדערע שטעט אין פּאָדאָליע.

ר׳ נחמן האָט אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע רייד און ביי זיך אָפּגעמאַכט צו נעמען זיך דאָ צו דער עבודה. דאָ האָט ער גענומען אויס־בויען זיין שיטה און זי פאַרשפּרייטן צווישן זיינע חסידים. דאָ האָט ער אויך אָפּגעמאַכט ביי זיך צו צעברעכן די מזבחות פון די פאַלשע רביים און פון די אַלע, וואָס ריידן אין נאָמען פון בעש״ט און גיבן זיינע ווער־טער אַ פאַלשע אויסטי־טשונג. ר׳ נחמן האָט דאָס געטאָן אויף פאַרשיי־דענע וועגן. ער האָט געזאָגט „תורה״ זייער אָפט און אַריינגעלייגט אין די ווערטער פון דער סדרה פון דער וואָך זיינע טייטשונגען. ער האָט אויך געשריבן פיל בריוו צו זיינע חסידים, ווו ער האָט אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען, און אַזוי האָט ער אויך דערציילט מעשהלעך און משלים, אין וועלכע דער נמשל איז געווען דער געדאַנק, וואָס ער האָט געזוכט אַרויס־צוברענגען. אין יענער צייט האָט ער געזוכט אַ נאָענטן מענטש, וואָס זאָל זיין צוגעבונדן צו אים, איינעם, וואָס זאָל אים פאַרשטיין אויפן ווינק און וועלכער זאָל אויך פאַרשרייבן אַלץ, וואָס ער זאָגט, אויפן פּאַפּיר. איבערהויפּט זיינע טיפע אָפּגעריסענע געדאַנקען, וועלכע ער האָט גע־זאָגט שבת און אויך אין מיטן דער וואָך פאַר זיינע אַנהענגער, וואָס פיל מאָל זענען זיי נישט פאַרשטאַנען געוואָרן, ווייל עס האָט זיך געדוכטן אַז עס פעלט אַ צוזאַמענהאַנג. אַזוי האָט ער באַלד דעם ערשטן שבת, וואָס ער

איז געקומען קיין בראַצלאַוו, גערעדט זייער פיל דערפון, וואָס עס איז איינגנטלעך דער סאַמע תוך פון יידישקייט און ער האָט אויסגעפירט, אַז דאָס איז דאָס פילן גאָט אין יעדער זאַך, וואָס עס ווערט געטאָן אויף דער וועלט, אַפילו אין דער קלענסטער. אָבער אַ מענטש קען נישט פילן גאָט און נישט באַגרייפן אים אַזוי לאַנג, ווי ער איז אַריינגעטאָן אין גשמיות. דעריבער דאַרף מען, אויב מען וויל דערגרייכן אָט די מדרגה, דערווייטערן זיך וואָס מער פון גשמיות. מען דאַרף שטאַרקן די נשמה איבערן גוף, און דעמאָלט ווערט דער גוף — נשמהדיק. וואָס מער נשמהדיק דער גוף איז, אַלץ נעענטער איז ער צו דער געטלעכקייט.

מען דאַרף פאַרוואַנדלען דעם חומר אין צורהס, און וואָס מער מען טוט עס, אַלץ ווייטער גייט מען אויפן וועג צו פילן גאָט.

אַן אַנדער מאָל האָט ר׳ נחמן זיך צערעדט וועגן דער ראָלע פון צדיק אויף דער וועלט און געזאָגט צום עולם:

— דער צדיק איז נישט אָפּגעטיילט פון פאָלק. ער שטייט נישט איבער אים, ווייל ער און דאָס פאָלק איז איינס, אַזוי ווי עס איז איינס דער גוף און די נשמה... דער צדיק איז אין דער בחינה פון דער נשמה פון פאָלק... דער צדיק פירט דאָס פאָלק. ער איז זיין לערער און ווייזט אים די וועגן צו דער געטלעכקייט. ער פירט אים פון מדרגה צו מדרגה ביז ער ברענגט אים צום הויפּטפּונקט, צו דער דערקענונג פון דער געט־לעכקייט... דער צדיק וועקט אויך דעם עולם צו תשובה און מעשים טובים... ער שטאַרקט אין אים דעם גלויבן אין גאָט און איז משפיע אויף אים און ער שטאַרקט אויך אין אים דעם בטחון אין גאָט און פאַרענט־פערט פיל פון זיינע קשיות...

אַ טייל פון ר׳ נחמנס „תורהס" זענען געווען, כדי צו שטאַרקן אין זיך די נשמה פון צדיק איבער אַלע אַנדערע נשמות... אַזוי האָט ער כסדר גערעדט קעגן די, וואָס האָבן נייגונגען צו חקירה; קעגן די וואָס האָבן נייגונגען צו שירים און אויך קעגן די, וואָס האָבן נייגונגען צו „הוללות" און שטיפערייען. דערמיט האָט ער געשיקט פיילן אין די אַנדערע נשמות, וואָס האָבן געלעבט אין אים און וועלכע ער האָט געוואָלט אונטערדריקן.

ר׳ נחמן האָט נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן פאַרטראַכט אויך און אָנ־

געהויבן צו שרייבן אַ „ספר חסידות" (אָדער „ספר הא"ב", ווייל אַלץ איז דאָרטן געווען פאַרשריבן לויטן אלף־בית) אין פאָרם פון גלייכווערטלעך. אָט דעם „ספר חסידות" האָט ער זיך איצט גענומען ווייטער צו שרייבן און ער האָט באַשטימט, אַז ער זאָל באַשטיין פון צוויי אלף־ביתן. איינער דער, וואָס ער האָט געשריבן אין די יונגע יאָרן, פון דעם וואָס ער האָט געלערנט פון תנ"ך, ש"ס, מדרשים, זוהר און אַנדערע ספרים. וועגן דעם צווייטן אלף־בית, האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ער זאָל זיין פון זיינע אייגענע דערגרייכונגען... ער וועט פאַרשרייבן אַלע מאָל עפּעס פון דעם, צו וואָס ער איז געקומען און וואָס ער האָט געזען אויפן וועג צו גאָט און מענטשן.

אָבער כאָטש ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז זיינע אַנדערע נשמות זאָלן קומען צום אויסדרוק, זענען דאָך ביידע אלף־ביתן, דער ערש־טער און נאָך מער דער צווייטער, געווען פון די טראַכטענישן פון חקירה און פון שירה... דאָס זענען זיינע פילאָזאָפישע און פּאָעטישע מיינונגען.

ער פלעגט איצט אָפט אַרומגיין מיט אַ פּאָר יונגעלייט, פון די בעס־טע צווישן זיינע חסידים און זאָגן זיי זיינע ווערטלעך און געהייסן זיי, אַז זיי זאָלן זיי פאַרשרייבן. אָט די שמועסן זענען געווען וועגן פאַרשיי־דענע ענינים, אַלע מאָל וועגן עפּעס אַנדערש.

איינמאָל האָט זיך ר' נחמן צערעדט וועגן דער געטלעכקייט און גע־זאָגט צו זיינע תלמידים:

— פאַרשרייבט, וואָס כ'וועל אייך איצט זאָגן.

...אין די גרעסטע פאַרהוילענישן, און אַפילו אין דער פאַרהוילע־ניש פון די פאַרהוילענישן, איז אויך דאָ די געטלעכקייט.

...אַפילו די סאַמע שמוציקסטע ערטער, אַפילו די הייזער פון דער עבודה זרה, דאַרפן האָבן דאָס חיות פון דער געטלעכקייט, וואָס געפינט זיך אין אַ פאַרהוילענעם אָרט צווישן זיי...

...פון אַלעם הערט זיך די שטים פון גאָט, ווייל עס איז מלוא כל הארץ כבודו. ער איז איבער אַלעם... אַפילו פון די שמוציקסטע מעשיות פון די גויים... ווייל גאָט רעדט צו אַלעמען מיט ליבשאַפט און מיט רחמים...

...גאָט איז פאַרהוילן און אָפן. מיר זעען גאָט אין אַלעם און דאָך איז ער פאַרהוילן פון אונדז און אַלעם...

...אַפילו ווען אַ מענטש פאַלט טיף, קען ער נאָך אַלץ פילן גאָט...

...גאָט איז אין האַרצן...

און אַזוי האָט ר׳ נחמן, ווידער אַן אַנדערש מאָל, געהייסן זיינע תּל־מידים צו פאַרשרייבן זיינע געדאַנקען וועגן ענין מענטש.

— וואָס איז דער עיקר אין אַ מענטש? — האָט ר׳ נחמן געפרעגט און אַליין געענטפערט — דער עיקר אין אַ מענטש איז דער „איך״, וואָס עס איז די נשמה וואָס לעבט אייביק... אָבער דער ענין נשמה איז גאָר נישט אַזוי פּשוט...

...דו זאָלסט וויסן, אַז עס איז דאָ אַ פעלד און דאָרטן וואַקסן ביי־מער און גראָזן, וואָס זענען שיין פאַרן אויג. דאָס פעלד און אַלץ, וואָס עס וואַקסט דערויף איז אַזוי שיין, אַז מען קען עס גאָרנישט דערציילן. ווויל איז דעם אויג, וואָס זעט עס. און די ביימער און גראָזן זענען אין דער בחינה פון נשמות, הייליקע נשמות...

...עס זענען פאַראַן נאַקעטע נשמות, וואָס וואַנדערן אַרום פון אָרט צו אָרט אויסערן פעלד און וואַרטן אויף אַ תּיקון, אַז זיי זאָלן קומען צוריק אויף זייער אָרט... עס טרעפט אַמאָל, אַז אַ געוויסע נשמה, אָן וועלכער עס הענגען אַנדערע נשמות, גייט אַרויס פון פעלד און עס איז איר שווער צוריק צו קומען אַהין. זי מוז וואַרטן ביז דער בעל השדה, דער האַר פון פעלד, וועט זי צוריק ברענגען אַהין...

...דער „בעל השדה״ איז דער צדיק הדור, דער פירער פון דור, אין דער בחינה פון משה, משיח...

ווידעראַמאָל האָט ר׳ נחמן גערעדט וועגן ענין שׂכל.

— די נשמה איז דער שׂכל... דאָרטן, וווּ עס איז דאָ שׂכל, איז דאָ דער מענטש... די מחשבות פון מוח זענען לויט די מידות פון מענטש. מיט דער מאָס, וואָס אַ מענטש האַלט זיך אין איר, איז אויך זיין מחשבה... דער מענטש קען מאַכן, אַז די מחשבה זאָל זיין אַזוי ווי ער וויל... אַ מענטש קען זיך אָפּגעבן אויף מסירת נפש אין דער מחשבה און פילן דעם גאַנצן צער פון טויט, ממש, אויב ער נעמט זיך פאָר צו גיין אויף קידוש

השם... די מחשבות ליגן אין קאָפּ אין פּעקלעך. אויב מען דערמאָנט זיך אָן עפּעס, צוליב אַ זאַך, וואָס האָט אַרויסגערופן די מחשבה, ווערט יענע מחשבה אַרויסגענומען פון איר פּעקל. אַמאָל ווערט צוליב דעם אַן אומ־אָרדענונג אין מוח, ביז די מחשבה ווערט צוריקגעלייגט אין איר פּעקל... ריידן איז פון דער נשמה... יעדעס וואָרט קומט פון מוח און ווערט דאָרטן פאַרצייכנט... יעדעס וואָרט איז אַ גאַנצע וועלט.

איינמאָל האָט ר׳ נחמן געזאָגט צו זיינע תלמידים, אַז ער וויל זיי זאָגן אַזעלכע הויכע זאַכן, וואָס זיי וועלן אפשר נישט פאַרשטיין, אָבער זיי זאָלן פאַרשרייבן אַלץ, וואָס ער זאָגט, אַפילו אויב זיי וועלן עס נישט פאַרשטיין.

און ער האָט אָנגעהויבן:

...אַ מענטש איז אַ קליינע וועלט. אַ קליינע וועלט, אָבער אויך אַ גרויסע, ווייל די גאַנצע גרויסע וועלט באַשטייט פון קליינע וועלטלעך... אַ מענטש דאַרף דעריבער שטרעבן צו זיין אין אַלע וועלטן דורך העלפן אַנדערע מענטשן, אַנדערע וועלטן.

...אַלץ, וואָס עס איז קעגן ווילן פון מענטש, איז שלעכט... אַ פּאַ־מיליע איז אַ קליין פאָלק... יעדעס גראָז, יעדעס גרעזל זינגט שירה צו גאָט...

...יעדער פּאַסטוך האָט זיך זיין ניגון. און אַ ניגון לויט יעדן גרעזל און לויט דעם פעלד, ווו ער פּאַשעט זיינע שאָף...

...די הימלען דערציילן דעם כבוד פון גאָט און זיינע ווערק. זאָגט דער הימל, דאָס איז דער ניגון פון דער נאַטור, פון הימל און ערד.

...דער עיקר פון אַלעם איז דער אמת. יעדער איינער גייט מיטן אמת ווי ווייט ער קען. ווייל דער אמת איז דער אָנהייב, דער מיטן און דער סוף. דער אמת איז אָבער איינער. ווען מען זאָגט אויף זילבערנע לייכטער, אַז זיי זענען פון זילבער, איז עס אַן אמת. אָבער ווען מען וויל זאָגן ליגן, קען מען זאָגן, אַז זיי זענען פון קופּער, פון גאָלד און פון נאָך אַנדערע מעטאַלן... ליגנס זענען דאָ אַ סך...

איינמאָל, ווען ר׳ נחמן איז געווען טרויעריק, האָט ער צונויפגערופן זיינע חסידים און געזאָגט צו זיי:

— די גאַנצע וועלט איז פול מיט קריג. עס קריגן זיך פעלקער און עס קריגן זיך פאַר־פעלקער. עס קריגן זיך פריינט, און עס קריגן זיך שכנים. עס קריגט זיך אַ בעל הבית מיט דעם, וואָס אַרבעט פאַר אים, אָבער עס איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל אַ טראַכט טאָן: צו וואָס זיך קריגן, אַז מאָרגן שטאַרבסטו?

...אַ מענטש וואָס קומט אויף דער וועלט, איז געגליכן, ווי ער וואָלט איבערן מיטן פון ים געהאנגען אויף אַ דינער האָר און אַ שטורעם־ווינט טרייבט אים אַהין און אַהער...

...דאָס לעבן פון אַ מענטש מיינט צו גיין איבער אַ זייער שמאָלער בריק פון אָנהייב ביזן סוף... מען זאָגט, אַז עס איז דאָ אַן עולם הזה און אַן עולם הבא. מילא, אין אַן עולם הבא גלויבט מ'ען, אַז עס איז דאָ נאָכן טויט. אפשר איז אויך דאָ ערגעץ אַן עולם הזה... וואָרום אין דער וועלט, וואָס מיר זענען, איז עס נישטאָ, עס איז נאָר דאָ — דאָס גיהנום...

און אַמאָל, ווען ער איז געווען אין גאָר אַ שלעכטער לוינע, האָט ער געזאָגט צו אַלעמען:

— אין דער תורה איז דאָ אַ סך סם. עס איז צוויי: אַ סם פון לעבן און אַ סם פון טויט.

...„רבי" קען מאַכן, לויט ראשי־תיבות „ראש בית ישראל"; עס קען אויך מאַכן „רשעים בחושך ידמו".

...„קבלה" איז בגמטריא „נואף". ...עס איז דאָ אַן עזות פון טומאה און אַן עזות פון קדושה. ...אין נאַריש מאַכן זיך איז אויך דאָ אַ סך חכמה. ...און אומעטום איז דאָ יושר, אַפילו ווען מען טוט אַ מענטשן די גרעסטע עוולה...

...מען דאַרף זיך נישט שרעקן פון פאַרפירן אַ קריג מיט עמעצן. עס שאַפט אַמאָל אין אַ מענטשן נייע כוחות, ווי אַ וואַסער, וואָס שטראָמט און ברענגט אַרויף אין דער הויך פיש, וואָס מען זעט נישט אין אַ רוי־איקן ים...

... עס זענען דאָ פיל זאַכן, וואָס ברענגען שאָדן מענטשן. טאָ פאַרוואָס האָט מען זיי געשאַפן? — צוליב דער גוטער זייט, וואָס מיר ווייסן נאָך נישט דערפון.

ר׳ נחמן האָט אָפט ליב געהאַט צו ריידן אין בראַצלאַוו וועגן דער אויפגאַבע פון אַ צדיק אין דער וועלט און אַרויסגעזאָגט געוואַגטע גע־דאַנקען, וואָס אַפילו די סאַמע נאָענטסטע חסידים האָבן זיך געשראָקן זיי צו פאַרשרייבן. אָבער ער האָט זיי געהייסן עס טאָן.

ער האָט אָנגעהויבן דערמיט, וואָס ער האָט דערקלערט, אַז יעדער צדיק איז בבחינת משיח און דער אמתער צדיק הדור איז דער משיח הדור...

... דער צדיק איז דער צלם אלקים פון דור.

... דער צדיק ליידט־מיט מיט די, וואָס ליידן.

... דער צדיק מוז ברעכן די פאַרצוימונג פון אַנדערע צוליב זיין וועג.

... עס איז אַמאָל דאָ אַ גרויסער צדיק, וואָס די וועלט קען נישט פאַרטראָגן זיין הייליקייט און ער מוז זיך באַהאַלטן, כדי נישט אַרויסצו־ווייזן צו פיל קדושה.

... פאַראַן אַ צדיק, וואָס טויט זיך אָפּ ביים לעבן...

... אַ צדיק קען עפענען אַ גרויסע ליכט, וואָס דורך איר, זאָלן מענטשן זען ווי ווייט...

... די וועלט לעבט אין זכות פון צדיק, ווייל ער איז איר נשמה. ער בעט צו גאָט פאַר איר און גאָט הערט זיך צו צו אים...

... דער צדיק איז דאָס ליכט פון דער וועלט.

אַזוי האָט איצט ר׳ נחמן כסדר אַרויסגעזאָגט פאַר זיינע חסידים זיינע מיינונגען וועגן אַלעם. ער האָט זיך כסדר געטיילט מיט זיי מיט זיינע געדאַנקען.

ר׳ נחמן איז אין אָנהייב געווען זייער צופרידן פון בראַצלאַוו. די שטאָט־פירער האָבן אים צוגעטיילט פיל כבוד און די צאָל פון זיינע חסי־דים האָט זיך פאַרמערט, כאָטש די מחלוקתן קעגן אים האָבן נישט אויפ־געהערט, ווייל דער שפּאָלער זיידע האָט אַלץ נישט אָפּגעלאָזן. דאָך איז ר׳ נחמן געווען זיכער, אַז ער וועט איצט לעבן במנוחה און אַז זיין השפעה וועט בלייבן, אַפילו נאָכדעם, ווען ער וועט שוין דאָ נישט זיין. ער האָט דאָס בפירוש געזאָגט צו זיינע חסידים.

— מיין פייער וועט קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן!...

ר׳ נחמן האָט געהאַט אַ גרופּע יונגעלייט, איבערגעגעבענע חסידים, וואָס האָבן זייער געדן פֿאַרשריבן זיינע ווערטער, אָבער ער איז מיט זיי אַלע נישט געווען צופרידן און האָט כסדר געזאָגט, אַז ער דאַרף איין מענטש און נישט קיין עדה יידן.

— איך דאַרף האָבן אַ מענטש — האָט ער געזאָגט צו זיינע חסידים — וואָס זאָל מיך פֿאַרשטיין, נאָך איידער איך זאָג אַרויס די ווערטער פֿון מויל. איינער וואָס זאָל נישט בלויז זיין אַ למדן, נאָר אויך אַ בעל לשון, וואָס זאָל פֿאַרשרייבן אַלץ אַזוי, ווי עס דאַרף פֿאַרשריבן ווערן.

דאָס איז געווען אַ מין תפילה צו גאָט פֿון ר׳ נחמנען, אַז ער זאָל אים צושיקן אַזאַ מענטשן, וואָס זאָל זיין זייער נאָענט צו אים און וועל־כער זאָל אים זייער גוט פֿאַרשטיין, זיין אים געטריי און דינען אים מיט ליבשאַפֿט און איבערגעבנקייט...

61

דאָס געבעט פֿון ר׳ נחמנען, אַז גאָט זאָל אים צושיקן עמעצן, וואָס זאָל אים פֿאַרשטיין ביז צו אַלע טיפֿקייטן פֿון זיין נשמה און זאָל וויסן וואָס עס איז זיין באַגער, נאָך איידער ער, ר׳ נחמן, האָט עס אַרויסגע־רעדט, איז אין הימל דערהערט געוואָרן און איין מאָל אין דער פֿרי איז געקומען צו אים, אויף צו בלייבן מיט אים שטענדיק, ר׳ נתן.

ווער איז דער ר׳ נתן געווען?

ער איז געקומען פֿון נעמיראָוו, ווו ער איז געבוירן געוואָרן מיט 22 יאָר צוריק, אין יאָר תק״ם. ער איז שוין געווען אַ באַווייבטער, ווייל ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פֿון שאַריגראָדער רב, ר׳ דוד צבי. ער איז פֿאַרקנסט געוואָרן צו איר ווען ער איז אַלט געווען 12 יאָר, אין יאָר תקנ״ב און חתונה געהאַט מיט איר צו דרייצן, אין יאָר תקנ״ג. ער האָט געקענט אַביסל לערנען און געגעסן קעסט ביי זיין שווער, דעם רב, צוויי יאָר. דער רב איז געווען אַ פֿאַרברענטער מתנגד, אָבער ער, נתן, האָט זיך געחברט דווקא מיט חסידישע יונגעלייט, וועלכע האָבן אים געוואָלט באַ־קערן צו חסידות קעגן דעם ווילן פֿון זיינע עלטערן און אויך פֿון זיין

שווער. ר׳ נתנס נשמה איז געווען אַן אומרואיקע און האָט געזוכט אַ תיקון. ער איז אַ שטיקל צייט אַרומגעפאָרן, געקומען קיין קרעמעניץ און גע־לערנט אַ געוויסע צייט ביים שפּעטערדיקן ראש פון דער השכלה אין רוס־לאַנד, ר׳ יצחק בער לעווינסאָן. אָבער ער איז אַלץ נישט געווען צופרידן. איינמאָל איז ער פאַרבייגעפאָרן פאַר אַ הויז און געהערט ווי עמעצער זאָגט דאָרטן תהילים מיט גרויס כוונה. איז ער אַריין און האָט געוואָלט ווערן אַ תלמיד פון יענעם ייד. דאָס איז געווען ר׳ מרדכי, דער זון פון גרויסן צדיק ר׳ מיכל זלאָטשאָווער. ער האָט געלערנט ביי אים אַ שטיקל צייט, אָבער זיין נשמה איז אַלץ נישט געווען רואיק. אַביסל שפּעטער האָט ער געלערנט ביי ר׳ זישא אַניפּאָלער. אָבער אויך ער האָט אים נישט באַפרידיקט אין גאַנצן. שפּעטער האָט ר׳ נתן זיך באַזעצט אין בראַצלאַוו און געהערט וועגן ר׳ נחמנען. האָט ער געזאָגט צו זיך: „לאָמיך אַריינ־גיין צום רבין ר׳ נחמן, וואָס וועגן אים האָב איך געהערט אַזוי פיל מיי־נונגען, גוטע און שלעכטע. לאָמיך אַליין זען, וואָס ער איז״.

און ער איז אַריין צו אים און שוין געבליבן ביי אים. ער איז גע־בליבן זיין חבר, זיין נאָענטער מענטש און זיין איבערגעגעבנסטער תלמיד.

— דאָס איז מיין רבי, דער אמתער רבי! — האָט ר׳ נתן איצט געזאָגט צו אַלע זיינע נאָענטע. — איצט דאַרף איך מער נישט זוכן.

ר׳ נחמן האָט ווידער געזאָגט אויף ר׳ נתנען:

— מיר קענען זיך שוין לאַנג, אונדזערע נשמות קענען זיך זייער גוט. נאָר מיר האָבן זיך נישט געזען. איצט זענען מיר זיך צוריק צוזאַ־מענגעקומען.

ר׳ נתן איז געקומען צו ר׳ נחמנען אין דער סאַמער ריכטיקער צייט, ווען ער, ר׳ נחמן, האָט אַזוי פיל איבערגעלעבט אין זיך; אין דער צייט, ווען ער האָט אַזוי פיל געוויינט, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט; אין אַ צייט, ווען ער האָט מיט אַזוי פיל צער צוגעזען, אַז ער האָט נאָך גאָר נישט דערגרייכט... פאַר ר׳ נחמנען זענען דעמאָלט, נאָך זיין קומען קיין בראַצלאַוו, געווען טעג פון חשבון הנפש. ווי יונג ער איז נאָך דעמאָלט געווען, האָט ער שוין געהאַט דורכגעמאַכט כמעט אַ גאַנץ לעבן און ער האָט זיך איצט געזען, נאָך אַלע לויב־געזאַנגען, נישט גייענדיק אַרויף אויף

דער לייטער, נאָר אַראָפּ. דער סך־הכל איז געווען, אַז עס איז נישט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, נישט דאָס וואָס ער האָט געקענט דערגרייכן און ער איז געקומען צום געדאַנק, אַז קיין גרויסער רבי איז ער נישט געוואָרן...

ער האָט אַלץ פאַרשפּילט...

ער האָט פאַרשפּילט זיין יוגנט און קיין אשת נעורים נישט געפונען... די, וואָס איז געווען באַשערט פאַר אים, איז פון אים אַוועקגעריסן געוואָרן... און די וואָס ער האָט געקראָגן, איז פרעמד צו אים, צו זיין גייסט און האָט קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען דאָס מינדסטע אין אים... זי איז אַ ווילד־פרעמדער מענטש, כאָטש זי איז זיין ווייב... זי איז אַ ווייטע, כאָטש זי איז אַזוי נאָענט...

...און אַזוי אויך מיט די קינדער, טראַכט ער ווייטער, עס איז אַזוי... געוויס — קינדער... אָבער האָבן אַזוי געדאַרפט זיין זיינע קינדער? זענען דאָס די גרויסע קינדער, וואָס האָבן געדאַרפט אַרויסקומען פון אים?...

...און אַזוי אויך מכוח פרנסה... וועגן געלט האָט ער קיינמאָל נישט געטראַכט. אָבער האָט ער, דער גרעסטער בעל־מוח פון דור, געדאַרפט צו לעבן אַזאַ אָרעם לעבן, ווען דער מינדסטער פון די צדיקים, וואָס קומט נישט צו זיינע קנעכל, איז באַזאָרגט מיט עושר און כבוד?...

...יאָ, עושר און כבוד — ער האָט ביידע זאַכן נישט... און פאַרוואָס קריגט די גאַנצע וועלט קעגן אים? פאַרוואָס לאָזט מען אים נישט צורו? מיט וואָס האָט ער אַזוי חוטא געווען? וואָס וויל פון אים דער שפּאָלער? און וואָס ווילן פון אים אַלע אַנדערע? וואָס האָט אייגנטלעך צו אים ר׳ פנחס קאָריצער? און וואָס דער בערשאַדער? וואָס פאַראַ טענות האָט צו אים ר׳ ליב שרהס? פאַרוואָס האַלט נישט פון אים דער ליאַדער? און פאַרוואָס רודפן אים אַפילו זיינע פעטערס? דער פעטער ברוך און דער פעטער אפרים?... וואָס האָבן זיי צו אים?

...יאָ, ער האָט געמיינט אַמאָל, אַז דאָס איז, ווייל ער האָט פיל נשמות. ער האָט זיך דעריבער פאַרגענומען אונטערצודריקן די אַנדערע נשמות אונטער דער דאַזיקער פון אַ צדיק. און אויב דאָס איז נאָך אַלץ

ווייניק, האָט ער געהאָפט אויפן זכות פון ארץ־ישראל... ער האָט געהאָפט, אַז אויב ער וועט פאָרן קיין ארץ־ישראל און קומען צוריק פון דאָרטן מיט דער ברכה פון דער שכינה, וועלן זיך אַלע וועגן עפּעס פאַר אים. אָבער עס איז אַזוי נישט געווען...

...ערשט נאָכן קומען פון דאָרטן האָבן זיך אָנגעהויבן די מחלוקת קעגן אים...

...און צו זיך אַליין מעג ער עס דאָך זאָגן: מען האַלט נישט פון אים; מען האַלט אים פאַר אַ רבי, אָבער נישט פאַר איינעם, וואָס דאַרף פאַרנעמען דעם אויבנאָן... אַפילו אויף צו שטיין ביי דער מזרח־וואַנט, צוזאַמען מיט די אַנדערע, לאָזט מען אים אויך נישט...

...די ווערטער, וואָס דער טיראַווצער האָט אים געזאָגט, האָבן אים טאַקע אַביסל אויפגעהויבן, אָבער דער טיראַווצער איז באַלד דערנאָך געשטאָרבן... אויך ר׳ נחומטשע איז שוין מער נישטאָ, און אַזוי אויך ר׳ הירש פון אַליק... די אַלע, וואָס האָבן אַזוי געהאַלטן פון אים...

און אַזוי זענען געווען טעג, ווען ר׳ נחמן האָט געוויינט אין זיך... ווען ער האָט געבעטן אויף אַ פריינט וואָס זאָל צו אים קומען...

און דעמאָלט איז געקומען — ר׳ נתן...

עס איז געקומען דער, וועלכער האָט זיך אַזוי פאַרליבט אין אים, ווי עס פאַרליבט זיך אַ בחור אין אַ בתולה, און ווי עס ציט אַ גרעזל צו באַהעפטן זיך מיט דעם, וואָס איז זיין פּאָר... ר׳ נתן איז געווען ווי אַ שיינע וואַזע, אין וועלכער מען האָט געדאַרפט אַריינשטעלן בלומען; ווי אַ פּרעכטיקע פלאַש, וואָס מען דאַרף אָנפילן מיט וויין, אָדער ווי אַ שיינער גאָלדענער רינג, אין וועלכן מען דאַרף אַריינזעצן אַ דימענט...

און אַזוי האָבן זיך ביידע געפונען. ר׳ נחמן און ר׳ נתן... אייגער האָט ממלא געווען דעם אַנדערן... ר׳ נתן האָט געטרונקען פון קוואַל פון ר׳ נחמנען, און ר׳ נחמן האָט אָנגעקוואָלן פון די שבחים, וואָס ר׳ נתן האָט אים געגעבן... פון דער אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן פאַר זיין פרסום... פון די קרבנות, וואָס ער האָט געבראַכט פאַר אים...

און עס איז אויסגעוואַקסן אַזאַ גרויסע ליבע צווישן זיי, אַז איינער האָט נישט געקאָנט לעבן אָן דעם אַנדערן; ווען יעדער איינער פון זיי

האָט כסדר געזוכט דעם צווייטן; ווען עס איז געווען, אַז איינער זאָל עפענען זיין מויל, און דער אַנדערער זאָל שוין וויסן וואָס ער וויל זאָגן; ווען איינער זאָל אַזוי ציטערן איבערן אַנדערן און אויך אַזוי ליידן...

ר׳ נחמן און ר׳ נתן, ר׳ נתן און ר׳ נחמן — צוויי גופים און איין נשמה... צוויי מענטשן מיט איין לעבן... צוויי וועלטן מיט איין געזאַנג...

גאָר באַזונדערס איז ר׳ נתן געווען פאַרליבט אין ר׳ נחמנען און זיך צוגעקוקט צו יעדער מינע, וואָס ר׳ נחמן האָט געמאַכט, צו זיין איטלע־כער העויה; צו דער קלענסטער תנועה; צו דער מינדסטער באַוועגונג... ער איז אַלע מאָל געווען גרייט אויפצושפרינגען פון אָרט און צו באַדי־נען אים מיט ליבשאַפט און איבערגעבנקייט, וואָס דערגרייכט ביז קנעכט־שאַפט... מיט אַן אויפמערקזאַמקייט, וואָס האָט אין זיך הינטישקייט... מיט אַזאַ אויסערגעוויינלעכער ליבע, וואָס עס האָט נאָר אַן אמתע, נאַ־רישע מאַמע...

און ר׳ נחמן ווייס עס און טרינקט פון ר׳ נתנס קוואַל... ער דאַרף עס, ווייל עס זענען טראָפּנס פון טוי אויף זיין טרוקן געמיט... ער לעבט אין זכות פון ר׳ נתנס רייד און גלייבט, ווייל ער וויל גלייבן, אין אַלעם, וואָס ער זאָגט צו אים...

און ר׳ נתן זאָגט אים אַלץ, וואָס ר׳ נחמן וויל הערן. ער זאָגט אים, אַז ער האָט אַלץ דערגרייכט... אַז קיין גרעסערער צדיק פון אים איז גאָר נישטאָ, נישט נאָר אין היינטיקן דור, נאָר עס איז אויך נישט געווען אין די פריערדיקע דורות, און עס וועלן אויך נישט זיין אין די דורות, וואָס וועלן קומען נאָך אים. אַז ער האָט דערגרייכט מער ווי זיין זיידע, דער בעש״ט... יענעם האָט מען נישט געלאָזט אַריינקומען קיין ארץ־ישראל, און ער איז דאָרטן געווען... ער האָט אים אויך פאַרזיכערט, אַז אַלע האַלטן פון אים, כאָטש זיי שטרייטן קעגן אים. דאָס איז דערפאַר, ווייל ער איז די זון פון דור און שיינט אַזוי שטאַרק, אַז זייערע אויגן טוען זיי אַזש וויי... ער טרעט אויס אַ וועג נישט נאָר פאַר משיחן, נאָר ער איז עס אַליין... ער איז דער מלך המשיח באיתכסיא, אין פאַרהוילנקייט, און ער וועט עס זיין שפּעטער באיתגליא... ער וועט זיך אַנטפּלעקן, ווען די צייט וועט קומען, און די צייט איז נאָענט, זייער נאָענט...

ר׳ נחמן אַליין ווייס גאַנץ גוט, אַז ער איז נישט גאַנץ מיט זיך... אָבער ר׳ נתן רעדט אים דאָס אויס און ווייזט אים אויף, אַז ער איז די שלימות אַליין... ר׳ נחמן ווייס אויך, אַז אַ מענטש קען באַגיין פעלערן און איז נישט אַ יוצא מן הכלל... אָבער ר׳ נתן וויל דאָס נישט הערן... ער וויל נישט הערן קיין שום פגם אויף זיין רבין... זיין רבי איז אָן שום חסרונות... ער איז אַ צדיק מלידה... ער האָט קיינמאָל נישט טועם געווען טעם חטא... ער ווייס לגמרי נישט וואָס זינד איז...

און ר׳ נחמן הערט עס און שווייגט, ווייל ער וויל עס הערן... נישט ווייל ער, ר׳ נחמן, וויל נישט דעם אמת... ניין, פאַרקערט, ר׳ נחמן ווייס גאָר שטאַרק דעם אמת, אָבער ער ווייס אויך אַז עס זענען דאָ צוויי אמתן... איינעם, וואָס דער מענטש אַליין האָט און דער צווייטער וואָס די וועלט האָט וועגן אים. ר׳ נחמן ווייס זיין אמת, אָבער עס קען זיין, אַז די וועלט זאָל האָבן איר אמת וועגן אים... דעם אַנדערן אמת, דעם, וואָס ר׳ נתן זאָגט אים... די וועלט דאַרף נישט אַריינקוקן אין קדשי קדשים פון אַ גרויסן רבי... עס איז איינגעפירט געווען אין בית המקדש, אַז דאָס פאָלק איז געשטאַנען אין דער עזרה... אָבער די כהנים, די בעסערע און אויס־געווײלטע פון גאָט זענען געווען אין בית המקדש און דאָרטן געבראַכט קרבנות צו גאָט... און דער כהן גדול, וואָס איז געווען איבער זיי אַלעמען, האָט אויך נישט געטאָרט אַריינקומען אין קדשי הקדשים, נאָר בלויז איין מאָל אין אַ יאָר, אין יום כיפור...

עס מוז זיין אַ מחיצה צווישן פאָלק און גאָט...

און ר׳ נחמן האָט איצט אין זיינע „תורהס" שוין געוויזן, אַז אַפילו זייערע נעמען זענען איינס, ווייל דער אָנהייב בייביידע איז אַ „נון" און דער סוף איז אַ „שלוס־נון", און אַז די איבעריקע אותיות „חית" און „מם" ביי ר׳ נחמנען און „תיו" ביי ר׳ נתנען זענען מרמז אויף „חכמה", „מלכות" און „תורה".

ווי אַ יונג מיידל, וואָס איז פאַרליבט, פירט אַ טאָג־בוך, אַזוי האָט אויך באַלד די פאַרליבטע נשמה פון ר׳ נתנען אָנגעהויבן צו פירן אַ טאָג־בוך, ווו ער האָט פאַרשריבן אַלץ, וואָס ר׳ נחמן האָט געזאָגט און נישט נאָר וואָס ער האָט געזאָגט, נאָר וואָס ער האָט אַפילו בלויז מרמז געווען...

אַ ציטער מיטן אויג, אָדער אַ מאַך פון דער האַנט און אַפילו פון איין פינגער בלויז... אין יענעם טאָג־בוך האָט די פאַרליבטע נשמה פון ר׳ נתן פאַרצייכנט:

...„אַמאָל האָט מען מיר דערציילט, אַז ער האָט שטאַרק מקפּיד געווען אויף די, וואָס פאָרן צו אים אויף פּורן און גייען נישט צופוס. האָב איך מיך איבער דעם שטאַרק פאַרטראַכט און האָב איינגעזען, אַז אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין. מען מוז טאַקע גיין צו אים צופוס, און איך האָב גע־קראָגן אַ שטאַרק חשקות צו דעם... האָט השי״ת אַזוי געמאַכט, אַז איך האָב זוכה געווען צו גיין צופוס צו אים דריי מאָל, און איך האָב פיל מרויח געווען פון דעם, וואָס איך בין אָט די דריי מאָל צופוס געגאַנגען. וואָרום ווען איך וואָלט זיך נישט אָנגעטאָן אַ כוח צו גיין צופוס, וואָלט איך ביי אים יענע דריי מאָל איינגאַנצן נישט געווען... געלויבט איז דער, וואָס איז טוב ומיטיב סיי פאַר גוטע, סיי פאַר שלעכטע, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו דעם וואָס איך האָב אין אָט די דריי מאָל באַזונדערס מרויח געווען. דאָס ווייס איך שוין אַביסל, ווייל איך געדענק נאָך, וואָס איך האָב דעמאָלט געהערט פון אים, און דאָס איבעריקע וועל איך באַגרייפן לעתיד לבוא, ווען איך וועל צו דעם זוכה זיין... מיין חבר, ר׳ נפתלי, האָט אויך אָנגעהויבן גיין צו אים צופוס, מחמת ער האָט אויך געהערט די זעלבע רייד... צווישן די איבעריקע חברים זענען געווען אָרעמעלייט, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג צופוס... וויל איז צו זיי!... וויל איז זייער חלק!... מיר האָבן, אַדאַנק דעם אייבערשטן, געהאַט אויף הוצאות, ווייל מיר זענען דעמאָלט געווען רייכע קינדער, נאָר פון גרויס השתוקקות האָט אונדז השי״ת געהאָלפן, אַז מיר זאָלן צו אים גיין אייניקע מאָל צופוס״.

אין זעלבן טאָגבוך פאַרשרייבט אויך ר׳ נתן מיט אַ ציטער פון אַ געליבטן ווי אַזוי ער איז געקומען דערצו צו פאַרצייכענען זיין רבינס „תורהס״. ער שרייבט אַזוי:

„אין יאָר ת״ק ס״ב אין חודש אלול האָב איך זוכה געווען צו ווערן דערנענטערט צו מיין רבין, דעם הייליקן און מוראדיקן, דעם אמתן רבי, אונדזער גרויסן ר׳ נחמן. ער האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און מיך דערנענטערט צו זיך מיט זיין גרויס רחמנות אויף אַלע, און האָט מיך

באַהאַנדלט, ווי עס טראָגט אָן אַם איר זויגנדיק קינד, און תיכף נאָך ראש השנה, וואָס איך בין דערנענטערט געוואָרן צו אים, האָט ער מיך אָנגעהויבן צו באַוויגן צו פאַרשרייבן זיינע „תורהס". אָבער איך האָב נאָך נישט זוכה געווען צו שרייבן פאַר אים ביז נאָך שבת חנוכה, ווען כ'האָב פאַרשריבן די גאַנצע „תורה" פון „ראיתי מנורת זהב", און אַזוי איז געווען מיין וועג צו פאַרשרייבן זיינע רייד. די „תורה", וואָס ער האָט געזאָגט אין יענער צייט. אַזוי איז געווען, למשל, דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט שבת חנוכה, און איך האָב עס פאַרשריבן. ער האָט געזאָגט פאַר מיר אַ זאַץ נאָך אַ זאַץ אויף יידיש און איך האָב עס פאַרשריבן אויף לשון הקודש, ביז איך האָב פאַרענדיקט עס צו פאַרשרייבן. על פי רוב האָב איך שפּעטער איבערגעחזרט פאַר אים דאָס, וואָס איך האָב געהאט אויפגעשריבן. די שטערונגען און מניעות און יסורים, וואָס איך האָב געהאַט אין יענעם יאָר, תקפ"ג, קען מען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן, ווייל אַלע זענען געווען קעגן מיר, סיי מיין ווייב, סיי מיין טאַטע און סיי דאָס גאַנצע הויזגעזינט און אויך אַלע פון מיין זיידנס הויז. איך וואָלט געקענט דערציילן זייער פיל פון די גרויסע שטערונגען, וואָס איך האָב געהאַט אָן אַ שיעור ביי יעדער נסיעה, ביי יעדער באַוועגונג און ביי יעדער טאַט פון אונדזער רבין, וואָס ער האָט מיר געהייסן טאָן. איך ווייס אַליין נישט פון וואַנען איך האָב געהאַט אַזאַ כוח צו קענעןביישטיין די אַלע שטערונגען, וועלכע זענען געווען שווער אַריבערצוטראָגן. תיכף יענעם ווינטער האָט מיך מיין פאָטער אַרויסגעטריבן פון הויז, און איך האָב געמוזט גיין עסן ביי מיין זיידן, און מיין ווייב האָט געגעסן ביי איר פאָטער. וועגן דעם וואָלט איך געקענט פיל דערציילן. פונדעסטוועגן האָט מיר גאָט געהאָלפן און איך בין יענעם ווינטער געווען עטלעכע מאָל ביים רבין און פאַר חנוכה בין איך געווען ביי אים נאָענט צו דריי וואָכן ביז נאָך שבת חנוכה. דערנאָך בין איך געקומען צו אים נאָענט צו ראש חודש שבט"...

און אַזוי דערציילט ר' נתן ווייטער מיט אַ יראת הכבוד און מיט אַ טיפן ציטער פון ליבע אין האַרצן וועגן זיינע איבערלעבונגען צוליב זיין ליבע צו זיין רבין...

ר׳ נחמן האָט אַ הנאה געהאַט פון די שבחים, וואָס ר׳ נתן האָט אים געגעבן, אָבער צו שטאַרק צופרידן פון זיי איז ער נישט געווען, ווייל ערשטנס, האָט ער טיילמאָל פון זיך געהאַלטן אַזוי גרויס, אַז ר׳ נתנס שבחים האָבן גאָר נישט געמיינט פיל פאַר אים. וואָרום, האָט ער זיך געטראַכט, באמת, וואָס קען דאָרטן אַזאַ ייד, ווי ר׳ נתן פון נעמיראָוו אים זאָגן, נאָכדעם ווי דער גרויסער טיראָוויצער אַליין איז געקומען צו אים, זיך געזעצט צו זיינע פיס און אים געזאָגט, אַז ער איז זיין רבי און אַז ער, ר׳ נחמן, איז דער משיח הדור... אָבער פון דער אַנדערער זייט, אַזוי ווי יעדער מענטש האָט ליב, אַז מען זאָל אים זאָגן לויב־ווערטער, האָט ער אין מינוטן פון פאַרצווייפלונג און צער אַריינגערופן ר׳ נתנען צו זיך און אים געפרעגט:

— זאָג מיר, נתן, מען האַלט עפּעס פון מיר? בין איך טאַקע אַ גרויסער רבי?

און ר׳ נתן פלעגט אים אין אַזעלכע מינוטן פאַרזיכערן, אַז יאָ; אַז עס איז די מיינונג פון אַלעמען, אַז ער, ר׳ נחמן, איז דער גרויסער צדיק הדור און אַז סוף כל סוף וועלן אַלע רביים קומען צו אים און זיך בוקן צו אים...

ר׳ נחמן האָט גוט געוווסט, אַז עס איז נישט אַזוי, אָבער עס איז אים געווען אָנגענעם דאָס צו הערן. יאָ, ר׳ נחמן האָט געוווסט, אַז די רביים, ובפרט די גרעסטע פון זיי, האַלטן נישט פון אים און זענען אים נישט גורס און נישט בלויז דאָס, נאָר אַז מען רודפט אַפילו זיינע חסידים און אַז אַנדערע ווילן זיך נישט משדך זיין מיט זיי...

ר׳ נחמן פלעגט זאָגן וועגן ר׳ נתנען, אַז ער, ר׳ נתן, איז קעגנאיבער אים ווי די לבנה קעגנאיבער דער זון. די לבנה אַליין האָט נישט קיין אייגענע ליכט און נעמט אַלץ פון דער זון און דערמיט שיינט זי ביינאַכט אויף דער ערד. אַזוי האָט אויך ר׳ נתן גענומען פון דער גרויסער זון פון ר׳ נחמנען און געשיינט דערמיט פאַר אַנדערע מענטשן...

אָבער ר׳ נחמנען איז דאָס געווען ניחא. ער איז געווען צופרידן צו שייגען און שיקן זיינע ליכט־שטראַלן צו אַלעמען, צו וואַרעמען און היילן און באַזונדערס דורך ר׳ נתנען...

ר׳ נחמן האָט געקענט ר׳ נתנען פון אַלע זייטן, און האָט גוט גע־ווּסט וועך ר׳ נתן איז. ער האָט אָפּגעשאַצט אַלע זיינע מעלות און אויך זיינע חסרונות. ער האָט געזען, אַז נתן האָט ווייניק געלערנט און אַז אין זיין יוגנט איז ער געווען אַ פריילעכער יונג, וואָס האָט ליב געהאַט צו מאַכן שפּאַסן און אָפּטאָן שפּיצלעך און אין תוך געווען אַ פּוסטע כלי... ער האָט אויך געהאַט אַ ידיעה וועגן דעם, אַז נתן איז פול מיט יצר־הרע־דיקע געדאַנקען און אַפילו אויך מיט מעשים, ווייל ר׳ נתן האָט פיל מאָל זיך מתוודה געווען פאַר אים און אַביסל איז געווען אויך פון דעם, וואָס ער האָט אַליין געזען... טייל מאָל איז אַפילו ער אַליין געווען פאַרמישט אין דעם... אמת, ר׳ נחמן האָט געזאָגט, אַז אַ מענטש דאַרף צוליב דעם נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך, ווייל קיין מענטש קען גישט זיין דורכויס צדיק... אַ מענטש מוז אַמאָל זינדיקן אויך... „אין אדם אשר יעשה טוב ולא יחטא״, עס איז נישטאָ קיינער וואָס זאָל טאָן לויטער גוטס און קיינמאָל נישט זינדיקן... עס איז פון יענע זינד, וואָס בלייבן פאַרדעקט און וואָס עס וויים נאָר דער מענטש אַליין, דער וואָס זינדיקט, און אַמאָל צוויי, וואָס זינדיקן צוזאַמען... דאָס נעמט זיך פון דעם יצר, וואָס איז דאָ אין אונדז, וועלכער שטאַרקט זיך אַמאָל איבערן מענטש. ווי עס האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט: „בשעה שאדם רואה שיצרו מתגבר עליו״, ווען אַ מענטש זעט, אַז דער יצר־הרע שטאַרקט זיך איבער אים... אָבער, גוט צי שלעכט, ר׳ נתן איז זייער איבערגעגעבן צו אים און האָט אים ליב פונקט אַזוי ווי אַ יונגפרוי איר געליבטן... ער קוקט כסדר אַרויף צו אים מיט אַזעלכע פאַרליבטע אויגן... אָבער אויך ר׳ נחמן האָט אים באמת ליב, ממש ווי אַן אשת נעורים... עס איז עפּעס דאָ אַזאַ כוח, וואָס בינדט זיי ביידן צו־זאַמען, ממש ווי מיט שטריק. אָבער ער וויל נישט צופיל טראַכטן דערפון...

דערצו איז דאָך ר׳ נתן אַזאַ „כתבא רבא״... ר׳ נחמן פילט, אַז ערשט איצט וועט ער, דורך אים, האָבן אַ תיקון בבחינת „יפוצו מעיונתיך החוצה״... דיינע געדאַנקען זאָלן אַרויסקומען אין דרויסן... ר׳ נחמן וועט זיצן מיט אים און זאָגן אים זיינע רעיונות און ער וועט זיי פאַרשרייבן... ער וועט איצט אָנהייבן מוציא צו זיין מכוח אל הפועל, וואָס ער האָט שוין אַזוי לאַנג געטראַכט... ספרים, ספרים, ספרים... אַלערליי ספרים,

גרויסע, מיטעלע און קליינע... גאַנצע געדאַנקען און שפּליטערן פון גע־דאַנקען. ער, ר׳ נתן, וועט שוין וויסן ווי אַזוי זיי אָנצוקליידן מיט לשון און זיי אַרויסצוברענגען פאַרן עולם. אָט דאָס וועט ער איצט טאָן! ער וועט איצט ווייזן דער וועלט, און דער עיקר, די אַלע רביים און רביימלעך, ווער ער איז!... ער וועט זיי ווייזן, אַז מיט אים שפּילט מען זיך נישט! ער הייבט איצט אָן אַ נייע סדרה אין זיין לעבן...

62

ר׳ נחמן, וועלכער איז איצט געווען אין אָנהייב פון זיינע דרייסיקער יאָרן, האָט דורכגעמאַכט אַ נייעם פּעריאָד אין זיין לעבן. עס איז גע־ווען ביי אים איצט אַ צייט, ווען אַלע זיינע נשמות האָבן שלום געמאַכט צווישן זיך אויף צו אַרבעטן צוזאַמען. ער האָט שוין מער נישט געדאַרפט צו אונטערדריקן קיין איינע פון זיי. פאַרקערט, עס איז איצט גאָר אויס־געקומען ביי אים, אַז ער דאַרף האָבן אַלע זיינע נשמות פאַר איין גרויסן צוועק. אָבער וואָס דאָס איז, האָט ער געהאַלטן טיף פאַרשלאָסן ביי זיך אין האַרצן. דאָס האָט ער קיינעם נישט געזאָגט, אַפילו נישט צו ר׳ נתנען.

ר׳ נחמן האָט זיך איצט אַרומגעזען, אַז אַפילו צווישן צדיקים הערשט דאָס מיאוסע געפיל פון קנאה־שנאה. אויך ביי די הייליקע איז דאָ אַ טיפער האַס פון איינעם צום אַנדערן, און בפרט נאָך צו אַ יונגן רבי, וואָס וויל ערשט שטייגן אויף דער לייטער פון באַרימטקייט. ער האָט איינגע־זען, אַז כאָטש פון די לעפצן פון פיל פון די דאָזיקע „צדיקים" און „גוטע יידן" טריפט ליבע צו אַלע מענטשן, זענען דאָך זייערע הערצער פול מיט גיפט פון האַס צו יענע, אויף וועמען עס דוכט זיך זיי נאָר אויס, אַז זיי ווילן קומען אין זייערע געמאַרקן. זיי האָבן באַלד מורא, טאָמער וועט יענער עפּעס צונעמען ביי זיי, אָדער מינדערן פון זייער כבוד... ר׳ נחמן האָט איצט אַראָפּגעקוקט אויף די צדיקימלעך און גוטע יידעלעך מיט זייערע קליינע השגות... אויף די קליינע מענטשעלעך, וואָס קענען זיך קיינמאָל נישט אויפהייבן העכער פון זיך און ער האָט געטראַכט, אַז עס איז גאָר נישט אַזאַ גרויסע זאַך צו ווערן זיין דער ראש פון די צדיקים...

וואָרום, משטיינס געזאָגט, וואָס פּאַראַ ראש קען מען דאָס זיין?... דער ראש פון וועמען? דער קאָפּ פון אַזעלכע קליינע ברואים, וואָס פירן כסדר ביטערע מחלוקתן צווישן זיך, וואָס זענען נישט ווערט אַפילו אַ שמעק טאַבאַק... צוליב אַ ביסעלע כבוד און אַ קאָפּקעלע פּרנסה...

און ר׳ נחמן האָט איצט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פאַראייניקן אַלע זיינע פיר נשמות, וואָס זענען דאָ אין אים, פאַר איין גרויסן ציל. ער וועט נעמען די נשמה פון אַ חוקר, וואָס ער האָט פאַרשטויסן; די נשמה פון פּאָעט, וואָס ער האָט פאַרשוויגן און די נשמה פון לץ, וואָס ער האָט פאַרשטיקט און זיי אַלע באַטייליקן אין איין גרויסער אַרבעט.

אָבער פריער פאַר אַלעם, האָט ר׳ נחמן געפילט, מוז ער אַרומפאָרן... ער וועט פאָרן צוזאַמען מיט ר׳ נתנען. עס וועט נישט זיין אַ נסיעה מעבר לים, נאָר אין די היימישע מקומות. און פאָרן וועט ער נישט כדי צו זאַמלען געלט פאַר וויב און קינדער — ניין, זיי האָבן געגוג, און אויב נישט, מוזן זיי האָבן געגוג. ער וועט אויך נישט קלייבן קיין געלטער, כדי אַרויסצוגעבן זיינע ספרים. דערויף האָט אים ר׳ נתן געזאָגט, דאַרף ער זיך נישט זאָרגן... אָבער דאָס פאָרן וועט זיין צוליב אַן אַנדער צוועק... ער וועט בלויז פאָרן אין עטלעכע שטעט און דאָס אַלץ אַלס טייל פון זיין גרויסן רעיון... עס וועט אים אַפילו נאָך קאָסטן געלט, אָבער עס איז כדאַי... אָבער אַפילו ר׳ נתן טאָר נישט וויסן, פאַרוואָס ער פאָרט... ער איז זיכער, אַז ר׳ נתן וועט אים אַפילו נישט איבערפרעגן. אויב ער וועט אים הייסן פאָרן מיט אים, וועט ער פאָרן.

און אַזוי איז טאַקע איינמאָל ר׳ נחמן צוגעקומען צו ר׳ נתנען און צו אים געזאָגט:

— נתן, מיר וועלן פאָרן.

— וועו, רבי? — האָט ר׳ נתן אַרויפגעקוקט צו אים מיט פאַרליב־טע אויגן.

— מאָרגן אין דער פרי, נתן, וועלן מיר זיך אַריינזעצן אין אַ וואָגן און פאָרן.

— אָבער וווהין, רבי? — האָט ר׳ נתן אים ווידער געקוקט אין די אויגן אַריין.

— ווי גאָט ברוך הוא וועט מיר ווייזן, כ׳ווייס אַליין נאָך נישט ווו. מיר וועלן פאָרן און דאָס איבעריקע וועט ער אין הימל מיר ווייזן...

— גוט, רבי, — האָט ר׳ נתן אונטערטעניק צו אים געזאָגט — אַזוי ווי דער רבי זאָגט, אַזוי וועט זיין.

—און צומאָרגנס האָבן זיי טאַקע גענומען פאָרן. ר׳ נחמנען איז דאָס זיצן אויף אַן אָרט אין בראַצלאַוו נמאס געוואָרן. ער האָט געשריבן דעמאָלט אַ בריוו צו זיינעם אַן אָנהענגער וועגן דעם: „מיר איז דערעסן געוואָרן צו זיצן אין בראַצלאַוו צוליב די גרויסע צרות און קלאָפּאָטן, וואָס זענען געקומען אויף מיר. איך וויל איצט גיין פון געצעלט צו געצעלט, אָבער נישט באַזעצן זיך שטענדיק אויף איין אָרט, ניירערט אויף דערווייל״. עס איז דעמאָלט געווען די צייט, ווען די שנאה פון די רביים צו ר׳ נחמנען איז געווען אַמשטאַרקסטן. די רביים האָבן געשטעלט ר׳ נחמנען מיט זיינע חסידים מחוץ דער חסידישער מחנה. ר׳ נחמנס ברודער, ר׳ יחיאל צבי, וואָס איז געשטאַנען בראש פון אַ גרופּע בראַצלאַווער חסידים אין קרעמענטשוג, האָט געשיקט כסדר בריוו צו ר׳ נחמנען, ווי די מתנגדים זענען אים מבזה און ר׳ נחמן האָט אים געטרייסט און צו אים געשריבן, אַז „אַזוי ווי פיל מינים קערנער קענען נישט אויסוואַקסן, סיידן דער זאָמען ווערט פאַרפוילט אין דר׳ערד, און נאָר ערשט נאָך דעם פאַרפוילט ווערן בליט דער זאָמען אויף און שפּראָצט אַרויס און וואַקסט, אַזוי וועסטו אויך דורך דעם, וואָס מען דערנידעריקט דיך ביז צו דר׳ערד, גרויס ווערן און בליען אין דער וועלט״...

ר׳ נחמן מיט ר׳ נתנען פלעגן איצט פאָרן כסדר איבער פאַרשיידענע שטעט אין אוקראַינע, ווי, למשל, אין זאַסלאַוו, אָסטרע, דובנאָ, קרעמענטשוג און אויך אין שטעט אין פּאָלעסיע. אָבער דערמיט האָט ער נאָך מער אַרויסגערופן אויף זיך די הקפדה פון די דאָרטיקע רביים, כאָטש ער האָט קיין שום געלט נישט געקליבן און דערצו נאָך אויסגעגעבן פיל געלט פון זיין קעשענע אויף די אַלע נסיעות. צו די בעסערע פון זיינע חסידים, וואָס האָבן אים געפרעגט דעם טעם פון די דאָזיקע נסיעות, האָט ער געענטפערט: „אויב די וועלט וואָלט געווען ווי איך פאָר אַרום,

וואָלט מען געקושט יעדן טראָט מײנעם, װײל אין איטלעכן טראָט װעג איך איבער די װעלט לכף זכות״.

אויף די דאָזיקע נסיעות פלעגט אויך ר׳ נחמן זאָגן יעדן טאָג זײנע רעיונות צו ר׳ נתנען און ר׳ נתן פלעגט זײ פאַרשרײבן, פּונקט װי זײ זענען אַרויסגעגאַנגען פון זײן מויל. אַזוי אַרום איז געבוירן געוואָרן דאָס ספר „לקוט מהר״ן״ און נאָך פיל אַנדערע.

באַלד נאָך דעם װי דאָס ספר איז פאַרטיק געוואָרן בכתב יד, האָט זיך ר׳ נתן שטאַרק געמיט, אַז עס זאָל אַרויסגײן אויף דער ליכטיקער שײן, װאָס ער האָט אויך נאָך פיל מי דערגרײכט... ר׳ נחמן האָט זיך איצט געפרײט מיט דעם ספר און געזאָגט, אַז „אין דעם ספר דאַרף מען שטענדיק אַרײנקוקן. יעדער אײנער דאַרף קויפן אָט דאָס ספר, מען דאַרף אַפילו אַ קישן פאַרזעצן און עס קויפן. װײל אַפילו װען עס שטײט בלויז אין אַלמער, איז עס אַ גוטע שמירה פאַרן הויז״.

און אײנמאָל, װען ר׳ נחמן איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, אין דער פרי, איז אים אַרײן אַ רעיון אין קאָפּ, אָנצושרײבן גאָר אַ נײ ספר, אַ ספר פון מעשיות. איצט, װען אַלע נשמות זענען בײ אים פאַראײניקט, פאַרוואָס זאָל ער נישט אײנשפּאַנען זײ אַלע צו שרײבן אַ גרויס ספר פון חקירה און פון שירה, פון שטראָף־רײד און פון צדקות. אָבער נישט סתם מעשיות, װי ער פלעגט ביז איצט דערצײלן אין נוסח פון משלים. נײן, אַ משל פאָדערט אַ נמשל, אָבער ער װיל איצט געבן אַ סיפּור אָן אַ נמשל... מעשיות, סתם מעשיות, מעשיות פון די גרעסטע זאַכן פון דער װעלט, פון ענינים, װאָס שטײען ברומו של עולם. װער עס װעט װעלן לײענען גלאַט אַ מעשה, זאָל ער. אָבער דער װאָס װעט װעלן פאַרשטײן — װעט װיסן װעגן װאָס און װען עס רעדט זיך...

און באַלד האָט ער געזאָגט צו ר׳ נתנען:

— נתן, פון איצט אָן װעל איך אָנהײבן צו דערצײלן מעשיות און דו װעסט זײ אויפשרײבן. דו זאָלסט פאַרשרײבן װאָרט בײ װאָרט. אין די מעשיות װעל איך איבערגעבן מײנע העכערע רעיונות און געפילן צו די קומענדיקע דורות... עס װעלן זײן זאַכן, װאָס זענען נאָך נישט געהערט געוואָרן... עס װעט נישט זײן אַזוי װי די קלײנע מעשיות, װאָס כ׳פלעג

דיר אַמאָל דערציילן, אַ משל מיט אַ נמשל; ניין, עס װעלן זיין גרױסע, לאַנגע מעשיות. דו פאַרשטייסט?

— גוט, רבי! — האָט ר׳ נתן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ צו אים געזאָגט — איך װעל פאַרשרייבן אַלץ, װאָס דער רבי װעט מיר זאָגן — און ער האָט איצט אָנגעקוקט ר׳ נחמנען מיט אַזױ פיל װאַרעמקייט און ליבע.

אין אָװנט, װען ר׳ נחמן איז געזעסן אַרומגערינגלט פון זיינע מקורבים און לעבן אים איז געזעסן ר׳ נתן מיט פּאַפּיר אין דער האַנט, גרייט צו פאַרשרייבן אַלץ, װאָס עס גייט אַרױס פון זיין מויל, האָט ר׳ נחמן אַזױ געזאָגט צו אַלעמען:

— איך גיי איצט דערציילן מעשיות. איר זאָלט װיסן, אַז אין די מעשיות, װאָס די װעלט דערציילט, זענען פאַראַן פיל קליינע זאַכן און אויך פיל הויכע ענינים. אָבער דער ענין פון מעשיות דערציילן איז בכלל קאַליע געװאָרן, װייל עס פעלן אין די היינטיקע מעשיות זייער פיל זאַכן. זיי זענען צעמישט און די דערציילער דערציילן אויך נישט לויט אַ סדר. דאָס, װאָס מען דאַרף דערציילן פריער, דערציילט מען צום סוף, און װאָס צום סוף — אין אָנהייב. אָבער באמת זענען דאָ אין די מעשיות, װאָס די װעלט דערציילט, הויכע געדאַנקען. דער בעש״ט זצ״ל האָט געקאָנט דערציילן אַ מעשה, מייחד זיין יחודים, װען ער האָט געזען, אַז עס זענען קאַליע געװאָרן די צינורות העליונים און מען קען נישט מתקן זיין דורך תפילה, האָט ער מתקן געװען דורך דערציילן אַ מעשה.

„עס װאָלט בעסער געװען, אַז מען זאָל נישט זוכן קיין שום רמזים אין די מעשיות, װאָס איך װעל דערציילן, װייל װען אַ זאַך איז פאַרהוילן, איז עס פאַרדעקט...

...„די װעלט מיינט, אַז מעשיות זענען אַ סגולה אויף איינצושלאָפן. אָבער איך זאָג אייך, אַז מעשיות װעקן דעם מענטשן פון שלאָף...

...„און איצט װעל איך אייך דערציילן די ערשטע מעשה פון אַ פאַרלוירענער פּרינצעסין. נתן, פאַרשרייב יעדעס װאָרט, אַזױ װי איך זאָג אַרױס פון מויל.

...„אַ מעשה פון אַ בת מלך, װאָס איז פאַרלוירן געגאַנגען און מען

האָט זי נישט געקענט געפינען. די מעשה האָב איך דערציילט אויפן וועג און ווער עס האָט זי געהערט, האָט געהאַט אַ הרהור תשובה. עס איז אַזוי געווען:

איינמאָל איז געווען אַ מלך און דער מלך האָט געהאַט זעקס זין און איין טאָכטער. די טאָכטער איז ביי אים זייער חשוב געווען און ער האָט זי זייער ליב געהאַט. אָבער איינמאָל איז ער עפּעס אויף איר ברוגז געוואָרן און עס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט ביי אים אַ וואָרט: „דער נישט־גוטער זאָל דיך אַוועקנעמען ביינאַכט", און זי איז געגאַנגען שלאָפן אין איר חדר אַריין. אָבער אין דער פרי האָט מען נישט געוווסט, ווו זי איז. האָט זיך איר פאָטער זייער מצער געווען און איז געגאַנגען זי זוכן. ווען דער שני למלך האָט געזען, אַז דער מלך האָט דערפון גרויס צער, האָט ער אים געבעטן, אַז ער זאָל אים געבן איין משרת, איין פערד און געלט אויף הוצאות, וועט ער זי זוכן ביז ער וועט זי געפינען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווייטער האָט ר' נחמן דערציילט, ווי עס האָט פאַרצייכנט ר' נתן אין זיין בוך „ספורי־מעשיות", ווי אַזוי דער שני למלך האָט געזוכט די בת מלך אין מדבריות, וועלדער און פעלדער, און ווען ער האָט זי געפונען, האָט זי אים געהייסן בענקען נאָך איר אַ גאַנץ יאָר און אין לעצטן טאָג נישט עסן און נישט שלאָפן. האָט ער אַזוי געטאָן. אָבער אין דעם לעצטן טאָג האָט אים געגלוסט צו עסן פון אַ שיינעם עפּל און עס איז אָנגעפאַלן אויף אים אַ שלאָף און ער האָט פאַרשפּעטיקט זי אַרויסצונעמען פון די הענט פון די נישט־גוטע, ווו זי געפינט זיך.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווידער אַמאָל קומט צו אים די טאָכטער פון קעניג און זאָגט אים וואָס צו טאָן. דער עיקר — אין לעצטן טאָג נישט צו שלאָפן. אָבער ווידער געשעעט, אַז עס פאַלט אויף אים אָן אין לעצטן טאָג אַ שלאָף און ער שלאָפט אָפּ אַזוי יאָרן לאַנג און ווידער פאַרשפּעטיקט דער שני למלך זי אַרויסצונעמען פון די הענט פון די נישט־גוטע.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אָבער ער האָט זי דאָך, נאָך אַלע שטערונגען, אַרויסגענומען פון די

נישט־גוטע. ווי אַזוי האָט ר׳ נחמן נישט דערציילט, ווייל... אָבער דער עיקר פון דער מעשה איז געווען די בענקשאַפט פון מלך נאָך זיין באַליב־טער טאָכטער, און די בענקשאַפט פון דער טאָכטער צו איר פאָטער...

ווען ר׳ נחמן האָט געענדיקט זיין מעשה, האָבן די מקורבים אים נישט איבערגעפרעגט קיין וואָרט, אָבער אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט ער דערציילט פון דער בענקשאַפט, וואָס ער האָט געהאַט צו דער פרינ־צעסין פון זיין האַרץ, פון יענע יונגע יאָרן... און ווי אַזוי זי האָט געבענקט נאָך אים... אָבער די נישט־גוטע האָבן נישט צוגעלאָזן איינעם צום אַנ־דערן און געמאַכט אַלע שטערונגען אויפן וועג פון אים צו איר און פון איר צו אים...

— — — — — — — — — — — — — —

און ווידער אַמאָל האָט ר׳ נחמן גערופן זיינע מקורבים און געזאָגט זיי, אַז ער וועט זיי דערציילן אַ מעשה פון אַן אַנדערער בת מלך, וואָס האָט געטויט אַלעמען, וואָס זענען געשטאַנען איר אין וועג און ווי אַזוי זי האָט זיך אויפגעפירט ווילד און פרעך. און אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט ער געמיינט די טאָכטער פון אלישע, די חיה רעה, מיט אירע מעשים תעתועים און פאַרשייטע אויפפירונגען.

און נאָך אַן אַנדערש מאָל האָט ר׳ נחמן דערציילט אַ מעשה פון אַ לאָמען, און ער האָט גערעדט וועגן צדיקים, וואָס זענען קיין צדיקים נישט; וועגן רביים, וואָס זענען קיין רביים נישט; און וועגן הייליקע, וואָס פירן רכילותן אויף אַן אמתן צדיק אוןריידן אויס אויף אים אַלדאָס בייז...

און אַזוי האָט ר׳ נחמן דערציילט מעשיות נאָך מעשיות וועגן אַ בן מלך, וואָס איז געווען געשאַפן פון לויטער גאָלד און אבנים טובות, אָבער מען האָט דאָס נישט געוווסט. עס איז געווען אַ מעשה וועגן זיך אַליין, ווי אַזוי מענטשן האָבן אים נישט פאַרשטאַנען, ביז עס איז געקומען די צייט, ווען ער איז נתגלה געוואָרן...

און ווידער אַמאָל — אַ מעשה וועגן די אָרעמע חכמים פון לעבן. די, וואָס דערגרייכן ביזן שפּיץ באַרג, דעם סאַמע העכסטן אָרט און ווי אַזוי זיי זענען דאָרטן אַליין, עלנט און פאַרלאָזן...

— — — — — — — — — — — — — —

און נאָך אַמאָל אַ מעשה וועגן דער בענקשאַפט פון ר׳ נתנען צו אים, און פון אים צו ר׳ נתנען... און ווי אַזוי די בענקשאַפט האָט זיך געצויגן נאָך פיל פריער, איידער זיי האָבן זיך געטראָפן...

און איינמאָל האָט ער דערציילט אַ מעשה וועגן אַ חכם און תם. ווי אַזוי דער חכם פאַרשפּילט אַמאָל צוליב זיין חכמה און דער תם געווינט צוליב זיין תמימות. עס איז געווען אַ מעשה קעגן די משכילים, וואָס זענען ביי זיך אין האַרצן גאַנצע חכמים, און ווי אַזוי דער פּראָסטער ייד, דער תם, טוט אויף פיל מער מיט זיין תמימות ווי זיי...

און צום סוף האָט ער דערציילט די לעצטע מעשה פון די מעשיות. די מעשה פון זיבן בעטלער, „וואָס איינער איז כלומרשט״ געווען בלינד, דער צווייטער טויב, דער דריטער שטום, דער פערטער האָט געהאַט אַ קרומען האַלדז, דער פינפטער אַ גרויסע נאָז. איינער האָט נישט געהאַט קיין הענט און דער לעצטער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין פיס. אָבער דער בלינדער האָט געזען מער ווי אַ זעעוודיקער. דער טויבער האָט געהערט מער ווי איינער, וואָס האָט געזונטע אויערן; דער שטומער האָט געקענט בעסער ריידן ווי אַ ריידעוודיקער און אַזוי אויך אַלע אַנדערע בעלי מומים, ווייל דער עיקר איז נישט דער אויסערלעכער פעלער... עס איז די נשמה פון מענטש, וואָס זעט, הערט און טוט אַלץ. דעריבער טרעפט אַמאָל, ווען איינער זעט נישט — אָבער ער זעט ווייטער פון אַ זעעוודיקן און אַ שטומער רעדט מער ווי אַ ריידעוודיקער און אַזוי אויך מיט אַלע... די לעצטע מעשה האָט אָבער ר׳ נחמן נישט דערפירט ביז אַ סוף און האָט געזאָגט, אַז דעם סוף וועט מען דערציילן, ווען עס וועט קומען די גאולה...

ר׳ נתן האָט די דאָזיקע פאַעטישע און הויך־פאַנטאַסטישע מעשיות אַנגעשריבן אויף יידיש, פונקט אַזוי ווי זיין רבי, ר׳ נחמן, האָט זיי אים דערציילט, און דערנאָך האָט ער זיי איבערגעזעצט אויף לשון הקודש און זיי איבערגעלייענט פאַר זיין רבין, וועלכער האָט אים געגעבן זיין הסכמה דערויף.

אָבער כאָטש ר׳ נחמן האָט אַנגעזאָגט ר׳ נתנען, אַז ער זאָל נישט זוכן קיין שום נמשלס און רמזים אין די מעשיות, צו וועלן וויסן וואָס אָדער וועמען ער האָט דערמיט געמיינט, האָט דאָך ר׳ נתן זיך שטאַרק

פֿאַרטיפֿט אין זיי צו געפֿינען אין זיי דעם סוד, פֿאַרוואָס זיין רבי האָט די מעשה דערציילט, און אַזוי אַרום האָט ער אַנטדעקט אין זיי סתרי תורה און האָט דאָס באַקאַנט געמאַכט די אַלע חסידים פֿון בראַצלאַוו. ער האָט אויך געשאַפֿן אַ באַזונדערע תפילה צו זאָגן, איידער מען לייענט די מעשיות און האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיי לייענען מיט אַ ציטער אין האַרצן און מיט אַ געפֿיל, ווי מען טרעט צו צו אַ גרויסער הייליקייט...

אַזוי אַרום זענען די מעשיות פֿאַרהייליקט געוואָרן ביי די בראַצלאַווער חסידים נאָך ביי ר׳ נחמנס לעבן. ר׳ נתן האָט געמאַכט פֿון די מעשיות פֿיל אָפּשריפֿטן און זיי פֿאַרטיילט צווישן די בראַצלאַווער חסידים, וועלכע האָבן זיי געלייענט מיט גרויס כוונה... ווען דאָס איז אָנגעקומען צו ר׳ נחמנען, האָט ער געזאָגט, אַז עס איז גוט אַזוי, און אַז ער האָט דערפֿון גרויס נחת...

63

כאָטש מרדכי האָט הייליק צוגעזאָגט גיטעלען, איידער זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, אַז עס וועט זיין אַזוי, ווי זי וויל, אַז ער זאָל די גאַנצע צייט, וואָס זיי וועלן זיין אין אויסלאַנד, צו איר זיך נישט צורירן, האָט ער דאָך, באַלד דעם ערשטן אָוונט, ווען זיי זענען געקומען קיין בערלין און געווען אין אַ האָטעל־צימער, זיין וואָרט נישט געהאַלטן.

מרדכי האָט טאַקע גענומען צוויי צימערן אין זעלבן האָטעל, אַזוי ווי ער האָט איר צוגעזאָגט, איינעם פֿאַר זיך און איינעם פֿאַר איר. זיין צימער איז געווען אויף אַ שטאָק העכער, אָבער ווען ער איז אַריינגעקומען נאָך דעם אָוונט־מאָלצייט צו גיטעלען אין צימער, איז ער צוגעלאָפֿן צו איר מיט אַזאַ ברען, אַז ער האָט זי אַריינגעכאַפּט אין זיינע שטאַרקע אָרעמס ווי אַ קינד און זי געדריקט צו זיין האַרצן און דערביי באַדעקט איר פּנים מיט קושן, מיט אַ שרעקלעכער ווילדקייט, רעכטס און לינקס, גאָר אָן אַן אויפהער... אָבער וואָס עס איז געווען פֿאַר אים אַ חידוש, איז געווען דאָס, וואָס גיטעלע האָט זיך נישט געווערט קעגן אים. פֿאַרקערט נאָך, ער האָט גלייך באַמערקט, אַז זי איז גאָר דערפֿון צופֿרידן און גליקלעך, הונגעריק און דורשטיק נאָך ליבע, ווי זי איז געווען, נאָך די אַלע

פֿײנלעכע יאָרן, זענען זײנע װילדע קושן געװען פֿאַר איר װי אַ רעגן אױף אַן אױסגעטריקנט פֿעלד... גיטעלע האָט זיך נישט נאָר נישט אַרױסגעריסן פֿון זײנע הענט, נאָר האָט נישט געמאַכט קײן שום באַװעגונג אים אָפּצושטעלן און זי האָט זיך שטאַרק געטוליעט צו אים. װען מרדכי האָט דאָס געזען, איז ער נאָך מער װילד געװאָרן און האָט גענומען עפֿענען די קלײדער פֿון גיטעלען און אַנטפּלעקן שטיקער פֿון איר לײב... באַלד האָט זיך לײב אין לײב אײנגעגעסן...

מרדכי האָט פֿאַרלאָשן דעם לאָמפּ, װאָס האָט געברענט אױפֿן טיש, װײל יעדעס פּיצל ליכט איז פֿאַר אים איצט געװען איבעריק און איבערדריסיק. דער אַלטער מרדכי, דער זײדע און אַ פּראַקטישער סוחר, איז איצט פּלוצים געװאָרן אַזױ ראָמאַנטיש, אַז ער האָט געקושט מיט לײדנשאַפֿט גיטעלעס לײב... ער האָט זי טײלמאָל אױך געקניפּט און געביסן... אָבער גיטעלע האָט זיך געלאָזן, גלײך װי עס װאָלט איר נישט װײ געטאָן... נאָך מער, זי האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג, אַז ער זאָל טאָן אַזױ, נאָך און נאָך...

— עס איז פֿינצטער איצט, אָבער אין דער פֿרי װעסטו זען, װאָס דו האָסט געטאָן מיט מײן לײב — האָט גיטעלע קוים אַרױסגעזאָגט — עס מוז זײן באַדעקט מיט געלע, גרינע, בלױע און שװאַרצע פֿלעקן פֿון דײנע קניפּן און בײסן, פֿון דײנע שטאַרקע פֿױסטן... אָבער עס איז גוט אַזױ!... אַך, װאָס פֿאַר אַ קװאַל פֿון תאװה עס איז דאָ אין דיר!... כ׳האָב עס מיר גאָר נישט פֿאָרגעשטעלט!... דו ביסט דאָך נאָך אַזױ יונג!... דו ביסט עפּעס אױך שענער געװאָרן, מרדכי!... עפּעס איז דײן גרױסער בױך פֿאַרשװוּנדן... אױך דײנע אַרױסשטאַרצנדיקע קינבאַקן זענען אױך אַנדערש!... עפּעס ביסטו געװאָרן אַזױ אינגאַנצן אַנדערש!... אַ פֿײער שלאָגט פֿון דיר!... אָבער איך בין אױך אַזױ, מרדכי... אין פֿלאַמען שטײט מײן בעט!... איך ברען אינגאַנצן פֿון לײדנשאַפֿט צו דיר!... איך האָב דאָך נאָך פֿון קײן מאַן באמת נישט געװוּסט, מרדכי... אַהרן איז קײן מאַן נישט געװען, כאָטש ער איז נאָך געװען אַזױ יונג... ער איז געװען לײדנשאַפֿטלעך, אָבער נישט ראָמאַנטיש... ער האָט געװאָלט זײן צוזאַמען מיט מיר; אָבער אָן קושן... אָן ליבע... און פֿון הערשלען איז דאָך גאָרנישט...

ער זאָגט, אַז ער דאַרף קיין אשה נישט... מעגלעך. און איצט דו... אַזאַ פייער!... מרדכי, איך האָב זיך דערויף נישט גערעכנט!...

אַזוי האָט עס זיך שטורמיש אָנגעהויבן און אַזוי זענען אַוועק די טעג און די נעכט צווישן מרדכין און גיטעלען. זעלטן ווען זיי זענען געווען ערגעץ אַנדערשוווּ, ווי אין זייערע צימערן, ביי אים אָדער ביי איר... זיי האָבן קוים אָפּגעגעסן און באַלד צוריק אַוועק אַהיים און ווידער צוגעפאַלן איינער צום אַנדערן, ווי זיי וואָלטן זיך ערשט באַקענט, און ווי אַלץ וואָלט פאַר זיי נאָך אַזוי ניי געווען... אָפט איז, נאָך אַזאַ שטורמישער נאַכט, מרדכי געלעגן אין דער פרי רואיק, שטיל, אָבער גיטעלע האָט געצונדן אין אים אַ נייעם פלאַם פון ליבע און באַגער, ביז ער איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ יינגל, האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט, ווי צוויי גרויסע אָדלער־פליגל און זי איינגעשלאָסן אין זיך און זי פעסט געדריקט צו זיין האַרץ, ביז די ביינער האָבן איר גענומען וויי טאָן. אָבער זי האָט געשוויגן.

עס איז עפּעס געווען, אַ שטייגער, ווי ביי ביידן וואָלטן זיך געעפנט געהיימע קוואַלן פון ליבע און לוסט, פון ליבשאַפט און תאווה, פון באַגער און רייץ, וואָס האָט נישט געהאַט פריער קיין אויסגאַנג... די טעג זענען אַוועק מיט נישט טאָן עפּעס אַנדערש ווי קושן און האַלדזן זיך... זיי האָבן קיינעם נישט געזען און נישט געוואָלט זען... זיי האָבן אויך פון קיין שום אַנדערער זאַך נישט געוואָלט הערן און וויסן... דער אָרעמער הערשל האָט אויסגעפירט די פאָדערונגען פון זיין בעל הבית און האָט געשיקט אים יעדן טאָג אַ בריוו וועגן געשעפט. אַמאָל אויך גאַנצע פּאַקעטן מיט חשבו־נות און בריוו פון גענעראַלן און אַנדערע גרויסע לייט, אָבער מרדכי האָט זיי אַפילו נישט געעפנט, און האָט ער אַמאָל שוין געוואָלט זיך צורירן צו זיי, האָט אים גיטעלע געגעבן איבער די הענט:

— נישט איצט! איצט איז אונדזער יום־טוב! פאַרשווּעך נישט די הייליקייט פון אונדזער ליבע מיט געשעפט־זאָרגן! איצט וויל איך פון גאָר נישט וויסן! דו הערסט, מרדכי!...

— ביסט גערעכט, גיטעלע, איצט איז אַלץ אויס! אויס געשעפט!... אויס מאָראַל! אויס פרומקייט!... אויס מוסר! אויס אַלץ... עס איז נאָר דאָ איין זאַך — ליבע!

— ריכטיק! — האָט גיטעלע אויסגעשריען — בלויז דאָס און מער נישט! קום אַהער, קוש מיך! קוש מיך שטאַרק... נאָך שטאַרקער, אַזוי! אַז עס זאָל אַזש ווי טאָן! נעם מיך אין דיינע שטאַרקע אָרעמס! אָט אַזוי! שטאַרקער! נאָך שטאַרקער! קוועטש אַרויס פון מיר די נשמה!... האָב קיין מורא נישט!... איך וויל שטאַרבן אונטער דיינע הענט... איך וויל אויס־גיין פון ליבע!...

אויף מרדכין האָבן גיטעלעס ווערטער כסדר אָנגעוואָרפן אַ שרעק און ער האָט זיך צוריקגעצויגן און באַהאַלטן זיינע הענט, ווי ער וואָלט אַליין מורא האָבן פאַר זיי, אַז זיי זאָלן נישט עפּעס אָפּטאָן, פאַר וואָס ער וועט אַ גאַנץ לעבן חרטה האָבן...

נאָך דריי וואָכן פון אַזאַ שטורמישן לעבן איז מרדכי געווען שוין אַ פאַרמאַטערטער און שוין געגומען אויסקוקן, אַז עס זאָלן זיך שוין ענדיקן די פיר וואָכן, ווי ער האָט צוגעזאָגט הערשלען און אַלע אַנדערע, אַז ער וועט דעמאָלט זיך צוריק אומקערן אַהיים. אָבער ווען ער האָט דאָס גע־זאָגט גיטעלען, האָט זי צו אים געזאָגט:

— מיך אַרט נישט, אַז איך וועל קומען צוריק אין אַכט וואָכן אַרום, צי גאָר אין צען, אָדער אַפילו קיינמאָל נישט. מיר איז איצט גוט... עס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געגאָסן פון לעבן — און דאָס וויל איך נישט אונטערהאַקן...

— אָבער, גיטעלע, מיר האָבן זיי דאָס צוגעזאָגט! מיר האָבן צוגע־זאָגט הערשלען און אַלע אַנדערע, אַז מיר וועלן אין פיר וואָכן אַרום זיין צוריק — האָט זיך מרדכי ביי איר שוין געבעטן.

— נו, האָבן מיר צוגעזאָגט! — האָט גיטעלע געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט — מאַלע וואָס אַ מענטש זאָגט אַמאָל צו און קען נישט אויס־פירן. אָט האָסטו מיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט זיך נישט צורירן צו מיר! — האָט זי געענדיקט מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל.

— וואָס מיינסטו, אַז עס איז געווען ריכטיק? — האָט מרדכי זיך אָנגערופן — נאָך אַלעם זענען מיר דאָך ביידע פאַרהייראַטע מענטשן. איך האָב אַ ווייב און דו — אַ מאַן...

— זאָג מיר נישט קיין מוסר איצט, מרדכי — איז גיטעלע אויפגעע־

שפּרונגעַן מיט כעס — איך וויל פון גאָרנישט וויסן! איך בין געבוירן געוואָרן צו האָבן אַ הנאה פון לעבן. מיין קערפּער איז געווען אויסגעהונ־גערט און דורשטיק נאָך ליבע פון אַ מאַן און איך האָב דאָס גענומען פון לעבן! איך בין באַרעכטיקט צו ליבע, פּונקט ווי יעדער איינער... האָט מיך גאָט נישט געשאַפן צו קענען געניסן פון ליבע?! אויב גאָט האָט נישט געוואָלט, אַז איך זאָל געניסן, האָט ער מיך באַדאַרפט אַנדערש צו שאַפן, נישט אַזוי?!

— אָבער די מוסר־ספרים זאָגן דאָך, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש, אַז כאָטש ער וועט זיין פול מיט תאווה, זאָל ער דאָס גובר זיין אין זיך.

— איך בין נישט געבוירן געוואָרן צו פירן מלחמות מיט זיך — האָט גיטעלע אויסגעשריען — איך האַלט נישט דערפון! איך וויל נישט האָבן קיין גייסטיקע יסורים פון פייניקן זיך אַליין... איך וויל דאָס נישט! איבעריקנס, פון וואַנען ווייסן דאָס די מוסר־זאָגער? האָט גאָט דאָס זיי אַזוי געזאָגט? אפשר אַמאָל פּרעדיקן זיי אַזוי, ווייל זיי קענען נישט ליבן? ווייל דאָס פייער פון ליבע איז אויסגעלאָשן אין זייערע הערצער! איך פאָלג דעריבער דעם קול פון דער נאַטור, וואָס רופט אין מיר... דעם רוף צו געניסן.

— אָבער וואָס וועסטו זאָגן הערשלען?

— כ׳פאַרשטיי דיך נישט, מרדכי! — האָט גיטעלע אים צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק — וואָס ביסטו געוואָרן עפּעס אַ מוסר־זאָגער? צי גאָר אַ מין פּראָקוראָר?

— ניין, טייערע גיטעלע, איך פרעג עס נאָר, כדי צו זען ווי שטאַרק דו ביסט ביי זיך. כ׳וויל זען צי דו האָסט נישט חרטה אויף דיינע מעשים. צי דו ווילסט ווייטער מיט מיר טיילן דיין לעבן.

— אוודאי, מרדכי, איך גיי מיט דיר! דו קענסט מיך פירן איצט, וווהין דו ווילסט נאָר אַליין. איך וועל דיר נאָכגיין ווי אַ שקלאַף... און וואָס שייך הערשלען, וועל איך די ערשטע זאַך פאַרלאַנגען פון אים, ווען כ׳וועל קומען צוריק — אַ גט.

— אַ גט?

— יאָ, אַ גט!

— אָבער וואָס וועט זיין דער טעם דערצו? וואָס וועסטו זאָגן איז די סיבה, פאַרוואָס דו ווילסט אַ גט?

— איך וועל אים זאָגן אָפן, אַז איך האָב געזינדיקט מיט דיר און אַז ער דאַרף מיט מיר מער נישט וווינען. איך וועל אים זאָגן דעם גאַנצן אמת!...

— ביסט משוגע געוואָרן! — האָט מרדכי זיך צעלאַכט — וואָס הייסט, דו וועסט אים דאָס זאָגן! דו זאָג אים בעסער עפּעס אַנדערש, אַ זאַך וואָס זאָל אים פאַרשעמען.

— דהיינו?

— דו האָסט דאָך מיר געזאָגט, אַז ער איז נישט געווען מער מיט דיר, ווי איין מאָל, אין דער נאַכט פון דער חופּה. איז דאָס אמת?

— אמת!

— דו האָסט מיר אויך געזאָגט, אַז עס זענען געווען נעכט, וואָס דו האָסט געפיבערט פון ליבע און אויסגעקוקט, אַז ער זאָל קומען צו דיר, און ער איז נישט געקומען. האָסט עס מיר געזאָגט?

— יאָ.

— האָסט מיר אויך געזאָגט, אַז איין מאָל האָסטו ביי זיך געפּועלט צו ריידן מיט אים פאַרשטעלטערהייט, נאַטירלעך, אַז ער זאָל קומען צו דיר, און אים פרעגן פאַרוואָס ער פאַרנאַכלעסיקט דיך, און דו האָסט אַזוי געטאָן. אָבער ער האָט דיר געזאָגט, אַז אַן אשה איז תאווה און אַז ער וויל זיך דערווייטערן פון אַלע תאוות... איז עס ריכטיק אַזוי?

— יאָ, מרדכי, דאָס איז דער ריינער אמת.

— טאָ פאַרוואָס זאָלסטו דאָס אַלץ נישט זאָגן דעם רבֿ? דאָס וועט זיין גענוג.

— איך זאָל דאָס זאָגן דעם רבֿ? אָבער איך שעם זיך!

— דו שעם דיך נישט. דו דאַרפסט נישט אַלץ אַזוי אַרויסברענגען. דער רבֿ וועט שוין פאַרשטיין... דו זאָג בלויז דעם רבֿ, אַז פון די דריי זאַכן, וואָס אַ מאַן דאַרף געבן אַ ווייב, האָט ער נאָר מקיים געווען צוויי זאַכן. עסן און אַ קלייד, אָבער די דריטע זאַך — נישט.

— דו ביסט אפשר גערעכט, אָבער ווען דער רב וועט זאָגן, אַז ער וועט פועלן ביי אים, אַז ער זאָל זיך שוין אויפפירן אַנדערש, וואָס וועל איך דעמאָלט טאָן?

— זאָלסט זאָגן, אַז דו ווילסט נישט מער... אַז ער האָט זיך ביי דיר פאַרמיאוסט...

— דו לערנסט מיך וואָס צו זאָגן, מרדכי?

— נו, געוויס. צו וואָס דאַרפסטו דערציילן פון דיינע זינד, אַז דער רב זאָל דיך באַלד זידלען און הייסן דיר תשובה טאָן, און אַלע אין שטאָט וועלן באַלד וויסן דערפון? דו רייד בעסער וועגן זיינע זינד. דו פאַר־שטייסט?

— נו, גוט, מרדכי, כ׳וועל אַזוי טאָן. עס איז מיר גאָרנישט איינ־געפאַלן...

— דו ביסט פאַרשיכורט, גיטעלע...

— דאָס איז אמת! כ׳בין פאַרשיכורט פון ליבע, מרדכי!

— עס איז גוט אַזוי. אָבער מען קען נישט זיין כסדר פאַרשיכורט, מען דאַרף אַביסל אויפוואַכן. איך וויל דעריבער אַביסל זיך נעמען צו אינטערעסירן וועגן געשעפט. איך וועל איבערקוקן אַלע בריוו, וואָס הערשל האָט מיר געשיקט. עס ליגט שוין אַ גאַנצער הויפן.. דערנאָך וויל איך, אַז דו זאָלסט זיך באַקענען מיט די גרויסע לייט פון דייטשלאַנד, איבער־הויפט מיט די יידישע אָנגעזעענע מענטשן. דו האָסט אַוודאי געהערט וועגן די באַרימטע סאַלאָנען פון די שיינהייטן פון הענריעטע הערץ און דאָראָ־טעאַ מענדעלסאָן, די טאָכטער פון דעם באַרימטן פילאָזאָף משה מענ־דעלסאָן?

— יאָ, געוויס, איך ווייס פון זיי — האָט גיטעלע אויסגעשריען — דו קענסט זיי?

— געוויס קען איך זיי! איך פלעג אַמאָל ווערן פאַרבעטן אין זייערע סאַלאָנען — האָט זיך מרדכי געגרויסט.

— טאַקע? אויף אַן אמת? דו ביסט געווען ביי זיי אין זייערע סאַ־לאָנען? — האָט גיטעלע גערעדט מיט אַ טאָן פון צווייפל אין זיינע ווער־

טער. — דאָרטן פלעגן דאָך קומען די גרעסטע לייט, מיניסטאָרן, הויכע אָפיצירן, פילאָזאָפן, די סאַמע גרעסטע!

— מאָל דיר, אַז איך בין געווען דאָרטן נישט איין מאָל — האָט מרדכי איצט שטאָלצירט — און כ׳בין נישט גלאַט אַריינגעקומען אַהין, מען האָט מיך פאַרבעטן. טאַקע העברייִשע אַליין און אויך דאַראַטעאַ.

— אַזוי?! — האָט גיטעלע אַלץ זיך געוווּנדערט — אויב אַזוי, פיר מיך צו זיי, איך וויל זיך באַקענען מיט זיי. אָבער דערצייל מיר פריער אַלץ וועגן זיי. כ׳וויל אויך וויסן וועמען מען טרעפט דאָרטן, ווי אַזוי מען דאַרף זיך דאָרטן אויפפירן, און צי איך וועל נישט דאָרטן פאַרשעמט ווערן. דערצייל מיר אַלץ, מרדכי, איך בעט דיך!

— גוט, מיין טייער מיידעלע — האָט מרדכי זי אַרומגענומען און געקושט, — טו דיך אָן און קום מיט מיר אַראָפּ אויף אַ שפּאַציר און איך וועל דיר אַלץ דערציילן, און דערווייל וויל איך איבערקוקן די בריוו, וואָס הערשל האָט מיר געשיקט.

גיטעלע האָט זיך באַלד גענומען אָנטאָן, און מרדכי האָט איבערגע־קוקט די בריוו און דאָס רוב פון זיי אָוועקגעלייגט אין אַ זייט, בלויז עט־לעכע פון זיי האָט ער גענומען צו זיך אין קעשענע, כדי זיי נאָכאַמאָל צו לייענען.

64

ווען זיי זענען אַרונטער אין גאַס, האָט מרדכי פאַרגעלייגט גיטעלען, אַז זיי זאָלן גיין עסן אין אַ גוטן רעסטאָראַן, ווייל ער איז שוין אויסגע־הונגערט נאָך אַ גוטן מאָלצייט. זיי זענען דעריבער אַוועק אין דעם אַריס־טאָקראַטישן רעסטאָראַן „דער רויטער הירש“, וואָס האָט געהערט צו צוויי רייכע קריסטלעכע ברידער. דערביי האָבן זיי אַפילו נישט נאָכגעטראַכט, וואָס זיי וועלן דאָרטן קענען עסן, ווייל עס איז געווען נישט כשר. אָבער גיטעלע האָט באַלד באַמערקט, אַז מרדכי פלעגט דאָ פריער אַריינקומען, ווייל ער האָט זיך זייער פריינטלעך באַגריסט מיט איינעם פון די אייגנ־טימער, האַנס אייכלער, אָבער זי האָט אים נישט איבערגעפרעגט וועגן

דעם. גיטעלע איז איצט בכלל געווען צעטומלט און האָט ממש נישט גע־ווּסט אויף וואָסער וועלט זי איז.

נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרנומען אַ טישל אין אַ זייט פון דעם גרויסן צימער, האָט מרדכי אָנגעהויבן:

— נו, דו ווילסט דאָך וויסן, גיטעלע, אַלץ וועגן די סאַלאָנען. וועל איך דיר דערציילן אַלץ אויספירלעך. עס זענען געווען דריי יידישע סאַ־לאָנען.

— דערצייל מיר, מרדכי, דערצייל אַלץ. איך בין זייער שטאַרק אינ־טערעסירט אין זיי, איך וויל אַלץ וויסן וועגן זיי — האָט אים גיטעלע געקוקט אין די אויגן אַריין.

— זעסט, מיין קינד, — האָט מרדכי שטיל אָנגעהויבן — דאָס איז געווען מיט 25 יאָר צוריק, אין די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונ־דערט. איצט האָבן מיר דאָך דאָס יאָר 1806, אָבער דאָס האָט זיך אָנגע־הויבן אין יאָר 1782, מיטן אָנהייב פון דער „שטורעם־ און דראַנג״־עפּאָכע. דו ווייסט דאָך, אַז אַזוי רופט זיך אָן די עפּאָכע אין דייטשלאַנד, ווען עס האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן נייע ווינטן, און דאָס האָט זיך אויסגעדריקט צום ערשטן אין דער ליטעראַטור. עס איז געווען די עפּאָכע פון סענטי־מענטאַליטעט און ראָמאַנטישקייט. עס איז דעמאָלט אַרויס דאָס בוך „די ליידן פון יונגן ווערטער״ פון געטע, וואָס עס האָט אַרויסגערופן אַ שטו־רעם אין די הערצער פון די אויפגעקלערטע יונגע פרויען, קריסטלעכע און יידישע, וועלכע האָבן דעמאָלט געלייענט פיל ראָמאַנען. אָבער די מיידלעך און יונגע פרויען האָבן געזוכט ראָמאַנטישקייט אויך אין לעבן. זיי האָבן נישט געקענט מער פאַרטראָגן די שווערע אַטמאָספערע פון זייערע פרומע טאַטעס, וואָס האָבן זיי נישט געלאָזט טאָן עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז אויס־סער די גרענעצן פון רעליגיע. די דאָזיקע יונגע פרויען האָבן געשאַפן אַזעלכע גרופּן, וואָס האָבן זיך גערופן „לעזע־געזעלשאַפטן״, ווו מען האָט באַהאַנדלט ליטעראַרישע פראַגן און זיך אינטערעסירט אין אַלע ליטעראַ־רישע נייעסן, אָבער אויך — געפירט ליבעס און אַמאָל אויך אונטערגע־זינדיקט... ביסלעכווייז זענען אויפגעקומען אַזעלכע סאַלאָנען, ווו מען האָט זיך פאַרזאַמלט, כדי אַרומצורעדן פאַרשיידענע פראַגן. דער שענסטער פון

די סאַלאָנען איז געווען אין הויז פון דער זעלטענער שיינהייט הענריעטע הערץ.

— דערציייל מיר, מרדכי, וועגן איר. איז זי טאַקע געווען אַזאַ שיינ־הייט? איז זי נאָך איצט אויך אַזוי שיין? און ווי אַלט דענקסטו איז זי איצט?

— כ׳וועל דיר באַלד זאָגן. איך בין געווען אין איר סאַלאָן מיט 20 יאָר צוריק, אין אָקטאָבער 1786. עס איז געווען פונקט אַ חודש נאָך משה מענדעלסאָנס טויט. ער איז געשטאָרבן דעם 6טן סעפּטעמבער, און דאָס איז געווען דעם 7טן אָקטאָבער. צוליב מענדעלסאָנס טויט איז אין הענ־ריעטעס סאַלאָן די גאַנצע צייט פון די שלושים קיין שום פאַרזאַמלונגען נישט פאָרגעקומען. יענעם אָוונט איז אויך דאָרטן געווען דאָראָטהי מענ־דעלסאָן. געדענק איך אַזוי ווי היינט, אַז דאָראָטהי האָט מיר געוויזן דאָס בוך „ירושלים״ פון איר פאָטער, וואָס ער האָט איר געגעבן צו איר גע־בורטסטאָג, מיט אַ ספּעציעלער ווידמונג און זי האָט זייער שטאָלצירט דערמיט. איך ווייס נישט, צי זי האָט געוווסט אָדער נישט, אַז אין סוף פון בוך האָט איר פאָטער אויפגעשריבן, ווען זי, דאָראָטהי, איז געבוירן געוואָרן. עס איז געווען אין יאָר 1763. און הענריעטע האָט מיר ווידער אָן אַנדערש מאָל געזאָגט, אַז דאָראָטהי איז מיט אַ יאָר עלטער פון איר. נו, איצט ווייסטו שוין אַלץ. הענריעטע איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1764. אַזוי אַרום איז זי איצט, אין 1806, אַלט 43 יאָר.

— נישט מער? כ׳האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז זי איז שוין אַ סך עלטער.

— ניין, אָבער זי איז שוין נישט אַזוי שיין ווי זי איז געווען. הענ־ריעטע איז אַמאָל געווען אַ זעלטענע שיינהייט, אַ הויכע, אַ שלאַנקע, שיין געבויט, מיט גאָלדענע לאָקן, וואָס האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון ביידע זייטן פון איר קאָפּ, מיט אַזעלכע טיפע בלויע אויגן ווי דער בלויער הימל. זי איז דעמאָלט געווען פאַרליבט אין פּאָעט שלייערמאַכער, אַ קליינער, אַ ני־דעריקער און אַן איינגעדאַרטער. ער האָט אויסגעקוקט קעגן איר ווי אַ קאַר־ליק. יידן פלעגן לאַכן פון זיי ביידן, ווען מען האָט זיי געזען גיין צוזאַ־

מען אין גאַס. מען פלעגט זאָגן, אַז אַט גייט דער „קורצער פרייטיק" מיטן „שבת הגדול".

— מען האָט מיר געזאָגט, מרדכי, אַז איר פֿאָטער האָט זי חתונה געמאַכט, ווען זי איז אַלט געווען 16 יאָר, צו אַ מאַן, וואָס איז געווען נאָך אַמאָל אַזוי אַלט ווי זי. איז דאָס אמת?

— יאָ, גיטעלע. איר פֿאָטער איז געווען אַ ספרדישער ייד, זייער אַ רייכער. דע לאַמוס, האָט ער געהייסן. ער האָט זיין טאָכטער, הענריעטע, געגעבן אַ גוטע דערציאונג און זי געשיקט אין אַ שול, ווו עס האָבן זיך אויפגעצויגן די רייכע קינדער, איבערהויפּט מיידלעך, לויט אַן עסטעטישן פּראָגראַם. מען האָט מיט איר געלערנט די אייראָפּעאישע שפּראַכן און זי האָט אויך געלייענט די בעלעטריסטיק פון אַלע אייראָפּעאישע ליטעראַ־טורן. צו 16 יאָר איז זי שוין געווען אַן אַנטוויקלטע פרוי און פיל יונגע לייט, מיט וועלכע זי האָט פאַרקערט, זענען געווען פאַרליבט אין איר, דערונטער אויך אייניקע נישט־יידן. כדי אויסצוהיטן זי פון שלעכטס, האָט איר פֿאָטער, קעגן איר ווילן, זי חתונה געמאַכט מיט דעם יידישן דאָקטאָר פון מעדיצין, מאַרקוס הערץ, וועלכער איז אויך געווען באַקאַנט אַלס אַ פילאָזאָף און אַ תלמיד פון מענדעלסאָנען און קאַנטן. הענריעטע איז געווען יונג און ראָמאַנטיש און האָט געזוכט אַ געלעגנהייט אויסצו־דריקן אירע געפילן. איז איר איינגעפאַלן צו שאַפן אַ ליטעראַרישן סאַלאָן אין איר הויז און זי האָט פאַרבעטן צו זיך די גרעסטע לייט פון יענער צייט. עס פלעגן אַריינקומען מענדעלסאָן, לעסינג, ניקאָלאַי דוהם, ראַמ־לער, טעלער פון דער הומאַניסטישער גרופּע — און אויך די פאָרשטייער פון דער נייער ראָמאַנטיק ווי שלייערמאַכער, פרידריך שטעגעל, שאַמיסאָ און אַנדערע. דאָקטאָר הערץ אַליין האָט זיך גערעכנט צו דער ערשטער גרופּע, אָבער זיין יונגע און שיינע פרוי הענריעטע איז געווען מיט דער צווייטער גרופּע. דאָקטאָר מאַרקוס הערץ איז געווען אַ גרויסער דענקער און האָט דעריבער נישט געהאַט וואָס צו ריידן מיט הענריעטען, וועלכע איז געווען פון דער נאַטור אַ פלאַכער קאָפּ און פלעגט אַרומפלאַטערן ווי אַ שמעטערלינג. עס איז אויך קיין סוד נישט געווען, אַז זי האָט געהאַט פיל ליבהאָבער און אַז שלייערמאַכער איז ממש געווען משוגע פאַר איר.

— און מאַרקוס הערץ, איר מאַן, האָט דאָס דערלאָזן? — האָט גי־טעלע נאַאיוו געפרעגט.

— ער האָט נישט געוווּסט, אַז זי פירט ליבעס הינטער זיינע פּליי־צעס — האָט מרדכי איר געענטפערט מיט אַ שמייכל — אַן אייגענער מאַן איז דאָך שטענדיק דער לעצטער צו וויסן דערפון... דערצו איז ער שטענ־דיק געווען פאַרטיפט אין פילאָזאָפיע און האָט גאָרנישט געזען, וואָס עס קומט פאָר אונטער זיין נאָז. שפּעטער, ווען די צוזאַמענטרעפונגען פון די יונגע ראָמאַנטיקער מיט די אַלטע פילאָזאָפן האָבן זיך נישט איינגעגעבן, האָט הענריעטע, צוזאַמען מיט איר בעסטער חברטע דאָראָטהי מענדעל־סאָן, געשאַפן אַ נייע גרופּע, וואָס האָט זיך גערופן „טוגענד־בונד", און זיי פלעגן זיך צוזאַמענקומען ביי דאָראָטהין אין הויז.

— און וואָס איז וועגן דאָראָטהין? וועגן איר האָסטו מיר נאָך גאָר־נישט דערציילט — האָט גיטעלע אים געפרעגט בייגעריק — איז זי אויך געווען אַזאַ גרויסע שיינהייט?

— יאָ, זי איז אויך געווען אַ שיינהייט, אַ ברונעטע מיט טיפע שוואַרצע אויגן, אָבער נישט אַזוי שיין ווי הענריעטע — האָט מרדכי גע־רעדט שטיל ווי צו זיך — דערפאַר אָבער איז זי געווען אַן אמתע חכמנית. זי איז געווען אויסערגעוויינלעך קלוג און האָט אַריינגעראָטן אין איר גרויסן טאַטן. אָבער איר פאָטער האָט זי אויך חתונה געמאַכט זייער יונג מיט אַ באַנקיר, שמעון פייט. און זי האָט אויך נישט גוט געלעבט מיט איר מאַן. און ווען זי איז אַלט געווען צוויי און דרייסיק יאָר און שוין אַ מאַמע פון צוויי קינדער, האָט זי זיך פאַרליבט אין פרידריך שלעגעל, מיט וועמען זי האָט זיך באַקאַנט אין הענריעטעס הויז. שלעגעל איז גע־ווען יינגער פון איר מיט 7 יאָר. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אינגאַנצן 25 יאָר, אָבער ער איז שוין געווען באַרימט אַלס אַ גרויסער דיכטער און אַ שאַרפער קריטיקער, וואָס טרעט אויס נייע וועגן און וועלכער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אַפילו פון צו קריטיקירן שילערס פּאָעזיע. זייער ליבע איז באַלד אַרויסגעקומען אין דער עפנטלעכקייט, דערפאַר וואָס ביי־דע, סיי שלעגעל און סיי דאָראָטהי, האָבן זיך נישט געהיטן נישט אַרויס־צווייזן זייערע געפילן איינער צום אַנדערן אין דער עפנטלעכקייט. ווען

דאַראָטהיס מאַן, פֿייט, האָט זיך דערפֿון דערוווסט, האָט ער זי פּשוט אַרויסגעטריבן פֿון הויז. זי האָט זיך דעמאָלט באַזעצט אין אַ זייטיקן געגנט פֿון בערלין צוזאַמען מיט איר געליבטן. שפּעטער איז איר געלונגען, מיט דער הילף פֿון הענריעטען, צו קריגן אַ גט פֿון איר מאַן. הענריעטע האָט אַפֿילו אויסגעפּועלט ביי אים, אַז זי זאָל האָבן די קינדער ביי זיך און אַז ער זאָל זיי אַלע אויסהאַלטן. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט פֿרידריך שלעגעל פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ראָמאַן מיטן נאָמען „לוצינדאַ“, אין וועלכן ער רעדט אָפֿן וועגן זייער פּריוואַט־לעבן און באַשרייבט אינטימע סצענעס... דאָס בוך האָט אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקן שטורעם און מ׳עז האָט דעם מחבר דערפֿאַר שטאַרק געטאַדלט. בלויז איינער, שלייערמאַכער, דער בעסטער פֿריינט פֿון שלעגעל, האָט אים פֿאַרטיידיקט אין אַ ספּעציעלער שריפֿט מיטן נאָמען „בריוו וועגן לוצינדאַ“. מיט פֿינף יאָר צוריק, אין יאָר 1801, האָט הענרי׳עטע הערץ אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ראָמאַן מיטן נאָמען „פּלאַ־רענטיק“, וווּ זי באַשרייבט אויך אינטימע סצענעס מיט אירע געליבטע, אָבער נישט אַזוי אָפֿן, ווי שלעגעל האָט עס געטאָן אין זיין בוך „לוציגדאַ“.

— און וואָס איז געוואָרן פֿון זייער ליבע? האָבן זיי חתונה געהאַט?

— יאָ, אָבער זיי לעבן כסדר אין גרויס אָרעמקייט. מען האָט דאָס פּאָרפֿאָלק געזען אין פֿאַרשיידענע דייטשישע שטעט, אין דרעזדען, לייפּ־ציג, קעלן און אויך אין ווין און אין פּאַריז, אָבער די אַריסטאָקראַטיע וויל זיך נישט חברן מיט זיי. מיט צוויי צי דריי יאָר צוריק האָט זיך דאָראָטהי געשמדט אויפֿן לוטעראַנישן גלויבן.

— און וואָס איז געוואָרן מיט הענריעטען? האָט זי זיך אויך געגט מיט איר מאַן? און האָט זי חתונה געהאַט מיט דעם שלייערמאַכער?

— דאָס לעבן האָט אויך זי געוואָרפֿן אַרויף און אַראָפּ, אָבער אויף גאָר אַן אַנדערן אופֿן — האָט מרדכי גערעדט פֿאַרטראַכט — הענריעטע האָט געהאַט פֿיל ליבעס אין איר לעבן, אָבער די ליבע צו שלייערמאַכערן האָט אָנגעהאַלטן צום לענגסטן און זי האַלט נאָך ביז איצט... מיט צען יאָר צוריק, אין יאָר 1796, איז שלייערמאַכער באַשטימט געוואָרן אַלס פּרעדיקער אין דער קירכע ביים שפּיטאָל „טשעריטי“, און ער פֿלעגט דאָרטן האַלטן פֿייערדיקע רעדעס וועגן קריסטנטום. הענריעטע איז געווען

זייער באַגייסטערט פון זיינע רעדעס, אָבער זי האָט כסדר אָפּגעלייקנט צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז זי איז פאַרליבט אין שלייערמאַכערן און, צווייטנס, אַז זי איז גרייט צו שמדן זיך. איר מאַן, מאַרקוס הערץ, האָט אָבער זי נישט געדרודפט פאַר איר באַציאונג מיט שלייערמאַכערן און אַזוי איז עס געווען ביז צו זיין טויט, ערשט מיט צוויי יאָר צוריק, אין יאָר 1804. עס האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעשטעלט, אַז דאָקטאָר הערץ האָט איר איבערגעלאָזן אַ גאַנץ קליינעם פאַרמעגן. הענריעטע האָט דעריבער געמוזט אויפגעבן איר רייכע וווינונג און עס איז געוואָרן אויס סאַלאָן. זי אַליין, הענריעטע, לעבט איצט אויף אַ גאַנץ קליינעם איינקונפט. אַזוי ווי זי איז זייער פּאָפּולער אין די אַריסטאָקראַטישע קרייזן, האָט מען איר געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז זי זאָל ווערן אַ גאָווערנאַנטקע אין פּרייסישן קעניגלעכן הויף, צו זיין די דערציערין פון דער פּרינצעסין שאַרלאָט. אָבער כדי צו האַלטן די שטעלע, וואָלט זי געדאַרפט זיך שמדן. אַזוי ווי זי האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרשאַפן יסורים איר אַלטער מאַמען, האָט זי דעם פאָרשלאַג אָפּגעזאָגט. אָבער זי האַלט סיי ווי סיי שטאַרק פון קריסטנטום און פּלאַפּלט כסדר נאָך אַלץ, וואָס שלייערמאַכער זאָגט אין דער קירכע.

— אָבי כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל זיך באַקענען מיט די דאָזיקע צוויי יידישע שיינהייטן און וועל זיין אין זייערע סאַלאָנען! — האָט גיטעלע געזאָגט מיט אַ טרויעריקער שטימע.

— ביסט געקומען צו שפּעט, גיטעלע, — האָט מרדכי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — עס איז אויס מיט די סאַלאָנען! זיי האָבן עקזיסטירט זייער אַ קורצע צייט. איצט זענעןביידע שיינהייטן אויף צרות. אָבער אויב דו ווילסט, וועל איך אויסגעפינען ווו זיי זענען און כ׳וועל דיך מיט זיי באַקענען.

— מוחל! — האָט גיטעלע אַ זאָג געטאָן — עס גייט מיר נישט אין לעבן. ווען עס וואָלטן נאָך געווען די סאַלאָנען, וואָלט איך געוועןן אַ בעלן צו פאַרברענגען דאָרטן אַן אָוונט. אָבער אַזוי ווי עס איז איצט, וועמען וועל איך זען? צוויי אָפּגעבלאַקירטע דאַמען?! ניין, נישט נייטיק!

— און מיט קריסטלעכע קינסטלער און שריפטשטעלער ווילסטו זיך

יאָ באַקענען? אויב יאָ, זאָג מיר מיט וועמען, וועל איך אויסגעפינען ווי אַזוי זיך מיט זיי צו טרעפן.

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם גאַנצן אמת, מרדכי — האָט אים גיטעלע אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט — דאָס גייט מיר אויך נישט אין לעבן. איך קען שוין די דאָזיקע גרויסע גוייִם! זיי זענען אַלע יידן־פיינט. קיינער פון זיי האָט נישט קיין גוט וואָרט פאַר אונדז. זיי זעען נישט אונדזערע ליידן און ווילן נישט וויסן פון אונדז. אויב זיי וועלן אונדז אויפנעמען ביי זיך אין הויז, וועלן זיי נאָר טאָן אונדז דערמיט אַ „טובה״. טאָ ווער דאַרף עס? איך קען לעבן אָן דעם אויך.

— זעסטו, גיטעלע, דאָס איז דער אומגליק פאַר דער גאַנצער אויפקלערונג־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי יידן אין דייטשלאַנד — האָט מרדכי איצט גערעדט מיט הארץ — אָט דאָס איז געוואָרן פון דער גאַנצער השכלה אין מערב־אייראָפּע. מען לויפט נאָר צו די גוייִם. אָט דערפאַר זענען די משכּילים אַזוי פאַרהאַסט ביי די פרומע יידן. אָט די יידן האָבן אַ גוטן חוש הריח. זיי ווייסן, ווען עס שמעקט מיט שמד... זעסטו, דער אָנהייב איז געווען גוט. מענדעלסאָן, נפתלי הערץ וויזעל און אַלע אַנדערע פון יענער צייט, די ערשטע משכּילים פון דייטשלאַנד, האָבן עס געמיינט גוט. זיי האָבן געוואָלט אָפּהיטן די אמונה, אָבער אויך אַריינברענגען אַביסל בילדונג צו אונדז יידן. דערפאַר אָבער האָבן די תּלמידים פון דעסויער׳, ווי פרידלענדער און זיין גרופּע, שוין געזוכט אָפּצושאַפן די יידישע דינים און דערנענטערן זיך צום קריסטנטום, און אָט דאָס האָט נישט געטויגט.

— אָבער, מרדכי — האָט גיטעלע זיך געכאַפּט — דו האָסט מיר, דוכט זיך, געזאָגט, אַז דו וועסט מיר דערציילן פון ד ר י י יידישע סאַלאָנען און דו האָסט מיר נאָר דערציילט וועגן צוויי. וואָס איז וועגן דעם דריטן?

— יאָ, ריכטיק — האָט מרדכי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — טאַקע פאַרגעסן. עס איז געווען נאָך איינער, אַ דריטער, פון אַ באַרימטער יידישער פרוי. זי האָט געהייסן רחל לעווין. זי איז געווען עלטער מיט עטלעכע יאָר פון הענריעטען און דאָראָטהין. אָבער נישט אַזוי שיין ווי זיי ביידע.

זי האָט אָבער געהאַט אַ קלוגן קאָפּ אויף אירע פּלייצעס. איר סאַלאָן האָט געהייסן „מאַנסאַרדאַ“ און זי האָט אַנגעפירט מיט אים, אין אַן אײבערשטן שטאָק אין הויז פון איר פאָטער, וועלכער איז געווען אַ פּשוטער גאָלד־שמיד. די פרוי רחל איז געווען פאַרליבט איבער די אויערן אין געטען און זי האָט געזאָגט, אַז זי פאַרשטייט אים בעסער ווי די גרעסטע קריטי־קער. צו איר אין סאַלאָן פלעגן קומען גרויסע דיפּלאָמאַטן און באַרימטע פּרויען, ווי, למשל, די באַרימטע מאַדאַם סטאַל פון פּאַריז און אַנדערע. רחל לעווין איז געווען אַ „פריילין“, אָבער זי האָט געהאַט פיל ליבעס. צום סוף האָט זי זיך פאַרליבט אין דעם פּרייסישן דיפּלאָמאַט און שרייבער וואַרהאַגען פאָן ענזע און מיט אים חתונה געהאַט. זינט דעמאָלט האָט איר סאַלאָן אויפגעהערט צו עקזיסטירן. צי זי האָט זיך געשמדט, איידער זי האָט חתונה געהאַט מיטן קריסטלעכן דיפּלאָמאַט, ווייס איך נישט, נאָר מסתמא יאָ, ווייל ער איז געווען אַ פרומער קריסט און ער וואָלט זיכער נישט געוואָלט האָבן אַ יידישע פרוי פאַר אַ ווייב.

— זעסטו, אָט דאָס איז שלעכט! — האָט גיטעלע אָפּגעזיפצט. — דאָ אין אייראָפּע האָט די השכלה זיך באַלד גענומען צו שמד. ביי אונדז, אין רוסלאַנד, גייט אויך אָן אַ השכלה־באַוועגונג, אָבער ביי אונדז איז עס אַנדערש... ביי אונדז איז עס זייער ווייט פון שמד... מען דאַרף דערי‌בער ביי אונדז אַכטונג געבן, אַז אַלץ זאָל גיין כשורה, אויפן וועג פון יידיש־קייט מיט בילדונג צוזאַמען, ווייל איינס אָן אַנדערן טויג נישט. נישט יידישקייט אָן בילדונג און נישט בילדונג אָן יידישקייט.

— עס איז איצט דאָ ביי אונדז אין רוסלאַנד איינער, וואָס פּרע־דיקט אָט דאָס — האָט מרדכי געזאָגט מיט שטאָלץ — ער הייסט אברהם בער לעבענזאָן, אָדער ווי מען רופט אים, אברהם בער מיכאַלישקער, ווייל ער האָט געוווינט ביז לעצטנס ביי זיין שווער אין הויז אין מיכאַלישעק, לעבן ווילנע. ער איז אַ גרויסער דיכטער, כאָטש ער איז נאָך גאָר יונג. ער איז איצט אינגאַנצן נאָך נישט אַלט קיין 20 יאָר, אָבער ער איז שוין אַ באַווייבטער און האָט שוין צוויי קינדער. ער שרייבט זיך אויך אונטער „אדם הכהן“. ווען מיר וועלן פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד, וועל איך דיך מיט אים באַקענען. ער איז אַ טייערער מענטש.

מרדכי האָט באַצאָלט פאַרן עסן און זיי זענען צוריקגעגאַנגען אין זייער האָטעל, אָבער אין דער לאָבי האָט מען מרדכין איבערגעגעבן אַ בריוו מיט אַן אויפשריפט „זייער וויכטיק", „באַלד עפענען!", און מען האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז געקומען מיט אַ ספּעציעלן קוריער. ווען מרדכי האָט געעפנט דעם בריוו, האָט ער געגעבן אַ געשריי:

— ווײ מיר! ברוך דיין אמת!

— וואָס איז געשען? — האָט זיך גיטעלע דערשראָקן.

— מיין ווייב איז געשטאָרבן! עס איז אַ בריוו פון מיין עלטסטן זון; די לוויה איז שוין געווען.

— דאָס ענדערט די גאַנצע לאַגע, מרדכי — האָט גיטעלע געזאָגט פאַרטראַכט — דאָס מיינט, אַז מ׳יר מוזן שוין פאָרן אַהיים.

— ריכטיק! כ׳דאַרף אָבער זיצן שבעה — האָט מרדכי געזאָגט מיט אַ טרויעריקער שטימע.

— מיר דוכט זיך, אַז דו דאַרפסט נישט מער זיצן ווי איין שעה. עס ווענדט זיך ווען עס איז געשען. נו, וועסטו שוין זיצן אין דער היים.

— אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן, גיטעלע? מיינסטו טאַקע, אַז מיר זאָלן אַהיים פאָרן? אפשר נישט?

— מיר מוזן אַהיים פאָרן, מרדכי. מיר קענען דאָ מער נישט זיין; עס פּאַסט נישט. דו פאַרשטייסט דאָך אַליין.

— דו ביסט גערעכט, גיטעלע. נו, אויב אַזוי, גוט, לאָמיר איינפּאַקן די זאַכן. אָבער מיר וועלן דאַרפן איבעררײדן וואָס מיר זאָלן טאָן, ווען מיר וועלן קומען אַהיים. מ׳ען דאַרף איבעררײדן וועגן דיר, וועגן הערש־לען און וועגן מיינע קינדער.

— מיר וועלן דאָס אַלץ איבעררײדן אויפן וועג. עס וועט זיין גענוג צייט. איצט קום אַרויף און פּאַק איין דיינע זאַכן. איך וועל אויך פּאַקן מיינע און רוף איוואַנען, אַז ער זאָל זיין גרייט. מיר וועלן נאָך הייַנט אָפּפאָרן. כ׳וויל מען זאָל אַרויספאָרן, ווען עס איז נאָך ליכטיק.

גיטעלע איז איצט אַרויף אין איר צימער. מרדכי איז געגאַנגען זען איוואַנען און זיך אָפּרעכענען מיטן האָטעל, און ווען ער איז צוריקגעקו־

מען צו גיטעלען, האָט ער זי געטראָפן פּאַקן אירע זאַכן, און ער האָט איר אַרומגענומען און אָפּגעפּרעסט אַ קוש אויף איר שטערן...

65

אויפן וועג אַהיים האָבן גיטעלע און מרדכי גערעדט וועגן דעם, וואָס גיטעלע זאָל טאָן מיט הערשלען, ווען זי וועט קומען אַהיים. גיטעלע איז געווען וועגן דעם זייער באַזאָרגט. זי האָט איצט שטאַרק געוואָלט קריגן פון אים אַ גט, אָבער זי האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי דאָס צו טאָן. וואָס זאָל זי זאָגן הערשלען, ווען זי וועט קומען צוריק? און ווי אַזוי זאָל זי אַרויסברענגען דעם געדאַנק וועגן אַ גט? און פאַרוואָס וויל זי דאָס?

מרדכי האָט איצט, אין קעגנזאַץ צו זיינע פריערדיקע רייד צו גיטע־לען, איינגעטענהט מיט איר, אַז זי זאָל עס טאָן אויף אַ גוטן אופן. זי זאָל זיך מיט אים נישט קריגן און זען, אַז אַלץ זאָל זיך ענדיקן אויף אַ פריד־לעכן אופן.

— איר ביידע — האָט מרדכי גערעדט צו איר מיט וואַרעמקייט, ווי אַ גוטער טאַטע — דאַרפט אַוועקפאָרן אין אַ קליין שטעטל פון קיעווער גובערניע, ווו מען קען אייך ביידן נישט, אַרייַנגיין צום רב און דאָרטן גטן זיך. אָבער געדענק, גיטעלע, דו דאַרפסט דאָס אַלץ פּועלן ביי אים מיט גוטן, נאָר מיט גוטן!

— אָבער וואָס זאָל איך זאָגן, ווען ער וועט מיר פרעגן, פאַרוואָס איך וויל אַ גט פון אים? — האָט גיטעלע אים אָנגעקוקט פאַרצווייפלט — און וואָס זאָל איך זאָגן דעם רב, ווען ער וועט מיר שטעלן די פראַגע? ער וועט דאָך מיך זיכער דאָס פרעגן. נו, וואָס וועל איך אים דעמאָלט ענטפערן?

— דאָס, גיטעלע, דאַרף נישט זיין דיין זאָרג — האָט מרדכי איר געענטפערט מיט אַ רואיקן טאָן — הערשל גיט דאָך דיר דעם גט. נו, דאַרף ער ענטפערן דעם רב און נישט דו. דער עיקר איז, אָבער, אַז איר ביידע זאָלט פריער פאַרטיק ווערן צווישן זיך וועגן דעם.

— נו, און וואָס איז וועגן הערשלען גופא? — האָט אים גיטעלע ווידער געפרעגט באַאומרואיקט — האָסטו געטראַכט דערפון?

— זאָג אים דעם אמת וועגן זיך — האָט מרדכי געזאָגט רואיק — דער אמת איז דער בעסטער ליגן. אָבער זאָג עס אים אויף אַ פיינעם אופן. דער אמת איז דאָך, אַז ער האָט נישט געוווינט מיט דיר ווי אַ מאַן מיט אַ ווייב; דער אמת איז דאָך אויך, אַז ער וויל ווייטער אַזוי לעבן; ער האַלט עס דאָך פאַר אַזאַ שיטה, פאַר זיין וועג אין לעבן. נו, וועסטו אים זאָגן, אָבער געדענק, אויף אַ גוטן אופן, אַז דו ווילסט אים נישט איבער־מאַכן; דו ווילסט אים אויך נישט שטערן אין זיין נייעם דרך; אָבער ער קען דיך נישט האַלטן געבונדן צו זיך און מאַכן דיך צו ליידן. דו האַלטסט נישט פון זיין דרך, דעריבער צו וואָס זיין צוזאַמען? זאָל זיך יעדער איי־נער גיין זיין וועג. וואָרום אַזאַ צוזאַמענלעבן טויג נישט. עס איז נישט גוט און איר מוזט זיך שיידן. כ׳גלויב, אַז דו וועסט אים קענען געבן דאָס צו פאַרשטיין. דאָס איז דער בעסטער וועג. דערנאָך וועט איר גיין צום רב, און וואָס ער וועט זאָגן דעם רב, קימערט דיך נישט, זאָל ער זאָגן וואָס ער וויל.

— כ׳מיין, אַז דו ביסט גערעכט, מרדכי, — האָט גיטעלע אים אַרומ־געכאַפּט און געקושט, אַז דער קוטשער זאָל נישט זען.

עס איז געווען מערקווירדיק, וואָס כאָטש ביידע, גיטעלע און מרדכי, זענען געווען איידעלע און געפילפולע מענטשן, האָבן זיי דאָך נישט גע־רעדט קיין איין וואָרט וועגן דעם, צוליב וואָס זיי פאָרן אייגנטלעך אַהיים, דהיינו, וועגן טויט פון מרדכיס פרוי. וועגן דעם האָבן זיי ביידע אינגאַנצן געשוויגן. עס איז געווען צוליב דעם, וואָס ביידע האָבן געהאַט דערביי אַ געפיל פון אינערלעכער פאַרשעמונג; דערפון וואָס ביידן האָט הנאה גע־טאָן דאָס, וואָס זי האָט צוגעמאַכט אַן אויג און דערמיט פריי געמאַכט דעם וועג פאַר זיי... יאָ, סיי מרדכי האָט דערפון געטראַכט און סיי גי־טעלע. מרדכי האָט אַפילו טיף אין זיין האַרצן געטראַכט דערפון, וואָס פאַראַ גליק עס איז אים איצט געשען דערמיט, וואָס ער איז פּטור געוואָרן פון איר און וועט קענען אײַנגיכן חתונה האָבן מיט גיטעלען. ער האָט אויך געטראַכט דערפון, וואָס פאַראַ שוועריקייטן ער וואָלט געהאַט, ווען עס וואָלט נישט אַזוי געווען; ווען זי וואָלט געלעבט און ווער ווייס ווי לאַנג... ער וואָלט איר נישט געקענט געבן קיין גט צוליב איר לאַגע אַליין און

אויך צוליב די קינדער און אויב אַזוי, וואָס וואָלט ער געטאָן מיט גיטעלען? זי האַלט זיך דאָך ביים אָפּגטן מיט הערשלען... זי וואָלט געוואָרן אַ פרייער פויגל, אָבער וואָס וואָלט ווייטער געווען? זי וואָלט זיכער נישט איינגעשטימט צו ווערן זיינס אַ „קעפּס ווייב״, אַז ער זאָל לעבן מ׳יט איר אין דער שטיל, אָן חופה וקדושין... אויב אַזוי וואָלט זי זיכער חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן און וואָלט אינגאַנצן אַוועק פון אים... גיטעלע האָט אויך געטראַכט אויף דעם זעלבן אופן, וואָס מרדכי, מיט אַ צוגאָב, וואָס זי וואָלט ווידער אַמאָל געבליבן שטיין פאַרן טויער פון גליק און נישט געקענט אַריינגיין... ווידער אַמאָל וואָלט איר ליבע אויסגערונען! און ווי לאַנג איז דער שיעור?... אָבער דאָך האָבןביידע זיך געפילט שולדיק פאַר די דאָזיקע געדאַנקען, ובפרט נאָך, וואָס זיי האָבן ערשט נאָרוואָס געהערט פון דער פרויס טויט... זיי האָבן דעריבער געשוויגן און מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט נישט איר נאָמען און נישט אַפילו מרדכיס קינדער, ווייל אויך דאָס וואָלט שוין געקאָנט פירן צו ריידן וועגן איר...

אַ חוץ דעם האָט מרדכי געהאט נאָך עפּעס אויפן זינען, פון וואָס ער האָט נישט געוואָלט ריידן מיט גיטעלען, און דאָס איז געווען, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון הערשלען, פון זיין ביוראָ... ער האָט איצט געפילט, אַז דער אמת איז, אַז ער דאַרף אים נישט, אַז די גאַנצע צייט האָט ער אים געהאַלטן נאָר דערפאַר, כדי צו האָבן גיטעלען מיט זיך און נאָר כדי עס זאָל דערפירן דערצו, צו וואָס עס האָט שוין דערפירט... נו, צו וואָס דאַרף ער אים נאָך?... אָבער ווי אַזוי באַזייטיקט מען אים? אויך גיטעלע האָט געטראַכט דערפון, אָבער נישט קלאָר... אויך ביי איר אין קאָפּ איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז עס וועט נישט זיין גוט, אַז הערשל זאָל ווייטער אַרבעטן ביי מרדכין אין ביוראָ, אָבער זי האָט עס געטראַכט ווי וועגן אַ שפּעטערדיקער זאַך, וואָס מרדכי וועט עס דאַרפן באַטראַכטן ערשט נאָכדעם ווי זי וועט קריגן דעם גט.

איידער זיי זענען געקומען קיין קיעוו האָט מרדכי געזאָגט צו גיטעלען, אַז ס׳איז בעסער, זיי זאָלן נישט אַריינפאָרן צוזאַמען אין שטאָט, כדי נישט אויפצורייסן ביי מענטשן די אויגן; אַז מענטשן זאָלן נישט האָבן פון וואָס צו ריידן. ער האָט דעריבער געהייסן דעם קוטשער, אַי־

וואַנען, אַז ער זאָל צופירן גיטעלען צו איר ווױנונג, אַראָפּנעמען אירע זאַכן פון דער בריטשקע און אַרײַנטראָגן עס אין הויז און ער אַלײן וועט נעמען אַן אַנדער בריטשקע און צופאָרן צו זיך...

אָבער עס איז מערקווירדיק ווי אַזוי אַ מענטש זאָרגט זיך אַמאָל וועגן עפּעס גאַנצענע טעג און נעכט און טראַכט צו גאַנצע פּלענער, אָבער ווען עס קומט דערצו, איז אַלץ גאָר אַנדערש, אַזוי אַז זײַן גאַנץ זאָרגן און טראַכטן איז געווען בחינם... דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט מרדכין און מיט גיטעלען. נישט לאַנג נאָכדעם ווי גיטעלע איז אַרײַן אין הויז און האָט גענומען אויספּאַקן אירע זאַכן, איז הערשל אַרײַנגעקומען און ווען ער האָט זי דערזען, האָט ער זי נישט באַגריסט און נישט אַרויסגעוויזן קײַן שום פרייד צו איר קומען אַהיים, און אַוודאי נישט אַרומגענומען זי און געקושט, ווי דער שטייגער איז, ווען אַ מאַן זעט נישט זײַן ווײַב אַזאַ לאַנגע צײַט. ער האָט בלויז אַ מורמל געטאָן:

— ביסט שוין געקומען צוריק?

— דו זעסט דאָך! — האָט גיטעלע אים געענטפערט מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם כעס אויף זײַן קאַלטקייט צו איר — מיר זענען געקומען צוריק פּונקט צום חודש, אַזוי ווי עס איז געווען אָפּגערעדט.

— נאָך גוט, וואָס מרדכיס ווײַב איז געשטאָרבן; ווען נישט, וואָלסטו גאָר פאַרגעסן מײַן אַדרעס — האָט הערשל צו איר געזאָגט מיט פאַרביסענע ליפּן.

— פאַרוואָס טראַכסטו אַזוי? — האָט זי אים מיט אַ געמאַכטער רויִקייט געפרעגט.

— לאָמיר וועגן דעם נישט ריידן — האָט הערשל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — לאָמיר בעסער ריידן וועגן עפּעס אַנדערש.

— וועגן וואָס?

— גיטעלע, איך וויל, אַז דו זאָלסט נעמען בײַ מיר אַ גט — האָט ער פּלוצים אַרויסגעפּלאַצט.

גיטעלע האָט אים אָנגעקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן און מיט אַ טיפער פרייד אין האַרצן, אָבער דאָך קאַלט אַ פרעג געטאָן:

— אַ גט? פאַרוואָס?

— ווייל אַזוי איז עס! — האָט ער געענטפערט מיט אַן אינערלעכער צופרידנקייט דערפון, וואָס ער האָט שוין די שווערע משא פון זאָגן איר דאָס פון זיך אַראָפּגעוואָרפן — ווייל אַזוי מוז עס זיין.

— אָבער פאַרוואָס? — האָט זי אים איבערגעפרעגט כלומרשט באַזאָרגט, אָבער טיף אין האַרצן צופרידן.

— ווייל איך וויל איצט לעבן אַנדערש, אַ לעבן פון סיגופים... איך וויל זיך דערווייטערן פון יעדער אשה בכלל און איך דאַרף נישט זיין צוגעבונדן צו דיר... איך דאַרף אויך דיר נישט שטערן אין דיין לעבן...

גיטעלע איז איצט געוואָרן איבערפולט מיט גליק, וואָס ער האָט זי באַפרייט פון אַזאַ שווערן עול צו דאַרפן ריידן מיט אים דערפון. אנשטאָט זי זאָל עס טאָן האָט ער עס גאָר געטאָן און עס איז פיל בעסער פאַר איר אַזוי... אָבער דאָך, כדי נישט אַרויסצווייזן אים איר פרייד דערויף, האָט זי אים נאָכאַמאָל געפרעגט:

— איז דאָס ביי דיר שוין זיכער? איז דאָס די לעצטע מסקנה, צו וואָס דו ביסט געקומען?

— יאָ! — האָט ער געזאָגט — אַנדערש קען עס נישט זיין!

— נו, — האָט גיטעלע צו אים געזאָגט כלומרשט מיט ווייבערישן שטאָלץ — אויב עס איז ביי דיר אַזוי געבליבן, וועל איך דיר נישט שטערן דיין לעבן... בעטן זיך ביי דיר וועל איך נישט! איך האָב מיין שטאָלץ — און זי האָט כלומרשט אַרויסגעקוועטשט אַ טרער פון אירע אויגן און עס אָפּגעווישט מיט איר טיכל.

— און ווען ווילסטו זאָל זיין דער גט? — האָט זי אים געפרעגט.

— אַפילו מאָרגן.

— אַזוי? וווּ?

— נישט דאָ, אין קיעוו, נאָר אין אַ קליין שטעטל.

„פונקט דאָס, וואָס איך האָב געטראַכט, האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין, ממש געגנוי אַזוי ווי איך האָב עס געוואָלט... ווי אַ שטייגער ער וואָלט געלייענט מיינע געדאַנקען"... אָבער צו אים האָט זי געזאָגט:

— גוט, זאָג מיר ווו און ווען, וועל איך זיין גרייט. אָבער דאַרף איך שוין פאַרלאָזן דאָס הויז?

— ניין, שלאָף איבער די נאַכט — האָט ער געזאָגט — איבעריקנס, וועל איך פאַרלאָזן דאָס הויז און דו קענסט בלייבן.

— און ווו וועסטו זיין?

— דאָס דאַרף איך דיר נישט זאָגן, דאָס איז שוין, אייגנטלעך, נישט דיין זאַך, אָבער איך וועל עס דיר יאָ זאָגן. איך פאָר צוריק קיין טשערנאָביל. נאָכדעם ווי ר' נחומטשע איז נפטר געוואָרן, איז ר' מרדכי, זיין עלטסטער זון, געוואָרן זיין ממלא מקומו, איך האַלט פון אים זייער שטאַרק און איך וועל זיין זיין גבאי.

— אַזוי? וועסטו אויפגעבן די שטעלן ביי ר' מרדכין?

— יאָ, איך וועל אים באַלד מאָרגן דאָס זאָגן. עס איז נישט פאַר מיר.

גיטעלען האָט זיך איצט געגלוסט אַזש צו טאַנצן פשוט פאַר פרייד, וואָס אַלץ איז איר אַזוי לייכט אָנגעקומען. זי האָט געפילט, אַז זי מוז מיט עמעצן טיילן איר פרייד. און מיט וועמען קען זי טיילן איר פרייד אינגאַנצן אָפנהאַרציק, אויב נישט מיט מרדכין? און זי האָט זיך אָנגעטאָן דעם מאַנטל אויף אַרויסצוגיין.

— וווהין גייסטו? — האָט זי הערשל געפרעגט.

— וואָס איז עס דיין עסק? אַז מען גייט זיך גטן, דאַרפסטו מיך מער נישט פרעגן וווהין איך גיי. וווהין איך וויל גיין — דאָרטן גיי איך.

הערשל האָט מער גאָרנישט געזאָגט און זי האָט בכיוון צוגעמאַכט די טיר מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ.

גיטעלע האָט איצט געוואָלט אויסטאַנצן דעם וועג צו מרדכין. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ווי נאָר זי וועט אַריינקומען צו אים, וועט זי אים אַרומכאַפּן מיט אַזאַ פרייד, אים זאָגן די גוטע נייעס און אים געבן אַ שלעפּ איבער דער פּאָדלאָגע און טאַנצן מיט אים. אָבער ווען זי איז צוגעקומען צו דער טיר פון זיין וווינונג, האָט זי געהערט אַ קול פון אַ געשטיקט פרויאיש געוויין און איז אָפּגעקילט געוואָרן. זי האָט נישט געוווסט, צי זי זאָל אַריינקומען צי נישט. אָבער זי האָט געעפנט די טיר און איז אַריין. אין הויז זענען געווען פיל מענטשן, אַ טייל, וועלכע זי האָט געקענט און אַ טייל נישט. דערונטער אויך מרדכיס קינדער און זיין טאָכ־

טער, לאהלע, וועלכע האָט דאָס געהאַט געוויינט, ווען זי האָט דערזען איר פאָטער און גערעדט מיט אים וועגן דעם טויט פון איר מאַמען און האָט זיך געווישט די אויגן... מרדכי אַליין איז געזעסן שבעה, אַ שעה, אויף אַ פוס־בענקעלע, ווייל אַזוי האָט אים דער רב, צו ווען ער איז אַריינגעגאַנגען פריער, איידער ער איז געקומען אַהיים, געהייסן... גיטעלע האָט שטום זיך באַגריסט מיט די קינדער, וועלכע זי האָט געקענט און זיך געזעצט אויף אַ שטול אין אַ זייט. נאָכדעם ווי מרדכי האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקעלע, ווען די שעה איז געווען אַריבער און דער עולם איז זיך צעגאַנגען, האָט זי צו אים אַ ווונק געטאָן, אַז זי וויל אים עפּעס זאָגן און ער האָט איר געהייסן אַריינגיין אין דער אַנדערער שטוב. ער איז באַלד אַהין אַריין. גיטעלע האָט אים געזאָגט קורץ:

— כ'האָב פאַר דיר גוטע נייעס, מרדכי. הערשל האָט מיט מיר אַליין גערעדט וועגן אַ גט. ער וויל, אַז איך זאָל נעמען אַ גט פון אים. ער האָט עס מיר געזאָגט נאָך איידער איך האָב געהאַט צייט צו זאָגן אים וועגן דעם.

— אַזוי גאָר? פאַרוואָס?

— ווייל, זאָגט ער, ער וויל איצט לעבן אַ לעבן פון סיגופים, ממש אַזוי ווי מיר האָבן גערעדט.

— און ווען זאָל עס זיין?

— שוין מאָרגן. ער וויל, אַז עס זאָל פאָרקומען אין אַ קליין שטעטל, אַזוי ווי מיר האָבן געוואָלט. אַלץ גייט זיך איין אַזוי גוט!

— טאַקע?!

— נאָך עפּעס, מרדכי, ער פאָרט אַוועק צוריק קיין טשערנאָביל און וועט זיין גבאי ביים רבין ר' מרדכי, ר' נחומטשעס זון. דו ווייסט דאָך, אַז ר' נחומטשעס עלטסטער זון איז געוואָרן זיין ממלא מקומו.

— אוודאי ווייס איך! — האָט מרדכי צו איר געזאָגט אין דער שטיל — איך קען גוט דעם נייעם רבי, ר' מרדכי. ער איז שוין גאָר נישט אַזוי ווי זיין פאָטער. דער פאָטער, ר' נחומטשע, איז געווען אַ צדיק אַ ייד. ער פלעגט אַרומפאָרן איבער די שטעטלעך און זאַמלען גראָשן צו גראָשן, אָבער נישט פאַר זיך, נאָר פאַר פדיון שבויים, פאַר אָרעמעלייט און אויף חתונה־מאַכן אָרעמע כלות. ער, אָבער, זיין זון, רייסט געלט פון לעבעדיקע

און טויטע. ער האָט זיך געשאַפן אַ „מעמדות״. דו ווייסט וואָס דאָס הייסט? — דאָס מיינט, אַז געוויסע מענטשן מוזן אים געבן, איינער אַזוי פיל און אַן אַנדערער אַזוי פיל. ער באָדט זיך אין גאָלד. דו זאָלסט זען זיין קאַרעטע, אין וועלכער ער פאָרט אַרום! מיט פיר פערד נאַשפּיץ, אַזוי ווי די אמתע פּוילישע פּריצים, באַגלייט פון פיל גבאים... נישט אַזוי ווי זיין פאָטער, וואָס איז געפאָרן אין אַ פּויעריש וועגעלע. און היינט דאָס גאָלד און זילבער, וואָס עס איז דאָ ביי אים אין הויז! ער לעבט זיך דאָך ווי אַ גראַף און האָט אויך שטאַרק הנאה פון עולם הזה...

— אַ שיינער רבי איז ער! — האָט גיטעלע זיך צעלאַכט.

— אַ רבי איז ער! אַן אָפּנאַרער! הער אַ מעשה: זיין פאָטער, וואָס האָט געלעבט אַן אָרעם לעבן, האָט נישט געהאַלטן פון סיגופים, און ער האָלט יאָ פון סיגופים... ווי געפעלט דיר דאָס?! דו ווייסט וואָס ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט? „אַ מענטש דאַרף תשובה טאָן אויף זיין יוגנט־זינד און פאַסטן פינף יאָר נאָכאַנאַנד אַ טאָג אין דער וואָך. נאָך די פינף יאָר דאַרף מען פאַסטן ה״ב״ה נאָך פסח און סוכות און „שובבים״ ת״ת, יעדן ערב ראש חודש און אויך צוויי טעג אין חודש אלול. נאָר אַזוי אַרום קען מען בייקומען אַלע תאוות, וואָס זענען דאָ אין האַרצן״... ווייסטו וואָס איך האָב אים דערויף געזאָגט? איך האָב אים אַזוי געזאָגט: „און דער רבי טוט אַזוי? פריער וויל איך וויסן צי איר טוט אַזוי. ווייל ווי איך זע, האַלט איר גאָר שטאַרק פון עולם הזה״. — און איך בין אַוועק. ווי געפעלט דיר דאָס! ער פּרעדיקט סיגופים! יאָ, ער פּרעדיקט עס פאַר אַנדערע, אָבער נישט פאַר זיך...

— איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס הערשל איז פלוצים געוואָרן אַזאַ אָנהענגער פון סיגופים. ער איז פריער גאָר נישט אַזוי געווען. דאָס האָט אים דער נייער רבי אַרויפגעפירט אויף דעם וועג און צוליב דעם וויל ער בעסער זיין אַ גבאי ביי אים, ווי צו וווינען מיט מיר... עס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט מיר און מיט דיר... דער שוטה מיינט עס באמת אַזוי!

— ביסט גערעכט, גיטעלע, דו פאַרשטייסט עס זייער גוט.

— נו, מרדכי, איז נישט בעסער אַזוי, אַז ער האָט עס אַליין אַלץ געטאָן? דאָס האָט פאַרשפּאָרט מיר צו ריידן מיט אים און דאָס נעמט דיר

אויך אַראָפּ די זאָרג פון דאַרפן אים אָפּזאָגן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל ריידן מיט דיר. דעריבער זאָג אים גאָרנישט, ביז ער וועט דיר עס זאָגן.

— זייער גוט, וואָס דו האָסט עס מיר געזאָגט, גיטעלע.

— דערפאַר האָב איך זיך געאיילט צו קומען אַהער, מרדכי.

— און ווו וועסטו, גיטעלע, שלאָפן די נאַכט? ביי דיר אין דער היים?

— ער זאָגט, אַז איך קען נאָך שלאָפן ביי מיר אין הויז. איבעריקנס, ער וויל, אַז איך זאָל בלייבן ביי דער וווינונג.

— גוט! נו, האָב מיר אַ גוטן גט! — האָט מרדכי געשמייכלט.

— אַ גוטן גט! אַ גוט יאָר! — האָט גיטעלע צוריקגעשמייכלט צו אים. זי איז איצט אַריין צוריק צו די קינדער און נאָכדעם ווי זי האָט זיי געוואונטשן, אַז זיי זאָלן שוין באַהיט ווערן פון צער, איז זי אַוועק אַהיים.

צומאָרגנס זענען ביידע, הערשל און גיטעלע, צוגעפאָרן מיט אַ פור, אויף וועלכער עס זענען געפאָרן נאָך מענטשן, אין אַ קליין שטעטל, נישט ווייט פון קיעוו, מיטן נאָמען אַזאַטיווקע, און זענען אַריין צום רב און אים געזאָגט זייער פאַרלאַנג. דער רב האָט געפּרעגט הערשלען, פאַרוואָס ער' וויל אַ גט, און הערשל האָט אים עפּעס איינגערוימט אין אויער. אָבער גיטעלען האָט עס גאָנץ ווייניק געקימערט. באַלד דערויף האָט דער רב געשיקט נאָכן סופר און ער האָט אָנגעשריבן אַ גט און הערשל האָט עס געגעבן צו גיטעלען. דערנאָך זענען זיי ווידער אַרויף אויף אַ פור מיט נאָך מענטשן און געפאָרן צוריק. קומענדיק אין שטאָט האָט הערשל געזאָגט צו גיטעלען, אַז אַזוי ווי איצט טאָרן זיי שוין נישט זיין מער אונטער איין דאַך, זאָל זי וואַרטן אין דרויסן אַ שעה צייט, ביז ער וועט צוזאַמענזעמען זיינע זאַכן און ער וועט אַוועקגיין. דערנאָך קען זי אַריינגיין און טאָן וואָס זי וויל. אַזוי איז טאַקע געווען. הערשל איז דערנאָך אַרויסגעקומען מיט אַ פּאַק זאַכן און איר געזאָגט „אַ גוטן טאָג" און איז אַוועק צו די פורן צו פאָרן קיין טשערנאָביל. גיטעלע איז אַריין אין איר וווינונג און זיך געלאָזט אין אַ טאַנץ איבער די צימערן, און דערנאָך איז זי אַוועקגעפאַלן אויפן בעט און זיך שטאַרק צעוויינט... עפּעס איז איצט פאַר איר דורכגעגאַנגען איר גאַנץ לעבן... זי איז נאָך אַזוי יונג און האָט שוין אַזוי פיל

דורכגעמאַכט... מיט איר יוגנט־פריינט, מיט נחמנקען, האָט זי זיך געשיידט ערב דער חופה. עס איז נישט געווען קיין גט, אָבער נאָך ערגער... דערנאָך האָט זי זיך געגט מיט אַהרנען... זי האָט מיט אים געלעבט אין גאַנצן אַ קורצע צייט און אויס... איצט האָט זי שוין געמיינט, אַז הערשל איז איר ריכטיקער זיווג — האָט זיך ווידער אויסגעלאָזט אַ בוידעם, און ווידער אַ גט... שוין צוויי מאָל אַ גרושה... און אויב מען זאָל רעכענען אויך די שיידונג מיט נחמנקען, איז עס שוין דריי מאָל. און דאָס אַלץ זי, די געראָטענע, די שיינע, דער אויסנאַם צווישן פרויען...

— און איצט אַ נייער שריט — מרדכי, אַ זיידע... ער איז דאָך מיט אַזוי פיל יאָרן עלטער פון איר! ער קען דאָך זיין איר טאַטע! אָבער — זאָגט זי צו זיך אַליין — וואָס טראַכט זי, וואָס? מרדכי איז נישט קיין זיידע, ער איז אויך נישט קיין טאַטע, ער איז דאָך אַזוי יונג!... ער איז יונגער פון אַלע... ער האָט איר געגעבן אַזוי פיל פרייד... אַזוי פיל ליבע! און מיט אַזאַ פייער!... ניין, מרדכי איז יונגער פון אַלע!... זי וועט זיכער זיין גליקלעך מיט אים. איר גליק הייבט זיך ערשט אָן...

באַלד האָט זי געהערט ווי מען קלאַפּט ביי דער טיר און זי איז אַראָפּ פון בעט צו עפענען. עס איז געווען מרדכי. ער האָט אַרומגעכאַפּט גיטעלען און זי געקושט און געפרעגט:

— וואָס הערט זיך?

— שוין אַלץ געענדיקט. אויס הערשל! ער איז ערשט נישט לאַנג אַוועקגעפאָרן קיין טשערנאָביל. ער ווערט דאָרטן איינער פון די גבאים. זיין רבי דאַרף דאָך האָבן אַ סך משרתים... נו, איצט זענען מיר ביידע פריי און אַליין...

— גוט, גיטעלע — האָט ר׳ מרדכי זי אַרומגענומען און געקושט, — מיר וועלן אינגיכן זיין פאַראייניקט... איך וועל נישט וואַרטן לאַנג. דאָס העכסטע אַ האַלב יאָר און מיר וועלן חתונה האָבן. מיר וועלן בויען אַ שיין הויז, אַ הויז פון אויפקלערונג, פון בילדונג... צו אונדז וועלן אַריינקומען די שענסטע מענטשן פון דער היינטיקער צייט. דו וועסט זען, גיטעלע — און ער האָט זי ווידער געקושט און געדריקט צו זיך.

66

די צייטן זענען געווען שטורמישע. נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, וועלכער איז דערקלערט געוואָרן פון סענאַט אין פראַנקרייך, אין מאַי פון יאָר 1804, אַלס קייזער פון פראַנקרייך, איז געווען אַ קריגערישער גייסט, וואָס האָט נאָר געזוכט מלחמות. פול מיט איינריידענישן, צוליב די נצחונות, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן אין דייטשלאַנד און אין איטאַליע, האָט ער געשטרעבט איצט איינצונעמען גאַנץ אייראָפּע און אין יאָר 1806 איז ער שוין געווען אין קריג מיט רוסלאַנד, עסטרייך און ענגלאַנד און איז איצט געגאַנגען דורך פּרייסן מיט זיין אַרמיי צום דונאַי, כדי אָנצוגרייפן פון הינטן די עסטרייכישע אַרמיי, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון פעלד־מאַרשאַל מעק. דאָס איז אים געלונגען און מעק האָט זיך געמוזט אונ־טערגעבן. נאַפּאָלעאָן איז אַריין אין ווין דעם 13טן נאָוועמבער און אין בערלין דעם 27טן פון זעלבן חודש. אַביסל שפּעטער האָט ער אויך אָפּ־געהאַלטן אַ קליינעם נצחון איבער די רוסן און האָט אַריינמאַרשירט מיט אַן אַרמיי אין שפּאַניע, גענומען מאַדריד און אַראָפּגעזעצט דעם קעניג און אויף זיין אָרט באַשטימט זיין ברודער יאָזעף; פון דאָרט האָט ער מאַר־שירט אויף פּאָרטוגאַל און אויך דאָרט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. גאַנץ איי־ראָפּע איז דעמאָלט געווען אין איין שרעק פון דעם ווילדן מאַרש פון נאַפּאָלעאָן, וועלכער נעמט איין לאַנד נאָך לאַנד.

אָבער אין רוסלאַנד זענען, אַ חוץ דער מלחמה מיט נאַפּאָלעאָנען, געווען אויך אַנדערע צרות. אין פאַרלויף פון אַ גאַנץ קורצער צייט, פון בלויז זעקס יאָר, פון 1796 ביז 1801, זענען דאָרטן געווען דריי הערשער אויפן טראָן. נאָך יעקאַטערינאַ דער צווייטער, וועלכע איז געשטאָרבן אין 1796, איז געקומען פּאַוועל דער ערשטער, וועלכער האָט געקיניגט נאָר ביז 1801, און איצט דער נייער הערשער, אַלעקסאַנדער דער ערשטער, וועלכער איז ערשט אַרויף אויפן טראָן. אין די צייטן פון יעקאַטערינאַ איז דאָס לאַנד פאַרגרעסערט געוואָרן מיט נייע פּראָווינצן, וואָס זענען צוגעקו־מען צו רוסלאַנד נאָך דער פאַרטיילונג פון פּוילן. אויך אין די צייטן פון פּאַוועל זענען צוגעקומען די נייע פּראָווינצן קורלאַנד און אַנדערע. רוס־

לאַנד האָט איצט געדאַרפט אַ הערשער מיט אַ שטאַרקער האַנט, אָבער די דאָזיקע רוסישע הערשער, כאָטש זיי האָבן איינגענומען לענדער, זענען געווען קליינע, אומפעאיקע מענטשעלעך. און די לאַגע פון די יידן איז ביי אַלע געווען אַ ביטערע, ווייל וואָס רייכער רוסלאַנד איז געוואָרן אין לענדער, וועלכע זי האָט צוגערויבט פון אַנדערע מלוכות, און וואָס מער יידן עס זענען צוליב דעם צוגעקומ'ען — אַלץ מער גזירות זענען אַרויס אויף זיי. יעקאַטערינאַ האָט געשאַפן גזירות און באַגרענעצונגען פון וווינרעכט פאַר די יידן פון פוילן און ווייס־רוסלאַנד, כדי זיי זאָלן נישט אַריינקומען אין רוסלאַנד גופא; פּאַוועל דער ערשטער האָט געשאַפן ענלעכע גזירות און באַגרענעצונגען פאַר די יידן פון קורלאַנד און אַנדערע פּראָווינצן, וואָס ער האָט איינגענומען און אַלעקסאַנדער דער ערשטער, וועלכער האָט אין אָנהייב געוועקט האָפענונגען ביי די יידן, אַז זייער לאַגע וועט איצט בעסער ווערן, האָט שפּעטער אויך זיך אַרויסגעוויזן אַלס יידן־פיינט. אַלעקסאַנדער האָט זיך געווענדט צו די יידן נאָך הילף נאָך דער מפּלה ביי פרידלאַנד דעם 4טן יוני 1804, וואָס ער האָט געליטן דורך נאַפּאָלעאָנען. די רעגירונגס־קאַסע איז דעמאָלט געווען ליידיק, ווייל פּאַוועל האָט פאַראָרעמט דאָס לאַנד אין זיינע מלחמות מיט טערקיי, פּערסיע, פּרייסן, פוילן און שוועדן. אַלעקסאַנדער האָט דעריבער זיך גענייטיקט אין געלט און האָט געוואָלט, אַז די יידן זאָלן אים עס געבן. שוין אין יעקאַטערינאַס צייטן האָבן די יידן געדאַרפט צאָלן טאָפּלט שטייער ווי די קריסטן. דאָס איז אויך אַזוי געווען אין פּאַוועלס צייטן. איצט האָט אַלעקסאַנדער פאַרלאַנגט פון די יידן, אַז זיי זאָלן צאָלן נייע, עקסטרע שטייערן. עס האָט כלומרשט געהייסן, אַז די יידן וועלן אינגיכן קריגן פּריווילעגיעס, צי גאָר גלייכע רעכט מיט די קריסטן. עס איז דעמאָלט געווען אַ שטרעבונג ביי די יידן פון רוסלאַנד, אונטערן איינפלוס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אַרויסצוגיין פון דער געטאָ און זיין גלייך מיט די נישט־יידן. באַזונדערס האָבן געוואָלט דאָס די משכילים. זיי האָבן געפּרעדיקט צו זיין גלייך אין קליידונג, אין דער שפּראַך און אין דער אויפפירונג, דער עיקר אין גאַס און עס איז געווען זייער סלאָגאַן: „צו זיין אַ ייד אין הויז און אַ מענטש אין גאַס". („היי יהודי בביתך ואדם

בצאתך״). אַז די משכילים האָבן געהאָפט, אַז אַלעקסאַנדער דער ערשטער וועט זיין אַ מלך חסד און וועט געבן די יידן גלייכע רעכט מיט אַלע אַנ־דערע בירגער פון דער גרויסער רוסישער מדינה און דערמיט אויפהייבן זייער שטאַנד צו מענטשן, וואָס זענען גלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער. דערצו האָבן צוגעהאָלפן די לאָזונגען פון יענער צייט וועגן „גלייכהייט, פרייהייט און ברידערלעכקייט״; דאָס געבן גלייכע רעכט צו די יידן אין פראַנקרייך און נאָך פריער אין עטלעכע אַנדערע לענדער אין אייראָפּע און נאַפּאָלעאָנס צונויפרופן אַ סנהדרין פון רבנים און סתם יידן קיין פּאַריז אויף אויסצובעסערן די יידישע לאַגע, דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן די יידן פון רוסלאַנד מוט צו האָפן אויף אַ נייער באַציאונג צו זיי אויך אין רוסלאַנד.

אָבער נישט אַלע יידן האָבן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף אַלעק־סאַנדער דעם ערשטן. דאָס האָבן בלויז אַזוי זיך איינגערעדט די אויפגע־קלערטע, וועלכע האָבן שוין געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען זיי וועלן קענען שיקן זייערע קינדער אין די שולן, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע קינדער: זיי וועלן זיך אויך באַטייליקן אין מיליטער, און עס וועלן זיין יידישע סאָל־דאַטן און יידישע אָפיצירן, און יידן וועלן אויך קענען זיין נאַטשאַלניקעס און הויכע באַאַמטע. פרומע יידן, אָבער, האָבן אַזעלכע האָפענונגען נישט געהאַט און זיי האָבן עס אויך נישט געוואָלט... זיי האָבן געוווסט, אַז צו זיין גלייך מיט גוים, מיינט צו זיין ווייניקער ייד. דאָס מיינט קודם כל אָפּצוזאָגן זיך פון געוויסע יידישע מנהגים און פירונגען, און דאָס האָבן זיי נישט געוואָלט. די פרומע יידן האָבן דעריבער געטענהט, אַז פאַר די גלייכע רעכט וועלן יידן מוזן באַצאָלן אַ פּרייז, און אַז דער פּרייז וועט זיין אויפן חשבון פון יידישקייט. דעריבער איז בעסער, אַז עס זאָל בלייבן אַזוי ווי עס איז איצט. זיי האָבן אויך נישט געגלויבט, אַז אַלעקסאַנדער איז אַ מלך חסד און געזאָגט וועגן אים, אַז ער איז נישט בעסער ווי אַלע אַנדערע רוסישע הערשער, וועלכע זענען געווען כסדר שונאי ישראל.

אָבער צי די פרומע האָבן געהאַלטן פון אַלעקסאַנדערן פאַר אַ מלך חסד אָדער נישט, האָבן זיי דאָך, אויב זיי זענען געווען רייכע, געמוזט געבן היפּשע סומעס געלט דער אויסגעליידיקטער קאָסע פון דעם נייעם

הערשער. אַלע רייכע יידן האָבן געמוזט געבן, נישט ווייל זיי האָבן געוואָלט געבן, נאָר ווייל זיי האָבן עס געמוזט טאָן. אַזוי האָט געגעבן אַ גרויסע סומע געלט דער רעגירונגס־קאַסע דער רייכער ייד אליעזר דילאָן פון ניעסוויזש. דערפאַר האָט ער זוכה געווען אויפגענומען צו ווערן פון קייזער אַלעקסאַנדער און צו קריגן פון אים אַ גאָלדענעם מעדאַל „פאַר איבערגעגעבענעם דינסט צום פאָטערלאַנד". דילאָן האָט בעת דער אויפנאַמע ביים קייזער זיך אָנגעטאָן אַ כוח און גערעדט אַ פּאָר ווערטער וועגן דער לאַגע פון די יידן און געבעטן דעם קייזער אויסצובעסערן זייער מצב... געגעבן גרויסע סומעס האָבן אויך נתן נאַטקין, וועלכער האָט פאָרגעלייגט אַ פּראָיעקט פאַרן סענאַט צו שאַפן שולן פאַר יידישע קינדער און אויך פאַר דערוואַקסענע אין יעקאַטערינאָסלאַוו און אין אַנדערע שטעט; אברהם פּרץ, אַ גרויסער באַנקיר, וועלכער איז געווען זייער אָנגעזען אין פּעטערבורגער רעגירונגס־קרייזן, און אויך דער פרומער ייד און גרויסער למדן יהושע צייטלין, וועלכער איז געווען אברהם פּרצס שווער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אויך מרדכי האָט איצט זיך געמוזט שיידן מיט אַ היפּשער מטבע לטובת אַלעקסאַנדערן, און דאָס האָט ער געמוזט טאָן באַצייטנס, איידער נאָך מען בעט עס ביי אים, כדי אַרויסצווייזן זיין פּאַטריאָטיזם. ער האָט די סומע אַוועקגעטראָגן אַליין צום קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, צו שיקן עס צום קייזער קיין פּעטערבורג, כדי „צו שטאַרקן די רעגירונגס־קאַסע אויף צו קענען קעמפן מיט אונדזערע שונאים". אָבער דאָס האָט געמאַכט אַ גרויס לאָך אין ר' מרדכיס פינאַנסן, בפרט נאָך, ווען ער האָט ערשט געהאַט אַוועקגעגעבן אַ גרויסן טייל פון זיין פאַרמעגן צו זיינע קינדער, אַלס זייער טייל אין דער ירושה פון זייער מוטער, ווי זיי האָבן עס געפאָדערט, איידער ער גייט חתונה האָבן מיט גיטעלען.

מרדכי האָט געהאַלטן וואָרט און חתונה געהאַט מיט גיטעלען אַ קנאַפּ האַלב יאָר נאָך זיין ווייבס טויט. ער האָט חתונה געהאַט ביים זעלבן רב פון שטעטל אַנאַטיווקע, ווו גיטעלע האָט זיך געגט מיט איר מאַן. דעם רב האָט מרדכי דערקלערט, אַז אַזוי ווי גיטעלע איז אַליין, האָט נישט ווו צו

זיין, ווײל ער דעריבער נישט וואַרטן קיין יאָר, ביז נאָך דעם ערשטן יאָר־צייט, און שוין שטעלן די חופה.

מרדכי האָט איצט געגעבן גיטעלען אַ פרייע האַנט איינצואָרדענען זיין הויז, אַזוי ווי זי וויל עס גאָר אַליין און האָט איר געהייסן קויפן וואָס פאַראַ מעבל זי וויל נאָר. גיטעלע האָט טאַקע איינגעאָרדנט איר היים ווי אַ פּאַלאַץ, ווו מען קען אויפנעמען גרויסע לייט. זי האָט זיך פאַרשאַפט די סאַמע טייערסטע פּלושענע שטולן און סאָפאַס, קאָסטבאַרע אָריענטאַלישע טעפּיכער און שימערירנדיקע קרישטאָלענע קאַנדעליאַברעס און שפּיגלען פון פאַרשיידענע סאָרטן. גיטעלע האָט געחלומט איצט צו שאַפן אַן אייגענעם סאַלאָן, אויף אַזאַ אופן ווי עס האָבן געהאַט די פאַרנעמע דאַמען פון בערלין, ווי הענריעטע הערץ, דאָראָטהי מענדעלסאָן און רחל לעווין, און דערביי געזאָגט צו זיך אַליין, אַז זי וועט מען נישט אַראָפּפירן פון וועג און אַז זי וועט קיינמאָל נישט אָפּטרעטן פון יידישן גלויבן. דאָס וועט קיינמאָל נישט געשען.

מרדכי האָט טאַקע איצט אָנגעהויבן צו פאַרבעטן אין זיין הויז הויכע אָפיצירן, מיט וועלכע עס איז אים אויסגעקומען אָפט צו ריידן וועגן געשעפטן. ער האָט דאָס פריער נישט געקענט טאָן, ווייל זיין געוועזענע פרוי איז געווען אַ קראַנקע איר גאַנץ לעבן. איצט האָט ער זיך געוואָלט אַרויסשטעלן מיט זיין נייער פרוי, מיט זיין שיינער און קלוגער גיטעלע.

אָבער עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז עס טויג נישט, ווייל די יונגע און אויך די עלטערע אָפיצירן האָבן נישט נאָר געקומען קושן די האַנט פון גיטעלען און זאָגן איר, אַז זיי באַוווּנדערן איר שיינקייט און איר קלוגשאַפט, נאָר אויך פּרובירט צו פאַרפירן מיט איר ליבעס... עס איז געווען אַלע מאָל אַן אָנשטרענגונג פאַר גיטעלען צו האַלטן זיך אַזוי, אַז קיינער פון די האַלב־שיכורע הויכגעשטעלטע גויים, פון וועלכע עס זענען געווען טיילווייז אָפּהענגיק איר מאַנס געשעפטן, זאָלן זיך נישט צופיל דערלויבן מיט איר, און פון דער אַנדערער זייט ווידער זאָל זי זיי נישט באַליידיקן. יעדעס מאָל, נאָך אַזאַ פאַרוויילונג אין איר הויז, איז גיטעלע געווען קראַנק עטלעכע טעג פון אַזויפיל אויפרעגונג און אָנשטרענגונג, ביז

זי האָט לסוף געבעטן איר מאַן, אַז ער זאָל נישט אַזוי אָפּט פאַרבעטן זיי צו זיך.

אנשטאָט דעם האָט מרדכי און אויך גיטעלע פּרובירט איצט איינצו־לאָדן צו זיי אין הויז מער יידישע אויפגעקלערטע, הויפּטזעכלעך, רייכע יידן און אַזעלכע פון פרייע פּראָפעסיעס, ווי דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן. אָבער אויך דאָ האָט גיטעלע אָנגעטראָפן אויף אַ נייער צרה, ווייל דאָס רוב פון די דאָזיקע רייכע יידן זענען געווען האַלבע אָדער גאַנצע משומדים. אַ טייל פון זיי האָבן זיך שוין געהאַט געשמדט און עס אויסבאַהאַלטן. אַנדערע, ווידער, האָבן זיך געגרייט דאָס צו טאָן, און אַנדערע ווידער, האָבן גערעדט דערפון אָפן, אַז עס איז נוצלאָז צו בלייבן אַ ייד, און אַז יידן דאַרפן זיך אַסימילירן, ווייל נאָר אַזוי אַרום וועט אויפהערן די יידן־פראַגע אין רוסלאַנד.

— מיר לעבן צווישן די קריסטן און זיי ווילן אונדז נישט האָבן אַלס יידן. מיר זענען פרעמד צו זיי. מיר דערמאָנען זיי, אַז די יידן האָבן אומ־געבראַכט זייער גאָט, קריסטוסן. פאַרוואָס נישט מאַכן אַ סוף דערצו? זאָלן מ'ר איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפהערן צו זיין יידן, וועלן אויפהערן אַלע צרות! און עס וועט קומען אַ סוף צו דער גאַנצער טרויעריקער יידישער לאַגע אין רוסלאַנד! — אַזוי האָט זיך איינמאָל צעדרשנט אַ יידישער דאָק־טאָר לעאָן האַראָוויץ פאַר אַלע געסט ביי גיטעלען אין הויז און דערצו נאָך דערקלערט, אַז דאָס ערשטע, וואָס ער וועט טאָן וועט זיין אָפּצושמדן זיינע קליינע קינדער, כדי זיי זאָלן נישט אויסוואַקסן קיין יידן און נישט ליידן דערפון אַזוי ווי ער.

גיטעלען האָבן די ווערטער אַזוי ווייט געטאָן, אַז עס האָט זיך איר שטאַרק געגלוסט אָנצופאַלן אויף דאָקטאָר האַראָוויץ און אים גוט אָנזיד־לען. אָבער זי האָט זיך איינגעהאַלטן און צו אים בלויז געזאָגט:

— דאָקטאָר האַראָוויץ, איר דאַרפט נישט פרעדיקן קיין שמד עפנט־לעך. אויב איר ווילט עס טאָן, איז עס אייער זאַך, אָבער מיר, יידן, האָבן אויסגעהאַלטן ביז איצט, נאָענט צו טויזנט יאָר אין גלות צווישן גויים, און מיר האָבן אונדזער גלויבן נישט פאַרלאָזן. אייערע עלטערן און אור־עלטערן האָבן זיך מקריב געווען פאַר יידישקייט, זיי האָבן דערפאַר אָוועק־

געגעבן זייער לעבן, און איר ווילט אַוועקגעבן דאָס יידישקייט בלויז צו־ליב אַביסל באַקוועמלעכקייט! אויב איר זענט אַזוי עגאָאיסטיש, איז עס אייער זאַך! אָבערריידן אַזוי צו אַנדערע יידן און בפרט צו יונגע מענטשן — דאָס טאָרט איר נישט.

— פרוי קוזאַרעוויטש — האָט דאָקטאָר האַראָוויץ זיך אַנטשולדיקט — איך פּרעדיק נישט קיין שמד. איך זאָג נאָר דאָס, וואָס עס איז איצט דער געדאַנקען־גאַנג ביי די אויפגעקלערטע יידן. אַזוי דענקט די גאַנצע מאָדערנע יוגנט, און אויב איר ווילט וויסן, קומט דאָס פון פּעטערבורג און פון קייזער אַלעקסאַנדער אַליין. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אַרויסגעזאָגט, אַז דאָס בעסטע פאַר די יידן וואָלט געווען, אַז זיי זאָלן זיך אויסמישן מיט די אַנדערע רוסישע בירגער, אויפגעבן דאָס יידנטום און זיין קריסטן אַזוי ווי אַלע זענען. די היינטיקע יידישע יוגנט טראַכט דעריבער זייער ערנסט וועגן דעם.

— אויב אַזוי, דאָקטאָר האַראָוויץ, — האָט גיטעלע אים געענטפערט רואיק אויף ווי ווייט זי האָט נאָר געקענט ביי זיך פועלן — זענען טאַקע די פרומע יידן גערעכט דערמיט, וואָס זיי זענען קעגן די משכילים, קעגן אויפקלערונג, ווייל איר זעט דאָך וואָס עס ווערט פון די אויפגעקלערטע יידן... זיי הייבן באַלד אָן צו טראַכטן פון שמד, פון אויסטוישן דאָס רענדל. איך גלויב, אַז אַזוי ווי אַזעלכע רייד רופן נאָר אַרויס בייז בלוט, איז בע־סער נישט צו ריידן וועגן דעם. און כ׳וואָלט דעריבער געבעטן די געסט נישט צו באַרירן מער דעם דאָזיקן ענין.

באַלד נאָכדעם איז דאָקטאָר האַראָוויץ שטיל געוואָרן און האָט מער נישט גערעדט נישט וועגן דעם ענין און נישט וועגן אַנדערע ענינים. אויך אַנדערע האָבן געשוויגן. עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אַלעמענס קעפּ אַ דריקנדיקע שטילקייט און די געסט האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן דאָס הויז.

נאָכדעם ווי די געסט זענען אַוועק, האָט גיטעלע זיך צעוויינט און געזאָגט צו מרדכין:

— איך וויל אויך די דאָזיקע געסט נישט האָבן מער ביי מיר! כ׳וויל נישט קיין אמתע גויים און נישט קיין האַלבע גויים! ברענג זיי מיר נישט

אין מיין הויז אַריין. איך וויל נישט הערן זייערע רייד. דאָס זענען קליינע מענטשעלעך, וואָס טראַכטן נאָר וועגן זייערע באַקוועמלעכקייטן. איך וויל זיי נישט האָבן.

מרדכי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַפּהענטיק:

— גיטעלע, די גויים ווילסטו נישט האָבן און דו ביסט גערעכט, ווייל עס וועט צו קיין גוטס נישט פירן. אָבער די דאָזיקע אויפגעקלערטע יידן זענען דאָך די בייע יידן, די משכילים. אויב אויך זיי נישט פאַרבעטן צו זיך אין הויז, וועמען דען זאָל איך פאַרבעטן? די פרומאַקעס, די מיט די לאַנגע פאות?

— אויב עס זענען נישטאָ קיין אַנדערע ווי די צוויי קלאַסן יידן, וויל איך ביידע נישט... איך בין אַ יידישע טאָכטער און וויל אַזאַ בלייבן! איך וועל זיך נישט שמדן, פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט! איך בין נישט אַזוי פרום, ווי די אמתע פרומע, אָבער איידער צו האָבן צו טאָן מיט משומדים און האַלבע גויים, איז שוין בעסער פרומע יידן. זיי זענען פאַנאַטיש, אָבער דאָך נישט קיין פאַרעטער.

גיטעלע האָט צומאַרגנס געהאַט אַ שלעכטן נאָך־טעם, וואָס עס איז איר געבליבן פון נעכטיקן אָוונט. מרדכי האָט דעריבער זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל איר געבן דעם בריוו פון שמעונען, וואָס איז אָנגעקומען אין זיין ביוראָ פאַר איר. ער האָט מורא געהאַט, אַז דער בריוו וועט אַרויסרופן ביי איר נאָך מער אויפרעגונג. אָבער ער האָט זיך דאָך באַטראַכט, אַז ער טאָר דעם בריוו נישט באַהאַלטן פון איר און אַז עס איז בעסער, אַז זי זאָל אים זען וואָס פריער און ער האָט דעריבער, ווען ער איז געקומען אַהיים צו מיטאָג, געזאָגט צו איר:

— גיטעלע, עס איז אָנגעקומען אַ בריוו צו דיר פון שמעונען. ער ווייסט נאָך נישט, אַז דו האָסט זיך געגעט מיט הערשלען און ער שרייבט דעם בריוו צו אייך ביידע.

— גיב מיר דעם בריוו, מרדכי! — האָט גיטעלע געזאָגט ציטערנדיק אינגאַנצן.

מרדכי האָט איר געגעבן דעם בריוו און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ זייט און גענומען לייענען:

„טייערע גיטעלע און טייערער הערשל.

וואָס מאַכט איר? פאַרוואָס שרייבט איר נישט? לויט מיין רעכענונג ביסטו, גיטעלע, שוין צוריקגעקומען פון דער נסיעה מיט דיין בעל הבית. טאָ ווי אַזוי איז עס געווען? פאַרוואָס האָסטו אונדז נישט געשריבן ביז איצט?

איצט, גיטעלע, איז אַזוי: דער טאַטע איז קראַנק, זייער קראַנק. ער שפּייט מיט בלוט און דער דאָקטאָר זאָגט, אַז נאָר השם יתברך קען העלפן. איך האָב איבערגענומען צו פירן דאָס געשעפט. כ׳בין נישט מער מיט אפרימען אין זיינע וואַלד־געשעפטן. עס האָט זיך נישט געלוינט. מיר וווינען צוזאַמען, כ׳מיין איך און ראָזע, מיין ישראל און דיין זון, לוי. ער איז פריער געווען ביי אונדזערע עלטערן, אָבער איצט איז ער מיט אונדז. ראָזע איז מעוברת און איז שוין אין די הויכע חדשים. לויט ווי עס איז איצט, בין איך דער איינציקער פּרנסה־געבער און דאָס איז מיר זייער שווער. איך באַמי זיך צו דערהאַלטן אַלץ אַזוי, ווי עס איז, אָבער אַביסל שווער איז מיר מיט דיין זון, לוי, ווייל זיין פאָטער, אַהרן, האָט שוין לאַנג נישט געצאָלט פאַר אים און עס זעט אויס, אַז ער וויל פון אים נישט וויסן. אַהרן האָט חתונה געהאַט און האָט שוין צוויי קינדער מ׳ט דער צווייטער פרוי. לוי איז איצט שוין אַלט 9 יאָר. ער לערנט זיך גוט, אָבער ער בענקט נאָך דיר און פרעגט זיך אַלע מאָל, ווען די מאַמע וועט קומען. ער פרעגט זיך אויך אַמאָל וועגן זיין טאַטן. אָבער נישט צו אָפט. וואָלסטו אפשר געקענט נעמען לוין צו דיר? כ׳מיין, אַז הערשל וועט דערצו מסכים זיין. דאָס וועט פאַרלייכטערן מיין עול און עס וועט אויך בעסער זיין, אַז ער זאָל זיך דערציען אונטער דער השגחה פון זיין מאַמען. וואָס טראַכסטו וועגן דעם? לאָז מיר באַלד וויסן. די מאַמע פילט זיך אויך נישט איבעריק גוט, אָבער זי האַלט זיך. ראָזע, ישראל און לוי לאָזן אייך גריסן. שרייב באַלד.

דיין שמעון“.

— נו, וואָס זאָגסטו איצט, מרדכי? וואָס טוט מען איצט? זיי ווייסן דאָרטן נישט וועגן הערשלען און דיר. עס איז, דוכט זיך, נישטאָ קיין אַנ־

דערע עצה, ווי צו נעמען דאָס קינד אַהער. אָבער איידער מיר טוען דאָס, וועט מען זיי מוזן זאָגן, אַז איך האָב זיך געגט מיט הערשלען און חתונה געהאַט מיט דיר. וואָס זאָגסטו דערצו, מרדכי?

— און אַז ער וועט שוין דאָ זיין, וואָס וועט זיין? — האָט מרדכי זיך אָנגערופן — ווו וועט ער זיך אויפציען? צווישן די קינדער פון די האַלבע משומדים? און וואָס וועט ווערן פון אים, אויב ער וועט זיך חברן מיט דער היינטיקער יוגנט?

— טאָ וואָס איז דיין מיינונג, מרדכי, וואָס זאָל מען טאָן?

— כ׳ווייס נישט, גיטעלע. אַ חוץ דעם, וועט דאָס קינד נישט שטערן אונדזער ליבע?

— איך האָב אויך געטראַכט פון דעם, מרדכי. ער וועט זיכער שטערן. טאָ וואָס זאָל מען טאָן?

— לאָמיר עס אָפּלאָזן איצט. מען וועט עס מוזן גוט באַטראַכטן, גי־טעלע. אָבער לאָמיר עס אָפּלאָזן אויף אַ ווײַלע. נו, ווי פילסטו זיך, מיין מיידעלע? דוכט זיך, שוין בעסער? — האָט מרדכי זי אַרומגענומען, גע־גלעט אירע לאַנגע האָר און זי ליידנשאַפטלעך געקושט.

עס זענען אַריבער עטלעכע וואָכן. מרדכי און גיטעלע האָבן כסדר געטראַכט וואָס צו טאָן מיט לוין און וואָס צו ענטפערן שמעונען. דערווייל איז אָנגעקומען נאָך אַ בריוו פון שמעונען אַז דער פאָטער איז געשטאָרבן און אַז זי, גיטעלע, דאַרף זיך זעצן שבעה. אין צווייטן בריוו, שרייבט אויך שמעון, אַז איצט וועט מען אויפגעבן די וווינונג פון די עלטערן, און די מאַמע וועט זיך אַריינציען צו אים. דעריבער איז אומבאַדינגט נייטיק, אַז זי זאָל נעמען לוין צו זיך. גיטעלע האָט זיך באַלד אויסגעטאָן די שיך, זיך גוט אויסגעוויינט און געזעצט שבעה, ווייל עס איז נאָך קיין וואָך נישט געווען פון איר פאָטערס טויט. וועגן קינד האָבן זיי זיך באַטראַכט, אַז דאָס בעסטע וועט זיין צו פאָרן אַביסל שפּעטער קיין באַר, זען זיך מיט דער מאַמען און שמעונען, קלאָר מאַכן די לאַגע און דערנאָך אפשר מיט־נעמען לוין מיט זיך אַהיים.

67

ר׳ נחמן האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף ר׳ נתנען. ער האָט אים כמעט איבערגעשאַפן און געמאַכט פון אים דאָס, וואָס ער איז איצט געװען, אַן אויפקלערער און פאַרטייטשער פון ר׳ נחמנען. אָבער אויך נישט ווייניק האָט ר׳ נתן געהאַט אַ השפּעה אויף ר׳ נחמנען. אין די ערשטע פינף יאָר, וואָס ר׳ נתן איז געווען מיט ר׳ נחמנען אין בראַצלאַוו, האָט ער אים אינגאַנצן איבערגעשאַפן, ווייל אַזוי ווי ר׳ נתן האָט אַרויפגעקוקט צו אים, האָט דאָס געפירט דערצו, אַז אַלע חסידים זאָלן צו אים אַזוי אַרויפקוקן. צוליב דעם האָט ר׳ נחמן זיך שוין ממילא געמוזט האַלטן אין דער מדרגה און נישט נאָכגעבן זיינע געוויסע נייגונגען וועלכע וואלטן אים נאָר אַראָפּגעגידערט אין די אויגן פון זיינע חסידים. אַזוי אַרום האָט ר׳ נתן אויפגעטאָן זייער פיל פאַר ר׳ נחמנען און נאָך מער פאַר דער בראַצלאַווער חסידות. ער האָט אויסגעטייטשט דעם רבינס ווערטער און אַריינגעלייגט אין זיי סודי־סודות. ער האָט פאַרשפּרייט זיינע „תורהס״ צווישן די חסידים; ער האָט געשטאַרקט ר׳ נחמנס גייסט אין מינוטן פון יאוש און געגעבן אים פיל האָפענונג איבערצוטראָגן די יסורים, גייסטיקע און פיזישע. יעדער טאָג, יעדע שעה פון ר׳ נתנס לעבן איז געווען אַוועקגעגעבן צו ר׳ נחמנען. ער האָט געהאַלטן אין איין איבערשרייבן זיינע ווערטער, ער האָט מסדר געווען זיינע חיבורים, וואָס ער האָט געטאָן, לויט זיין רבינס ווילן און האָט געשאַפן תפילות, וועלכע מען זאָל זאָגן, איידער מען טרעט צו צו די חיבורים גופא. ער האָט אויך מחבר געווען אין גייסט פון ר׳ נחמנען אייגענע חידושים, וואָס ער האָט צוגעשריבן צום רבין. ער האָט טאָג־איין, טאָג־אויס אַרויסגעשיקט בריוו צו די „אנשי שלומנו״, כדי זיי צו דערציילן פון רבינס גרויסקייט. ער איז אויך אַרומגעפאָרן אין די ענינים פון בראַצלאַווער חסידות איבער שטעט און שטעטלעך און האָט געהאַלטן אין איין מקרב זיין יידן צום בראַצלאַווער. דערביי איז אים נישט איינמאָל אויסגעקומען צו פירן מלחמות מיט קעגנער, וואָס האָבן אויסגערעדט אַלדאָס בייז אויף ר׳ נחמנען און פון אים אָפּגעלאַכט...

ר׳ נתן האָט איינגעפירט אין בראַצלאַווער חסידות אַ זייער גרויסן

אויפטו, און דאָס איז געווען: בטחון. צו האָבן אַ שטאַרקן בטחון אין גאָט, אַז עס וועט זיין גוט, ווייל עס מוז זיין גוט, און עס קען נישט זיין אַנ־דערש. דעריבער דאַרף מען נישט זאָרגן, נאָר פאַרלאָזן זיך אויפן בורא עולם און כדי צו ווייזן, אַז מען פאַרלאָזט זיך אויפן כביכול, דאַרף מען עס אויסדריקן דורך טענץ. יאָ, טאַקע טאַנצן און זינגען כסדר, כדי צו ווייזן אַלע, אַז מען זאָרגט נישט און אַז „השם ירחם“, גאָט וועט העלפן, ווייל — „מאן דיהיב חיי יהיב מזוני“, — ווער עס גיט לעבן, וועט אויך געבן אויף ברויט...

מיט דעם וועג האָט ער אויך אַרויסגעשלאָגן ר׳ נחמנען פון עצבות, וואָס פלעגט אים אָפט באַפאַלן אין די טעג, ווען ער האָט געוווינט אין בראַצלאַוו. ר׳ נתן האָט געדאַוונט מיט אַ מוראדיק התלהבות, וואָס האָט אַלעמען אָנגעשטעקט. ר׳ נתנס באַגייסטערונג איז געקומען דערפון, וואָס ער האָט זיך אַזוי משמח געווען צו קענען זיין נאָענט צו ר׳ נחמנען. אָבער די התלהבות האָט אָנגעשטעקט אויך ר׳ נחמנען, וואָס האָט זיך שוין אויך געפרייט דערמיט, וואָס גאָט האָט אים צוגעשיקט אַזאַ געטרייען דינער, ווי ר׳ נתן, וואָס פאַרשטייט אים אַזוי גוט און איז אַלע מאָל גרייט צו טאָן, וואָס ער וועט אים נאָר הייסן.

אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט די עצבות דאָך אויפגעגעסן ר׳ נחמנען. ער איז געוואָרן שטאַרק אומרואיק און וואָס אַמאָל אַלץ מער. וואָס לענגער ר׳ נחמן איז געזעסן אין בראַצלאַוו, אַלץ מער אומרואיקער איז ער געוואָרן... דאָס איז נישט געווען צוליב דעם, וואָס די דאָרטיקע יידן האָבן נישט געהאַלטן פון אים. אדרבה זיי האָבן שוין גאָר געהאַלטן פון אים און אים צוגעטיילט פיל כבוד. ר׳ נחמן האָט געקראָגן די מגידות פון שטאָט דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין פעטער ר׳ ברוך, וועלכער איז אַמאָל אויך געווען דאָרטן אַ מגיד, און ר׳ נחמן איז צוליב דעם געווען זייער אָנגעזען. ר׳ נחמן אַליין פלעגט זאָגן: „מיר האָבן איינגענומען בראַצ־לאַוו מיט טענץ!...“ אָבער אויסער בראַצלאַוו האָט געברענט אַ פייער קעגן ר׳ נחמנען, אַ פייער, וואָס דער שפּאָלער זיידע האָט געהאַט אָנגעצונדן און וואָס האָט זיך נישט נאָר נישט פאַרלאָשן, נאָר פאַרקערט, נאָך וואָס אַמאָל אַלץ מער פאַרשטאַרקט. אָבער דאָס אייגנטלעך האָט אויך ר׳ נחמנען

נישט צופיל געאַרט. עס האָט אים אַמאָל ווי געטאָן צו הערן, אַז דער רבי אָדער יענער רבי האָבן גערעדט קעגן אים, אָבער בדרך כלל האָט ער זיך אויסגעלאַכט דערפון און פלעגט זאָגן: „וואָס ווייסן זיי וועגן מיר? זיי פאַרשטייען דען?! זיי ווייסן דען ווער איך בין?...״ עס איז אָבער געווען אַן אַנדערע אומרואיקייט, וואָס האָט אים נישט געלאָזט איינזיצן אויף איין אָרט. דאָס איז געווען דער אינערלעכער שטורעם, וואָס האָט אים געטריבן, ווי, אַ שטייגער, ער וואָלט געוואָלט פון עמעצן אַנטלויפן, אָבער פיל מער נאָך צו לויפן פון זיך אַליין...

אָבער פאַרוואָס איז ביי ר׳ נחמנען געווען אַזאַ שטורעם אין האַרצן? וואָס האָט געפירט דערצו? מיט וואָס איז ער געווען אַזוי אומצופרידן? — ר׳ נחמן האָט גוט געוווסט דעם ענטפער. דאָס איז געווען די אומצופרידנקייט מיט זיך אַליין. ר׳ נחמן איז געווען פון יענע מענטשן, וואָס קענען נישט שטיין צו לאַנג אויף איין אָרט; פון יענע, וואָס דאַרפן אַלע מאָל גיין ווייטער, העכער; פון די וואָס דאַרפן אַלע מאָל שטייגן אויף דער לייטער. אָבער זינט ר׳ נחמן איז געקומען קיין בראַצלאַוו און האָט געפונען ר׳ נתנען, שטייט ער אַלץ אויף איין אָרט. דער הײַנטיקער טאָג איז גלייך צום נעכטן, און דאָס איז אַ שלעכטער סימן. וואָרום יעדער טאָג דאַרף זיין אַ נייע מעשי בראשית. עפּעס נייעס דאַרף געבוירן ווערן... שטיין אויף איין אָרט — מיינט צוריקגיין, און דאָס איז געווען וואָס ר׳ נחמנען האָט אַזוי ווי געטאָן.

ר׳ נחמן האָט אויך געליטן צוליב זיינע „תורהס״. ער, ר׳ נחמן, האָט ליב געהאַט צו זאָגן „תורה״ און געזאָגט עס אָפט. אָבער די „תורהס״ זענען געווען לאַנגע און פאַרנעפּלטע. אַזוי ווי ער איז געווען בליציק און שאַרף אין זיינע ווערטלעך און אין די אַריינזאָגעכצן, אַזוי איז ער געווען, פאַרקערט, אַ מאריך און פאַרנעפּלט אין זיינע „תורהס״. ער האָט געקענט זאָגן „תורהס״ צוויי שעה און אַמאָל אויך דריי שעה נאָכאַנאַנד. אָבער אין די „תורהס״ האָט געפעלט די סמיכות הפרשה. עס איז נישט געווען קיין איין אויסגעהאַמערטע זאַך, נייערט אַ באַרירונג פון פיל ענינים מיט אַמאָל... ער איז געשפּרונגען פון איין ענין צום אַנדערן אָן שום צוזאַמענהאַנג, און עס האָט טיילמאָל געפעלט אין די רייד דער פּשוטער שכל

הישר... פיל פון די חסידים זענען מיד געוואָרן דערפון, אָדער גאָר אַרויס־געוויזן אַן אומצופרידנקייט... ר׳ נתן האָט אַלץ פאַרגלעט און געהאַלטן אין איין זאָגן, אַז אין די „תורהס" זענען דאָ „סתרי תורה", רמזים און טיפע רעיונות, וואָס נישט יעדער איינער קען משיג זיין. אָבער ר׳ נחמן אַליין איז מיט די „תורהס" נישט געווען איבעריק צופרידן.

ר׳ נחמן האָט דעריבער אין יענער צייט זיך גענומען אַביסל צו מסחר, כדי צו געפינען דערין עפּעס אַנדערש, וואָס זאָל אים אַרויסנעמען פון זיין עצבות. ער האָט געהאַט צו זיך נאָך צוויי שותפים, און ווו ער איז גע־פאָרן, האָט ער פאַרקויפט ליכט, זאַלץ און צוקער... קיין גרויסע געשעפטן האָט ער נישט געפירט און קיין דריי שותפים צו אָט דעם מסחר האָט מען נישט געדאַרפט, אָבער עס איז געווען ביי אים עפּעס מער ווי „מסחר". עס איז געווען עפּעס אַנדערש, ווי די וועלט, וואָס ער איז אין איר כסדר... עפּעס נייעס... און אַזוי איז ער געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט...

ווען ער איז אָנגעקומען קיין נאָוורעאָטש, איז דערגאַנגען צו אים אַ ידיעה, אַז זיין ווייב, שאָשע, איז פאַרשלאָפט געוואָרן. די אָרעמע שאָשע האָט זיך געגנוג אָנגעליטן אין איר לעבן צוליב דער גרויסקייט פון איר מאַן. זי האָט צו אָפט אונטערגעהונגערט, ווען זי האָט פאַדלאָגעס געוואַשן אין פרעמדע הייזער, אין דער צייט וואָס איר גרויסער מאַן איז געפאָרן זיך משתטח זיין אויף די קברים פון די אבות אין ארץ־ישראל און זי גע־לאָזן אַן אַ גראָשן געלט... זי האָט דעמאָלט טייכן טרערן פאַרגאָסן... עס איז דעריבער נישט געווען קיין וווּנדער, ווען דער רופא האָט איר געזאָגט, אַז זי ליידט פון שווינדזוכט, וואָס עס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פריער, איידער זיי האָבן זיך באַזעצט אין בראַצלאַוו, אָבער וואָס איז איצט גע־וואָרן וואָס אַמאָל אַלץ ערגער. ר׳ נחמן האָט גלייך באַפוילן זיינע מקורבים, אַז זיי זאָלן פאָרן מיט איר קיין אָסטראָוו, ווו עס האָט דעמאָלט געלעבט אַ באַרימטער דאָקטאָר מיטן נאָמען גאַרדי, אָבער שאָשע האָט נישט געוואָלט פאָרן צו יענעם דאָקטאָר און איז בעסער געפאָרן צו אַן אַנדערן דאָקטאָר אין זאַסלאַוו. ר׳ נחמן איז באַלד געקומען אַהין. דאָס איז געווען נאָך פסח פון יאָר תקס״ז. אָבער דער דאָקטאָר פון זאַסלאַוו האָט איר שוין מער נישט געקענט העלפן, ווייל די קראַנקייט איז שוין געווען

צו ווייט פֿאַרגאַנגען... ערב שבועות פון זעלבן יאָר איז איר נשמה אויסגעגאַנגען. ר׳ נחמן איז איצט אַריינגעפאַלן איז נאָך אַ גרעסערער עצבות און איז געוואָרן זייער מעלאַנכאָליש. ער האָט אויך געליטן פיזישע יסורים פון אַ זייט, וואָס האָט אים שטאַרק ווי געטאָן, אָבער עס איז נישט געווען אַזוי די זייט, וואָס איז געווען קראַנק, נאָר עפּעס אַנדערש. עס איז געווען אַ טרויער, וואָס האָט געהערשט ביי אים אין האַרצן, וואָס קיין דאָקטאָר אין דער וועלט האָט נישט געקענט אויסהיילן. אָבער, וואָס איז געווען אָט דער טרויער? — יאָ, עס איז דער טרויער פון נישט דערגיין... נאָך אַלע חשבון־הנפשן האָט ר׳ נחמן זיך אַרומגעזען, אַז ער איז געקומען ביזן באַרג, ער איז אַרויף אויף אים, אָבער צום שפּיץ נישט דערגאַנגען... אויבן, אין דער הויך, אויפן סאַמע שפּיץ, שפּאַצירן אַרום אַזויגע, וועלכע קוקן אַראָפּ אויף אים מיט אַ שפּאָטישן שמייכל, כאָטש זיי קומען נישט צו זיין קנעכל... יאָ, ער איז נישט אַרויף און וועט שוין מער נישט אַרויפקומען...

דערצו האָט שוין שטאַרק געוועלטיקט אין אים די זעלבע קראַנקייט פון שאָשען — שווינדזוכט, ווייל דאָס איז אַ זייער אָנשטעקנדיקע קראַנקייט, אָבער אין יענער צייט האָט דאָס מ׳ען נישט געוווסט, און ער האָט אָנגעהויבן צו הוסטן אויפן זעלבן אופן ווי זי.

און גלייך ווי ער האָט אָנגעהויבן צו הוסטן, האָט ר׳ נחמן געוווסט און עס אויך געזאָגט צו זיינע מקורבים, אַז ער וועט אינגיכן נסתלק ווערן און אָנגעהויבן צו ריידן וועגן זיין הסתלקות. און כאָטש עס איז אים בעסער געוואָרן, האָט ער שוין געלעבט כסדר מיטן געדאַנק פון טויט.

מיט אַ יאָר שפּעטער, באַלד נאָך סוכות פון יאָר תקס״ח, איז ר׳ נחמן שטאַרק קראַנק געוואָרן און איז געפאָרן קיין לעמבערג צו היילן זיך ביי די דאָרטיקע דאָקטוירים. אָבער זיין קראַנקייט איז שוין געווען אַזוי פאַרשטאַרקט, אַז די דאָקטוירים האָבן גאָרנישט געקענט טאָן צו העלפן אים.

ווען ר׳ נחמן איז געווען אין לעמבערג, איז געשען אַזאַ מעשה. ר׳ נחמן האָט געהאַט אָנגעשריבן אַ ספר, וואָס ער האָט עס באַטראַכט פאַרן גרעסטן פון זיינע ווערק. דאָס ספר האָט ער אַליין געשריבן און ר׳ נתן האָט געמאַכט דערפון אַן העתקה.ביידע ספרים האָבן זיך געפונען ביי ר׳

נחמנען אין הויז, אין בראַצלאַוו. דער ספר, וואָס ער האָט אַליין געשריבן, איז געלעגן אין דער קאָמאָדע, און די העתקה אין דעם קופערט, וואָס האָט געהערט צו ר׳ נחמנס טאָכטער, האָדל, ווו זי האָט געהאַלטן אירע וועש ביז צו דער חתונה. חלומט זיך אים איינמאָל, אַז אויב ער וויל נאָך לעבן, מוז ער גלייך פאַרברענען דאָס ספר, סיי דאָס, וואָס ער האָט אַליין גע־שריבן, און סיי די העתקה וואָס ר׳ נתן האָט געמאַכט דערפון, אַזוי, אַז עס זאָל פון דעם ספר גאָרנישט בלייבן. אין דער פרי האָט ר׳ נחמן אַריינ־גערופן ר׳ נתנען און אים דאָס דערציילט און אים געפרעגט, וואָס ער זאָל טאָן, צי ער זאָל פאַרברענען דאָס ספר און בלייבן לעבן, אָדער נישט פאַר־ברענען עס און... ר׳ נתן האָט, אַ פאַרציטערטער, אים גלייך געענטפערט, אַז עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז ער זאָל פאַרברענען דאָס ספר. האָט ר׳ נחמן אים געגעבן דעם שליסל און געהייסן פאָרן גלייך קיין בראַצלאַוו, אַרויסנעמעןביידע ספרים און זיי פאַרברענען. ר׳ נתן האָט אַזוי געטאָן. ר׳ נחמן האָט געזאָגט, אַז ער איז אַזוי אַרום ניצול געוואָרן פון טויט. ער האָט געלעבט נאָך דער מעשה נאָך דריי יאָר. אַזוי דערציילט ר׳ נתן אין זיין באַשרייבונג פון ר׳ נחמנען.

וואָס אַזוינס עס איז געשטאַנען אינעם ספר, וואָס ער האָט פאַר־ברענט, דערציילט ר׳ נתן נישט, ווייל ער האָט נישט געטאָרט וועגן דעם ריידן.

אָבער איינמאָל, שבת ביינאַכט פון חודש אייר תק״ע, איז אויסגע־בראָכן אַ גרויסע שריפה אין בראַצלאַוו, און אין דער שריפה איז אויך אָוועק ר׳ נחמנס הויז. די חסידים האָבן באַלד אים געראָטן אַריבערצוציען זיך קיין אומאַן (קיעווער גובערניע), און ער האָט דערצו מסכים געווען. אַ גרופע חסידים איז באַלד געפאָרן קיין אומאַן און געפונען פאַר אים דאָרטן אַ שיינע דירה. פיר טעג נאָך דער שריפה האָט ר׳ נחמן זיך באַ־זעצט אין אומאַן. עס איז געווען אַ וווינונג נישט ווייט פון בית עולם, ווו עס זענען געבראַכט געוואָרן צו קבורה די קדושים פון דעם מערדער גאָנטע ימח שמו. די פענצטער פון ר׳ נחמנס הויז זענען אַרויסגעגאַנגען צום בית עולם, פלעגט ר׳ נחמן אָפט שטיין ביים פענצטער און קוקן אַהין, צו די קדושים, וואָס זענען געפאַלן אויף קידוש השם... דאָס האָט נאָך מער גע־

ווירקט אויף זיין טרויעריקן געמיט און ר׳ נחמן האָט נאָך מער אָנגע־הויבן צו ריידן וועגן זיין הסתלקות. ער האָט איצט געזאָגט צו זיינע חסי־דים, אַז ער וועט גיין אַהין, ווי מען גייט אַרויס פון איין חדר אין אַנדערן...

וואָס מער די קראַנקייט האָט זיך ביי ר׳ נחמנען פאַרשטאַרקט, אַלץ מער האָט ער אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער צו די טויטע און אָנגעהויבן צו זאָגן, אַז ער וויל שוין קומען צו זיי... ער וויל זיך אויסטאָן פון זיין גוף וואָס גיכער, כדי זיין נשמה זאָל זיך פאַראייניקן מיט די קדושים פון אַלע דורות...

דעם צווייטן טאָג חול המועד סוכות האָט ר׳ נחמן גערופן אַלע זיינע תלמידים און חסידים און צו זיי געזאָגט:

— מען האָט מיך גערופן, און איך גיי! אָבער איך פאַרלאָז אייך נישט, איך וועל ווייטער זיין אייער רבי!... איר זאָלט קומען אויף מיין קבר און אָוועקלייגן אַ צעטל וועגן דעם וואָס איר בעט. און איך וועל זיך משתדל זיין פאַר אייך... איך וועל זיין צווישן אייך... איר דאַרפט נישט קיין אַנדערן רבי... איך בין געווען אייער רבי און איך וועל זיין ווייטער אייער רבי!...

און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און אויסגעהויכט זיין נשמה...

צווישן די חסידים האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסע יללה. אָבער ר׳ נתן, כאָטש זיין האַרץ איז ביי אים איצט געווען צעבראָכן מער ווי ביי אַלע, האָט דאָך זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— חסידים, לאָמיר נישט וויינען, כאָטש דער צער איז אַזוי גרויס. לאָמיר נישט זיפצן און אַפילו נישט טרויערן, ווייל אונדזער רבי האָט אונדז איבערגעלאָזן אַזאַ גרויס ליכט, וואָס וועט שטענדיק שיינען... לאָ־מיר אים וויזן, אַז מיר האַלטן דאָס טייער! לאָמיר אים וויזן, אַז ער לעבט צווישן אונדז!... מיר וועלן דאָס טאָן צום בעסטן דורך התלהבות, דורך לערנען אין זיינע ספרים, דורך נאָכזאָגן זיינע קלוגע ווערטער און דורך שמחה של מצווה... דורך טאַנצן... יאָ, חסידים, טענץ ביים דאַוו־נען, טענץ ביי יעדער סעודה און טענץ ביי יעדער מצווה... דאָס איז געווען די הויכע כוונה פון אונדזער רבין און אין דעם וועג וועלן מיר גיין... מיר

וועלן אויסבויען אַ „ציון״ אויף זיין קבר, אַן אוהל און אַ קלויז, ווו מ׳יר וועלן דאַווענען, לערנען און ער וועטריידן צו אונדז... ווער עס וועט האָבן עפּעס אויפן האַרצן, זאָל ריידן צו אים, און איך בין אייך מבטיח, אַז ער וועט יעדן איינעם העלפן... אַזוי האָט ער מיר געזאָגט, און אַזוי האָט ער געזאָגט פאַר זיין הסתלקות צו אייך אַלעמען. געדענקט אָט דאָס!...

צווישן די חסידים האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסע התעוררות און קולות: „אמת! אמת!״, — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן. באַלד האָט זיך אַוועק־געשטעלט אַן אַלטער חסיד, ר׳ אשר, און געזאָגט הויך אויפן קול:

— איר זענט גערעכט, ר׳ נתן, ר׳ נחמן איז ווייטער אונדזער רבי! מיר ווילן נישט און מ׳יר דאַרפן נישט קיין אַנדערן!... ער איז פאַר אונדז נישט טויט... ער וועט צווישן אונדז אייביק לעבן... און נישט נאָר צווישן אונדז, וואָס מיר האָבן אים געקענט, נאָר אַפילו אויך פאַר אונדזערע קינ־דער, אייניקלעך און אוראייניקלעך, עד סוף כל הדורות... מיר שווערן אַלע דערויף! ר׳ נחמן איז אונדזער רבי אויף אייביק! זאָגט אַלע נאָך „אמן״.

פון די מיילער פון אַלע חסידים האָט זיך איצט געהערט איין גרויס געשריי:

— ר׳ נחמן איז אונדזער רבי אויף אייביק! אמן ואמן!...

68

ר׳ מרדכי איז אַריינגעקומען צו גיטעלען מיט אַ טרויעריקער מינע אויפן פנים און מ׳יט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— וואָס איז געשען? — האָט אים גיטעלע געפרעגט מיט שרעק אין די אויגן.

— כ׳האָב אַ טרויעריקע בשורה, גיטעלע, ר׳ נחמן בראַצלאַווער איז שוין מער נישטאָ מיט אונדז.

— נחמנקע! — האָט גיטעלע פאַרבראָכן די הענט און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן — וואָס איז מ׳יט אים געשען? ער איז דאָך נאָך אַזוי יונג געווען. ער איז דאָך אין מיינע יאָרן.

— שווינדזוכט! — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט מיט אַ שטילן קול — ער איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט, ער האָט אויסגעשפּיגן זיינע לונגען.

— ברוך דיין אמת! — האָט גיטעלע זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול אין טיפן טרויער — אָבער עס איז געווען נישט נאָר די שווינדזוכט, מרדכי. עס איז פיל מער... ער האָט זיך אַליין אויפגעגעסן... ער איז געווען אַ שטורעם, די אומרואיקייט אַליין... ער האָט נישט געקענט רוען... נישט געקענט איינזיצן אויף איין אָרט... ער האָט געוואָלט דערגרייכן דאָס גרעסטע!...

— און נישט דערגרייכט!... — האָט מרדכי אָפּגעזיפצט.

— און אפשר יאָ דערגרייכט... זיין נאָמען וועט בלייבן! זיין נאָמען וועט דערמאָנט ווערן, ווען די נעמען פון די אַלע, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט קריגערייען קעגן אים, וועלן שוין לאַנג זיין פאַרגעסן! מרדכי, איך וויל פאָרן צו דער לוויה!

— גוט, איך וועל אויך פאָרן, גיטעלע.

— נו, הייס איוואַנען איינשפּאַנען די פערד. ווען איז די לוויה?

— מאָרגן, באַלד אין דער פרי.

— דאַרף מען באַלד פאָרן. די לוויה וועט דאָך זיין אין אומאַן, ווו ער האָט לעצטנס געלעבט, נישט אַזוי?

— געוויס, גיטעלע, אין אומאַן. עס איז נישט ווייט פון דאַנען.

מרדכי און גיטעלע זענען מיט אַ שעה שפּעטער איינגעשטיגן אין דער בריטשקע, און פאַרנאַכט זענען זיי אָנגעקומען קיין אומאַן. זיי זענען באַלד אַוועק אין אַן אכסניה, ווו זיי האָבן געגומען פאַר זיך אַ שיינע שטוב. די שטאָט איז איצט שוין געווען פול מיט חסידים, רבנים און רביים, וואָס זענען געקומען צו דער לוויה און פון די אַרומיקע שטעטלעך האָבן אַלץ געהאַלטן אין איין אָנקומען נאָך און נאָך מענטשן. די לוויה האָט געזאָלט זיין באַלד אין דער פרי, אָבער צוליב דעם, וואָס פיל רבנים און רביים האָבן נאָך געדאַרפט קומען, איז געבליבן, אַז זי זאָל זיין באַלד נאָכמיטאָג.

אָבער צומאָרגנס באַלד אין דער פרי זענען די גאַסן שוין געווען שוואַרץ פון מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען אין פאַרלויף פון דער נאַכט. מען איז געקומען אויך פון ווייטע שטעט און שטעטלעך. צווישן עולם האָט מען

געזען פיל רבנישע שטריימלעך און רביישע קאַלפּאַקעס. אַלע האָבן געשטראָמט צו ר׳ נחמנס לעצטער וווינונג, לעבן בית עולם און צום בית המדרש, וואָס איז נישט לאַנג צוריק אויסגעבויט געוואָרן.

עס איז פאָרגעקומען די טהרה, ביי וועלכער עס האָבן זיך מתעסק געווען נאָר יחידי סגולה, וואָס ר׳ נתן האָט צוגעלאָזן. באַלד דערנאָך האָט מען דעם גרויסן נפטר אַריינגעטראָגן אין בית המדרש אַריין, ווו דער רב פון דער שטאָט האָט אים מספיד געווען און דערנאָך ר׳ נתן.

גלייך נאָכדעם ווי מען האָט דעם ארון אַריינגעטראָגן אין בית המדרש אַריין, האָט גיטעלע זיך געשטופּט צו דער טיר און געוואָלט אַריינגיין. אָבער איינער פון די אָנגעזעענע משמשים, ר׳ יעקב יוסף חזן, האָט איר נישט געלאָזן:

— קיין אשה טאָר נישט אַריינגיין.

— איך בין אַ מעזשיבוזשער! — האָט גיטעלע זיך אָנגערופן.

— איר זענט פון מעזשיבוזש? איך בין אויך פון דאָרטן. ווער זענט איר פון מעזשיבוזש? — האָט ער זי שטאַרק אָנגעקוקט.

— ר׳ בערס טאָכטער.

— ר׳ בערס טאָכטער? — האָט ר׳ יעקב יוסף זיך אויפגעריסן די אויגן — ר׳ בער האָט געהאַט נאָר איין טאָכטער, די געראָטענע גיטעלע.

— איך בין גיטעלע.

— איר זענט גיטעלע? — האָט ר׳ יעקב יוסף אויסגעשריען מיט אַ מין יראת הכבוד — אויב אַזוי, ווייס איך וועגן אייך אַלצדינג... יאָ, איר מעגט אַריינגיין! אָבער שטייט אין אַ זייט. — און ער האָט געעפנט די טיר פאַר איר.

— אַן אשה! אַן אשה! — האָבן זיך געהערט קולות פון אינעווייניק — צוריקגיין!

— זי איז גיטעלע, לאָזט איר אַריין, זי מעג! — האָט ר׳ יעקב יוסף אַריינגעשריען.

גיטעלע איז צוגעגאַנגען ביז צום ארון מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. זי האָט געוואַרט ביז איבער די הספדים, און ווען מען האָט אַרויסגעטראָגן דעם ארון, האָט זי געזאָגט אין דער שטיל:

— נחמנקע, דאָס איז גיטעלע. איך בין געקומען צו דיין לוויה... איך שטיי דאָ לעבן דיין אָרון... דו האָסט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז יעדע נשמה באַשטייט פון צוויי טיילן, פון אַ זכר און אַ נקבה, וואָס זוכן זיך אַרום דאָס גאַנצע לעבן, און אויב זיי געפינען זיך נישט אין איין דור, זוכן זיי זיך אין צווייטן, כדי זיך משלים צו זיין איינער דעם אַנדערן... אין הימל אָבער זענען זיי שטענדיק פאַראייניקט. דאָרטן זענען זיי שטענדיק איינס. איך געדענק דאָס זייער גוט און אַזוי ווי איך בין אַ טייל פון דיר, ווען עס וועט קומען מיין צייט צו גיין פון דאַנען, וועל איך קומען צו דיר און עס דיר זאָגן, און איך וועל זיך שפּעטער מיט דיר פאַראייניקן... איצט שלאָף רואיק, נחמנקע, און וואַרט אויף מיר!...

און זי איז באַלד אַרויס צו מרדכין, וואָס האָט געוואַרט אויף איר אין דרויסן, און צו אים געזאָגט:

— לאָמיר שוין פאָרן צוריק.

— ווילסט נישט נאָכגיין נאָכן ארון? ווילסט נישט גיין מיט דער לוויה? — האָט איר מרדכי אָנגעקוקט מאָדנע.

— ניין, כ׳האָב זיך שוין געזעגנט מיט אים. לאָמיר גלייך פאָרן אַהיים.

מרדכי, וועלכער האָט נאָכגעגעבן גיטעלען אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט, האָט זי מער נישט איבערגעפרעגט און געהייסן איוואַנען באַלד צוריקפאָרן.

אויפן וועג האָט גיטעלע געזאָגט צו מרדכין:

— דו ווייסט, מיר האָבן נאָך צו מיין ברודער שמעון נישט געשריבן, וואָס מיר טראַכטן צו טאָן מיט לוין. דאָס באַאומרואיקט מיך זייער שטאַרק. וואָס איז דיין מיינונג וועגן דעם, מרדכי?

מרדכי האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט און געזאָגט צו גיטעלען:

— מיין נישט, אַז כ׳האָב נישט געטראַכט וועגן דעם. איך האָב ערשט היינט אין דער פרי אויך נאָכגעטראַכט וואָס מיר זאָלן טאָן און איך בין געקומען צו דער מסקנה, אַז מיר זאָלן וואַרטן ביז חנוכה. דעמאָלט וועלן מיר פאָרן קיין באַר צו דיין מאַמען און ברודער און מיר וועלן זיי אַלץ דערציילן, און מיר וועלן דערנאָך אפשר מיטנעמען לוין מיט זיך.

דערווייל שרייב שמעונען, אַז דו וועסט קומען קיין באַר אויף חנוכה און דו וועסט אַוודאי נעמען מיט דיר לוין אַהיים. געפעלט דיר דער פּלאַן?

— יאָ, מרדכי, האָסט עס גוט פאַרטראַכט — האָט גיטעלע צוגעשטימט.

— דער חסרון איז נאָר איין זאַך — האָט זיך מרדכי אָנגערופן זייער פאַרזאָרגט — וואָס דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון קיעוו וויל מיך מאַכן פאַר אַן אָרעמאַן.

— וואָס הייסט דאָס? — האָט אים גיטעלע אָנגעקוקט מיט שרעק אין די אויגן — וואָס מיינסטו דערמיט, מרדכי?

— ער וויל פון מיר אַ נייעביישטייערונג פאַרן קייזער אַלעקסאַנדער. ער זאָגט, אַז דאָס וואָס כ׳האָב געגעבן, איז צו ווייניק. ער וויל, אַז כ׳זאָל געבן צען מאָל אַזוי פיל.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— כ׳האָב געקראָגן פון אים נעכטן אַ בריוו וועגן דעם.

— דו האָסט מיר גאָרנישט געזאָגט דערפון.

— איז געווען ווייניק איין שלעכטע בשורה, האָב איך דיר געדאַרפט זאָגן נאָך אַן אַנדערע?

— וויפל וויל ער?

— כמעט אַלץ, וואָס כ׳האָב און אפשר האָב איך גאָר נישט אַזוי פיל.

— קענסט זיך דינגען מי׳ט אים?

— דינגען זיך? אוודאי וועל איך זיך דינגען. אָבער אַז ער וויל אַזאַ גרויסע סומע, אַז וויפל כ׳וועל אַראָפּדינגען, וועט אַלץ זיין אַ מטמון פון געלט אַוועקצוגעבן.

— קען ער דאָס פאַרלאַנגען פון דיר?

— ניין, ער דערמאָנט מיר אָבער כסדר, אַז איך בין געבליבן דער איינציקער פּאַדריאַטשיק פאַר דער אַרמײ, וואָס איז אַ ייד.

— און וואָס איז געשען מיט די אַנדערע? עס זענען דאָך געווען נאָך עטלעכע יידישע פּאַדריאַטשיקעס. האָט מען זיי אַוועקגעלאָזט?

— ניין, זיי זענען געבליבן. אָבער זיי זענען נישט מער קיין יידן.

— זיי האָבן זיך געשמדט, הייסט עס! — האָט גיטעלע אויסגעשריען מיט אַ קוויטש.

— יאָ, זיי האָבן זיך געמוזט שמדן.

— ווייל ער אפשר פון דיר אויך, אַז דו זאָלסט זיך שמדן, מרדכי! — האָט גיטעלע אים געפרעגט, ציטערנדיק אינגאַנצן.

— יאָ, אָט דאָס וויל ער.

— און וואָס האָסטו אים געענטפערט?

— אַז דאָס וועט קיינמאָל נישט געשען.

— פאַרוואָס האָט ער עפּעס איצט גענומען פאַרלאַנגען דאָס פון דיר? ער האָט דאָך געוווּסט אַלע מאָל, אַז דו ביסט אַ ייד. פאַרוואָס איז עס ביז איצט גוט געווען, אַז אַ ייד זאָל זיין אַ פּאָדריאַטשיק, און איצט טויג עס נישט! וואָס איז פּלוצלונג געשען?

— עס איז נישט פּלוצלונג, גיטעלע, און עס שטאַמט אויך נישט פון זיין קאָפּ — האָט איר מרדכי טרויעריק געענטפערט — דער הערכט שטינקט פון קאָפּ. די גאַנצע זאַך שטאַמט פון פּעטערבורג, פון קייזער אַליין. מיר יידן האָבן געהאַט אַ טעות, ווען מיר האָבן געמיינט, אַז אַלעקסאַנדער וועט זיין אַ מלך חסד, ער וועט פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די יידן און געבן זיי גלייכע רעכט מיט נישט־יידן צוגלייך. עס איז געווען פאַלש די גאַנצע זאַך. אַלעקסאַנדער איז נישט קיין קלענערער יידן־פיינט, ווי אַלע פריערדיקע רוסישע קיסרים, ווי יעקאַטערינאַ, ווי פּאַוועל און אַלע אַנדערע. ער איז אפשר נאָך מער שונא ישראל ווי זיי. עס איז נישטאָ דער טאָג, וואָס מען רודפט נישט קיין יידן צוליב דעם אָדער צוליב יענעם, און וואָס שייך בילדונג, לאָזט ער יידן נישט צו צו העכערער בילדונג, פּונקט אַזוי ווי עס איז געווען פריער. ער האָט זיך טאָקע באַרימט, ווען ער איז געווען אין בערלין, אַז ער וואָלט געוואָלט האָבן אין רוסלאַנד אַ „מענדעלסאָן", אָבער ער אַליין לאָזט ביי אונדז אין רוסלאַנד קיין מענדעלסאָן נישט אויסוואַקסן.

— אָבער קיין שמד־באַפעל האָט ער דאָך נישט אַרויסגעגעבן! — האָט אים גיטעלע איבערגעהאַקט די רייד — מען צווינגט נישט יידן צו שמד!...

— וועגן אַ שמד־באַפעל רעדסטו? נו, ווייסטו, אַז דער גענעראַל־גו־בערנאַטאָר האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז עס איז אַרויס אַן „אוקאַז" פון קייזער, אַז אַלע, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אַרמיי, טאָרן נישט גע־הערן צום יידישן גלויבן. איצט ווייסטו עס שוין, האַ?

— אויב אַזוי, מיינט עס דאָך דיך אויך!

— טאַקע אַזוי.

— טאָ פאַרוואָס וויל ער פון דיר געלט? ער דאַרף דאָך פאַרלאַנגען פון דיר אַז דו זאָלסט זיך שמדן.

— ער וויל טאַקע שמד, גיטעלע. אָבער ער וויל מיר מאַכן צו גלויבן, אַז איך וועל זיך דורך אַ גרויסער סומע געלט אויסקויפן פון שמד. אין אמתן אָבער וויל ער די סומע צונעמען פאַר זיך. ער וועט דערנאָך אָפּ־וואַרטן אַביסל און מיר זאָגן וועגן שמד־באַפעל, אַז עס קען נישט זיין אַנדערש.

— פאַרוואָס טראַכסטו אַזוי, מרדכי?

— ווייל ער האָט זיך אַליין אַרויסגעכאַפּט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אויף צו שמדן זיך גיט ער מיר נאָך צייט אַ האַלב יאָר, נאָכדעם ווי איך וועל אים געבן דאָס געלט.

— מרדכי, — האָט גיטעלע געזאָגט מיט אַ באַזאָרגט פּנים — גיב אים נישט קיין געלט. כ'האָב מורא, אַז עס וועט זיין ווי אין יענער מעשה, דו וועסט האָבן פולע פּיש געגעסן, שמיץ געקראָגן און פון שטאָט אַרויס־געטריבן. כ'דענק, אַז דו ביסט גערעכט, אַז נאָכדעם ווי דו וועסט אים געבן דאָס געלט, וועט ער אָפּוואַרטן אַ שטיקל צייט און דערנאָך זאָגן צו דיר: „שמד אָדער אויס פּאָדריאַטשיק!" דעמאָלט וועסטו בלייבן ביי גאָרנישט. דעריבער האַלט זיך צוריק, גיב נישט קיין געלט. און אויב עס וועט קומען דערצו, אַז ער וועט דיר זאָגן „שמד אָדער אויס פּאָדריאַטשיק", וועסטו זיך אָנגעבן אין דעמיסיע. דו וועסט אָבער בלייבן ביים געלט. עס איז שוין ביי מיר כמעט אַ זיכערע זאַך, אַז דו וועסט לסוף מוזן אויפגעבן דעם פּאָדריאַד.

— אַזוי טראַכסטו, גיטעלע?

— יאָ, אַזוי זע איך עס.

— און וואָס וועט מען דעמאָלט טאָן?

— מיר וועלן נישט פאַרפאַלן ווערן. גאָט איז אַ פאָטער. ער העלפט אַלעמען, וועט ער אונדז אויך העלפן.

מרדכי האָט אָנגעכאַפּט גיטעלעס האַנט און זי געדריקט און צו איר געזאָגט:

— אָט די ווערטער האָב איך געוואָלט הערן פון דיר. אַזאַ אשת חיל ווי דו איז אַ גליק פאַר אַ מאַן! דו שטאַרקסט מיך און גיסט מיר צו כסדר מוט און קוראַזש! איך דאַנק גאָט יעדן טאָג דערפאַר, וואָס ער האָט דיך צו מיר צוגעשיקט.

אָבער די צרה, וואָס האָט געשוועבט איבער מרדכיס קאָפּ, איז נישט געווען אַזוי לייכט אָראָפּצובלאָזן. עס איז געווען דערפאַר, וואָס דער גענע־ראַל־גובערנאַטאָר האָט שוין געהאַט פאַר זיך אַ פּאַפּיר פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער אַרמיי, נישט צו דערלאָזן מער קיין שום יידן אַלס פּאָדריאַטשיקעס און פּראָוויאַנט־צושטעלער. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר דאָס טאַקע באמת נאָר געוואָלט איצט אַרויסקריגן פון מרדכין, ווי גיטעלע האָט עס אַזוי גוט פאַרשטאַנען, אַ ריזיק פאַרמעגן און דערנאָך אים שטעלן פאַר דער ברירה פון שמד אָדער אָפּזאָגן זיך פון פּאָדריאַד. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר, זעענדיק אַז מרדכי גיט אים אַלץ נישט קיין געלט, האָט אים כסדר אויפגעפאָדערט צו געבן אַן ענטפער. ער האָט נישט גערעדט וועגן שמד, נאָר בלויז וועגן אַ פיל גרעסערןביישטייער פאַר דער רעגי־רונגס־קאַסע. לסוף, ווען ער האָט געזען, אַז מרדכי איילט זיך אַלץ נישט צו געבן אים געלט, האָט ער אויסגעפונען אַן אַנדער מיטל אויף אונטערצוטרייבן אים... איינמאָל האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר צו אים געזאָגט, אַז עס איז דאָ אַן אָנקלאַגע קעגן אים, אַז ער האָט צוגעשטעלט שלעכטע שטיוול פאַר דער אַרמיי און אַז ער קען דערפאַר געשטעלט ווערן פאַר אַ מיליטערישן געריכט, וואָס וועט אַרויסטראָגן אויף אים אַ שווערע שטראָף. עס איז בלויז דאָ איין עצה: צו פאַררייבן די זאַך מיט אַ גרויסער סומע געלט.

מרדכי האָט צוויי טעג נאָכאַנאַנד נישט געוואָלט זאָגן גיטעלען די שלעכטע נייעס. לסוף, אויפן דריטן טאָג, ווען ער האָט שוין געדאַרפט

געבן דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר אַן ענטפער, האָט ער איר געזאָגט דאָס, וואָס עס דריקט אים אויפן האַרצן.

גיטעלע האָט איצט אַרומגענומען מרדכין, אים געקושט און צו אים געזאָגט:

— מרדכי, טייערער, איך זע, אַז עס איז אַ שפּיל פאַרן טייוול. מען וויל פון דיר מיט אַלע קונצן צונעמען דיין געלט און דערנאָך דיך אַרויס־וואַרפן. דעריבער ווילסט הערן מיין עצה?

— יאָ, מיין קינד.

— מיין מיינונג איז, אַז דו זאָלסט אויפגעבן דעם פּאָדריאַד. אויב דו וועסט דאָס אַליין נישט טאָן, וועט מען עס ביי דיר צונעמען, סיידן דו וועסט זיך שמדן. אָבער דאָס ווילסטו דאָך נישט און דאָס וויל איך אויך נישט. דעריבער איז מיין עצה, אַז אַזוי ווי עס איז שוין צוויי וואָכן צו חנוכה, לאָמיר פאָרן גלייך קיין באַר און פון דאָרטן לאָמיר פאָרן קיין אויס־לאַנד. דו זאָלסט זאָגן דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַז דו ביסט גרייט אים צו געבן די סומע געלט, וואָס ער וויל פון דיר (לעבן זאָל ער אַזוי), אָבער דו האָסט דיין געלט אין אויסלאַנד און מוזט עס פאָרן ברענגען, און מיר וועלן באַלד דערויף אַוועקפאָרן פון דאַנען אין גאַנצן... מיר וועלן פאָרן פריער קיין באַר און דאָרטן זען זיך מיט די אייגענע. דערנאָך וועלן מיר מיטנעמען לוין און פאָרן מיט אים קיין קעניגסבערג. איך האָב געהערט, אַז ס'איז אַ ווילע שטאָט צו וווינען דאָרטן, פיל בעסער ווי בערלין, און מיר וועלן זיך דאָרטן באַזעצן. מיטן געלט וואָס דו האָסט, קענסטו דיר אַפילו עפענען אַ קליינע באַנק. פון דאָרטן וועסטו אַריינשיקן אַ בריוו צום גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַז דו האָסט שוועריקייטן מיטן איינמאָנען די געל־טער, און דו מוזסט דעריבער דאָ בלייבן אַ לענגערע צייט און וועסט זיך אָנגעבן אין דעמיסיע אַלס פּאָדריאַטשיק.

— כ'דענק, אַז דו ביסט גערעכט, גיטעלע! ביסט אַן אמתע חכמנית!

— פאָלג מיך, גיי גלייך אַריבער צום גענעראַל־גובערנאַטאָר און זאָג אים דאָס.

מרדכי האָט איר געפאָלגט. ער איז אַוועק צו דער קאַנצעלאַריע פון גענעראַל־גובערנאַטאָר, וועלכער האָט אים גלייך אויפגענומען, מיינענ־

דיק, אַז ער ברענגט אים דאָס געלט, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט פון אים. מרדכי האָט אים אָבער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער האַלט זיינע געלטער אין אויסלאַנד, ווי עס איז געווען דער שטייגער דעמאָלט פון אַלע גרויסע גבירים, ווייל אין אויסלאַנד זענען געווען גרויסע באַנקן, וועלכע האָבן געצאָלט גרעסערע פּראָצענטן. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט וואַרטן מיט אַלעם ביז ער וועט קומען צוריק. מרדכי האָט זיך באַלד געזען מיט זיינע קינדער און זיי געזאָגט וואָס עס איז געשען און אַז ער מוז פאַרלאָזן רוסלאַנד, אויב ער וויל זיך נישט שמדן. ער האָט זיי געהייסן איבערנעמען זיין רייכע וווינונג, אָבער נישט זאָגן קיינעם, אַז ער קומט נישט מער צוריק. דערנאָך האָבן, ער און גיטעלע, גענומען איינפּאַקן זייערע זאַכן און ווען זיי זענען געוואָרן פאַרטיק, האָבן זיי אַלע זייערע געפּעק אַוועקגעלייגט אויף דער בריטשקע און געלאָזט זיך אין וועג אַריין.

מיט פינף טעג שפּעטער זענען זיי געקומען קיין באַר. עס איז איצט ווידער פאָרגעקומען אַ פאַראייניקונג פון דער משפּחה. גיטעלע האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט דער מאַמען און ביידע האָבן געוויינט דערויף, וואָס דער טאַטע איז איצט מער נישטאָ מיט זיי. דערנאָך האָט זיך גיטעלע גע־קושט מיט שמעונען, מיט לוין, מיט ראָזען און מיט די קינדערלעך, ישראלן און דאָס ניי־געבוירענע מיידעלע, מרים. גיטעלע האָט איצט זיי געזאָגט, פאַרוואָס זי האָט זיך געמוזט גטן מיט הערשלען און ווי גליקלעך זי איז איצט מיט מרדכין, און אַלע האָבן איר און מרדכין געווונטשן „מזל טוב״.

מרדכי און גיטעלע האָבן פאַרבראַכט אין באַר נאָענט צו אַ וואָך און דערנאָך געגרייט זיך אין וועג אַריין, קיין אויסלאַנד. גיטעלע האָט כסדר גערעדט וועגן באַזעצן זיך אין קעניגסבערג, ווייל, ווי ווייט זי ווייס, זענען דאָרטן פאַראַן פיל יידישע אינטעליגענטע מענטשן. עס איז איר באַקאַנט, אַז דאָרטן האָבן זיך אויפגעהאַלטן די ערשטע משכילים, ווי איי־ציק אייכעל, וואָס האָט דאָרטן געדרוקט זיין ערשטן „קול קורא״, אַרויס־צוגעבן די זאַמלביכער „המאסף״. דאָרטן איז אויך אַרויסגעגאַנגען דער ערשטער זאַמלבוך און יענע משכילים האָבן נאָך אַפילו אין יאָר 1782 אַרויסגעגעבן אַ „קול קורא״ צו גרינדן אַ פרייע שולע, וווּ מען זאָל לערנען

אויך וויסנשאַפט מיט די קינדער. אָבער צוליב דעם וואָס די פרומע האָבן געמאַכט אַ געוואַלד איז נישט געקומען דערצו. די שטאָט איז איר פיל בעסער געפעלן געוואָרן ווי, למשל, בערלין.

— גוט. — האָט איר מרדכי רואיק געענטפערט, ווי זיין שטייגער איז געווען איר אַלץ נאָכצוגעבן. — מיר איז נישט קיין נפקא מינה ווו מיר וועלן זיין, אַבי נאָר מיר זאָלן זיין צוזאַמען. דו ווילסט קעניגסבערג — זאָל זיין קעניגסבערג. איך קען אויך דאָרטן פיל מענטשן. איך קען דאָרטן, למשל, דעם רב ר׳ שלמה פירשט. ער איז אַ פיינער ייד און דערצו נאָך אַ וועלטלעכער מענטש. איך קען אויך דאָרטן אַ יידישן באַנקיר, ישראל גאָלדהאַבער, מיט וועמען איך האָב געפירט פיל געשעפטן. זאָל זיין קעניגסבערג!

מרדכי און גיטעלע האָבן זיך איצט געזעגנט מיט דער מאַמען, מיט שמעונען, ראָזען און מיט די קינדער און מיטגענומען מיט זיך לוין. זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, קיין דייטשלאַנד, צו דער שטאָט קעניגסבערג, מיט פיל האָפענונג, אָבער דאָך מיט אינערלעכער זאָרג אויף אויסצובויען פאַר זיך דאָרטן אַ נייע היים, ווו זיי זאָלן קענען לעבן פון איצט אָן שוין רואיק און האָבן שוין אַ ביסעלע גליק.

אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי מרדכי האָט זיך באַזעצט אין קעניגסבערג, האָט ער זיך צוזאַמענגערעדט מיט זיין פריינט ישראל גאָלדהאַבער, וועלכער האָט געהאַט אַ קליינע באַנק אין דער אַלטשטאָט, אויף צו עפענען צוזאַמען אַ גרעסערע באַנק אין איינער פון די אָנגעזעענע גאַסן און פירן גרויסע געשעפטן. מרדכי האָט געקענט ישראל גאָלדהאַבערן נאָך פון פראַנקפורט אַם מאַין, ווו עס וווינט זיין פאָטער, משה גאָלדהאַבער, וועלכער איז שוין איצט געווען אַ ייד אַ זקן, נאָענט צו אַכציק. ר׳ משה האָט אין פראַנקפורט אַם מאַין אויך געהאַט אַ באַנק יאָרנלאַנג, און מרדכי האָט מיט אים געפירט געשעפטן. זיין זון ישראל האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַן אָנגעזעענעם ייד, מאָריס שטיינער, פון קעניגסבערג און איז דאָרטן געבליבן וווינען, ווייל זיין פרוי, די אַריסטאָקראַטישע טערעזע, האָט געוואָלט וווינען נאָענט צו איר משפחה. ישראל האָט זיך דערייבער מיטן געלט, וואָס ער האָט געקראָגן אַלס נדן, צוזאַמען מיט זיין אייגענעם

קאַפּיטאַל, געעפנט אַ קליינע באַנק, וואָס איז באמת נישט געווען קיין באַנק, נאָר אַן אויסטויש־פּלאַץ פון אויסלענדישע געלטער. אַזוי ווי צוליב דער נאַפּאָלעאָנישער מלחמה קעגן רוסלאַנד זענען אין קעניגסבערג גע־ווען פיל רוסישע יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דער היים, איז מרדכין איינגעפאַלן, אַז מען זאָל די באַנק אָנרופן מיטן נאָמען „די רוסישע באַנק”, ווייל דאָס וועט זיין אַ צוציאונג פאַר יענע מענטשן, און זיי האָבן זי טאַקע אַזוי גערופן.

ישראל גאָלדהאַבער איז אין ענינים פון יידישקייט נישט געגאַנגען אין די וועגן פון זיין פאָטער, וועלכער איז כל ימיו געווען אַ פרומער ייד. ישראל אָדער איזראַעל, ווי ער האָט זיך שוין איצט גערופן, איז שוין געווען אָנגעכאַפּט מיט די לערעס פון די ערשטע רעפאָרמער אין בערלין און אין אַנדערע שטעט פון דייטשלאַנד און האָט נאָכגעזאָגט זייערע רייד, אַז מען דאַרף מאַכן רעפאָרמעס אין דער יידישער רעליגיע.

אָט צוליב דעם האָט גיטעלע פון אים נישט צופיל געהאַלטן, כאָטש ער האָט זיך שטאַרק געהנדלט צו איר, באַלד דאָס ערשטע מאָל, ווען ער איז אַריינגעקומען אין איר הויז, נאָכדעם ווי זי און מרדכי האָבן אים געהאָט פאַרבעטן. ישראל גאָלדהאַבער איז געווען אַ הויכער מאַן, אַ ברונ־נעטער מיט טיף שוואַרצע האָר, פאַרקעמט גלייך מיט אַ שרונט אויף דער לינקער זייט, און מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, אויף וועלכע ער האָט גע־טראָגן פענסנע, באַהאָפטן צו אַ שוואַרץ בענדל, אָנגעטאָן אויפן האַלדז. ער איז געווען זייער פּינקטלעך. זיינע קליידער זענען געלעגן אויף אים ווי אויסגעגאָסן, און ער האָט גערעדט שטענדיק מיט אַ פּויזע, אין וועל־כער עס איז געווען אַ סך אָנשטעל.

באַלד דעם ערשטן אָוונט, ווען מרדכי האָט אים פאַרבעטן צו זיך אַהיים, כדי איבערצורעדן וועגן שותפות, האָט ישראל גאָלדהאַבער פאַר־פירט אַ ברייטן שמועס, טרינקענדיק טיי, וואָס גיטעלע האָט אים און איר מאַן דערלאַנגט, און צובייסנדיק דערביי דעם קוכן, וואָס זי אַליין האָט אָפּגעבאַקן, האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט, אַז די יידישע רעליגיע מוז דורכ־מאַכן איצט פיל ענדערונגען, ווייל אַזוי ווי זי איז איצט, טויג זי נישט.

— פאַרוואָס טויג זי נישט? — האָט גיטעלע אים פאָרזיכטיק אָבער דאָך מיט מוט געפרעגט.

— ווייל אַ רעליגיע, וואָס איז געווען גוט מיט אַכצן הונדערט יאָר צו־ריק, קען נישט זיין גוט פאַר אונדז, ציוויליזירטע מענטשן! — האָט יש־ראל גאָלדהאַבער אַרויסגעזאָגט מיט אַ מין שטאָלץ, ווי אַ שטייגער, ער וואָלט דאָ געזאָגט די גרעסטע חכמה.

— איר מיינט צו זאָגן, אַז מען דאַרף ענדערן די רעליגיע בלויז דער־פאַר, ווייל זי איז אַלט? — האָט אים גיטעלע פאָרזיכטיק געפרעגט — אָבער עס זענען דאָ אין לעבן פיל זאַכן, וואָס זענען אַלט און זענען דער־פאַר נאָך בעסער. אַלטער וויין, למשל, איז טייערער ווי נייער; אַלט צי־רונג האָט אויך מער ווערט ווי פיל נייע זאַכן, און אַזוי איז עס אויך מיט אַנטיק־זאַכן.

— ענטשולדיגען זי מיר, גנעדיגע דאַמע — האָט זיך איזראַעל פאַר־ענטפערט פאַר גיטעלען — עס איז נישט דערפאַר, ווייל זי איז אַלט. איך האָב געמיינט צו זאָגן, אַז די יידישע רעליגיע איז פאַרעלטערט געוואָרן און מען קען זי שוין מער נישט געברויכן. די געזעצן פון שבת, צום ביישפיל, טויגן נישט. מען טאָר נישט טראָגן אין שבת אַפילו קיין טאַשנ־טיכל. איז דאָס נישט אַלט און נאַריש? דאָס איז גוט געווען פאַר יענע אַלטע יידן, וועלכע האָבן נישט גענוצט קיין טיכלעך אויף אָפּצווישן זיך די נאָז און האָבן עס געטאָן מיט זייער אַרבל, ווי עס טוען נאָך היינט די „פּאָלנישע" יידן, די „שנאָרער"...

— באַליידיקט נישט די פּוילישע יידן — האָט זיך גיטעלע אויפ־געשטעלט דענערווירט פון טיש — צווישן די פּוילישע יידן זענען דאָ גרויסע רבנים און אויך פיל גרויסע געלערנטע אויף וויסנשאַפטלעכע גע־ביטן, אפשר פיל מער נאָך ווי ביי די דייטשן יידן.

— אום גאָטעס ווילען, ענטשולדיגען זי מיר ווידעראַמאָל, מיין גנע־דיגע דאַמע — האָט איזראַעל גאָלדהאַבער געפילט זיך שוין זייער שלעכט — איך האָב אין קיין פאַל נישט געוואָלט באַליידיקן די פּוילישן יידן.

דער געשפּרעך איז איבערגעריסן געוואָרן. איזראַעל גאָלדהאַבער האָט זיך נאָך פיל מאָל אַנטשולדיקט פאַר גיטעלען, וועלכער ער האָט גראָד

געוואָלט געפֿעלן ווערן. מרדכי און איזראַעל גאָלדהאַבער האָבן ווייטער גערעדט וועגן שותפות, וועגן אַ נייער באַנק אונטערן נאָמען „די רוסישע באַנק", ווו זיי קאָנען באַלד אָנהייבן מיט גרויסע געשעפטן, ווייל עס זענען אָנגעקומען זייער פיל רוסישע מענטשן, יידן ווי נישט־יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד.

69

עס זענען געווען די נאַפּאָלעאָנישע צייטן און אין אַלעם, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין דער וועלט, האָט מען זיך צוגעהערט צו פּאַריז, ווו עס האָט געהערשט זינט 1804, מיט אַ פעסטער האַנט, נאַפּאָלעאָן באָנאַ־פּאַרט, אָדער נאַפּאָלעאָן דער ערשטער. באַזונדערס האָט עס אַזוי געמיינט פאַר די יידן פון דער גאַנצער וועלט. נאַפּאָלעאָנס האַנדלונגען בנוגע די יידן זענען געווען אָפּהענגיק פון זיינע לוינעס; פון די מיינונגען, וואָס ער האָט געהאַט וועגן זיי און אויך פון זיינע קאַפּריזן. געווען אַ צייט, ווען ער האָט געוואָלט אויסלייזן די יידן פון דער גאַנצער וועלט און זיי צוריק־געבן ארץ־ישראל. ער האָט אַפילו אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די יידן וועגן דעם אין יאָר 1799. ער האָט אָבער באַזונדערס געמיינט, אַז די יידן, וואָס זענען טערקישע איינוווינער, זאָלן ווערן פאַלש צו טערקיי און צושטיין צו אים. דאָס האָבן יענע יידן נישט געוואָלט. פאַרקערט נאָך, זיי האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד קעגן אים, ווען ער האָט באַלאַגערט ירושלים. ווען נאַפּאָלעאָנס פּלאַן איינצונעמען גיך קליין־אַזיע איז דורכ־געפאַלן, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, כדי איינצונעמען פריער פרייסן און דערנאָך גאַנץ אייראָפּע.

וועגן דער לאַגע פון די יידן אומעטום אין אייראָפּע און באַזונדערס אין פראַנקרייך, האָט ער נישט געוווסט וואָס צו טאָן. פון איין זייט איז שוין געווען אַ געזעץ, וואָס גיט די יידן גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, נאָך דעם 28טן סעפּטעמבער 1791. אָבער פון דער אַנדערער זייט האָבן די אַנטיסעמיטן נישט גערוט און אַלץ געהעצט דעם קייזער קעגן די יידן און אויסגעטראַכט

אויף זיי פיל בלבולים. צו דעם צוועק האָט נאַפּאָלעאָן צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון רבנים און אָנגעזעענע יידן, וואָס האָט געהייסן אַ „סנהדרין", וועלכע האָבן געדאַרפט ענטפערן אויף צוועלף פראַגן, וואָס ער האָט פאַר זיי פאָרגעלייגט. די „סנהדרין" האָט זיך פאַרזאַמלט אין פּאַריז און אָפּגעהאַלטן זיצונגען אין פאַרלויף פון פינף טעג אין פּאַרלאַ־מענט. דאָס איז געווען אין די טעג פון 16טן, 19טן, 23טן, 26טן פעברואַר און דעם 2טן מערץ, ווען זיי האָבן פאָרמולירט זייערע ענטפערס אויף די פראַגן פון קייזער. צו די זיצונגען זענען געקומען 71 רבנים און אָנגעזעענע יידן פון פראַנקרייך און איטאַליע, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו די „סנהדרין", און אַ חוץ זיי נאָך 35 רבנים, אַלס צושויער. צוזאַמען 104 פון די חשוב־סטע יידן אין יענער צייט. דער יושב ראש איז געווען ר' דוד זינדהיים, דער שטראַסבורגער רב. די צוועלף פראַגן זענען געווען: 1) צי יידן מעגן, לויט דער יידישער רעליגיע, חתונה האָבן מיט מער ווי איין ווייב? 2) צי עס איז דאָ ביי יידן אַ מעגלעכקייט צו גטן אַ פרוי און צי דער גט באַפרייט זי צו קענען חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן, אַפילו ווען זי איז נאָך נישט געשידן פון אים לויט די געזעצן פון לאַנד? 3) צי מעג אַ ייד חתונה האָבן מיט אַ קריסטין, אָדער אַ קריסט מיט אַ יידישער פרוי? 4) וואָס זענען די פראַנצויזישע קריסטן אין די אויגן פון די יידן, גלויביקע אָדער געצנדינער? 5) ווי אַזוי דאַרף זיין די באַציאונג פון די יידן צו די פראַנ־צויזן, לויט דער יידישער רעליגיע? 6) צי די יידן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין פראַנקרייך, האַלטן זיך פאַר פראַנצויזישע בירגער און צי זיי דאַרפן קעמפן פאַרן לאַנד און פירן זיך לויט די פראַנצויזישע געזעצן? 7) ווער קלייבט אויס די רבנים? צי קענען רבנים באַשטראָפן יידן, וואָס פאָלגן זיי נישט? און וואָס איז דער כוח פון די רבנים בכלל? 8) זענען פאַראַן מלאכות, וואָס יידן טאָרן זיך נישט פאַרנעמען מיט זיי? 9) צי עס מעג אַ ייד נעמען פּראָצענט פון אַ יידן? 10) צי עס מעג אַ ייד נעמען פּראָצענט פון אַ קריסט? 11) צי די יידן באַטראַכטן זיך פאַר אַ פאָלק, אָדער אַ רעליגיעזע סעקטע? 12) פאַרוואָס וואַרטן יידן אויפן קומען פון משיח? דער ענטפער פון די רבנים איז געווען: 1) לויט די תקנות פון רבינו גרשום טאָר אַ ייד נישט חתונה האָבן מער ווי מיט איין פרוי; 2)

אַ יידישער גט איז גילטיק, נאָכדעם ווי עס איז דאָ אַ געזעצלעכע שיידונג פון דעם געריכט פון לאַנד; 3) אַ חתונה, לויט משהס געזעצן, דאַרף גע־שען נאָכדעם ווי עס איז פאָרגעקומען אַ פאַרבינדונג, לויט די געזעצן פון לאַנד; 4) די פראַנצויזן זענען נישט קיין געצנדינער; 5) עס איז אַ חוב פון יעדן ייד צו באַטראַכטן דעם נישט־יידישן בירגער ווי אַ ברודער און צו העלפן אים, ווי אַ שטייגער, ער וואָלט געווען פון זיין גלויבן; 6) די יידן דאַרפן באַטראַכטן דאָס לאַנד, וווּ זיי וווינען, ווי עס וואָלט געווען זייער פאָטערלאַנד און עס ליב האָבן און עס באַשיצן; 7) די יידישע קהילה קלייבט אויס אירע רבנים; 8) די יידישע רעליגיע פאַרבאָט נישט קיין שום אַרבעט אָדער באַשעפטיקונג און עס איז גוט צו פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט, ווי אונדזערע עלטערן האָבן געטאָן, ווען זיי האָבן געוווינט אין ארץ־ישראל; 9) און 10) די יידן איז פאַרבאָטן צו נעמען פראָצענטן סיי פון אַ ייד און סיי פון אַ קריסט; 11) די יידן זענען נישט קיין נאַציע, נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע און 12) דאָס וואַרטן אויפן קומען פון משיח אין אַ רעליגיעזע זאַך.

דער ענטפער פון די רבנים איז באמת געווען אַן ענטפער צו די אַנטיסעמיטן פון אַלע לענדער, וועלכע האָבן געוואָלט שטערן די יידן צו קריגן גלייכע רעכט. זיי האָבן געטענהט, אַז די יידן זענען קינדער פון אַן אַנדער פאָלק און נישט קיין בירגער פון לאַנד. אָבער כאָטש נאַפּאָלעאָן איז געווען צופרידן פון דעם ענטפער פון די רבנים און עס איז אויך אָנ־גענומען געוואָרן פון פּאַרלאַמענט אַלס געזעץ, האָט ער שפּעטער ווידער באַגרענעצט די יידן דורך אַ געזעץ, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן דעם 17טן מערץ פון יאָר 1808. שפּעטער ווידער האָט ער געביטן די געזעצן וועגן די יידן צו זייער טובה וועגן.

אין יאָר 1812 האָט נאַפּאָלעאָן אָנגעהויבן זיין אמתן מאַרש אויף רוסלאַנד מיט אַן אַרמיי פון 600.000 מאַן. ער איז אַריבער דעם ניעמאַן דעם 24טן יוני און איינגענומען ווילנע. פון דאָרטן האָט ער מאַרשירט ווייטער ביז מאָסקווע, וווּ ער איז אַריין דעם 14טן סעפּטעמבער. צו־מאָרגנס, נאָכן אַריינמאַרש, האָט אין מאָסקווע אויסגעבראָכן אַ פייער און אַ גרויסער טייל פון דער שטאָט איז פאַרברענט געוואָרן. ער האָט גע־

ליטן אַזוי פיל צרות אין מאָסקווע פון הונגער און קעלטן, אַז דעם 18טן אָקטאָבער האָט ער געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט און אויף דעם צוריקמאַרש האָט ער פאַרלוירן דעם גרעסטן טייל פון זיין אַרמיי, צוליבן שווערן ווינ־טער, וואָס עס האָט דעמאָלט געהערשט אין רוסלאַנד. קיין ווילנע איז ער געקומען צוריק מ׳יט בלויז 20.000 מאַן פון זיין גאַנצער ריזיקער אַרמיי.

די געשעעניש זענען געלאָפן זייער גיך. נאַפּאָלעאָן האָט איצט צו־זאַמענגעשטעלט אַ נייע אַרמיי פון 120 טויזנט מאַן, ביי די גרענעצן פון פּוילן. רוסלאַנד האָט זיך אָבער איצט פאַראייניקט מיט פּרייסן צו קעמפן אויפסניי מיט נאַפּאָלעאָנען. נאַפּאָלעאָן האָט געוווּנען די ערשטע קאַמפן ביי ליטצען דעם 2טן מאַי 1813 און צוריקגעגעבן דרעזדען צום קעניג פון זאַקסען. ער האָט ווייטער אָפּגעהאַלטן נצחונות אין אייראָפּע. זיין אַרמיי האָט ער איצט שוין פאַרגרעסערט אויף 400.000 מאַן. אין יענעם יאָר איז עסטרייך צוגעשטאַנען צו די פאַראייניקטע מלוכות, וואָס האָבן געקעמפט קעגן נאַפּאָלעאָנען. זיי האָבן געהאַט דריי אַרמייען, וועלכע זענען באַ־שטאַנען פון אַ האַלבן מיליאָן מענטשן. איין אַרמיי איז געווען אַ ריין עסט־רייכישע, אַ צווייטע איז געווען אַ רוסיש־פּרייסישע, אונטער דער פירונג פון גענעראַל בליכער, און נאָך אַ פּרייסישע אַרמיי אונטער דער פירונג פון גענעראַל פעלדמאַרשאַל בערנאַדאָט. נאַפּאָלעאָן האָט באַזיגט צום ערשטן בליכערס אַרמיי און דערנאָך די עסטרייכישע אַרמיי. דער סוף איז אָבער געווען, אַז ער האָט פאַרלוירן ביי לייפּציג דעם 14טן און 15טן אָקטאָבער פון זעלבן יאָר, און געמוזט צוריקציען זיך מיט דער רעשט פון זיין אַרמיי, אין גאַנצן 70.000 מאַן, קיין פראַנקרייך. די פאַראייניקטע האָבן איצט אַריינמאַרשירט קיין פראַנקרייך, ווו עס זענען פאַרגעקומען גרויסע קאַמפן און לסוף האָבן די פאַראייניקטע באַלאַגערט פּאַריז פון דריי זייטן, ביז דער פראַנצויזישער פעלדמאַרשאַל האָט דעם 30טן מערץ געמוזט קאַפּיטולירן. אָט די פּאַסירונגען האָבן געפירט דערצו, אַז נאַפּאָ־לעאָן האָט געמוזט אונטערשרייבן אַ פּאַפּיר, אַז ער אַבדיקירט פון טראָן. דאָס איז געשען דעם 11טן אַפּריל 1814. ער איז דערנאָך פאַרשיקט גע־וואָרן אויפן אינדזל עלבאַ. אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ער האָט געמאַכט אַ פּרווו פון דאָרטן צו אַנטלויפן. דאָס איז געווען דעם 26טן

פעברואַר 1815. ער איז געקומען צוריק קיין פּאַריז דעם 20טן מערץ און צוזאַמענגעשטעלט אַ נייע אַרמיי. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ נייעם שטורעם אין אייראָפּע און כמעט אַלע לענדער האָבן דערקלערט קריג קעגן אים. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע קאָאַליציע און עס זענען, דערווייל, אַרויסגעשיקט געוואָרן קעגן אים צוויי גרויסע אַרמייען. איינע אַ פּרייסישע מיט גענעראַל בליכער, און די צווייטע אונטער דער פירונג פון דיוק פון וועלינגטאָן אין בעלגיע. דעם 18טן יוני האָט נאַפּאָלעאָן געהאַט אַ גרויסע מפּלה ביי וואַטערלאָו, וואָס האָט געפירט צו זיין סוף. ער האָט ווידער אַבדיקירט פון טראָן דעם 22טן יוני, איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די ענגלענדער און איז פאַרשיקט געוואָרן אויפן אינדזל סאַנטאַ העלענאַ.

אין דער יידישער וועלט האָט די פּערזענלעכקייט פון נאַפּאָלעאָנען אַרויסגערופן גרויסע דיסקוסיעס אין אַלע לענדער, ווייל די מיינונגען וועגן אים זענען געווען געטיילט. אַ טייל האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל מנצח זיין אין זיינע מלחמות און האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ מלך חסד און אַז אונטער זיין פירונג וועלן יידן קריגן גלייכע רעכט אין אַלע לענדער און זיי וועלן אויפגעריכט ווערן. אַנדערע, ווידער, האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ מלך רשע, אַ שונא ישראל, און דאָס וואָס ער חנדלט זיך אַמאָל צו יידן, מיינט גאָרנישט, ווייל ער האָט זיי אין האַרצן פיינט און ער פאַרשטעלט זיך נאָר אַמאָל אַלס אַ יידנפריינט. ער איז דער טייוול אַליין און מען דאַרף בעטן פאַר זיין מפּלה.

די דאָזיקע מיינונגס־פאַרשיידנקייט האָט געהערשט נישט נאָר צווישן סתם יידן, נאָר אויך ביי די גרויסע רביים פון יענער צייט. אַזוי האָט דער רבי ר' שניאור זלמן פון ליאַדי, דער גרינדער פון חב"ד, געבעטן צו גאָט, אַז נאַפּאָלעאָן זאָל פאַרלירן, און דער רוסישער קייזער זאָל געווינען. און ר' ישראל קאָזשעניצער אין פוילן האָט, פאַרקערט, געבעטן, אַז נאַפּאָלעאָן זאָל געווינען און אַז דער רוסישער קייזער זאָל פאַרלירן. אויף ר' שניאור זלמנס זייט זענען געווען דעמאָלט פיל רביים, וואָס האָבן געזאָגט דאָס זעלבע ווי ער און אַזוי זענען אויך געווען אַנדערע, וואָס זענען געווען אויף ר' ישראל קאָזשעניצערס זייט, און האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף בעטן פאַר זיין נצחון. שניאור זלמן פון ליאַדי האָט אַפילו בפועל ממש מיטגע־

האָלפֿן דער רוסישער אַרמיי, אַז נאַפּאָלעאָן זאָל פֿאַרשפּילן. אָבער ווען נאַפּאָלעאָנס אַרמייען האָבן מאַרשירט אויף מאָסקווע איבער סמאָלענסק, איז דער רבי שניאור זלמן אַנטלאָפֿן פֿון ליאַדי טיפֿער אין לאַנד אַריין און איז אין מיטן וועג נפֿטר געוואָרן, אין אַ דאָרף, ווייט פֿון יידן.

דאָס, וואָס רוסלאַנד איז געגאַנגען צוזאַמען מיט פּרייסן אין דער מלחמה קעגן נאַפּאָלעאָנען, האָט מעגלעך געמאַכט, אַז פֿיל רוסישע יידן האָבן געקאָנט אַנטלויפֿן פֿון רוסלאַנד, פֿון שטעט, וואָס די פֿראַנצויזישע אַרמייען האָבן רואינירט, קיין פּרייסן, איבערהויפּט אין דער ערשטער גרויסער פּרייסישער שטאָט קעניגסבערג. אַזוי אַרום איז דאָרטן די צאָל פֿון רוסישע יידן (און אויך פֿון נישט־יידן) געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. די דאָזיקע אימיגראַנטן האָבן געהאַט מיט זיך רוסיש געלט, און זיי האָבן עס אויסגעביטן אויף פּרייסיש געלט אין דער „רוסישער באַנק" און אַזוי אויך דורך דער באַנק געמאַכט פֿאַרשיידענע אַנדערע געשעפֿטן. די „רוסישע באַנק" איז דעריבער איצט געוואַקסן ווי אויף הייוון און ביידע שותּפֿים זענען געוואָרן רייכער פֿון טאָג צו טאָג.

צוליב דעם האָט מרדכי קוזאַרעוויטש, וועלכער האָט זיך געפֿירט ביז אַהער זייער יידישלעך, אויך שוין אָנגעהויבן צו פֿירן זיך אַביסל אַנדערש. גיטעלע איז געווען קעגן דעם און האָט אים אָפֿן געזאָגט, אַז ווי לאַנג זי וועט לעבן, וועט איר הויז זיין אַ יידיש הויז, ווו יידישקייט וועט אָפּגע־היט ווערן, פּונקט אַזוי ווי אין הויז פֿון אירע עלטערן. מרדכי האָט זיך געמוזט רעכענען מיט אירע רייד, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אָנווערן זיין חן אין אירע אויגן, אָבער דאָך האָט ער געביטן זיין נאָמען פֿון מרדכי אויף מאַקס און האָט אויך פֿאַרקירצט זיין נאָמען קוזאַרעוויטש אויף קוזאַר, ווייל אַזוי, האָט ער געזאָגט, פּאַסט בעסער פֿאַר אַ באַנקיר.

גיטעלע איז איצט שוין געווען אַ פֿרוי אין די מיטעלע פֿערציק, אָבער נאָך אַלץ שיין און פֿול מיט חן און דערצו פֿיל רייפֿער און פֿאַרשטאַנדי־קער. ביי איר אין הויז איז געווען אַ מין קליינער סאַלאָן, ווו עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען די בעסערע מענטשן פֿון שטאָט און אויך חשובֿע געסט, וואָס זענען געקומען פֿון אַנדערע שטעט און לענדער, קיין קעניגס־בערג. עס זענען אָפֿט ביי איר אין הויז פֿאָרגעקומען דיסקוסיעס צווישן

חסידים און משכילים. אַן אַנדערש מאָל זענען אויך פֿאָרגעקומען דיסקו־סיעס צווישן משכילים און די רעפֿאָרמערס, וואָס זענען ערשט אויפֿגע־קומען; און גאָר אַן אַנדערש מאָל אויך דיסקוסיעס וועגן די נייע אידייען פֿון סאָציאַליזם, וועלכע האָבן זיך געטראָגן אַהער פֿון פֿראַנקרייך. איין כלל האָט אָבער גיטעלע געמאַכט פֿאַר זיך און דאָס איז געווען, אַז קיין משומד זאָל נישט איבערטרעטן די שוועל פֿון איר הויז. דעריבער, ווען איר מאַנס שותף איזראַעל גאָלדהאַבער, איז אַמאָל געווען פֿאַרבעטן צו איר און האָט געוואָלט מיטנעמען זיינעם אַ פֿריינט פֿון זיין געבורטס־שטאָט, פֿראַנקפֿורט אַם מאַין, דעם באַרימטן שרייבער לודוויג בערנע, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען באַרימט אַלס אַ גרויסער שריפֿטשטע־לער, האָט זי נישט געוואָלט, אַז ער זאָל באַטרעטן די שוועל פֿון איר הויז, ווייל ער האָט זיך שוין דעמאָלט געהאַט געשמדט.

איינמאָל האָט מרדכי, וועלכער האָט זיך גערופֿן איצט מאַקס, זיך דערוווּסט, אַז אין שטאָט געפֿינט זיך אַן אדם חשוב. דאָס איז געווען דער גאון ר׳ מנשה פֿון איליע, וואָס איז פֿאַרפֿאָרן צום רב פֿון שטאָט, ר׳ יוסף זאַאַלשוץ־לעווין, אויף זיין וועג קיין בערלין. מאַקס איז באַלד, אויף גי־טעלעס פֿאַרלאַנג, אַוועק צום רב, ווו ער האָט זיך באַקענט מיט ר׳ מנשהן און אים פֿאַרבעטן צו זיך אין הויז.

ר׳ מנשה פֿון איליע איז געווען איינער פֿון די גרעסטע קעפּ ביי יידן אין יענער צייט. ער איז געווען אַ גאון אין לערנען און אויך אַ גרויסער וויסנשאַפֿטסמאַן. אָבער ער איז פֿאַרטונקלט געוואָרן פֿון דער גרויסער ליכט פֿון ווילנער גאון, וועלכער איז געווען פֿיל עלטער פֿון אים און שוין שטאַרק באַרימט. ר׳ מנשה האָט געהאַט אַ בייערדיקן קאָפּ אויף זיך און שוין אַלס קינד האָט ער געשמט אַלס אַ גרויסער עילוי. ער איז געווען אַ זון פֿון דעם רב ר׳ יוסף פֿון סמאַרגאָן. ער האָט חתונה געהאַט דאָס ערש־ט מאָל אין זיין שטעטל, אָבער ער האָט זיך מיט זיין פֿרוי געגט און חתונה געהאַט אַ צווייטן מאָל מיט אַ טאָכטער פֿון אַ רייכן יידן אין שטעטל איליע, ווו ער איז געוואָרן רב. ר׳ מנשה האָט זיך שפּעטער אָפּ־געזאָגט פֿון רבנות און געלעבט דערפֿון, וואָס ער האָט געלערנט מיט קינדער. אָבער אויף די עלטערע יאָרן איז ער צוריק געוואָרן רב אין אַ

קליין שטעטל. ר׳ מנשה איז אויך געווען אַ וויסנשאַפטסמאַן און האָט דערפונדן עטלעכע מאַשינען, ווי למשל, אַ מאַשין צו אַקערן דאָס פעלד און אַ מאַשין צו זייען, אָבער ער האָט נישט געהאַט עמעצן וואָס זאָל אים געבן דאָס נייטיקע געלט אויף צו פאַבריצירן אַזעלכע מאַשינען, כדי זיי צו פאַרקויפן צו די פויערים. ר׳ מנשה האָט געשריבן אַ סך ספרים. ער האָט געוואָלט מאַכן שלום צווישן די חסידים און די מתנגדים; ער האָט אויך געוואָלט מאַכן שלום צווישן די פרומע און די משכילים און צו דעם צוועק איז ער געקומען קיין קעניגסבערג, די שטאָט פון די ערשטע משכי־לים. פון דאַנען האָט ער געוואָלט פאָרן ווייטער קיין בערלין, צו טרעפן זיך מיט די דאָרטיקע משכילים. אָבער ווען די פרומע אין קעניגסבערג האָבן זיך דערפון דערוווּסט, האָבן זיי אים געמסרט פאַר דער קעניגסבער־גער פאָליציי און מען האָט אים נישט דערלויבט צו פאָרן ווייטער.

גיטעלע האָט זיך זייער דערפרייט פון דער נייעס, אַז איר מאַן האָט איינגעלאַדן צו זיך דעם גרויסן גאון ר׳ מנשה פון איליע צו פאַרברענגען ביי זיי אַן אָוונט. מאַקס האָט צוליבן גרויסן גאַסט איינגעלאַדן אויך פיל פון די חשובע בעלי הבתים מיטן רב בראש. גיטעלע האָט צוגעגרייט אַ פיינעם מאָלצייט און פאַרזיכערט ר׳ מנשהן, אַז ביי איר אין הויז איז אַלץ העכסט כשר, אַז עס ווערט שטרענג אָפּגעהיט יידישקייט, אַז קיין מילכיק געפעס טאָר זיך ניט אויסמישן מיט פליישיקס און אַז זי אַליין גיט דערויף אַכטונג, כאָטש זי האָט צוויי דינסטן. דער רב פון שטאָט האָט אויך דאָס באַשטעטיקט. ערשט דעמאָלט האָט זיך ר׳ מנשה געוואַשן צום עסן און געגעסן פון די מאכלים, וואָס גיטעלע האָט אים דערלאַנגט. דער־נאָך האָט ר׳ מנשה געזאָגט פאַרן עולם אַ טייל פון זיינע טיפע געדאַנקען:

— פיל מאָל טראַכט איך — האָט מנשה אָנגעהויבן — פאַרוואָס האָט דער רבונו של עולם אַזוי געטאָן צו מינדערן די כוחות פון מענטשן? פאַר־וואָס האָבן אַלע חיות זייער אויסקומעניש און מענטשן נישט? פאַרוואָס זענען מיר ווי מענטשן הונגערן, האָבן נישט קיין מלבוש אויפן לייב און גייען אויס פון קעלט? אויב גאָר אַמאָל האָבן מענטשן זיך פאַרזינדיקט ביי גאָט אין די אויגן, טאָ וואָס זענען די קינדער שולדיק?... מיט וואָס זענען שולדיק גאָר קליינע קינדער, ווען זיי האָבן נישט וואָס צו עסן?...

און פֿאַרוואָס לעבן רשעים אַ לעבן פֿון ווילטאָג און לוקסוס און צדיקים ליידן?... דער אמת איז אָבער, אַז עס איז אַ גרויסער צער אויף די מענטשן. און נישט נאָר אויף די מענטשן, נאָר אויף אַלעם, וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן... כל זמן איין ווערעמל אין אַ טיפֿן שפּאַלט פֿון אַ פֿעלדז ליידט נאָך יסורים, איז די וועלט נאָך נישט אויסגעלייזט און קיינער קען נישט באמת הנאה האָבן...

ר' מנשה האָט איצט גערעדט ווייטער וועגן דעם, אַז עס טאָרן נישט זיין קיין מחלוקתן ביי יידן... אַז אין אמתן איז נישטאָ קיין שום גרונט פֿאַר אַ מחלוקת צווישן די חסידים און מתנגדים. דעריבער איז ער אַליין געפֿאָרן צו ר' שניאור זלמן פֿון ליאַדי, כאָטש דעם ווילנער גאון איז עס נישט געפֿעלן געוואָרן... ווייטער האָט ער גערעדט דערפֿון, אַז השכלה איז נייטיק, און אַז בילדונג קען גיין צוזאַמען מיט דער אמונה און דאַרף נישט אַראָפּפֿירן יידן פֿון וועג... דעריבער וויל ער זיך טרעפֿן מיט די משכּילים פֿון קעניגסבערג און זיך באַמיען צו מאַכן אַ שלום צווישן זיי און די פֿרומע יידן. אַזוי וויל ער אויך זיך טרעפֿן מיט די „בערלינער" משׂכּילים און וועט זיך באַמיען צו שאַפֿן אַ שלום אויך צווישן זיי און די פֿרומע יידן.

גיטעלע איז געזעסן און זיך צוגעהערט צו ר' מנשהס רייד ביז שפּעט אין דער נאַכט און האָט אָנגעקוואָלן פֿון זיי. זי איז געזעסן זייער געשפּאַנט ביז דער עולם איז זיך צעגאַנגען.

מאַקס, גיטעלעס מאַן, האָט זיך איצט באַמיט ביי דער מאַכט, אַז דער רב מנשה איליע זאָל קענען פֿאָרן קיין בערלין, אָבער ער האָט עס בשום אופֿן נישט געקענט פּועלן, ווייל די פֿאַנאַטיקער האָבן אים געשילדערט אַלס אַ געפֿערלעכן מענטש, וואָס שטייט אין דינסט פֿון דער רוסישער רעגירונג. ר' מנשה האָט דעריבער געמוזט פֿאַרלאָזן קעניגסבערג און פֿאָרן צוריק אַהיים. ער האָט אָבער געזאָגט גיטעלען און איר מאַן מאַקס, אַז כל ימיו וועט ער שטרעבן נאָר דערצו, אַז עס זאָל זיין שלום ביי יידן און אַז דאָס דאַרף אויך זיין זייער ציל אין לעבן. „אונדזער פֿאָלק — האָט ער צו זיי געזאָגט — מוז זיין פֿאַראייניקט, כדי צו קענען אויסהאַלטן פֿון די גויים, וואָס ווילן אונדז בסדר פֿאַרניכטן"...

גאַנץ אייראָפּע איז, נאָך די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, געווען אין אַ צערודערטן צושטאַנד. די קאַמפּן און מאַרשן פון נאַפּאָלעאָנען פון לאַנד צו לאַנד האָבן געהאַלטן די מלוכות כסדר אין אַ פּאַניק, וואָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז מען האָט אים גובר געווען. אָבער ווען מען האָט שוין געמיינט, אַז עס וועט זיין שוין רואיק אין אייראָפּע, האָט ער זיך ערשט אויפגעכאַפּט מיט אַ נייער גבורה. אַרויסגעריסן זיך פון זיין פאַרשי־קונגס־אָרט און מאַרשירט ווידער איבער אייראָפּע. דעריבער איז געווען אַ שטראַל פון ליכט אין די אויגן ביי אַלעמען, ווען מען האָט געהערט, אַז לסוף איז דער „טייוול", ווי מען האָט אים גערופן, ווידער געפאַנגען געוואָרן און איז אונטער גאָר נישט קיין איידעלע באַדינגונגען פאַרשיקט געוואָרן אויפן אינדזל סאַנטאַ העלענאַ, וווּ אַ שטאַרקע וואַך איז געשטעלט געוואָרן אַרום אים. ערשט איצט האָט אייראָפּע פריי אָפּגעאָטעמט. אָבער אייראָפּע איז געווען חרוב און צעבראָכן, מיד פון די קאַמפּן און פאַר־אָרעמט און עס זענען איצט געווען שווערע יאָרן פון צוריקברענגען אַלץ אין אָרדענונג.

אויך אין מאַקס' און גיטעלעס לעבן איז איינגעטראָטן איצט אַ צו־שטאַנד פון „נאָך אַ יאריד". דאָס איז געווען צוליב דעם, וואָס כאָטש גיטעלע איז איצט געווען אין אירע בעסטע יאָרן, איז אָבער מאַקס קוזאַר, דער אַמאָליקער מרדכי קוזאַרעוויטש, שוין געווען איצט אין די שפּעטע זעכציקער און זיין געזונט־צושטאַנד איז ווייט נישט געווען דאָס וואָס פריער, איבערהויפּט נאָכדעם, ווי ער האָט געליטן פון אַ שווערער האַרץ־אַטאַקע, זיצנדיק ביי זיך אין זיין ביוראָ. מאַקס האָט טאַקע געוואָלט, אַז גיטעלע זאָל דערפון נישט וויסן, אָבער דער הויז־דאָקטאָר, וואָס איז מיט אים אומגעגאַנגען, האָט געזאָגט, פאַרקערט, אַז זי זאָל יאָ וויסן דערפון, כדי צו קענען אָפּהיטן זיין געזונט.

מאַקס איז איצט, לויט דער עצה פון הויז־דאָקטאָר, נישט געגאַנגען מער יעדן טאָג אין זיין ביוראָ. ער איז אַהין אַריינגעקומען בלויז צוויי אָדער דריי מאָל אַ וואָך און אויך דאָס בלויז אויף אַ קורצער צייט. צוליב

דעם איז זייער אָפּט ה׳ איזראַעל גאָלדהאַבער, זיין שותף, געקומען צו אים, כדי מיט אים אַרומצורײדן געשעפטלעכע ענינים. ה׳ גאָלדהאַבער האָט זיך איצט כסדר באַמיט אויסצובעסערן גיטעלעס ערשטן איינדרוק וועגן אים. ער האָט איר אַלע מאָל געזאָגט קאָמפּלימענטן וועגן איר שיינ־קייט און אויך וועגן איר קלוגשאַפט, און דאָס האָט געווירקט, ווייל — עס איז נאָך נישט געווען אַ פרוי אין דער וועלט, וועלכע זאָל נישט פאַלן פאַר קאָמפּלימענטן... ער האָט אויך טיילמאָל איבערגעזאָגט אַ קלוג וואָרט, וואָס זי האָט געהאַט געזאָגט אַ פריערדיקן מאָל און דערמיט איר געוויזן, אַז יעדעס וואָרט, וואָס זי זאָגט, קריצט זיך איין ביי אים אין זכרון. אַזוי אַרום איז ה׳ גאָלדהאַבער ביסלעכווייז געשטיגן אין גיטעלעס אויגן און זי האָט שוין גענומען ריידן וועגן אים, אַז ער איז אַ פיינער מאַן, זייער אַן איידעלער און ביז גאָר עלעגאַנט. גיטעלע האָט אים שוין מיט פאַר־געניגן אַנטקעגנגעטראָגן איר האַנטביים אַריינקומען און ביים אַוועקגיין, אַז ער זאָל זי קושן, און נישט מער ווי פריער, ווען זי האָט עס געטאָן בלויז פאַר יוצא וועגן. אַפילו דאָס וואָס ער, גאָלדהאַבער, איז געווען אַ רעפאָרמער, האָט אויך שוין נישט אַזוי שטאַרק אויסגעמאַכט ביי איר אין די אויגן, אַזוי לאַנג ווי ער האָט נישט גערעדט דערפון און ה׳ גאָלדהאַ־בער האָט פאַרשטאַנען, נישט צו ריידן מער וועגן דעם אין גיטעלעס אַנ־וועזנהייט.

פאַקטיש אָבער איז ה׳ גאָלדהאַבער געווען איינער פון די, וואָס האָבן שטאַרק געשטיצט די נייע רעפאָרם־באַוועגונג. ער איז געווען דערפאַר, אַז די תפילות זאָלן נישט געזאָגט ווערן אין דער סינאַגאָגע בלויז אויף לשון קודש, נאָר פאַרקערט, אַז דאָס רוב תפילות זאָלן געזאָגט ווערן אויף דייטש. ער איז אַליין געווען אַן אָנהענגער פון די „פרייע שולן“, וואָס עס זענען געגרינדעט געוואָרן פון די תלמידים פון דוד פרידלענדער, ווו ער האָט געלערנט אויך וויסנשאַפטלעכע קעגנשטאַנדן. אַזעלכע שולן זענען איצט געווען, אַ חוץ אין בערלין, אויך אין פראַנקפורט אַם מאַין, קאַסעל, ברעסלאַו און אין אַנדערע שטעט. ה׳ גאָלדהאַבער האָט איצט געפירט אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ מיט איזראַעל יאַקאָבסאָן, איינער פון די הויפּט־פירער פון דער רעפאָרם־באַוועגונג, וועלכער איז געווען דער

פינאַנץ־ראַטגעבער אין הויף פון דעם הערצאָג פון בראַנשווייג, קאַרל פערדינאַנד. יאַקאָבסאָן האָט נאָך אין יאָר 1801 געגרינדעט אין דער שטאָט זעעזען אַ פרייע שולע, ווו עס האָבן געלערנט יידישע און קריסט־לעכע קינדער צוזאַמען. דערנענטערונג צווישן יידן און קריסטן איז געווען דער הויפּט־אידעאַל פון יאַקאָבסאָנען און דאָס איז אויך געווען ה׳ גאָלד־האַבערס שטרעבונג.

אָבער כאָטש ה׳ גאָלדהאַבער איז געווען אינגאַנצן איינשטימיק מיט יאַקאָבסאָנען אין אַלע רעפאָרם־ענינים, האָט ער דאָך נישט געוואָלט צו־הערן זיך צו אים אויף צו שאַפן אַזאַ פרייע שולע אויך אין קעניגסבערג, ווייל ער האָט נישט געוואָלט דערמיט אַרויסרופן קעגן זיך דעם צאָרן פון גיטעלען. ער האָט גוט געדענקט וואָס זי האָט אים עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז אויב מען וועט פּרובירן צו גרינדן דאָ אַ פרייע שולע, אין וועלכער יידישע קינדער זאָלן לערנען צוזאַמען מיט קריסטלעכע, וועט זי אַרויס־טרעטן זייער שטאַרק קעגן דעם. גיטעלע איז געווען אַזוי פאַרביטערט קעגן דעם געדאַנק, ווייל דעמאָלט איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע שמד־באַוועג־גונג אין דייטשלאַנד, אַזוי אַז עס איז כמעט געוואָרן אַ מאָדע ביי דער יידישער יוגנט צו שמדן זיך. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז אין יאָר 1810 האָט דער קעניג פאַרבאָטן די גייסטלעכע אָפּצושמדן יידן, אָן אַ דערלויבעניש פון דער פּאָליציי און אָן אינפאָרמאַציעס וועגן די אמתע כוונות פון דעם, וואָס וויל אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. דאַקעגן איז גיטעלע געווען דערפאַר, אַז מען זאָל צוריק באַנייען די „געזעלשאַפט פון פריינט״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פריער אין בערלין און שפּעטער אין קעניגסבערג, ווייל די געזעלשאַפט האָט געצילט אָנצוהאַלטן אמונה מיט בילדונג, דאָס אָפּהיטן די תורה צוזאַמען מיט וועלטלעכן וויסן. ה׳ גאָלדהאַבער איז אויך צוליב דעם געווען קעגן יאַקאָבסאָנס פאָרשלאַג, אַז ער זאָל מיטהעלפן צו שאַפן אַ רעפאָרם־טעמפּל אין קעניגסבערג, ווי ער, יאַקאָבסאָן, האָט געשאַפן אין זיין שטאָט זעעזען נאָך אין יאָר 1810, און שפּעטער אין זיין הויז, אין בערלין, אין יאָר 1815.

מיט אַ צייט שפּעטער, ווען אברהם גייגער און סעמיועל האָלדהיים האָבן געשאַפן דעם ערשטן גרויסן טעמפּל אין האַמבורג אין יאָר 1818,

האָט יאַקאָבסאָן ווידער אַמאָל געשריבן צו ה׳ איזראַעל גאָלדהאַבער וועגן שאַפן אַזאַ טעמפל אויך אין קעניגסבערג, אָבער גאָלדהאַבער האָט ווידער אַמאָל זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן זיך אין דעם, כאָטש ער האָט מיט אים אינגאַנצן איינגעשטימט סיי בנוגע די תפילות און סיי בנוגע אַן אָרגעל, ווייל, ווי געזאָגט, ער האָט נישט געוואָלט אַרויסרופן קעגן זיך גיטעלעס צאָרן.

אָבער אין יוני 1819 איז געשען אַ גרויסע טראַגעדיע אין גאָלדהאַבערס הויז. זיין פרוי, טערעזע, איז אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער פון זייער הויז, כדי אַרויפצוברענגען ווײַן פאַר די געסט, וואָס זענען געקומען צו איר, און האָט נישט באַמערקט, אַז די לייטער וואָס פירט אַראָפּ צום קעלער, איז אָפּגערוקט אָן אַ זייט, און זי איז אַראָפּגעפאַלן אויף אַ שטיק אייזן, זיך געשפּאָלטן דעם קאָפּ און געבליבן טויט אויפן אָרט. ה׳ גאָלדהאַבער האָט זייער שטאַרק געטרויערט אויפן טויט פון זיין ליבער פרוי, און מאַקס האָט צוליב דעם געבעטן גיטעלען, אַז זי זאָל איצט אַביסל מער מקרב זיין גאָלדהאַבערן, ווי, למשל, איינלאַדן אים צו מאָלצייטן און בכלל אַרויסווייזן אים מער פריינטשאַפט, וואָס גיטעלע האָט אויך געטאָן. ה׳ גאָלדהאַבער האָט זיך אַזוי אַרום איצט מער דערנענטערט צו גיטעלען און געקוקט אויף איר מיט פאַרליבטע אויגן.

מיט אַ יאָר שפּעטער, אין יולי 1820, איז מאַקס קוזאַר פּלוצים געשטאָרבן נאָך אַ צווייטער שטאַרקער האַרץ־אַטאַקע. גיטעלע האָט אַפילו נישט באַוויזן צו רופן דעם דאָקטאָר. ווען דער הויז־דאָקטאָר איז געקומען, איז ער שוין געווען טויט.

דאָס האָט פאַרשאַפט אַ נייעם טרויער פאַר גיטעלען און ה׳ גאָלדהאַבער האָט איר איצט געטרייסט און אַרויסגעוויזן צו איר פיל נאָענטקייט. ער האָט אויך איר געזאָגט, אַז זי בלייבט ווייטער אַ שותפטע צו דער באַנק, און אַז זי זאָל אַריינקומען אין דער ביוראָ יעדן טאָג. גיטעלע האָט דאָס אָבער נישט געוואָלט. שפּעטער־צו האָט גאָלדהאַבער אָנגעהויבן זיך צו שדכנען צו גיטעלען און איר געזאָגט, אַז ווען זי זאָל אים זאָגן איר „יאָ־וואָרט״, וועט עס זיין דאָס גרעסטע גליק אין זיין לעבן. גיטעלע האָט איצט שוין געהאַט אַ פיל בעסערע מיינונג וועגן גאָלדהאַבערן, אָבער

פאַרליבט אין אים איז זי נישט געווען. דאָך האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זי קען נישט בלייבן אַליין, און אַז ער איז איר אַ גוטער פריינט און אויך איר שותף אין דער באַנק. עס וועט דעריבער נאָר זיין נאַטירלעך, אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן. זי האָט אָבער מורא געהאַט פאַר זיינע רעפאָרם־אידייען און אים דאָס געזאָגט. גאָלדהאַבער האָט איר פאַרזיכערט, אַז ער וועט נישט טאָן קיין זאַך, וואָס זי וויל נישט אַז ער זאָל עס טאָן. ער האָט איצט אָנגענומען איר האַנט און זי געהאַלטן אין זיינער און געקוקט איר אין די אויגן אַריין מיט אַ געבעט, אַז זי זאָל זאָגן ענדלעך „יאָ".

גיטעלע האָט אים נאָך פיל טראַכטן געזאָגט, אַז זי וויל נישט פון אים קיין שום קרבנות. זי וויל נישט, אַז ער זאָל אויפגעבן זיינע אידייען צו־ליב איר, אָבער איין זאַך וויל זי פון אים און דאָס איז, אַז איר הויז זאָל זיך ווייטער פירן אויף אַ יידישן אופן. עס זאָל זיין אַ מזוזה ביי דער טיר; עס זאָל אָפּגעהיט ווערן כשרות אויפן שטרענגסטן אופן; שבת זאָל זיין שבת; די באַנק זאָל זיין שבת פאַרמאַכט און אַז ער זאָל דעם טאָג נישט אַרבעטן. צי ער וויל דאַוונען אין אַ פרומער שול אָדער אין אַ רעפאָרם־טעמפּל — איז עס זיין זאַך, אָבער ער זאָל איר נישט צווינגען צו גיין אין אַ טעמפּל און נישט שטערן איר אין איר יידיש לעבן. נאָכדעם ווי ה' גאָלדהאַבער האָט גיטעלען דאָס אַלץ הייליק צוגעזאָגט, האָט גיטעלע איינגעשטימט חתונה צו האָבן מיט אים נאָכן יאָר, נאָכדעם ווי זי וועט שטעלן אַ מצבה אויף דעם קבר פון מאַקסן.

ה' גאָלדהאַבער האָט געהאַט צוויי קינדער מיט זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, צוויי זין. דער עלטערער האָט געהייסן הערמאַן און דער יונגערער האַנס. ביידע האָבן שוין געלערנט אין קעניגסבערגער אוניווערזיטעט. דער עלטערער האָט אַפילו נאָך געהערט עטלעכע פאַרלעזונגען פון דעם באַ־רימטן פילאָזאָף עמנואל קאַנט, איידער ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1804. מיט זיי האָט זיך אויך געחברט גיטעלעס זון לוי, וועלכער האָט זיך דאָ גערופן לואי, און האָט אויך שטודירט אין קעניגסבערגער אוניווערזיטעט. הערמאַן און לואי זענען שפּעטער געפאָרן ממשיך צו זיין זייער שטודיום אין דער סאָרבאָן, אין פאַריז, פון וואַנען זיי זענען געקומען צוריק אָנגע־שטעקט מיט די נייע אידייען פון סאָציאַליזם, וואָס עס האָבן געפּרעדיקט

פוריע און סען סימאָן. זיי האָבן פּלוצלונג גענומען ריידן, אַז דער אַרבע־טער איז דער שאַפער פון אַלע פּראָדוקטן אין דער וועלט, און אַז דער געשעפטסמאַן איז נאָר אַ פּאַראַזיט, וואָס לעבט דערפון, וואָס דער אַרבע־טער שאַפט. דעריבער דאַרף די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג איבער־געענדערט ווערן אַזוי, אַז דער אַרבעטער זאָל פאַרנעמען דעם אויבנאָן און אַלע אַנדערע זאָלן זיין אונטערגעוואָרפן אונטער אים.

— אויך דו, מיין פאָטער, — האָט הערמאַן איינמאָל ביי אַ מאָלצייט אויסגעשריען צו ה׳ גאָלדהאַבער — אויך דו פאַרנעמסט אַן אָרט אין דער צווייטער קאַטעגאָריע, אָדער גאָר אין דער דריטער, ווייל אויך דו ביסט אַ פּאַראַזיט אויפן לייב פון דעם ערלעכן אַרבעטער.

— ווי געפעלן דיר די רייד פון מיין זונדל, גיטעלע? — האָט ה׳ גאָלדהאַבער זיך געווענדט צו איר מיט אַ גרימאַסע אויפן פּנים — דערויף האָב איך אים געדאַרפט שיקן אין אוניווערזיטעטן? קעניגסבערגער אוני־ווערזיטעט איז נישט געווען גענוג, האָב איך נאָך געדאַרפט אים שיקן קיין פּאַריז! העז!

— איך מיין, אַז אויך מיין מוטער איז נישט געוווינט צו הערן אַזעלכע רייד. אָבער עס וועט קומען באַלד אַ צייט, ווען אַזוי וועלן ריידן אַלע!... דער אַרבעטער וואַכט אויף! צו אים געהערט די וועלט! ער וועט זיך נישט לאָזן מער באַראַבעווען! — האָט געדרשנט לואי, גיטעלעס זון, אַ הויכער, אַ ברונעטער יונגערמאַן מיט קליינע וואָנצעס און מיט טיף־שוואַרצע אויגן, וואָס איז געקומען נאָרוואָס צוריק פון פּאַריז צוזאַ־מען מיט הערמאַנען.

— עס איז אַ גוטע זאַך, וואָס כ׳האָב נישט געשיקט אויך האַנסן קיין פּאַריז — האָט ה׳ גאָלדהאַבער זיך אָנגערופן — ער רעדט נאָך נישט אַזוי! מיר שיינט, אַז ער ווערט גאָר פרום. ער וויל לערנען העברעאיש און קענען די ביבל.

— עס איז עפּעס דאָ אין זייערע רייד, איזראַעל; מען דאַרף עס אינגאַנצן נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט — האָט גיטעלע פאַרטראַכט געזאָגט — דער אַרבעטער איז נאָך אַלעמען טאַקע דער, וואָס שאַפט אַלץ.

— אַזוי! — האָט ה׳ גאָלדהאַבער בייז אויסגעשריען — דו אויך!

אויך דו ביסט מיט זיי! נו, אויב אַזוי, לאָמיר בעסער וועגן דעם שוין נישט ריידן! איר קענט טראַכטן וואָס איר ווילט, אָבער טוט מיר אַ טובה און רעדט נישט דערפון אין מײַן קעגנוואַרט.

אַלע זענען שטיל געוואָרן און ביי אַלעמען איז, נישט אָפּגערעדטער־הייט, געבליבן מער נישט צו ריידן דערפון, ווען ה׳ גאָלדהאַבער וועט זיין אין הויז.

די צייט שטייט נישט אויף אַן אָרט און גיטעלע, וועלכע האָט פון צייט צו צייט זיך דורכגעשריבן מיט שמעונען, האָט זיך דערוווּסט פון־צים פון שמעונס אַ בריוו, אַז איר מאַמע איז געשטאָרבן. זי האָט זיך באַלד געזעצט שבעה, זיך קריעה געריסן און שטאַרק געוויינט.

אין דעם בריוו פון שמעונען זענען געווען נאָך אַנדערע שלעכטע נייעסן, וואָס זי האָט צום ערשטן נישט באַמערקט, צוליב דער שרעקלע־כער נייעס וועגן איר מוטערס טויט. אָבער אין די שבעה־טעג האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דעם בריוו און געזען, אַז עס איז זייער שלעכט איצט די יידן אין רוסלאַנד.

„דו ווייסט דאָך אוודאי — שרייבט איר שמעון — אַז מיר האָבן איצט אַ נייעם מלך, ניקאָלאַי דער ערשטער. די יידן רופן אים „המן דער צווייטער״, ווייל ער וויל ממש פאַרניכטן אַלע יידן, נישט דורכן גירוש, נאָר דורך שמד. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי געזעצן לטובת משומ־דים. אַזוי דאַרף אַ משומד נישט צאָלן דריי יאָר קיין שום שטייערן דער רעגירונג. יידישע פאַרברעכער קענען אַרויסגיין פריי, אָן שטראָף, אויב זיי שמדן זיך, און צום סוף, אַ פאַראָרדענונג צו כאַפּן יידישע קינדער און זיי שיקן אין מיליטער־באַטאַליאָנען, וווּ זיי זאָלן דינען 25 יאָר. ער האָט אויך אָנגעשטעלט יידישע „כאַפּערס״, וואָס זאָלן אויפזוכן יידישע קינ־דער, וואָס די עלטערן באַהאַלטן זיי, און זיי צושטעלן צו „נאַטשאַלס־טוואָ״. ווייטער שרייבט שמעון אין בריוו, אַז מיט פּרנסה איז זייער שלעכט. די גויים ווערן כסדר געהעצט קעגן די יידן, און אַז אַ גוי קומט אַריין אין אַ יידיש געשעפט און נעמט צו זאַכן און גייט אַוועק, קען מען אים גאָר נישט טאָן. קיין פּאָליציאַנט וועט אים דערפאַר נישט אַרעסטירן. און ער האָט אָנגעפרעגט גיטעלען צי ער זאָל נישט אַמאָל זיך בעסער באַזעצן

אין דייטשלאַנד. ווייטער, שרייבט ער, אַז ישראל איז אויסגעוואַקסן און איז שוין אַ פיינער בחור. ער לערנט ביים רב פון שטאָט. און מרימל איז זייער אַ שיין קינד און אַז די קינדער פרעגן זיך אַלע מאָל אויף דער מומע גיטעלע, און ער האָט זי געפרעגט, צי זי וויל אַמאָל קומען צו זיי.

גיטעלע האָט אָפּגעלייגט דאָס ענטפערן אויף דעם בריוו ביז נאָך דער שבעה, און ווען זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זי געענטפערט שמעונען אויספירלעך וועגן אַלעמען. זי האָט אים געעצהט נישט צו טראַכטן אַפילו פון קומען קיין דייטשלאַנד, ווייל דאָ הערשט אַ שמד־מגפה. „דיין זון וועט דאָ נישט לערנען ביים רב" — האָט זי אים געשריבן — „און דיין טאָכטער וועט זיך אויך נישט אַזוי דערציען דאָ ווי אין באַר". זי האָט אים געשיקט אַ פיינע מתנה פאַר די קינדער און אים געשריבן אַז אויב עס וועט איר זיין מעגלעך, וועט זי קומען אַמאָל צו זיי.

71

דאָס לעבן פון גיטעלען מיט ה' גאָלדהאַבער איז נישט געווען אויסגעבעט מיט רויזן, ווייל צווישן זיי איז געשטאַנען עפּעס אַ געהיימע וואַנט. ה' גאָלדהאַבער האָט טאַקע זייער געשעצט גיטעלען און צו איר גערעדט זייער איידל, אָבער עס איז צווישן זיי נישט געווען יענע טיפע פאַרבינדונג, וואָס זי האָט געהאַט מיט מרדכין. זי האָט ממש נישט געהאַט מיט אים וועגן וואָס צו ריידן, ווייל יידישע ענינים האָט נישט ער און נישט זי געוואָלט באַרירן. אויך וועגן סאָציאַליזם האָט זי מיט אים נישט געוואָלט ריידן, ווייל ער איז געווען ווייט דערפון, אין דער צייט, ווען זי האָט פאַרשטאַנען די זאַך אַנדערש. ביי איר איז דער סאָציאַליזם געווען אַ זאַך פון תורת משה און פון די נביאים. דאָרטן געפינען זיך די ערשטע גרונט־געזעצן צו העלפן דעם אַרבעטער און אויך נישט צו לאָזן באַראַבעווען דעם אָרעמאַן. גיטעלע, וועלכע האָט אַלע טאָג געלערנט אַ קאַפּיטל תנ"ך, נישט אין דער דייטשער איבערזעצונג, נאָר אין אָריגינאַל, האָט דאָס אַלץ גוט געחוסט, אָבער זי האָט נישט געוואָלט ריידן דעריבער, כדי נישט אויפצורעגן איר מאַן, ה' גאָלדהאָבער, וועלכער איז ממש געוואָרן

אויסער זיך, ווען ער האָט געהערט ריידן אַז די וועלט גייט צום סאָציאַ־ליזם און אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיגן אויף דער וועלט... דערפאַר אָבער האָט זי, אין דער שטיל, גערעדט מיט ביידע קינדער און זיי געזאָגט, אַז זי איז מיט זיי, אָבער זי האָט זיי געבעטן, נישט צו ריידן דערפון הויך מיט קיינעם און באַזונדערס ווען דער טאַטע איז דאָ אין הויז, ווייל עס קאָסט אים פיל געזונט.

אַזוי זענען אַוועק עטלעכע זייער לאַנגווייליקע יאָר. איינמאָל האָט לואי געזאָגט צו זיין מוטער, אַז ער האָט זיך באַקענט מיט זייער אַ גרוי־סער פּערזענלעכקייט, אַ יונגערמאַן, וואָס איז נישט מער אַלט ווי צוויי און דרייסיק יאָר, אָבער וועלכער וועט זיכער באַלד אויפשיינען ווי אַ גרויסער שטערן. ער האָט אַ פאַרחלומט פּנים, טיפע שוואַרצע אויגן מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל און שוואַרצע וואָנצעס. זיין נאָמען איז מאַזעס העס און ער שטאַמט פון באָן. ער האָט זיך באַקענט מיט אים אין פּאַריז אָבער ער איז איצט דאָ, אין קעניגסבערג. ער וויל אים פאַרבעטן אַהיים, כדי זי, זיין מוטער, זאָל זיך מיט אים באַקענען.

גיטעלע איז געווען העכסט גליקלעך צו הערן, אַז מאַזעס העס וויל קומען צו איר, ווייל זי האָט שוין געהאַט געהערט וועגן אים. זי האָט געבעטן איר זון, ער זאָל אומבאַדינגט קומען מיט אים צו איר. לואי האָט דאָס איר צוגעזאָגט.

צומאָרגנס, אַרום דריי אַזייגער נאָכמיטאָג, איז לואי געקומען צוזאַ־מען מיט מאַזעס העס צו זיין מוטער אין הויז, און ווי נאָר העס האָט איבערגעטראָטן די שוועל און גיטעלע האָט אים געגעבן די האַנט, האָט זי גלייך געפילט, ווי אַ מאַגנעטישער שטראָם איז דורכגעלאָפן איבער איר גאַנצן קערפּער און זי האָט אַ ציטער געטאָן. אויך העס האָט געהאַט אַן ענלעך געפיל. ער האָט איצט אַרויסגענומען זיין האַנט פון אירער, האָט איר געקוקט אין די אויגן אַריין און געזאָגט:

— אַזוי! איר זענט דאָס די גרויסע מאַמע פון דעם קליינעם לואי?

— איך בין נישט קיין גרויסע מאַמע — האָט גיטעלע געזאָגט רויט־לענדיק זיך — אויב מיין זון האָט מיך אַזוי פאָרגעשטעלט פאַר אייך, איז

עס נישט מער ווי אַן איבערגעטריבענע מיינונג פון אַ זון וועגן זיין מאַ־מען. מער נישט!

גיטעלע האָט אים פאַרבעטן צום טיש. העס האָט איר געזאָגט, אַז ער איז נישט הונגעריק, אָבער ער וועט טרינקען אַ גלאָז טיי. גיטעלע האָט געהייסן דער דינסט אַריינטראָגן טיי מיט קוכן פאַר לואין און דעם גאַסט. ה׳ גאָלדהאַבער איז יענעם מאָמענט געווען אין דער באַנק.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס וועגן פילאָזאָפיע, און העס האָט איר דערקלערט, אַז ער האָט יאָרנלאַנג אָוועקגעגעבן אויף צו שטודירן צוויי גרויסע פילאָזאָפן, דעם ייד ברוך שפינאָזאַ און דעם דייטש פריד־ריך העגעל. ער האָט איר אויך געזאָגט, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ גרויס ווערק וועגן ביידע פילאָזאָפישע שיטות מיטן נאָמען „די הייליקע גע־שיכטע פון דער מענטשהייט". ער האָט דאָס בוך אַרויסגעגעבן נישט אונטער זיין נאָמען, נאָר אונטערן פסעוודאָנים: „פון שפינאָזאַס אַ תלמיד". אין דעם ווערק, האָט ער איר געזאָגט, באַמיט ער זיך צו פאַראייניקן ביידע שיטות אין איין גאַנצער, אָבער ער האָט דערצו צוגעגעבן אַ נייע אויס־טייטשונג אויף אַ סאָציאַליסטישן גרונט.

— ווי אַזוי? — האָט אים גיטעלע געפרעגט מיט אַן אָפן מויל און אָנגעשטעלטע אויערן, ווייל זי איז געווען טיף אינטערעסירט צו הערן יעדעס וואָרט, וואָס עס גייט אַרויס פון זיין מויל.

— אַלע פילאָזאָפיעס זענען נאָר אויף אַזוי פיל ווערט — האָט העס איר דערקלערט — אויב זיי ברענגען גליק צו דער מענטשהייט. אויף דער וועלט דאַרף הערשן גליק! די מיטלען דערצו זענען: ליבע, פרייהייט און גלייכהייט. דאָס רייכטום פון דער געזעלשאַפט דאַרף געהערן צום שטאַט, וואָס מיינט, צו אַלע, און דאַרף קאָנטראָלירט ווערן פון שטאַט, פאַר אַלע.

— נאָך גוט, וואָס ה׳ גאָלדהאַבער הערט נישט די ווערטער — האָט לואי אויסגעשריען — ער וואָלט באַלד געשטורעמט קעגן דעם.

— איך קען זיי זייער גוט, די רעפאָרמערס. — האָט העס אויסגע־שריען — די דאָזיקע בירגערלעכע יידישע טיפּן זוכן נאָר גלייכע רעכט

פאַר זיך און זענען גרייט דערפאַר אַוועקצוגעבן די גאַנצע גרויסע יידישע ירושה. זיי זענען פאַרשאָלטענע עגאָאיסטן!

— אָבער וואָס דענקט איר, ה׳ העס, וועגן דער יידנפראַגע? ווי אַזוי קען די יידישע לאַגע אויסגעבעסערט ווערן? — האָט גיטעלע אים שאַרף אָנגעקוקט.

— איך טראַכט וועגן דעם און וויל אָנשרייבן וועגן דעם אַ גאַנץ בוך — האָט העס איר געענטפערט מיט אַ שמייכל אויף די ליפן פון צופרידנהייט, וואָס זי האָט אים די פראַגע געשטעלט — איך וויל אָנרופן מיין בוך „רוים און ירושלים״. איך דענק, אַז עס איז אַ גוטער נאָמען. נו, וואָס דענקט איר, מאַדאַם גאָלדהאַבער?

— רופט מיך בעסער גיטעלע — האָט גיטעלע אים אויסגעבעסערט.

— גוט, גיטעלע איז טאַקע פיל בעסער — האָט העס געזאָגט — אַ שטייגער, ווי איך וויל בעסער הייסן מאָזעס ווי מאָריץ, ווי מיין טאַטע רופט מיך. הלוואַי וואָלט ער מיר אַ נאָמען געגעבן איציק, וואָלט נאָך בעסער געווען. מיר דאַרפן באַטאָנען וואָס מער אונדזער יידישקייט.

— אַזוי דענקט איר, פריינט העס? — האָט גיטעלע געזאָגט נישט דרייסט — מעג איך אייך אַזוי אָנרופן?

— געוויס, געוויס, גיטעלע, רופט מיך „פריינט״, יאָ, אַזוי דענק איך טאַקע וועגן די יידן. דער דייטשער ייד וויל צוליב יידנהאַס פאַרלייקענען אַלץ, וואָס עס איז יידיש אין אים, אָבער דאָס העלפט נישט, ווייל די דייטשן האַסן נישט די רעליגיע פון די יידן, נאָר די יידישע נעזער... רעפאָרם, שמד, עמאַנציפּאַציע וועלן נישט העלפן. דער ייד קען דאָס יידישע פנים נישט באַהאַלטן. אַפילו שמד העלפט נישט. האָט דעם ייד לייב ברוך געהאָלפן דאָס, וואָס ער האָט זיך געשמדט און הייסט איצט לודוויג בערנע? ניין, די אַנטיסעמיטן לאַכן ווייטער אָפּ פון אים.

— טאָ וואָס איז די עצה דערצו? — האָט לואי זיך אָנגערופן.

— צוויי זאַכן: ערשטנס דאַרפן יידן נישט באַהאַלטן זייער נאַציאָנאַל פנים. זיי האָבן זיך דערמיט נישט צו שעמען. פאַרקערט, זיי קענען דערמיט שטאָלצירן. פון יידנטום איז אויסגעוואַקסן אונדזער גאַנצע הייטיקע הומאַניטאַרישע לעבנס־אַנשויאונג. עס איז נישטאָ אַזוינס אין דער

קריסטלעכער מאָראַל, אין דער מאָדערנער פילאָזאָפיע, וואָס די וואָרצלען דערפון זאָלן זיך נישט געפינען אין יידנטום. דורך דעם יידנטום איז די געשיכטע פון דער מענטשהייט געוואָרן אַ הייליקע. אַזוי ווי די נאַטור פּראָדוצירט נישט סתם בלומען, סתם פרוכטן, סתם חיות און סתם פלאַנצן, נאָר קאַטעגאָריעס, מינים און גרופּן, אַט אַזוי זענען אויך נישטאָ קיין סתם מענטשן, נאָר באַשטימטע פאָלקס־טיפּן.

— און צווייטנס? וואָס איז די צווייטע זאַך? — האָט גיטעלע אים געקוקט אין מויל אַריין.

— סאָציאַליזם. עס מוז ווערן אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, אַ געזעלשאַפט, וווּ איין טייל וועט נישט מער לעבן פון דער פּראַצע פון צווייטן טייל, פון אַרבעטער. יעדער וועט דאַרפן פּראָדוצירן, כדי צו האָבן וואָס צו עסן; יעדער איינער וועט מוזן שאַפן. אַ געזעלשאַפט, וווּ עס וועלן נישט זיין מער קיין פּאַראַזיטן.

— גאָלדענע ווערטער! — האָט גיטעלע אויסגעשריען — איך בין העכסט גליקלעך, פּריינט העס, צו הערן פון אייך די רייד, און אַ דאַנק דיר, לואי, וואָס דו האָסט געבראַכט דעם ה׳ העס צו אונדז אין הויז.

— אַ דאַנק, מאַדאַם — האָט העס איר געענטפערט — יאָ, כ׳האָב פאַרגעסן... אַ דאַנק אייך, גיטעלע, פאַר אייערע ווערטער. עס איז אַ פריידי געווען זיי צו הערן פון אייך. איר גיט מיר צו אַ סך מוט.

— איך וויל, ה׳ העס, אַז איר זאָלט מיך אַלע מאָל באַזוכן, ווען איר זענט אין קעניגסבערג. מיר וועלן זיין פריינט!

— געוויס, געוויס! — האָט העס געזאָגט אויפשטעלנדיק זיך צו גיין — איך פיל, אַז איר, גיטעלע, האָט אַ קלוגן קאָפּ און אַ וואַרעם האַרץ. דאָס איז אַ זעלטענע זאַך, אָפט גייט עס נישט צוזאַמען. עס האָט מיך באמת געפרייט צו קומען צו אייך. — און ער האָט אָנגענומען איר האַנט און זי הייס געקושט און איז אַרויס צוזאַמען מיט לואין.

העס׳ קומען איז געווען אַ גייסטיק פאַרגעניגן פאַר גיטעלען, וואָס האָט געשמאַכט אַליין אין די גרויסע צימערן פון איר הויז, דאָס הויז פון איר פוסטן מאַן, מיט וועלכן זי האָט נישט געקאָנט פאַרפירן קיין שום העכערן געשפּרעך. העס׳ קומען צו איר איז דעריבער געווען אַ גרויסער יום־טוב

פאַר איר, און זי האָט שוין אויסגעקוקט, אַז ער זאָל ווידער אַמאָל קומען צו איר.

מיט אַ וואָך שפּעטער האָט איר לואי געזאָגט, אַז העס האַלט ביים אָפּפאָרן קיין פּאַריז און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל זיך זען מיט איר פאַר זיין אָפּפאָרן.

— וואונדערבאַר! — האָט גיטעלע אויסגעשריען — בעט אים אין מיין נאָמען, אַז ער זאָל נישט אַוועקפאָרן, נישט זעענדיק זיך מיט מיר. איך בעט דיך!

אויף דער אַנדערער וואָך איז העס ווידער געקומען מיט לואין, אין אַ נאָכמיטאָג, ווען ה׳ איזראַעל גאָלדהאָבער איז געווען אין דער באַנק.

העס האָט איצט ווידער גערעדט וועגן די נאַציאָנאַלע פאָרמען פון יידישן פאָלק און ער האָט אויסגעשריען:

— צוויי מאָל איז דאָס יידישע פאָלק כמעט אונטערגעגאַנגען, אין גלות פון מצרים און אין גלות פון בבל. אָבערביידע מאָל האָט גאָט עס נישט דערלאָזט, און דאָס יידישע פאָלק האָט ווידער אויפגעלעבט און איז אויפגעשטאַנען צו אַ ניי לעבן. איצט, מיט דעם גייסטיקן ווידערגעבורט פון דער מענטשהייט, וועט דאָס יידישע פאָלק ווידעראַמאָל אויפלעבן.

— אָבער ווי אַזוי? — האָט גיטעלע אים געפרעגט — קען דען איצט ווידער זיין אַזאַ גאולה, ווי עס איז געווען אַמאָל?

— ניין — האָט העס געזאָגט פאַרטראַכט — דעראָבערן ארץ־ישראל קען מען דערווייל נישט. אָבער מען דאַרף דערהאַלטן ביים פאָלק די האָ־פענונג אויף אַ פאָליטיש ווידערגעבורט און וועקן די האָפענונג דאָרטן, ווו זי שלאָפט, און אויב שפּעטער וועלן די וועלט־פּאָסירונגען מאַכן מעג־לעך אַ פּראַקטישן אָנהייב פון אַ יידישער מלוכה, זאָלן מיר דערצו זיין גרייט.

ביי די ווערטער איז לואי אַרויס פון צימער, ווייל ער האָט נישט געהאַלטן פון העס׳ נאַציאָנאַלע האָפענונגען פון יידישן פאָלק און האָט געוואָלט נאָר אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג, וועלכע זאָל אָפּשאַפן די יידן־פראַגע. העס האָט זיך געפילט אַביסל שלעכט דערפון, אָבער גיטעלע האָט אים אַרומגענומען און געגעבן אַ קוש, זאָגנדיק דערביי:

— איר דאַרפט זיך גאָר נישט מאַכן דערפון, וואָס לואי האַלט נישט מיט אַ געוויסן טייל פון אייערע געדאַנקען. איך בין מסכים מיט אייך אינ־גאַנצן און האָב געפילט אַ פאַרלאַנג צו קושן אייך דערפאַר און דאָס האָב איך געטאָן!

דער קוש פון גיטעלען האָט געשאַפן אַ נאָך שטאַרקערע דערנענטע־רונג צווישן העסן און איר. ער האָט איר צוריקגעגעבן אַ קוש אויפן שטערן און געזאָגט צו איר:

— דערמיט הייבט זיך צווישן אונדז אָן אַ פריינטשאַפט, וואָס וועט אָנהאַלטן ביז צום סוף פון אונדזערע טעג. עס וועט זיין אַן אמתע גייס־טיקע פאַרבינדונג.

— אָט דאָס, וואָס איך וויל און אין וואָס איך נייטיק זיך צום שטאַרקסטן: אַ גייסטיקע פריינטשאַפט מיט אַ מענטש, וואָס האָט אַ גרויסן גייסט! — האָט גיטעלע אים געענטפערט מיט דריקן שטאַרק זיין האַנט.

גיטעלע איז שוין איצט געווען אַן עלטערע פרוי, אין די זעכציקער יאָרן. אָבער זי האָט נאָך אַלץ אויסגעזען פריש און יונג און אין אירע באַוועגונגען האָט זיך נישט געפילט קיין שום אַלטקייט. און דער יונגער העס, וואָס גיטעלע איז געווען מיט פערציק יאָר עלטער פון אים, האָט זיך געפילט זייער גוט אין איר געזעלשאַפט.

העס פלעגט פון צייט צו צייט קומען קיין קעניגסבערג און דאָס ער־שטע איז ביי אים געווען — צו באַזוכן גיטעלען. אַזוי האָט העס אויך געטאָן אין יאָר 1841, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַקאַנט מיט דער פראָס־טיטוטקע סיבילע פריטש און מיט איר חתונה געהאַט. ער איז געקומען דעמאָלט צו גיטעלען און האָט איר דערציילט אַלץ גענוי ווי אַזוי עס האָט פאַסירט.

— איך האָב געזען אַ דימענט ליגן אין דער בלאָטע. נו, האָב איך אים נישט געדאַרפט פון דאָרטן אַרויסנעמען? — האָט ער זי נאַאיוו גע־פרעגט.

גיטעלע האָט איצט געעפנט איר האַרץ פאַר העסן, ווי עלנט זי איז אין דעם רייכן הויז. זי האָט אים אויך דערציילט וועגן איר צער דערויף, וואָסביידע קינדער, הערמאַן גאָלדהאַבער און איר זון, לואי, האָבן חתונה

געהאַט מיט קריסטלעכע מיידלעך. אַ צווילינג, טעכטער פון אַן אָרעמען אַרבעטער און דערביי האָט זיך הערמאַן געשמדט. לואי אָבער האָט עס נישט געטאָן, ווייל ער האָט זיין מוטער נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין יסורים; אָבער ער האָט צוגעזאָגט זיין ווייב, אַז באַלד נאָך זיין מאַמעס טויט וועט ער זיך שמדן.

— איך ווייס דערפון! — האָט העס איר טרויעריק געזאָגט — און איך האָב אים געזאָגט, אַז דער שמד וועט אים נישט העלפן, ווייל ער האָט אַ גרויסע נאָז, אַן אמתע יידישע נאָז...

ווידער זענען אַריבער אַ רייע יאָרן און דאָס בילד האָט זיך אַביסל געביטן. איזראַעל גאָלדהאַבער איז געשטאָרבן פון אַ צוקער־קראַנקייט אוןביידע קינדער, הערמאַן און לואי, האָבן איבערגענומען די באַנק. האַנס איז אַוועק קיין פראַנקפורט אַם מאַין צום זיידן, איז געוואָרן דאָרטן פרום און חתונה געהאַט מיט אַ פרום יידיש מיידל, מיט וועלכער ער האָט אויסגערעדט פריער, אַז זי זאָל פירן אַ יידישע היים.

עס איז געווען אין יאָר 1848, ווען די פאַריזער מאַסן האָבן גע־שטורעמט די פאַררעטערישע רעגירונג און איינגעשטעלט אַ נייע. דאָס פייער פון דער רעוואָלוציע האָט זיך געטראָגן איצט פון פאַריז קיין דייטש־לאַנד און אויך אין אַנדערע לענדער. אין בערלין, קעלן, באָן, דרעזדען און לייפציק — אומעטום האָט שוין געפלאַקערט די רויטע פאָן, דער צייכן פון רעוואָלוציע. עס טראָגן זיך ידיעות וועגן אַן אויפשטאַנד פון וועבער אין שלעזיע, וועגן באַריקאַדן־קאַמפן... וועגן דעמאָנסטראַציעס פון אַר־בעטער... וועגן קאַמפן אין באַדען. אָבער איידער וואָס־ווען קומען אָן שוין גאָר אַנדערע ידיעות... באַיאָנעטן... שווערדן... ביקסן... עטלעכע טויטע אַרבעטער, פיל פאַרוואונדעטע... יאוש! פאַרצווייפלונג...

„דער קייזער, זאָגן מעלדונגען, ציט צוריק אַלע פרייהייטן, וואָס ער האָט געגעבן דעם פאָלק. ער וועט איצט רעגירן מיט אַ פעסטער האַנט. דאָס פאָלק וועט שטאַרק באַשטראָפט ווערן פאַר דעם אויפשטאַנד".

גיטעלע איז שוין איצט נאָענט צו אַכציק און ווייס, אַז אירע טעג זענען געציילטע. זי האָט אָבער נאָך איין שטרעבונג אין האַרצן, איידער

זי פאַרלאָזט די וועלט, און דאָס איז זיין אויפן קבר פון איר נחמנקען און אים זאָגן נאָכאַמאָל דאָס, וואָס זי האָט אים געזאָגט דעמאָלט, ווען ער איז געלעגן אין אָרון פאַר דער קבורה... זי גרייט זיך צו אַ נסיעה קיין אומאַן...

מען רעדט איר דערפון אָפּ. עס איז אַ שווערע רייזע, אָבער זי איז איינגעשפּאַרט און לאָזט זיך אין וועג אַריין.

זי איז געפאָרן מיט אַ קאַרעטע, געשפּאַנט אין צוויי גוטע פערד, זיבן טעג נאָכאַנאַנד ביז זי איז אָנגעקומען קיין אומאַן, און באַלד איז זי אַוועק צום בית המדרש, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן לעבן ר׳ נחמנס קבר. אין בית המדרש זענען געזעסן בחורים און געלערנט...

דער שמש פון בית המדרש, אברהם מרדכי, אַ דיקער ייד, איז צו־געקומען צו איר. זי האָט אים געזאָגט, אַז זי איז געקומען פון דייטשלאַנד צו זיין אויפן רבינס קבר און וויל אויך געבן אַ שיינע נדבה פאַרן בית המדרש און פאַר די בחורים, וואָס לערנען דאָ תורה. זי האָט אים גע־פרעגט, וואָס עס איז געשען, זינט דעמאָלט, ווען זי איז דאָ געווען ביי דער פטירה, מיט פערציק יאָר צוריק.

דער שמש האָט איר דערציילט, ווי די צאָל פון חסידים פאַרשטאַרקט זיך איצט וואָס אַמאָל. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס, וואָס מען האָט עט־לעכע מאָל געשטורעמט די קלויז און אויסגעהאַקט די שויבן... אויך נישט דאָס, וואָס מען רודפט אַלץ די בראַצלאַווער חסידים און מען רופט זיי „טויטע חסידים". אַפילו נישט דאָס וואָס ערשט מיט צען יאָר צוריק האָט דער סאַווראַנער רבי, אַ תלמיד פון רבי ר׳ ברוך און פון ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו, מחרים געווען די חסידים פון בראַצלאַוו. וואָס אַמאָל קומען צו אַלץ מער חסידים...

און באַלד האָט דער שמש גענומען ריידן צו איר מיט התלהבות:

— הערט, מיין טייערע פרוי — אַלע רביים, וואָס האָבן גערודפט אונדזער רבי, ר׳ נחמן, זענען שוין לאַנג טויט; אָבער אונדזער רבי לעבט... ער האָט אָנגעהויבן ערשט צו לעבן נאָכן טויט... און ער וועט לעבן אייביק... איר זעט, אַלע רביים האָבן יורשים. עס זענען געקומען נאָך זיי קינדער, אייניקלעך, אוראייניקלעך... אָבער נישט אַזוי איז עס

בײַ אונדז... װײסט איר פֿאַרװאָס?... װײַל אונדזער רבי לעבט... אונדזער רבי איז דאָ צװישן אונדז... מיר גיבן אָפּ די קװיטלעך צו אים, פּונקט אַזױ װי אַמאָל... אונדזער רבי האָט איצט, שױן קרוב 40 יאָר נאָך זײַן טױט, פֿיל מער חסידים װי ער האָט געהאַט פֿריער, בײַם לעבן... אונדזער רבי לעבט! אונדזער ר׳ נחמן לעבט!? ער גײט אַרום צװישן אונדז!!!...

אַזױ װי זי איז געשטאַנען און גערעדט מיטן שמש, האָט זי פּלוצלונג געזען װי די בחורים, װאָס ביז איצט האָבן זײ געלערנט, האָבן פֿאַרמאַכט די גמרות, גענומען זיך פֿאַר די הענט אין אַ ראָד און אָנגעהױבן צו טאַנצן מיט התלהבות, זינגענדיק „מעין נובע מקור חכמה“, — די װערטער פֿון ר׳ נתן װעגן ר׳ נחמנען...

גיטעלע איז דערױף אַרױס צום אוהל פֿון ר׳ נחמנען און שטיל, האָבן אירע ליפּן געשעפּטשעט:

— נחמנקע, איך בין געקומען איצט צו דיר אױף ד ע ר װעלט, צום לעצטן מאָל. איך װעל שױן לאַנג דאָ נישט זײַן. װען איך װעל קומען אױף י ע נ ע ר װעלט, װעל איך גײן פֿון הימל צו הימל, ביז איך װעל דיך געפֿונען און מײַן נשמה, װאָס איז אַ טײל פֿון דײַנע, װעט זיך פֿאַראײניקן מיט דיר, װײַל מיר זענען בײדע אײנס... זײ גרײט פֿאַר מיר, נחמנקע!...

זי איז איצט צוריק אין בית המדרש אַרײַן און געגעבן אַ געװיסע סומע געלט דעם שמש, און באַזונדערס גאָר אַ גרױסע סומע געלט פֿאַרן בית המדרש און פֿאַר די בחורים, און איז דערנאָך געפֿאָרן צוריק אַהײם.

באַלד נאָכדעם װי זי איז אַהײמגעקומען, איז זי קראַנק געװאָרן. גיטעלע האָט געװוּסט, אַז זי װעט שױן מער פֿון דעם בעט נישט אױפֿשטײן. לואי האָט איר געזאָגט, אַז משה העס איז אין שטאָט און גיטעלע האָט געהײסן אים בעטן צו קומען צו איר.

װען מאָזעס העס איז געקומען, האָט זי אָנגענומען זײַן האַנט און צו אים געזאָגט:

— משה, איך בין איצט אײן און אַכציק יאָר אַלט און כ׳גײ באַלד אַװעק פֿון דער װעלט. אָבער כ׳װיל דו זאָלסט װיסן, אַז איך בין גליקלעך, װאָס כ׳האָב דערלעבט דיך צו זען און צו הערן דײַנע רײד. דו ביסט

דער נייער נביא פון געפּלאָגטן יידישן פאָלק... דו טראָגסט צו זיי אַ נײַ וואָרט! גיי מיט דעם כוח, וואָס גאָט האָט דיר געגעבן און ברענג טרייסט צו די יידן!... איך וועל גיין איצט צו טרעפן זיך אויבן מיט מיין אמתן זיווג, פון וועלכן איך בין מיט פיל דורות צוריק אָפּגעריסן געוואָרן!...

און זי האָט אויסגעדרייט איר קאָפּ צו דער וואַנט און, האַלטנדיק משהס הענט אין אירע, זענען אירע לעצטער ווערטער געווען:

— איך קום צו דיר, נחמנקע!...

(סוף)

Este libro se terminó de imprimir el día 6 de mayo de 1959, en los Talleres Gráficos de JULIO KAUFMAN, S.R.L., Av. Corrientes Nº 1976, Bs. Aires.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 144

Copyright by
Dr. Zvi Cahn, New York

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley

ZVI CAHN

GENERACIONES TEMPESTUOSAS

(NOVELA HISTORICA)

TOMO II

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires, 1959